STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00197

A DORF FUN KINDER

Isaac Raboy

Permanent preservation of this book was made possible by
Myra R. Eichner
in memory of
husband, Albert D. Eichner

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ראַבאָי

אַ דאָרף פון קינדער

א. ראבאָי

אַ דאָרף פון קינדער



איקוף פאַרלאַג

ניו יאָרק, 1953

דאָס בוך איז רעווידירט און געגרייט צום דרוק דורך
יעקב מעסטל

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון
העלען ראָזענמאַן, איר זון דר. האַראָלד ראָזענמאַן
און אַ גרופּע פריינט
אין אָנדענק פון
מאָריס (מרדכי) ראָזענמאַן
געוועז. פּרעזידענט פון דער יידישער שריפטזעצער יוניאָן
פאָרזיצער פון א. ראַבאָי איקוף־קלוב אין ברייטאָן
געב. פעברואַר 1895 אין אָוורוטש (וואָלין) —
געשט. דעם 30טן נאָוועמבער 1951 אין ניו־יאָרק.

עס האָבן אויך בייגעשטייערט פאַר דעם בוך
דער פילאַדעלפיער איקוף און זיינע 7 לייען־קרייזן.

A. RABOI

A DORF FUN KINDER

(A Village of Children)

Published and Copyright by

YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Ave., New York 3, N. Y.
New York, 1953

Printed by
Grenich Printing Corp.
151 W. 25th St.
New York, N. Y.

166

א. ראַבאָי

(אויטאָביאָגראַפישע שטריכן)

געבוירן אין יאָר 1885,*) אין דער וואָך פון חנוכה, אין זאַוואַ־ליע, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, רוסלאַנד. ווען איך בין נאָך אַ קינד, ציען זיך מיינע עלטערן אַריבער אין דער בעסאַראַביע, וואו מיין פֿאָטער איז אַ פּאַכטשטאַר. דאָ פֿאַרברענג איך מיין גאַנצע יוגנט. דער טאַטע, יוסף חיים, איז אַ למדן און אַ חסיד, און די מאַמע, חיה רייזי, איז דווקא מער וועלטלעך. אָבער איך ווער דערצויגן זייער שטרענג אָרטאָדאָקסיש: לערן אין חדר ביז צוועלף יאָר; אַ פּאָר יאָר דער־נאָך זיץ איך אין בית־מדרש און לערן אַליין, אינאיינעם מיט נאָך בחורים פון שטעטל. צווישן אונדז איז געווען איינער אַן עלטערער בחור, און אָט־דער דאָזיקער בחור האָט מיר געליען דאָס ערשטע ביכל אין העברייאיש. עס איז געווען „אהבת ציון" פון אברהם מאַפּו. איך האָב אָט־דאָס ביכל געדאַרפט לייענען בגנבה, שטילער־הייט. און עס האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך בין געוואָרן אַן אַנדער מענטש און אָנגעהויבן זוכן וואָס מער און מער ביכער צו לייענען. פֿאַרשטענדלעך, אַז איך בין דורכגעגאַנגען אַ סך יסורים און געהאַט אויסצושטיין אַ סך צרות פון מיין טאַטן. אָבער דאָס האָט מיך ניט געשראָקן און איך האָב זיך אָנגעהויבן לערנען העב־רייאישע גראַמאַטיק און האָב צוביסלעך אויפגעהערט צו גיין אין בית־מדרש. איך הויב זיך אַליין אָן צו לערנער די רוסישע שפּראַך און לייען די רוסישע ליטעראַטור. און צו זעכצן יאָר הויב איך אָן שרייבן דערציילונגען אין העברייאיש, רוסיש און יידיש.

קומענדיק קיין אַמעריקע, אין סעפּטעמבער, 1904, ווער איך באַלד אַן אַרבעטער. איך לערן זיך אויס צוויי מלאָכעס: דאַמען־היטלעך און פאַריער.

מיין ערשטע זאַך מיטן נאָמען „שטריכן" ווערט ערשט גע־דרוקט אין פּריילנג 1906 אין דער ניו־יאָרקער ציימונג „ווארהייט".

---

*) לויט זלמן רייזענס „לעקסיקאָן", איז א. ראַבאָי געבוירן אין יאָר 1882. ווי די אָפיציעלע געבוירן־דאַטע ווערט אָנגענומען דאָס יאָר 1883.

אין 1908 לאָז איך איבער די שטאָט און פאָר אַוועק זיך לער־נען אין דער באַראָן־הירש אַגריקולטור־שול אין וואודבאַין, ניו־דזשוירזי. איך באַקום אַ דיפּלאָם און אין 1910 פאָר איך אַוועק אין דער וועסט. איך אַרבעט אויף אַ גרויסן פערד־ראַנדזש און שרייב זיך אויך אונטער אויף אַ „האָומסטעד" פון 160 אַקער לאַנד און טראַכט זיך צו באַזעצן אין דער וועסט. מיין פאָטער און מוטער און די ברידער, וועלכע זיינען שוין אויך אַלע געווען אין אַמעריקע, האָבן אָבער ניט געוואָלט, אַז איך זאָל פאַרוואָרפן ווערן אין דער וועסט. מיין פאָטער קויפט אַ פאַרם אין קאָנעטיקוט און בעט מיך, אַז איך זאָל קומען אַהיים. די באַציאונג אין דער וועסט צו מיר אַלס ייד איז ניט געווען אַזוי גוט, און ווען איך האָב זי שטאַרק דערפילט, האָב איך פאַרלאָזן נאָרד דאַקאָטאַ און בין געקומען אַהיים. און די גאַנצע פאַמיליע אונדזערע באַזעצט זיך אין קאָנעטיקוט אויף דער פאַרם. אָבער די פאַרם, וואָס מיין פאָטער האָט געקויפט, הינטער מיינע אויגן, האָט ניט געטויגט און די שווערע מי, וואָס איך האָב אַריינגעלייגט דאָרטן אין משך פון גאַנצע צוויי יאָר, איז געווען אומזיסט.

אין 1913 פאַרקויפן מיר די פאַרם און די פאַמיליע באַזעצט זיך צוריק אין שטאָט. איך האָב אין דעם יאָר חתונה און איך מיט מיין ווייב שרה באַזעצן זיך אין ניו־יאָרק. די גאַנצע 6 יאָר פון זיין אויפן לאַנד האָב איך ניט געשריבן. איצט, אין דער וואַרעמקייט פון אַן אייגענער היים, הויב איך אָן שרייבן מיין ערשטן ראָמאָן „הער גאָלדענבערג". (געשריבן פון א. ראַבאָי צו דער געלעגנהייט פון זיינע 30 יאָר ליטעראַרישע שאַפן).

אין פרילינג 1914 האָט מיין ווייב מיר געבוירן אַ זון און עס איז אויך דערשינען דאָס דריטע בוך „שריפטן", וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט מיין ערשטער ראָמאָן „הער גאָלדענבאַרג". — — —

מיר האָבן זיך אַריינגעצויגן אויף דער פינפטער גאַס. און דאָ, אין דער נייער היים, האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט איבערן „פּאַס פון ים". — — —אין 1917, ווען אַמעריקע איז שוין אויך גע־ווען אין דער מלחמה, בין איך געוואָרן זייער קראַנק. איך האָב געמוזט אויפגעבן די אַרבעט אין שאַפּ און אָנגעהויבן אַרומצוגיין פון איין שפּיטאָל אין אַן אַנדערן, ביז מען האָט מיך אין איין שפּי־טאָל אָנגעטאָן אין אַן אייזערנעם קאָרסעט. — — —

איגנאַטאָוו [דוד] האָט ווידער אָנגעהויבן אַרויסגעבן די זאַמל־

ביכער „שריפטן". ער איז אַרויפגעקומען צו מיר און ביי מיר גע־פאָדערט אַ ראָמאַן. — — ער האָט אויסגעפירט, און איך האָב זיך גענומען שרייבן מיין דריטן ראָמאַן „דאָס ווילדע לאַנד". — — — אויף דעם ראָמאַן „דאָס ווילדע לאַנד" האָב איך געאַרבעט אַ פּאָר חדשים. עס איז מיר אין יענער פּעריאָדע אָנגעקומען זייער לייכט צו שרייבן. — — —

מיין פּריוואַט־לעבן איז געווען שטיל און רואיק, ווי דער אויבערפלאַך פון אַ קליין טייכעלע. — — — ביי מיר אין דער היים איז געווען אַ שטילע אידיליע. — — — איך האָב געאַרבעט איבער מיין ערשטן קאַפּיטל פון מיין ראָמאַן „בעסאַראַביער יידן" [„אייגענע ערד"]. — — — איך האָב געוואָלט [אין דעם ראָמאַן] דערציילן אַ מעשה פון מיין שטעטעלע רישקאָן. — — — די קאַנווע איז געווען אַזאַ ברייטע און דער פאַרנעם אַזאַ גרויסער, אַז נאָכדעם, ווי איך האָב דעם ראָמאַן געדרוקט אין דעם זשורנאַל „צו־קונפט" אַן ערך 4 יאָר צייט, האָב איך נאָך אַלץ ניט געהאַט אויסגעפילט מיין פּלאַן. — — — פונדעסטוועגן האָב איך דעמאָלט באַטראַכט מיין ראָמאַן „בעסאַראַביער יידן" פאַר מיין בעסט ווערק, פאַר מיין „שיר השירים". — — —

אין יענע יאָרן איז אויך דערשינען אַן אונטערערדישער קאָמוניסטישער חודש־זשורנאַל „דער קאַמף", און איך האָב דאָרטן געדרוקט אַ דערציילונג, אָדער צוויי.

דאָס איז געווען די צייט, ווען „די יונגע" האָבן זיך ווידער צונויפגענומען און געגרינדעט אַן אייגענעם ביכער־פאַרלאַג. דוד איגנאַטאָוו האָט דעמאָלט ביי מיר גענומען דריי ביכער אַרויסצוגעבן, און אַ יונגער מאָלער, העריטאַן, האָט פאַר די דאָזיקע דריי ביכער געמאָלן בילדער. די דאָזיקע דריי ביכער זיינען דערנאָך דערשינען אין דעם פאַרלאַג „אַמעריקע". — — —

ביז 1922 האָב איך שוין געהאַט אָנגעשריבן צוויי גרעסערע זאַכן וועגן דער ווייטער וועסט, איין גרעסער ווערק וועגן ניי־ענגלאַנד און אויך איין גרעסער ווערק וועגן מיין שטעטל אין בעסאַראַביע. — — —

ווען די „פרייהייט" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, בין איך געווען אין דעם צעטל פון אירע מיטאַרבעטער. — — —

מיין ערשטע דערציילונג, וואָס איך האָב געשריבן פאַר דער „פרייהייט", האָט געהייסן „רויט בלוט". — — איך האָב אָפּגעמאַכט מיטן רעדאַקטאָר פון דער „פרייהייט" (מ. אָלגין) צו דרוקן אַלע

וואָך אַ קאַפּיטל פון מיין נייעם ראָמאַן. — — — איך האָב איצט געדאַרפט אָנשרייבן דאָס ערשטע קאַפּיטל: „ניו יאָרקער ריח". — — — ווינטער 1923 בין איך קראַנק געוואָרן אויף די אויגן. די דאָקטוירים אין שפּיטאָל האָבן מיר פאַרבאָטן צו שרייבן, און איך האָב מער ניט געקאָנט צושטעלן קיין שום מאַטעריאַל פאַר דער „פרייהייט". — — —

איך האָב [דאָ] געדאַרפט דערציילן, ווי אַזוי עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו ווערן אַ דראַמאַטורג און ווי אַזוי איך האָב דראַמאַ־טיזירט מיין ראָמאַן „הער גאָלדענבאַרג" און די [דער] דראַמע אַ נאָמען געגעבן „שטעכיק דראָט", און ווי אַזוי זי איז געשפּילט גע־וואָרן (1926, אין „אונזער טעאַטער", רעזשי — פּרץ הירשביין), און וואָס פאַר אַ צרות איך בין אויסגעשטאַנען פון אָט־דער דראַמע, נאָר איך וועל עס ניט טאָן. — — —

איך האָב אָנגעהויבן שרייבן מיין ראָמאַן „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע". — — — צו מיין גליק איז אין יענער צייט מיר אָנגעקומען אַ בריוו פונעם דיכטער ל. מילער, אַז ער מיט וויליאַם נאָטאַנזאָנען גיבן אַרויס אַ וואָכנבלאַט „קולטור" אין שיקאַגאָ, און מען בעט מיך זייער איך זאָל ווערן אַ מיטאַרבעטער. האָב איך זיי געענטפערט, אַז איך וועל זיי געבן אַלע וואָך אַ קאַפּיטל פון מיין נייעם ראָמאַן. — — — דאָס וואָכנבלאַט „קולטור" האָט געלעבט אַן ערך פון זיבן וואָכן*) און איז אונטערגעגאַנגען. און מיין ראָ־מאַן „איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע" איז אין מיטנדערינען איבערגעריסן געוואָרן.

נאָר דאָ איז ווידער אונטערגעקומען [אברהם] ליעסין און מיך געבעטן, אַז איך זאָל אָט דעם ראָמאַן פאָרזעצן אין זיין "צוקונפט". איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פּלאַן און אָנגעהויבן דרוקן אין „צוקונפט" דעם איבערגעריסענעם ראָמאַן. — — —

אין 1927 הויב איך זיך אָן דרוקן צוריק אין דער „פרייהייט" און אין „האַמער". — — — איך האָב אָנגעהויבן דרוקן אין „פריי־הייט" מיינע „פּראָסטע מענטשן" און אין „האַמער" דעם ראָמאַן „אין דער וועסט". — — — ווינטער בין איך ווידער קראַנק גע־וואָרן אויף די אויגן און געמוזט גיין אין שפּיטאָל. און ווידער האָט דער דאָקטאָר מיר געהייסן אויפהערן שרייבן. — — —

דאָס יאָר 1929 האָט אינגאַנצן אָפּגעווישט מיינע טרוימען.

---

*) לויט אונדזערע ידיעות — פּיל מער.

אונדזער ביזנעס איז רואינירט געוואָרן. איך האָב ווידער געמוזט זוכן אַרבעט ביי אַ פּרעמדן באַלעבאָס און אַריינגעטראָפן צו אַ באַ־לעבאָס, וועלכער האָט געוואוסט, אַז איך בין אַ שרייבער, און דער־פאַר האָט ער מיר פאַרשאַפט פיל צרות ביי דער אַרבעט. — — —

איך ענדיק דאָ מיין אויטאָביאָגראַפיע, ווייל די לעצטע צען יאָר, וואָס איך האָב נאָך צווישן מיין שרייבן און יענעם פּעריאָד, זיינען אַזוי נאָענט, אַז איך קאָן איצט ניט שרייבן וועגן זיי. אַז איך וועל לעבן און זיין געזונט אין צוואַנציק יאָר אַרום, וועל איך זיך ווי־דער אומקערן צו מיין אויטאָביאָגראַפיע.

(פון א. ראַבאָיס בוך „מיין לעבן").

„אין זיינע לעצטע צען יאָר — שרייבט קלמן מרמר (אין „יידישע קולטור", פעברואר, 1944) — האָט אייזיק ראַבאָי איבער־געדיכטעט אַ ריי פון זיינע פריערדיקע ווערק. ער האָט עס געטאָן סיי מיט זיינע שאַפונגען פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע און סיי מיט זיינע דערציילונגען פון דער אַלטער היים. ער האָט איבערגע־מאָלן זיין ראָמאַן „אייגענע ערד" פון זיין שטעטל אין בעסאַראַביע אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווי ער האָט איבערגעשמידט זיין דער־ציילונג „הער גאָלדענבאַרג" פון דער אַמעריקאַנער פּעריאָד אין זיין ראָמאַן „דער יידישער קאָובאָי" *).

אין אַ בריוו צו נחמן מייזיל (דאַטירט: ניו־יאָרק, 8טן אַפּריל, 1941) שרייבט א. ראַבאָי צווישן אַנדערן:

„. . . איצט וועגן שיקן עפּעס אַ זאַך פאַר דער 'יידישער קולטור'. גלויבט מיר, אַז איך וויל אַליין זייער און זייער עפּעס צושטייער געבן פאַר דעם פיינעם זשורנאַל. אָבער איך האָב ניט עפּעס, וואָס זאָל זיך פּאַסן אי פאַר דעם זשורנאַל, אי פאַר מיר, צו דרוקן. קיין קורצע דערציילונגען שרייב איך איצט ניט. איך שרייב כמעט אינגאַנצן ניט, חוץ וואָס איך אַרבעט אויף מיין ראָמאַן, וואָס איך דרוק איצט אין דער מ. פ. („מאָרגן־פרייהייט"*) און מיט מיין איצטיקן געזונט־צושטאַנד קאָן איך ניט זיך אָפּגעבן מיט מערער אַרבעט".

און אין אַ בריוו צו ז. וויינפּער (דאַטירט: 9טן אַפּריל, 1943, ל. א. (לאָס אַנדזשעלעס) סאַניטאַריום, שרייבט ער:

---

*) אין 1936 איז אַרויס אין בוך־פאָרם „די ניין ברידער".

*) דאָס איז דער ראָמאַן „קליינע יידעלעך" („אַ דאָרף פון קינדער"), פון וועלכן ס'איז איבערגעדרוקט די איצטיקע בוך־אויסגאַבע.

„אייער בריוו מיט דער בשורה וועגן דער פּרעמיע, וואָס מען האָט באַשטימט פאַר מיין ,קאַובאַי', דערהאַלטן*). איך דאַנק אייך פאַר אייער באַגריסונג און פאַר אייערע גוטע ווינטשעוואַניעס.

איך גלויב זיך אַליין ניט, אַז איך זאָל עס האָבן געווען אָט יענער ,אי' פון מיין ,קאַובאַי'.

איצט בין איך אַזוי שוואַך, אַז איך קאָן קוים דורכגיין מיין צימער, אי דאָס מיט אַ שטעקן...

אַ שיינער קאַובאַי!"

דער לעצטער בריוו „צו אַ פריינט", אין וועלכן ראַבאַי לאָזט וויסן, אַז „דאָ אין קאַליפאָרניע פיל איך אביסל בעסער. איך בין אין לאָס-אַנדזשעלעסער סאַניטאָריום און האָב די רו און דאָס [די] שטילקייט, וועלכע אַ שרייבער דאַרף אַזוי נויטיק" — איז געשריבן מיט בליי און געבליבן ניט פאַרענדיקט**).

א. ראַבאַי איז געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס, שבת, דעם 8טן יאַנואַר 1944. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין ניו־יאָרק, זונטיק, דעם 16טן יאַנואַר 1944.

פאַרלאַג „איקוף"

*) די פּרעמיע פון דעם ליטעראַטור-פאָנד אויפן נאָמען פון לאה קעסמאַן ביים איקוף. צוזאַמען מיט א. ראַבאַי זיינען דעמאָלט פּרעמירט געוואָרען: יעקב מעסטל (פאַר זיין מאַנוסקריפּט „אונדזער טעאַטער") און ש. אַפּטער (פאַרן ראָמאַן „אין רוימישן געטאָ").

**) דער פולער טעקסט פון די דריי בריוו איז געווען געדרוקט אין „יידישע קולטור", מערץ, 1944.

אַ דאָרף פון קינדער

(ע ר ש ט ע ר   ב ו ך)

ערשטער קאַפּיטל

עס איז געווען אין אָנהויב פון נײַנצענטן יאָרהונדערט, ווען צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה צו נעמען יידישע קינ־דער אין מיליטער־דינסט. עס זיינען דעמאָלט געווען אין אַלע יידישע שטעט אַזוינע „כאַפּערס״, וועלכע פלעגן כאַפּן יידישע קינדער און זיי איבערגעבן צו דער מאַכט.

אין דער שטאָט קאַמענעץ־פּאָדאָלסק האָט געוואוינט אַ ייד מיטן נאָ־מען רעב אייזיקל און זיין ווייב מירעלע. און זיי האָבן געהאַט דריי יינגלעך מיט צוויי מיידלעך. ר׳ אייזיקל איז געווען אַן אָרעמאַן און זייער אַ פרומער. און זיין ווייב מירעלע האָט געשפייזט דאָס גאַנצע געזינד מיט דעם, וואָס זי האָט געפירט אַ קליינטשיק קרעמל און זיי האָבן זייער ניט געוואָלט, אַז זייערע צוויי עלטערע יינגלעך — יאָסל, וועלכער איז אַלט געווען זעקס יאָר, און ישראל, וועלכער איז אַלט געווען זיבן יאָר, זאָלן אַריינפאַלן אין די הענט פון די „כאַפּערס״. דאָס דריטע יינגל איז נאָך געווען אַ זויג־קינד און מען האָט זיך דערווייל ניט געדאַרפט זאָרגן וועגן אים.

חדשים־לאַנג האָבן זיי אויסבאַהאַלטן די צוויי יינגלעך, יאָסל און ישראל, אויפן בוידעם, אין קעלער. אָבער עס איז ניט געווען אַזאַ באַהאַל־טעניש, וואו די „כאַפּערס״ זאָלן ניט דערשנאַפּן און פלוצים גיבן אַ פאַל־אַן און צוכאַפּן די קינדער.

איז דעמאָלט געקומען עפּעס אַ שטיקל ישועה ווי אַזוי מען האָט זיך געקאָנט ראַטעווען: „ערד־אַרבעט!״.

ר׳ אייזיקל האָט געהאַט צוויי ברירות: אָדער ער זאָל זיך באַזעצן ערגעץ וויט אין דער בעסאַראַביע אויף ערד מיט זיין ווייב און קינדער און ווערן אַ פּויער, אָדער ער זאָל אַוועקשיקן די צוויי יינגלעך קיין בעסאַ־ראַביע.

— וואָס, איך זאָל ווערן אַ פּויער? — האָט ר׳ אייזיקל כמעט ווי גע־וויינט. — דאָס, קיינמאָל ניט!...

— דאָס, קיינמאָל ניט!...

אָבער אַזוי ווי די קינדער האָט מען דאָך געמוזט ראַטעווען פון ניקאָ־לאַיס הענט, האָבן ר׳ אייזיקל און מירעלע מיט פיל טרערן און געוויין ביי

זיך קוים געפּועלט אַוועקצורייסן פון זיך „זייערע אויגן" — די יינגלעך די צוויי, און זיי אַוועקשיקן אין בעסאַראַביע.

אָבער אַזוי ווי זיי זיינען נאָך זייער קליין, וועט מען מיט זיי שיקן די עלטערע „מויד" באַסיע. זי איז שוין אַלט אַרום דרייצן יאָר. און זי וועט דאָרטן קאָנען חתונה האָבן און אויך זיין אַ מאַמע צו אירע צוויי קלענערע ברידערלעך.

ר׳ אייזיקל איז אַוועק צום סטאַראָסטאַ און פאַרשריבן זיינע צוויי יינגלעך יאָסל מיט ישראלן מיט דער טאָכטער באַסיע אויף ערד אין דער בעסאַראַביע.

דער סטאַראָסטאַ, אַ שיינער ייד אין דער שטאָט קאַמענעץ, האָט זיך געלאָזט „שמירן" און ר׳ אייזיקל האָט אים אונטן־אַרומעט אַריינגעשטופּט אין דער יד אַריין ח״י גילדן. פון באַסיען איז געוואָרן אַן „אלמנה" און די צוויי יינגלעך זיינען געוואָרן אירע „יתומים."

דאָס איז געווען באַלד נאָך סוכות און איידער די פּאַפּירן זיינען פאַר־טיק געוואָרן איז געוואָרן קאַלט און ווינטן האָבן גענומען בלאָזן און עס האָט זיך באַוויזן דער ערשטער שניי.

פון קאַמענעץ איז געגאַנגען אַ בויד־שליטן געשפּאַנט מיט אָקסן אין דער וויטער בעסאַראַביע. און ר׳ אייזיקלס קינדער זיינען געפאָרן מיט אָט־דעם שליטן. טאַטע־מאַמע האָבן גענוג געוויינט און געקלאָגט. און מירעלע האָט יעדן קינד געגעבן אַ קישן, אַ טאָרבע מיט סוכאַרעס, און געזאַלצענע פיש; מען האָט זיי אָנגעטאָן אין בורנוסן מיט וואַטן אונ־טערגעשלאָגן, אין קראַיטשאַקעס מיט וואָלענע זאָקן. די צוויי יינגלעך האָט מען מיטגעגעבן תפילין. מען האָט זיי אויך איינגענייט צוביסלעך געלט אין זעקעלעך און אויפגעהאַנגען אויף זייערע העלדזער.

באַסיע, ישראל און יאָסל האָבן זיך געלאָזט אין דעם וויטן וועג, טיף באַהאַלטענע אין דעם בויד־שליטן. און מיט זיי איז געווען נאָך איין יינגל פון קאַמענעץ. ער איז אויך געווען באַהאַלטן אין דער בויד. דאָס דאָזיקע יינגל איז געווען אין די יאָרן וואָס באַסיע. און כאָטש באַסיע האָט אים ניט געקענט אַזוי ווי אירע ברידערלעך, האָט זי פונדעסטוועגן געוואוסט, אַז ער הייסט שייע, און זיין טאַטע וואוינט ניט וויט פון דער בריק. דאָס יינגל שייע האָט זיך נאָר געוואָלט טוליען צו איר. צי איז אים אַזוי קאַלט, צי וואָס?... באַסיע האָט אים אָפּגעמאָרדעוועט פון זיך מיט אַ קניפּ, צי מיט אַ שטויס אין די זייטן... אָדער זי האָט זיך גאָר באַוואָרנט און געלעגן צווישןביידע ברידערלעך. בייטאָג האָט דער פויער געטריבן די אָקסן און ביינכאָט פלעגט ער זיך אָפּשטעלן לעבן אַ וואַלד אָדער ערגעץ אין אַ קרעטשמע...

באַסיע האָט אַכטונג געגעבן דעם גאַנצן וועג אויף אירע צוויי ברי־דערלעך. זי האָט זיי געקאָרמעט און געזען, אַז זיי זאָלן ניט עסן צופיל, ווייל דער וועג איז געווען אַ לאַנגער און ביז מען איז אָנגעקומען קיין בע־סאַראַביע, האָט גענומען צוויי מולדן — צוויי מאָל האָט באַסיע געזען דעם נייעם מולד פונעם בויד אַרויס.

ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן זייער טיפע שגייען. דער פויער האָט גע־טריבן די אָקסן־בויד מיט דער לענג פונעם דניעסטער־טייך פון קאַמענעץ ביז אַטעק־מאָליעוו. דאָ האָט ער זיך געדאַרפט פאַרקערעווען אין דער ברייט אויף אַ פּאַראַלעל צום טייך פּרוט. און אַזוי ווי דאָ איז שוין געווען די ווילדע בעסאַראַביער ערד און עס זיינען ניט געווען קיין דערפער, איז דאָ דער שגיי כמעט ניט באַרירט געווען.

דער שטח, אַ באַרגיקער, מיט טיפע טאָלן, איז געווען איינפאַך ניט דורכצופאָרן. ניט איינמאָל האָבן די פּאַסאַזשירן געדאַרפט אַרויסקריכן פון דער בויד און געמוזט העלפן אונטערשטופּן דעם שליטן.

די צוויי יינגלעך האָבן געוויינט, ווי עס פּאַסט פאַר אַזוינע קליינע חברה. און זייער שוועסטער באַסיע האָט זיי דערפאַר אָפט באַשטראָפט ניט נאָר מיט מוסר זאָגן, נאָר אויך מיט אַ קניפּ און מיט אַ פּליאַסק אין באַק אַריין:

— פאַרוואָס וויינט ניט שייע?

און שייע ליגט און קוקט אויף איר מיט צוויי וואָלפישע אויגן: אָט וועט ער זיך נאַריש מאַכן און וויינען...

אָט אַזוי ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין איינער פון די פילע דאָלענעס, ניט ווייט פון אַ גרויסער פריצישער „האָדאיע” און דאָרט זיך אָפּגעשטעלט. עס איז געווען אַ פראָסטיקער, זוניקער טאָג. דער שגיי האָט געשניטן דאָס אויג מיט זיין ווייסקייט. אויף מיילן אַרום בערג און טאָלן ווייסע, אויסגע־רונדיקטע, ווי מיט וויסן פּוך.

דאָ אין טאָל זיינען געשטאַנען די פּאַסאַזשירן פון דער בויד. זיי האָבן אויסגעוויזן אַזוי קליין אַקעגן דעם גרויסן אַרום. דער פויער האָט אַראָפּ־גענומען די יאַרמאָס פון די אָקסן און זיי געגעבן היי צום עסן. די אָקסן האָבן געלעקט דעם שניי, ווייל עס האָט זיך זיי זייער שטאַרק געוואָלט טרינ־קען און דער פויער האָט זיי ניט געהאַט וואָס צו געבן, חוץ פּשוטן שניי.

ווען די פּאַסאַזשירן פון דער בויד האָבן זיך אַ ביסל צוגעוואוינט צו דער ליכטיקייט פון שניי און זון, האָבן זיי דערזען, אַז אין דער דאָלענע, וואו זיי געפינען זיך, זיינען צעשפּרייט דאָ און דאָרט עטלעכע שוואַרצע פלעקן. עס האָט אַזוי טאַקע אויסגעזען, ווי פלעקן אויף דער ווייסער ווייט־קייט.

אָבער ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז עס ניט געווען קיין פּלעקן, נאָר אַזוינע כאַלופּקעס, וואו מענטשן האָבן געוואוינט. דער פּויער, זאָל געזונט זיין, ער האָט ליכטיקע אויגן.

— טאָ טאַק זשידקי יע... — האָט ער געזאָגט. ער האָט געטאָן אַ הויכן געשריי: — א־א האָ!... און באַלד האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי עס לויפן שוואַרצע פּינטעלעך צו דער ריכטונג פון דער שליטן־בויד.

עס זיינען ווירקלעך געקומען צולויפן קליינע יידעלעך. אויך מסתם אַזוינע יונגע קינדער, ווי די דאָזיקע, וועלכע זיינען נאָר וואָס געקומען פון קאַמענעץ. זיי זיינען געווען איינגעקוטעט אין שמאַטעס, אַזוי ווי הויפּט־לעך קרויט. מען האָט קוים געקאָנט אַרויסזען ביי זיי אַ שטיקל פּנימל. דער פראָסט איז געווען שטאַרק, כאָטש די זון האָט הערלעך געשיינט. אָבער דאָס שיינען פון דער זון איז געווען פּונקט אַזוי ווי דאָס פינקלען פון גוטן וויין.

— שלום־עליכם!

— עליכם־שלום!

— פון וואַנען זיינען יידן?

— פון וואַנען זאָלן מיר זיין, פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק זיינען מיר.

— קומט אַריין זיך אָנוואַרעמען.

— אַ טי טאַזשעו! — זאָגן די יידן צום פּויער, אַז ער זאָל אויך גיין זיך אָנוואַרעמען.

און עס איז איצט געוואָרן אַ רייסעריי צווישן די איינוואוינער. יעדער איינער האָט געוואָלט נעמען אַלע מיטאַמאָל צו זיך אין כליוו אַריין, אָדער ווי זיי האָבן עס דאָ גערופן אויף בעסאַראַביש: „בורדעי.“

באַסיע האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון אירע אויגן אירע צוויי ברידער־לעך. און זיי זיינען אַלע דריי אַריין צו אַ יונג פּאָר־פּאָלק, וועלכע זיינען ביי־דע אפשר געווען צוועלף ביז דרייצן יאָר אַלט.

דער „בורדעי“ איז געווען אַזאַ מין קעלער אָדער גרוב אויסגעגראָבן טיף אין דער ערד. מען האָט אין דער נידער געדאַרפט אַראָפּגיין מיט אַ פּאָר טרעפּ. אינעווייניק איז געווען האַלב־פינצטער. די ווענט שוואַרץ ווי די ערד פון יענעם אָרט. איבערן קאָפּ איז געווען אַ דאַך פון שטרוי. איני־דערמיט פון דער דאָזיקער כאַלופּקע, אויף דער ערד, איז געשטאַנען אַ גרויסער דריי־עק. אונטער אים האָט געברענט אַ פייער פון פאַרטרוקנטע בוריאַנעך. עס האָט פון דעם פייער געשמעקט ווי מען וואָלט געברענט שמעקנדיקע קרייטעכער. אָבער אין דער אייגענער צייט האָט דער רויך פון דעם פייער געשטיקט אין האַלדז, ווייל ער, דער רויך, האָט ניט געהאַט

וואו צו פאַרשווינדן. איז ער אויפגעגאַנגען ביז צום נידעריקן, שטרויענעם דאַך און איז נעבעך צוריק אַראָפּ צו דער ערד.

עס איז אין די צוויי אויבערשטע ווינקלען געשטאַנען צוויי לעזשאַנ־קעס, געמאַכט פון פלעקער און מיט שטרוי אָנגעבעט. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע מעבל פון דער וואוינונג. ניט קיין פענצטער, ניט קיין טיש, ניט אפילו אַ שטיקל בענקל.

— זעצט זיך צו צום פייער, — האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט, כאָטש מען האָט ניט געקאָנט זיין זיכער, צי דאָס האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע, צי דער באַלעבאָס, ווייל זיי ביידע האָבן אויסגעזען גלייך, וועדליג זייער אָנטאָן.

באַסיע האָט זיך געטאָן אַ וואַליע אויף דער ערד, לעבן דעם פייער, גלייך ווי זי וואָלט זיך געקליבן שפּילן אין טשייכן. די צוויי ברידערלעך האָבן איר נאָכגעטאָן.

דאָס פייער האָט זיי אַביסל דערוואַרעמט און זיי האָבן צעביסלעך דערפילט זייערע גלידער.

צווייטער קאַפּיטל

איינער פון די באַלעבאַטים פון דער דאָזיקער היים, וואו באַסיע מיט אירע צוויי ברידערלעך זיינען דערווייל איינגעשטאַנען, האָט אַלעמאָל אַריינ־געבראַכט אַ קופּע מיט שניי און אַריינגעוואָרפן אין דעם קעסל, וואָס איז גע־שטאַנען אויף דער טרינישקע. אין קעסל איז שוין געווען אַביסל געזאָטענע וואַסער, האָט די קופּע שניי דאָרט זיך באַלד צעלאָזט און אויך אָנגעהויבן צו זידן.

אין איינעם פון די ווינקלען, וואָס ביי די טרעפּ, האָבן זיך איצט אין דער טונקלקייט באַוויזן צוויי ליגנדיקע שאָף. זיי האָבן ביידע געמעלה־גרהט און מיט זייערע אומשולדיקע אויגן געקוקט אויף די געסט: באַסיע מיט אירע ברידערלעך. באַסיע האָט קיין שאָף נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען. זי האָט זיך געשעמט צו פרעגן וואָס פאַר אַ חיה דאָס איז.

באַסיע האָט צעבונדן אַ פּאַק מיט סוכאַרעס און פאַרבעטן אויך די באַ־לעבאַטים, אַז זיי זאָלן פאַרזוכן די דאָזיקע סוכאַרעס.

די שאָף האָבן דערשמעקט, אַז מען גרייט זיך עפּעס עסן, זיינען זיי אויפגעשטאַנען און אויך צוגעקומען צום פייער. זיי האָבן מיט זייערע ליפּן גענומען באַטאַפּן די נייע שכנים, געשמעקט זייערע קליידער.

באַסיע האָט מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע צוויי חיות זאָלן זי ניט בייסן און זי האָטביידע שאָף געגעבן צו שטיקלעך סוכאַרעס.

— ניטע! — האָבן די באַלעבאַטים אַנגעשריען, — איר מאַכט אונדז אַ תל פון די בהמות. זיי זיינען ביי אונדז ניט געוואוינט אויף קיין סוכאַרעס...

— כי־כי, — האָט באַסיע געטאָן אַ לאַך.

איינער פון די באַלעבאַטים האָט זיך צוגעזעצט צו יעדער שאָף באַזונ־דער און זי אויסגעמאָלקן אין אַ טאָפּ אַריין.

דערנאָך האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אַרום פייער און געטרונקען היי־סע וואַסער מיט שאָפענע מילך. עס איז אינגאַנצן געווען צוויי גלעזער אין דער באַלעבאַטישקייט. האָט מען געוואַרט ביז איינער האָט אָפּגעטרונקען און דעמאָלט געגעבן אַ צווייטן דאָס גלאָז. וואַשן האָט מען ניט געדאַרפט, דאָס גלאָז האָט זיך אַליין געוואַשן ביים אָנשעפּן דאָס הייסע וואַסער פונעם קעסל.

אין דרויסן איז מסתמא באַלד נאַכט געוואָרן, ווייל מען האָט דאָ אין „בורדעי" געמאַכט ליכטיק, מיט דעם, וואָס מען האָט אָנגעצונדן אַ קאַגיצאַל. עס איז געווען אַ מין ערדענע שיסל מיט חלב און מיט אַ קנויט פון באַנוויל אין אַ זייט. אָט דער דאָזיקער קנויט האָט עס באַלויכטן דעם „פּאַלאַץ"...

עס איז דאָ ניט געווען איבעריק וואַרעם. אַזוי, אַז מען האָט זיך ניט געקאָנט אויסטאָן. און באַסיע האָט אַרויסגענומען די קישן, וואָס מען האָט איר מיטגעגעבן און אויסגעבעט אויף דער ערד פאַר זיך און די ברידערלעך. זיי זיינען אַוועקגעפאַלן ווי דערהרגעטע, ווייל די גאַנצע צייט פון זייער ריי־זע מיט דעם שליטן זיינען זיי ווינציק געשלאָפן.

דער פויער איז אויפן צווייטן טאָג אַריינגעקומען אין „בורדעי" און האָט געזאָגט, אַז ער קערט זיך אום צוריק אין וועג אַריין און ער וויל, אַז די „דיוועק", דאָס הייסט, באַסיע, זאָל אים געבן אַ סימן צוריק אַהיים, אַז מען זאָל וויסן, אַז ער האָט זיי געבראַכט בשלום אויפן אָרט.

שרייבן האָט באַסיע ניט געקענט און עס איז אויך ניט געווען אויף וואָס און מיט וואָס צו שרייבן. האָט גענומען באַסיע און אָפּגעריסן אַ שטיקל פון אירע וואַטאָווע הויזן און עס געגעבן דעם פויער. זי האָט אויך אָפּגעריסן שטיקלעך פון די צוויי ברידערס לייבלעך. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ בריוול אַהיים.

דער פויער האָט זיך צעזעגנט מיט ברידער און שוועסטער און באַסיע האָט זיך צעוויינט. אויף איר קוקנדיק האָבן אויך זיך צעוויינט די צוויי ברידער. די שאָף אין ווינקל האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן און זיי האָבן גע־מעקעט... די באַלעבאַטים פון „בורדעי" זיינען אויך געשטאַנען דערביי און געווישט די אויגן.

אַז דער פויער איז אַוועק האָט מען געעפנט אַ זייטיק טירל, וואָס האָט געפירט אין אַן אונטער־ערדישער קאַמער און פון דאָרט אַרויסגענומען אַ בינט מיט בוריאַן און געמאַכט פייער אונטער דער טריניזשקע.

איצט וויסט שוין באַסיע ווער עס איז דער באַלעבאָס. דער, וועלכער איז אַרויס ברענגען שניי צום צעלאָזן אויף וואַסער. די באַלעבאָסטע האָט צו אים געזאָגט:

— עליע, ברענג אַביסל שניי...

איז ווער־זשע וועט הייסן „עליע", אויב ניט דער באַלעבאָס?

עליע האָט געבראַכט אַ בערעמיע מיט שניי, אַז ער האָט אים קוים דערטראָגן.

— אָט האָסטו שניי, חיהלע, — האָט עליע געזאָגט צו זיין ווייב.

חיהלע האָט געוואַרט ביז דער שניי האָט זיך צעלאָזט אין גרויסן טאָפּ. דאַן האָט זי פאַרשאָטן אַ מאַמעליגע פון פּאָפּשויע מעל. ווען זי איז געשטאַנען לעבן גרויסן טאָפּ האָט זי אויסגעוויזן מיט דער קאַטשעלקע אין אירע הענטלעך, ווי אַ קליין, קליין מענטשעלע וואָלט געשטאַנען לעבן אַ ים מיט אַ וויעסלע און געזוכט זיין פאַרלוירן שיפעלע.

חיהלע האָט מיט דער קאַטשעלקע געמישט די מאַמעליגע. באַסיע האָט זיך אַוועקגעשטעלט קוקן ווי אַזוי חיהלע טוט עס, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט זי אַליין עס דאַרפן טאָן. זיי וועלן דאָך אייביק ניט זיין ביי יענעם קאַמאָרינע. איבערהויפּט איז דאָס דאָזיקע מאכל געווען ביי איר ניי. אין קאַמענעץ האָט מען ניט געוואוסט וואָס דאָס איז.

— וואָסי דעס? — האָט זי געפרעגט ביי חיהלען.

— אַ מאַמעליגע איז עס. עך האָב אויך ניט געוויסט מיט וואָס מען עסט עס, צע מיט דע הענט, צע מיט אַ לעפל, — האָט געזאָגט חיהלע און געטאָן אַ בלישטשע מיט אירע ווייסע ציינדלעך.

— מיט וואָעס עסט מען עס?

— מיט דע הענט, — ענטפערט חיהלע.

און טאַקע באַלד האָט זיך באַסיע איבערצייגט ווי אַזוי מען עסט מאַמעליגע.

חיהלע האָט אויפגעשפּרייט אויף דער ערד אַ גראָב שטיק לייוונט, גענומען דעם טאָפּ און אים איבערגעקערט. אויפן לייוונט איז אַרויסגעפאַלן אַ קיילעכדיקע געלע מאַמעליגע. פון איר האָט געזעצט אַ מוראַדיקע פּאַרע און עס האָט פאַרשמעקט מיט אַ זאַטן, אַפּעטיטנעם ריח. די צוויי שאָף זיינען אויך צוגעקומען און דער באַלעבאָס האָט זיי אָפּגעטריבן: קידאָ, קידאָ! אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דער מאַמעליגע און עליע האָט מיט

אַ פּאַדים געשניטן פון דעם הייסן, גאָלדענעם ברויט גאַנצע פּאַסן און גע־טיילט יעדן איינעם זיין חלק.

חיהלע האָט געוויזן באַסיען ווי אַזוי צו עסן. און באַסיע האָט זיך שנעל אויסגעלערנט. זי האָט באַלד איבערגעגעבן די נייע תורה צו אירע ברידער־לעך. זיי געוויזן ווי אַזוי מען נעמט אַ שטיק מאַמעליגע און מען קאַטשעט עס אין די הענט ביז עס ווערט קיילעכדיק. דאַן גיט מען עס אַ וואָרף אַריין אין מויל און פאַרטיק...

אַביסל שפּעטער האָט זיך פּלוצים דערהערט דאָס קלינגען פון גלעק־לעך אין דרויסן.

— דאָס מיז זאַן דער פּאַריץ, — האָט געזאָגט עליע.

ער איז אַרויס אין דרויסן זען ווער עס איז.

אויף אַ שליטן געשפּאַנט צו צוויי ברענענדיקע, גראָ־געפּינטלטע פערד איז געזעסן איינגעוויקלט אין אַ בערן־פעל צודעק דער פּריץ מיטן נאָמען בריטשעוואַן, צו וועמען עס האָבן געהערט אָט־די אַלע פעלדער מיט די בערג און טאָלן. ער איז געווען אַן אַלטיטשקער מיט אַ גראָער, שפּיציקער באָרד, ווי ביי אַ ציג, מיט אַ רויט פּנים ווי צוויק און מיט אַ גראָער קוטשמע פון שאָפּענער פעל, וועלכע ער האָט געטראָגן אויפגעשטעלט מיט אַ שפּיץ. די דאָזיקע קוטשמע איז ביי אים געווען אַראָפּגערוקט ביז צו איבער די אויגן. ער האָט געטראָגן אויף זיינע הענט צוויי פינגערלאָזע הענטשקעס. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן די לייצעס און מיט דער אַנדערער האָט ער אָפּגע־ווישט דאָס אייז פון זיינע גראָע וואָנצעס.

— ביניו דימנאַצי! (גוט מאָרגן!) — האָט דער פּריץ געטאָן אַ געשריי.

— דימנאַצאַ סינאַטאַס! (גאָט איז געזונט!) — האָט געענטפערט עליע.

— ביי דיר זיינען די זשידאַנעס?

— דריי זיינען ביי מיר.

— שיק זיי מיר אַרויס.

עליע לויפט און ברענגט אַרויס די דריי זשידאַנעס: באַסיען, יאָסלען און ישראל. זיי זיינען דערשראָקענע אַרויסגעקומען און דער פּריץ פרעגט זיי: — קום טיקטיאַמע? (ווי הייסטו?).

עליע איז זייער אָפּיציעלער איבערזעצער. זיי קענען ניט קיין מאָל־דאַוואַניש. באַסיע אַלס די עלטסטע שוועסטער רעדט פאַר אירע ברידער. און עליע גיט איבער דעם פּריץ יעדן וואָרט אין מאָלדאַוואַניש.

— ביניו (גוט!) — זאָגט דער פּריץ, — פרעג זיי צי זיי ווילן לעבן איינ־איינעם אָדער יעדער באַזונדער.

עליע גיט איבער באַסיען אַלץ וואָס דער פּריץ זאָגט.

— באַזונדער, — זאָגט באַסיע. אין דער היים האָט מען איר אָנגע־

זאָגט, אַז זיי זאָלן אַלע דריי נעמען באַזונדערע שטיקער ערד.

— ביניו (גוט!) — זאָגט דער פריץ. פאַר אים איז בעסער, אַז מען צעשפּרייט זיך. ער האָט געגנוג ערד. ער וויל, אַז עס זאָל ווערן, אויב ניט קיין שטאָט, ווי ביי די שכנישע פּריצים, זאָל כאָטש זיין אַ דאָרף. נאָר אים וואונדערט, וואָס עס קומען צו אים סאַמע אַזוינע קליינע...

נאָר פונקט אַזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס מען שיקט אים אַזוינע קליינע יידעלעך האָבן אויך אָט־די קליינע יידעלעך ניט געוואוסט, וואָס עס איז ערד און צוליב וואָס מען דאַרף זי, די ערד...

דער פריץ, בריטשעוואַן, האָט אַרויסגעשיקט עטלעכע מאַלדאַוואַנעס און זיי האָבן אויסגעגראָבן פאַר באַסיען מיט אירע ברידערלעך דריי באַזונ־דערע „בורדעיען". דאָס איז געווען טיפע גריבער אין דער פאַרפרוירענער ערד און פון אויבן באַדעקטע מיט שטרוי און ערד.

פון די ווענט פון אָט־די דאָזיקע גריבער האָט גערונען שוויס, ווייל די פאַרפרוירענע ערד האָט נאָכגעלאָזט פון דעם וואַרעמען הויך פון מענטש־לעכן אָטעם.

באַסיע האָט באַלד געקראָגן צוויי שאָף און יאָסל מיט ישראלן אויך צו צוויי שאָף. זיי האָבן געקראָגן יעדער איינער אַ טריניזשקע מיט אַ טשאַ־וואַנענעם קעסל און אַ זאַק פּאַפּשויע מעל. מען האָט פאַר זיי געמאַכט טאָפּ־טשאַנעס פון דרענגלעך מיט וויצן שטרוי אויסגעבעט צום שלאָפן.

דריטער קאַפּיטל

באַסיע איז ניט איין מאָל געשטאַנען און געקוקט אויף דעם סליאַד פון דעם בויד־שליטן אין מיטן שניי. אָט דער בויד־שליטן האָט זי געבראַכט אַהער און זיין סליאַד פירט ווייט, ווייט ביז קאַמענעץ, וואו אירע עלטערן וואוינען. די מאַמע מוז מסתם אויסוויינען די אויגן נאָך איר און די צוויי ברידערלעך. און ווען באַסיע זאָל ניט האָבן דעם עול פון אָט־די צוויי ברי־דערלעך אויף זיך, וואָלטן זיי געלאָפן אַהיים מיט אָט־דעם סליאַד.

באַסיען איז דאָ ניט גוט, שרעקלעך ביטער!

אמת, זי מיט אירע צוויי ברידערלעך האָבן שאָף און וועלן קריגן אומ־זיסטע ערד, אָבער דערפאַר זיינען זיי לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין פינצ־טערע „בורדעיען" (היילן), ווייט פון טאַטע־מאַמע און אין אַזאַ קאַלט, פאַר־שנייט אָרט.

און עס איז ניטאָ מיט וואָס צו מאַכן פייער און מיט וואָס אָפּצוקאָכן אַ מאַמעליגע.

באַסיע מיט אירע צווי ברידערלעך מוזן אַרומגיין איבער די שניי־איקע פעלדער זוכן בוריאַן צום הייצן, אַ ניט וועלן זיי דאָ פאַרפרוירן ווערן און אויסגיין פון הונגער.

די פעלדער זיינען גרויס און ברייט און דער שניי איז בלענדיק־ווייס און טיף. און די פאולין־בוריאַנעס קאָן מען נאָר געפינען אין טאָלן אָדער ביי די ברעגן פון ריטשקעס. איז פאָלג מיך אַ גאַנג און געפין טאָלן און ריטשקעס, ווען אַלץ איז פאַרווייעט מיט אַ טיפער ווייסקייט. נאָר עס איז דען דאָ אַן אַנדער ברירה?

אַ גאַנצן טאָג קריכן באַסיע מיט אירע ברידערלעך, ישראל און יאָסל, ממש אויף אַלע פיר איבער אָט־די פאַרשנייטע פעלדער און זוכן בוריאַן. עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען זיי האָבן שיר ניט ריזיקירט מיט זייערע לעבנס, פאַרזינקענדיק אין טיף־פאַרווייעטע טאָלן... זיי האָבן זיך אָבער געהאַלטן אינאיינעם און געקליבן בוריאַן־שטעקעלעך און געמאַכט בינטלעך. און אין אָוונט, אַז זיי זיינען געקומען אַהיים, פלעגן זיי זיך פאַרקלייבן אין באַסיעס „בורדעי". און זיס איז געווען זייער מאַמעליגע, וועלכע באַסיע האָט זיך פאַמעלעך אויסגעלערנט אָפּצוקאָכן. זיי פלעגן זיין אַזוי דערפרוירן און פאַרזיאַבעט, אַז זיי האָבן ביים פייער אונטער דער טרינעזשקע זיך קוים אָנגעוואַרעמט און אַ סך מאָל פלעגן זיי אַזוי ביים פייער איינשלאָפן...

ישראל מיט יאָסלען האָבן זיך אויסגעלערנט מעלקן די שאָף. און זיי האָבן אויך די שאָף, אַלע זעקס, געהאַלטן אין באַסיעס „בורדעי"; צוזאַמען מיט זיי, דאָס הייסט, די שאָף, איז געווען וואַרעמער.

דאָס ייִנגל שייע, וואָס איז מיט זיי געקומען פון קאַמענעץ האָט אויך באַקומען אַן אויסגעגראָבענעם גרוב, צווי שאָף, און איז געווען אויף גרויסע צרות, ווייל ער האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל אים קאָכן אַ שטיקל מאַמעליגע. חוץ דעם וואָס ער איז געלעגן אַליין אין „בורדעי", און ניט איין איינדערפרי, ווען ער האָט אָנגעטאָן די תפילין, האָט זיך ביי אים געעפּענט דאָס יונגע האַרץ און ער וואָלט ביטער געוויינט, ווען ער זאָל געווען האָבן אַ טבע צו וויינען.

ווען באַסיע האָט מיט אירע ברידערלעך געקליבן אויף די פאַרשנייטע פעלדער בוריאַן, איז אויך שייע צוגעקומען און זיך צוגעלאָנטשעט צו זיי, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף. ער איז געווען אַ געזונטער וואַרגעלעך. און צוקוקנדיק זיך ווי אַזוי די צווי ברידערלעך באַסיעס, די צווי „פלעכט" מיט די געקרייזלטע פאות, האָבן, נעבעך, געהאַרעוועט, איידער זיי האָבן באַוויזן אויסצורייסן אַ בוריאַן פון דעם טיפן שניי, איז שייען פאַרגאַנגען

זאַשפּערעס אין דער נשמה. ער האָט אי געלאַכט פון זיי ביי זיך אינעווייניק, און זיי באַדויערט לעבעדיקערהייט.

אין קאָמענעץ, ביי זייער טאַטן דעם פרומען, האָבן זיי ניט געוואוסט, וואָס עס הייסט אַריינטאָן אַ האַנט אין קאַלט וואַסער. שייע האָט זיי גע־האָלפן רייסן בוריאַן. אַז ער האָט אַ נעם געטאָן אַ בוריאַן, איז עס געגאַנגען ווי פון פוטער. ער האָט געוואָלט באַסיען ווייזן וואָס ער קאָן.

באַסיע איז געווען קליין, דאַר און מיט אַ פּאַסאָליע־נעזל. אָבער אַזוי ווי זי איז געווען קליין און דאַר האָט זי פונדעסטוועגן געהאַט אין זיך טויזנט חנען. און שייע האָט געכאַפּט אַ „כראַפּ" אויף איר . . .

אין דעם ווייס־פאַרשנייטן טאָל איז געווען אַ לאַנגער ווינטער. שנייען זיינען געגאַנגען כמעט יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק. די זון האָט איינמאָל געשיינט און צוויי מאָל ניט. קאַלטע צפון־ווינטן האָבן געפּייפט אַ מאָל־דאָוואָנישע פאַרניאַלע איבער די פלוינען און וויסטעניש.

מער ווי אַ צענדליק „בורדעיען" זיינען געלעגן צעוואָרפן אין אַ האַלבן קרייז. זיי זיינען שוין געווען אַזוי טיף באַגראָבן אין שניי, אַז פאַר אַ פרעמד אויג זיינען זיי שוין ניט געווען מערקבאַר. ווען ניט די טיפע טריט אין שניי, וואָלטן אפילו די איינוואוינער אַליין ניט געוואוסט וואו זייערע „בור־דעיען" זיינען.

שייע האָט געלאַקערט נאָך באַסיעס טריט. ווי אַ וואָלף האָט ער דורך די נעכט לאַנג געשמעקט אָט־די טריט און מורא געהאַט אַריינצוגיין צו באַסיען אין „בורדעי."

ער האָט אָבער אַמאָל באַמערקט, אַז באַסיע גייט אָפט אַריין צו דעם פאַר־פאָלק עליע מיט חיהלען. איז ער געגאַנגען צו יענעם פאַר־פאָלק און זיי געזאָגט אָפן און אָן בושה, אַז זיי זאָלן אים „ריידן" באַסיען פאַר אַ כלה...

— טאַקע אַ גלייכע זאַך, — האָט עליע געזאָגט.

— אָבער זיינען דאָ נאָך אַנדערע חתנים, — קאָן חיהלע ניט האַלטן קיין סוד.

— איך בין מיט איר פון איין שטאָט, — האָט שייע געטענהט.

— ריכטיק ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, — מיינט עליע.

— און מיין טאַטע וועט שיקן נדן, — וואַרפט אַריין שייע.

— דאָ דאַרף מען ניט קיין נדן, — זאָגט חיהלע, — דאָ זיינען מיר אַלע גלייך — אַלע ליגן טיף אין דער ערד . . .

— אָבער גיט אַ קיק, — עך האָב צוויי געזינטע הענט, — באַרימט זיך שייע כאָטש מיט עפּעס.

— זעסטו, — דאָס איז דער בעסטער נדן, — פּאַטאַקעוועט עליע.

און עס איז געבליבן, אַז עליע זאָל זיין דער שדכן. און ווען באַסיע איז

איינמאָל אַריינגעקומען צו חיהלען לייען אַביסל זשאַר, האָט עליע צו איר אַזוי געזאָגט:

— באַסיע, ווילסט אַ חתן, צי דו ווילסט פאַרזיצן ביז צום גראָען צאָפּ?

האָט זיך באַסיע זייער פאַרשעמט און איר פּנים איז רויט געוואָרן ווי אַ בעריק.

— וואָס פרעגסטו צי זי וויל? — ענטפערט פאַר באַסיען עליעס ווייב, חיהלע, — וואָ־דען, זי וויל ניט?

און פון דאַן אָן איז שוין מער באַסיע זייער שוועל ניט אַריבער. זי האָט זיך געשעמט און איז אויך געווען ברוגז. די עלטערן האָבן זי געשיקט מיט די ברידער, אַז זי זאָל זיין ווי אַ מאַמע צו זיי. וועט זי איצט אָפּטאָן אַזאַ שטיקל און גאָר חתונה האָבן?... אויף וועמען וועט זי איבערלאָזן אירע ברידער?

דערווייל איז דער ווינטער נאָך שטאַרק געלעגן איבער דער ערד, און ווען באַסיע פלעגט מיט אירע ברידער גיין קלייבן בוריאַן, האָט זיך אַלעמאָל באַוויזן שייע. ער האָט גאָרניט מורא געהאַט פאַר דער קעלט. זיין פּנים איז געווען רויט ווי צוויק, און ער האָט זיך פון גרויס כראָברעקייט געוואַלגערט אין די טיפסטע ערטער אין שניי און געמאַכט „מענטשעלעך". איינמאָל איז זיך שייע מישב און גיט אַ וואָרף אַריין אין שניי טאַקע באַסיען אַליין. און דערביי לאַכט ער. און ישראל מיט יאָסלען לאַכן אויך.

באַסיען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. זי האָט זיך אויף אַזאַ זאַך ניט געריכט, און איר קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען. זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און צו אים געזאָגט:

— זאָלן אים אָפּדאַרן די הענט, — אַזוי אין דער דריטער פּערזאָן.

שייע מיט די ברידערלעך האָבן זיך ווידער שטאַרק צעלאַכט. און באַסיע האָט ניט געהאַט פאַר וועמען זיך צו קלאָגן. עס איז איר אַזוי קאַלט, אַז עס וואַרפט איר אַ צאָן אין אַ צאָן. דער הימל איז אַ בלייערנער, אַ ברוי־גזער. די כמאַרעס זיינען צעאַקערט מיט פאַסן שניי. דער ווינט צופּט ביי דער נאָז ביז בלוט, און אים ווילט זיך גאָר שפּילן...

פון יענעם טאָג אָן איז זי מער ניט געגאַנגען קלייבן בוריאַן. די יינגלעך פלעגן גיין אַליין. זי איז געבליבן אין „בורדעי."

שייע איז געווען אַ קאָמענעצער יאַטעבע־דאַם. ער איז נאָך דאָרטן ניט געווען פון די יינגלעך, וועלכע ליגן ביים רבין אונטער דער באַנק. עס איז געווען אין קאָמענעץ די אַלטע טערקישע בריק, מיט דער טיפער דאָלענע מיט אירע ריזיקע סקאַלעס און מיט די שטיינערנע טרעפּ, וועלכע זיינען נאָך געווען געמאַכט פון די צייטן פונעם טערק. טויזנטער טרעפּ אַראָפּ און אַרויף. ביי שייען זיינען אָט־די סקאַלעס געווען גאָרניט אַזוי

שווער אַרויפצוקריכן, דווקא ניט מיט די טרעפּ. און די אַלטע טערקישע פעסטונג מיט די הויכע טורעמס און פענצטערלעך—שייע האָט ניט איינמאָל געוואָרפן שטיינער פון דער פעסטונג, גלייך ער וואָלט געווען אַ טערק, אויף די פאַרבייגייער אויפן בריק. מיט איין וואָרט, ער איז געווען ניט קיין שרעקעדיק יינגל. אַז ער האָט געזען, אַז באַסיע גייט מער ניט אַרויס קלייבן בוריאַן, און די ברידער זיינען ניטאָ אין דער היים, איז ער אַריין צו באַסיען אין „בורדעי" און זי איבערגעשראָקן ביז צום טויט.

— שרעק זיך ניט, מיידעלע, איך וועל דיך ניט פאַרציקן, — האָט ער צו איר געזאָגט.

אונטער דער טריניזשקע האָט געברענט אַ פייערל. רויטע פלעמעלעך האָבן געלעקט די נאַסע פאָלין־בוריאַנעס און זיי האָבן געשפּרייט אַ זיס־ביטערלעכן ריח.

באַסיען איז אַנטלאָפן דער מאַמעס מילך. זי איז בלאַס געוואָרן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן די שאָף, וועלכע האָבן זיך אויך, ווייזט אויס, דערשראָקן, און זיינען אויפגעשטאַנען אויף זייערע פיס.

— וואו זיינען יאָסל מיט ישראלן? — פרעגט שייע, גלייך ער ווייסט ניט וואו זיי זיינען.

— גיי פרעג זיי, ביזט מיט זיי ניט ברוגז...

— פאַרוואָס רעדסטו מיט מיר קידער־ווידער? — פרעגט שייע און גייט גלייך צו צו איר.

— איך וועל באַלד אָנמאַכן אַ געוואַלד, — זוכט באַסיע מיט די אויגן עפּעס מיט וואָס זי זאָל זיך קאָנען פאַרטיידיקן. זי כאַפּט דעם גרויסן הילצערנעם לעפל, מיט וועלכן זי מישט די מאַמעליגעס. די שאָף שטעלן זיך אַרום איר און לעקן דעם לעפל.

— ביזט אַזאַ מרשעת. איך בין מיט דיר אדרבא־ואדרבא און דו קוקסט אויף מיר קאַסאָקע, — זאָגט שייע.

— זאָל ער ווערן בלינד, ווער ער פאַרשפּאַרן צו סטערען מיט די צוויי ציבאָלעס, — זאָגט באַסיע, אַלץ אין דער דריטער פּערזאָן. זי פילט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט ווי אַ וואַנט־זייגער. און די ברידער זאָלן כאַטש אָנקומען.

— הער דיך איין, מיידעלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן: איך גיי היינט אין פעלד און הער ווי אַ שטים רופט אויס און שרייט צו מיר. איך קוק זיך אַרום און זע ניט קיינעם אַרום זיך. טראַכט איך, אַז עס איז אַ שטים פון אויבן. איך האָב זיך אַזש דערשראָקן, ווייל דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז אַ שטים פון אויבן זאָל צו מיר רעדן: „גיי, זאָגט זי, און נעם דיר באַסיען פאַר אַ ווייב און זי וועט דיר געבוירן אַ זון און זאָלסט אים רופן: שמואל". איז בין איך געקומען צו דיר דאָס זאָגן.

— ער זאָגט אַ ליגן, — ענטפערט באַסיע, — פאַרוואָס האָט צו מיר ניט גערעדט קיין שום שטים ?

— איך זאָג דעם אמת. איך וועל עס דיר באַווייזן.

— ווי אַזוי ?

— איך וועל אַרויסגיין אין די טאָלן און בערג און וועל זיך זאַמען דריי טעג מיט דריי נעכט, און אויב איך וועל פאַרפאַלן ווערן איז אַ סימן, אַז איך האָב געזאָגט אַ ליגן. אויב אָבער איך וועל צוריקקומען אַ לעבע־דיקער, ווײסטו ווײסן, אַז איך האָב געזאָגט דעם אמת.

— גוט, זאָל ער אַזוי טאָן און איך וועל ווערן זיין ווייב, — געפעלט באַסיען די דאָזיקע זאַך.

פערטער קאַפּיטל

שייע האָט זיך מיטגענומען אַ טאָרבע מיט מאַמעליגע מיט קנאָבל און איז אַוועק איבער די טאָלן און בערג אויף דריי טעג און דריי נעכט. קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז ער גייט און פאַרוואָס ער גייט. ער האָט נאָר גוט אָנגעהאָדעוועט זיינע צווײ שאָף און זיך מיט זיי געזעגנט, קושנדיק זיי אין די זיסע מיילער. די שאָף האָבן אים, ווי שטומע בהמות, פאַרשטאַנען און אים באַלעקט מיט זייערע צינגער.

באַסיע האָט אירע ברידערלעך געגרויסט דערציילט. זי האָט געוואַרט די דריי טעג, ווי אויף אַ נס. און שייע איז זיך געגאַנגען איבער די ברייטע טאָלן מיט שניי. דער הימל איז געווען ווייס און לויטער. די זון איז גע־שטאַנען אין דער מיט פון הימל, ווי זי וואָלט געקוקט אויף דעם איינאַונאייג־ציקן לעבעדיקן באַשעפעניש, אויף שייען. אַרום און אַרום, וואו זיין אויג האָט נאָר דערגרייכט, בערג — ווייסע, פאַרזונדעטע.

ער פילט ניט קיין שום שרעק אין זיך. ער וועט אַוועקגיין ווייט, ווייט און זיך באַהאַלטן העט דאָרטן הינטער די בערג. ער וועט אויסגראָבן אַ הייל אין שניי און זיך באַהאַלטן פון די וועלף.

שייע קאָן גוט זינגען און שוויסטשען. אים איז גוט און וואַרעם. דער שניי איז טיף און ער קאָן אויסמעסטן די טיפסטע ערטער און קיינער וועט אויף אים ניט שרייען.

אין קאַמענעץ זיינען אַזוינע שנייען ניטאָ. גייט ער צו די ווייטע בערג. ער וויל אַהין אָנקומען איידער עס וועט פאַרגיין די זון. די צרה איז נאָר, וואָס די בערג ווערן וואָס אַמאָל ווייטער. ער קוקט זיך אַרום און זעט שוין ניט קיין סימן פון די „בורדעיס". ער פייפט פון גרויס פרייד.

אין דער אייגענער צייט, וואָס שייע איז אַזוי געגאַנגען אייגער אַליין האָט דעם פריץ בריטשעוואַנס מיידל „פּאַטאַ מאַריאַ", וואָס איז געווען ביי אים אַ בת־יחידקע און זייער אַ קאַפּריזנע, זיך פאַרוואָלט איצט זיך דורכ־פאָרן מיט אַ שליטן איבער די ווייסע טאָלן און בערג. קיין מוטער איז שוין ניט געווען. געשטאָרבן. און וואָס פּאַטאַ מאַריאַ וויל נאָר אַליין פירט זי אויס.

האָבן צוויי דינער געשפּאַנט די מוציקעס אין אַ פּאָליטורטן שליטן אויף אייזערנע שינעס. פּאַטאַ מאַריאַ האָט זיך אין דעם אַריינגעזעצט. מען האָט זי איינגעדעקט מיט אַ בערן־פעל. זי האָט געגומען די גרין־פליושענע לייצעס אין אירע הענטלעך, און די מוציקעס האָבן געטאָן אַ שוועב און אַוועק. אויף איר קאָפּ אַ גרין קוטשמעלע פון וואָל און אירע בלאָנדע האָר שוועבן אין דער לופטן. גלעקלעך קלינגען אויף די פערד. פון זייערע טלויען פליען פוכקע שטויבעלעך פון שניי גלייך פּאַטאַ מאַריאַן אין פּנים אַריין. באַרג און טאָל און ווייס. און פּאַטאַ מאַריאַס באַקן פלאַמען ווי צוויי זונען.

אַז שייע האָט פּלוצים דערהערט גלעקלעך קלינגען האָט ער זיך דער־שראָקן. קיינער האָט ניט געוואוסט פון זיין אַוועקגיין. ווער־זשע פאָרט אים נאָך און וויל אים אָניאָגן?

אָבער איידער ער האָט נאָך צייט זיך צו באַטראַכטן, ווי עס גיט אַ פלי אָן, ווי אויף פליגל, דער שליטן מיט די מוציקעס.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט זיך אין אָנהויב דערשראָקן. זי האָט געמיינט, אַז עס איז אַ בער אָדער אַ וואָלף. אָבער, אַז זי האָט דערזען, אַז עס איז אַ מענטש און דערצו נאָך אַ קליין מענטשעלע האָט זי איינגעהאַלטן די מוצי־קעס מיט אירע לעצטע כוחות, ביז זיי זיינען געבליבן שטיין. זיי זיינען גע־ווען באַדעקט מיט שווייס און אַ פּאַרע האָט פון זיי געזעצט. אַרום זייערע רונדע בייכער גאַרטלען מיט מעשענע, קיילעכיקע גלעקלעך און ווען די פערדלעך גיבן זיך אַ טרייסל קלינגען די גלעקלעך און פאַרהילכן די פּראָס־טיקע לופט מיט אַ געלעכטער.

שייע איז געבליבן ווי פאַרשטאַרצט און זיך ניט געקאָנט רירן פון אָרט.

ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן, צי זעט ער דאָס אין חלום צי אויף דער וואָר. אָפּגערעדט פון די צוויי פערד, וועלכע האָבן שטייענדיק ווי גע־שוועבט אין דער לופטן, גלייך ווי זיי וואָלטן געהאַט פליגל.

דאָס מיידל האָט צו אים עפּעס געזאָגט אויף איר לשון. ער פאַרשטייט ניט קיין וואָרט. ער וואָלט געשריען, אַז קיינער וועט אים סיי־ווי ניט הערן. פּאַטאַ מאַריאַ דעקט אויף די בערן־דעק און רופט שייען, אַז ער זאָל

אַרייַנגיין אין שליטן. זי מאַניעט צו אים מיט אַ הענטל אויף וועלכער עס איז אַ וואַלענע, רויטע הענטשקע.

שייע וואָלט געוואָלט זיך אַביסל דורכפּאָרן, אָבער וואָס טוט מען מיט דער טאָרבע? זאָל ער אָוועקוואַרפן די טאָרבע? וועט ער דאָך ניט האָבן וואָס צו עסן. דריי טעג דאַרף ער זיין דאָ אויף די טאָלן און בערג. חוץ דעם זיינען זיינע קאַריטשאָקעס פול מיט שניי און ווי אַזוי קאָן ער אַריינקריכן מיט אַזוינע נאַסע פיס אין אַזאַ טייערן שליטן?

אָבער דאָס מיידל, וואָס זעט אויס גיכער ווי אַ מלאך פון חומש, איידער אַ פּשוטער מענטש, האַלט אין איין מאַניען מיט דער האַנט און שמייכלט אַזוי טייער, ווי זי וואָלט אים אָנגעקערט אַן אייגענע שוועסטערל.

שייע קריכט אַריין אין שליטן מיט די נאַסע פיס. פּאַטאַ מאַריאַ דעקט אים איין און זי גיט אַ זינג צו די מוציקעס און — פּ־יי־אָ!

שייע האַלט די טאָרבע מיט איין האַנט, אַזוי, אַז זי שלעפּט זיך נאָך אויפן שניי,ביים שליטן.

ער האָט מורא די טאָרבע אַריינצולייגן אין שליטן — זי זאָל חלילה ניט אָפּבייסן אַ שטיקל פון דעם שיינעם שליטן. גליטשט זיך די טאָרבע אַזוי לאַנג נאָכן שליטן, ביז שייע פאַרלירט זי אין שניי.

יאָגט דער שליטן איבער טאָל און איבער באַרג. ביז ער שטעלט זיך אָפּ ביי אַ הויז אַ ווייסע מיט פענצטער איינגעראַמט אין רויטע רעמלעך. דאָס הויז האָט צוויי טויערן און פון די דאָזיקע טויערן ציט זיך אַ פיר־עקע־כיקער קרעפּאַסט, כמעט אַזוי הויך ווי דאָס הויז און אויך ווייס געקאַלעכט, ווי דאָס הויז. וואָס עס טוט זיך אין קרעפּאַסט קאָן שייע ניט זען, ווייל עס איז שוין דערווייל געוואָרן אָוונט. דער שנייאיקער אַרום איז איצט בלאָ און דער הימל איז ראָזעווע־גרין.

און איידער שייע האָט נאָך צייט זיך צו באַטראַכטן, גיט אים פּאַטאַ מאַריאַ אַ כאַפּ און פירט אים אַריין דורך דער טיר אין אַ וואַרעמען קאָרי־דאָר. די וואַרעמקייט גיט אים אַ זעץ אין פּנים.

און באַלד פילט ער ווי דאָס מיידל שטופּט אים אַרויף די טרעפּ. זי שפּאַרט אים אונטער מיט ביידע הענט און ער לענט זיך אפילו אָן אויף צו־ריק, אָבער זי שטופּט אים אין דער פּלייצע. ביים אַרויפגיין די טרעפּ, באַ־געגנט זיך אַ טיר מיט גלעזערנע טאָוולען. דאָס מיידל עפנט די דאָזיקע טיר און שייע בלייבט שטיין אין אַ ליכטיקן, גרויסן צימער מיט אַ הויכער סטעליע, די ווענט ווייס געקאַלעכט און אונטערגעפירט אונטן ביי דער פּאָד־לאָגע מיט רויטע פּאַסן. די סטעליע איז אויך ווייס. און עס איז דאָ צוויי פענצטער מיט פאַרהענגלעך פון ציץ מיט ראָזעווע קווייטלעך. צווישן די צוויי פענצטער שטייט אַ געשניצט טישעלע מיט איינגעבויגענע פיס, ווי ביי

אַ יונג פערדל, אויפן טיש ברענען צוויי ליכט אין זילבערנע לייכטער. עס שטייען פון ביידע זייטן פון טיש צוויי בענקלעך מיט שניצערייען און אויס־געבעטן מיט פּליוש פון באָרדאָ־קאָליר. אין דער רעכטער זייט פון צימער זיינען דאָ צוויי־דריי טרעפּלעך צו אַ העכערן אָרט, וואו עס שטייט אַ בעט מיט צוויי הויכע ווענט פון טייערן שניצעריי, איבערן בעט אַזוי ווי אַ חופּה פון רויטן זייד. די דאָזיקע חופּה איז באַזוימט מיט קרינאָליעס און קרוז־זשעווקעס. און אויפן בעט, הויך אָנגעלייגט, כמעט ביז צום סטעליע, ליגט קישנס, פריער גאָר גרויסע, דערנאָך קלענערע און העט ביים סטעליע גאָר קליינע. די פּאָדלאָגע איז טונקל־רויט און גלאַנצט, ווי זי וואָלט געווען אָנ־געשמירט מיט וואַקס.

אָט־דאָס זיינען געווען די הויפּט־זאַכן, וואָס שייע האָט צום ערשטן געכאַפּט מיט זיין אויג. ער האָט זיך אַליין ניט געגלויבט צי ער זעט עס אין חלום, צי אויפן וואָר. אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן, ווייל באַלד נאָך דעם, ווי דאָס מיידל איז פאַרשוואונדן, זיינען אַריין צו אים צוויי גרויסע, געזונטע בחורים מיט נאַקעטע קעפּ, וועלכע זיינען געווען באַ־וואָקסן מיט גלאַטע, גלינצערדיקע האָר, אָפּגעשוירן גראָד ווי מיט אַ ווירע אויף זייערע העלדזער און מיט מאָדנע לאַנגע העלדזער, ווי ביי גאַנערס. זיי ערע פּנימער ווייס־ברוין ווי פון מירמל־שטיין, מיט פאַרריסענע נעזער און מיט באַגראַדעטע האָר אויף זייערע נידעריקע שטערנס. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין לעדערנע כאַדאָקעס, וועלכע האָבן זיך פאַרבונדן אויך מיט לעדערנע, שמאָלע רימענדלעך אַרום זייערע פּיס, ווי יידן בינדן אַרום זיי־ער האַנט מיט אַ רצועה, בשעת זיי לייגן תפילין. הויזן האָבן זיי געטראָגן קורצע, ביז צו די קניעס און זי זיינען געווען געמאַכט פון שאָפּענע פעל מיט דעם לעדער אַרויף. די דאָזיקע הויזן זיינען געווען פאַרשמאָלצעוועט, ווי אויסגעשמירט מיט פּוטער. און גאַרטלען האָבן זיי געהאַט ברייטע, מיט אַלערליי שפּראָנציקעס און מיט קעשענקעלעך. אין די דאָזיקע גאַרטלען האָט ביי זיי געשטעקט גאַניפּעקלעך מיט גלאַנציקע מעסער־צינגלעך, קורצ־צענקע שפּיזן, וואָס האָבן געבלאַנקעט מיט זייער שאַרפקייט. זיי האָבן אויך געהאַט אויף זיך אַזוינע קורצע פּעלצלעך אויך פון שאָפּענע פעל און אויך פאַרשמאָלצעוועט, ווי מיט פּוטער אויסגעשמירטע. אונטער אָט־די פּעלצ־לעך האָבן זיי געטראָגן העמדער פון גראָבע לייוונט. עס האָט פון זיי גע־שמעקט ווי עס שמעקט פון שאָף.

אַז שייע האָט זיי דערזען איז אים אַנטלאָפן דער מאַמעס מילך. זיי האָבן קעגן אים אויסגעזען ווי צוויי „גוג־ומגוגס", וועלכע ער געדענקט פון חומש.

זיי האָבן אים אָבער זייער איידל אויסגעטאָן, אַראָפּגענומען פון אים

די קראַטשאָקעס און ער איז געבליבן שטיין אין זיינע הויזן מיטן טלית־קטן און מיט די פיר ציצות. אויף זיינע פיס איז געווען אַ פּאָר וואָלענע זאָקן, וואָס זיין מאַמע האָט אים אַליין אויסגעאַרבעט.

פּאַטאַ מאַריאַ איז אַריין אין צימער. זי איז געווען הויך און דאַר, נאָר איר פּנים דאָס ווייסע־ווייסע און די פלאַמענדיקע, גאָלדענע האָר האָבן זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. דאָס איבעריקע איז ניט געווען וואָס אָנצו־קוקן — צוויי דאַרע הענטלעך, אויך אַזוינע פיס און אַ פלאַכע ברוסט. זי האָט געטראָגן אויף זיך אַ לאַנג קלייד פון ציץ מיט רויטע בלימעלעך און נאָכן קלייד האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ געקנייטשטער זייער.

זי האָט געזאָגט עפּעס אויף איר לשון צו די צוויי בחורים און זיי זיינען אַוועק און געבראַכט אַ ווייסע שיסל מיט וואַסער און זי אַנידערגעשטעלט אויפן דיל.

שייע האָט זיך דערשראָקן, טאָמער וועט מען אים אויסטאָן אַ נאַקעטן, ווען דאָס מיידל איז דאָ. די צוויי בחורים האָבן זיך טאַקע גענומען צו זיינע זאָקן.

שייע האָט שוין געוואָלט טאָן אַ געשריי: — מאַמע!

אָבער זיי האָבן אים ניט אויסגעטאָן נאַקעט, נאָר אַראָפּגענומען זיינע זאָקן און אים מיט די נאַקעטע פיס אַריינגעשטעלט אין דער שיסל מיט וואַ־רעמער וואַסער. עס איז שוין געווען אַ פּאָר חדשים, אַז ער האָט ניט אָנגע־זען קיין באָד. זינט ער איז פון דער היים, האָט ער אפילו ניט אַראָפּגענומען פון זיך די קראַטשאָקעס מיט די זאָקן. קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי אָנגענעם עס איז אים געווען צו פילן, ווי ער שטייט מיט ביידע פיס אין וואַרעמען וואַסער. אָבער ווען ניט אָט־די נקבה מיט די פלאַמיקע האָר, וועלכע שטייט דאָ און נעמט ניט אַראָפּ פון אים די אויגן... עס איז ניט קיין אויגן נאָר צוויי בלאָע קאָרעלן, בורשטינען...

אַז מען האָט אים אויסגעבאָדן די פיס און זיי אָפּגעווישט, איז דאָס מיידל אַוועק און אים געבראַכט צוויי ווייכע מעשטעס פון שאָפענע פעל, וואָס די האָר זיינען געווען אינעווייניק געל און צאַרט.

שייע האָט אָנגעשטעקט אויף זיינע פיס אָט־די מעשטעס און עס איז אים געוואָרן זייער גוט, אָבער ניט אויף דער נשמה...

פינפטער קאַפּיטל

פּאַטאַ מאַריאַ האָט געהאַלטן אין איין לויפן אַראָפּ מיט די טרעפּ און צוריק אַרויף. שייע האָט געהערט ווי זי באַראַבאַנעוועט מיט אירע פיסלעך איבער די טרעפּ און אים האָט זיך אויך געוואָלט לויפן, לויפן און שרייען,

נאָר ער האָט ניט געקאָנט. דאָס מיידל האָט אַריינגעבראַכט אַ טאָץ מיט אַ גלאָז מילך, געבראָטענע קאַרטאָפליעס און רייפטן טונקל־ברוין ברויט אָנגעשמירט מיט קעז, אפשר אַ ווערעשקע די הויך.

שייע איז ניט געווען פון די זייער פרומע יינגלעך. נאָך זייענדיק אין קאַמענעץ האָט ער שוין אַ סך מאָל „אונטערגעפּאָנפּעט" מיטן דאַוונען, כאָטש ער האָט שוין געלייגט תפילין און אַלע עבירות זייַנען שוין געגאַנגען אויף זיין אייגענעם חשבון ... איצט, ווען ער איז דאָ פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער ווילדערניש, האָט ער כמעט ווי אויפגעהערט צו דאַוונען. נאָר טריפה האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געגעסן. אָבער ווען ער איז איצט ביי „גוים" אין שטוב און מען ברענגט אים אַ טאָץ מיט אַזוינע גוטע זאַכן און ער איז אַזוי הונגעריק, אַז ער וואָלט געקאָנט אויפעסן אַן אָקס, איז אים פונדעסטוועגן דאָך ניט אַזוי שווער איבערדייוועדן דעם יצר־הרע. „—זאָל עס נעמען די כולערי, טראַכט ער, איך וועל נעמען און עסן ..."

פּאַטאַ מאַריאַ נעמט אַ רייפטל ברויט און דערלאַנגט אים:

— פוני ... פוני ... (ברויט ... ברויט ...).

שייע קוקט זי אָן מיט אַביסל שרעק: וואָס וויל זי?

— פוני ... פוני ... (ברויט ... ברויט ...) —וויל זי, אַז ער זאָל זיך אויסלערנען איר לשון.

שייע נעמט דאָס רייפטל ברויט, גיט אַ ליידנשאַפטלעכן ביס. עס איז געשמאַק. דער קעז איז אַביסל צו שטאַרק געזאַלצן. אָבער ער איז אַזוי באַטעמט, אַז עס קיצלט אַזש אין גומען.

— ברינזאַ ... ברינזאַ ... (קעז ... קעז ...) —דערקלערט אים פּאַטאַ מאַריאַ.

דאָס ברויט איז זיס, ווי האָניג־לעקעך. שייע האָט אין זיין לעבן אַזאַ ברויט ניט געגעסן. ער האָט איבערהויפּט שוין לאַנג ניט געגעסן קיין היימיש שטיקל ברויט. זינט ער איז פון דער היים פאַרוואָגלט געוואָרן, עסט ער מאַמעליגע.

אַז שייע האָט זיך גוט אָנגעגעסן און פאַרטרונקען מיט דער שאַפּענער מילך, איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקע מידקייט און ער האָט ניט געקאָנט האַלטן אָפן זיינע אויגן.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט עס באַמערקט און זי האָט געהייסן אים צוגרייטן דאָס בעט. זי האָט זיך געפרייט מיט דעם יינגל, וואָס זי האָט היינט געפונען אויף דער „דיאַל" (פעלד). זי האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים. צי זאָל זי פון אים מאַכן אַ ברידערל צי אפשר גאָר אַ געליבטן. זי איז געווען די צעבאַלעוועטע טאָכטער פון דעם רייכן פּאַטער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע אימעניע. די מוטער איז שוין לאַנג געווען טויט און אַ קליין ברי־

דערל איז אויך ביי איר געשטאָרבן. ער איז געווען אין די זעלבע יאָרן, ווי אָט־דאָס דאַזיקע ייִנגל, ווען זי האָט היינט געפונען.

זי האָט שוין דערציילט איר פאָטער, אַז זי האָט געפונען אַ ווילד בע־רעלע... אַנדערש האָט שייע ניט געקאָנט אויסזען אין אירע אויגן, סיידן עפּעס אַ בערעלע... זי האָט נאָך אַזאַ באַשעפעניש קיינמאָל ניט געזען. עס איז פעט און נידעריק מיט קורצע פיסלעך, עפּעס ווי אַ מענטש און דאָך איז עס ניט פון די מענטשן, וואָס זי איז געוואוינט צו זען. עס איז שלעכט, וואָס דאָס ייִנגל קאָן ניט ריידן. אָבער דערווייל וועט זי אים באַלייגן שלאָפן.

עס איז אַריינגעקומען אַ פרוי מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר מיט פּאָר־פלאָכטענע צוויי צעפּ ביז צום גאַרטל, מיט הויכע שטיוועלעטן מיט לעדערנע כאַליעוועס אויף באָרוועסע פיס, מיט אַ קלייד, וואָס איז געמאַכט פון אַ קו־ליעם, אויסגעהאַפטן פון רויט און גרין וואָל: אַ פּאַס רויט און אַ פּאַס גרין. דער דאָזיקער קוליעם איז אַרומגעוויקלט אַרום איר פון גאַרטל ביז צו די קניעס. איין ברעג איז אָפן, אַז ווען זי גייט זיך אַ בויג, קריכט אַרויס איר קני. זי טראָגט אַן אויסגענייט העמד מיט אָנגעבלאָזענע אַרבל. פון די אַרבל שטעקן אַרויס די נאַקעטע הענט ביז צו די עלנבויגנס. די הויט פון די קני און עלנבויגנס איז ווי אַ געלער פּאַרמעט. אָט־די דאָזיקע פרוי איז אַזוי אַנדערש פון שייעס מאַמע. ער מיינט, אַז זי איז דער מיידלס מוטער.

די דאָזיקע פרוי מאַכט פאַר אים צורעכט דאָס בעט און בשעת זי טוט די אַרבעט, כאַפּט זי אַלע ווײַלע אַ קוק אויף דעם ייִנגל.

שייע וויל איר זייער געפעלן ווערן. אָבער ער כאַפּט זיך צוריק: — עך האָב זי טיף אין דער אדמה!... סיי־ווי וועט ער דאָ לאַנג ניט זיין. ער וועט פון דאַנען אַנטלויפן אַזוי גיך ווי ער וועט נאָר קאָנען. ער האָט דאָך צוגעזאָגט באַסיען צו קומען אין דריי טעג אַרום. באַסיע וועט אויף אים וואַרטן און וועט זיך די אויגן אויסוויינען.

דערווייל איז דאָס בעט געוואָרן פאַרטיק און די פרוי מיט די צוויי צעפּ ווי שלאַנגען איז אַרויס און דאָס מיידל איז אַריינגעקומען מיט איר פאָטער.

שייע האָט אים באַלד דערקענט. ערשט מיט עטלעכע וואָכן איז ער געקומען מיט אַ שליטן צו פאָרן, ווען זיי זיינען נאָר־וואָס געקומען פון קאַ־מענעץ. יאָ, עס איז ער!

דאָס מיידל איז צוגעגאַנגען צו שייען.

— קום טיטיאַמע? (ווי הייסטו?)

שייע שווייגט. ער ווייסט ניט, וואָס זי זאָגט.

גייט צו אים צו דער אַלטער. ער איז הויך ווי אַ בוים, אין זיין מויל אַ לאַנגער ליולקע־ציביק. ער איז אָנגעטאָן אין לאַנגע שטיוול מיט שיין־

אויסגעקאַרבטע כאַליעוועס מיט הויכע אָפּצאָסן. ער האָט שוין פּאַרפּוילטע ציין אין מויל. ווען ער שמייכלט, זעט מען די ציין. דער אַלטער לייגט אַרויף אַ דאַרע האַנט מיט אַ סך אָדערלעך אויף שייעס קאָפּ. עס איז אַ וואַרעמע האַנט. עס גייט דורך אַ וואַרעמקייט אין שייעס גאַנצן קערפּער פון אָט־דער האַנט.

— קום טיטיאַמע? (ווי הייסטו?) — פרעגט דער אַלטער.

שייע לאַכט פאַרלוירן. ער בייט איבער אַ פוס איבער אַ פוס.

— אַנע זשידאַנילי... (אַ יידעלע...)

שייע הערט עפּעס, וואָס איז אים אַביסל באַקאַנט. וואו האָט ער געהערט דאָס דאַזיקע וואָרט?

פונדעסטוועגן גיט אים דער אַלטער פּלוצים אַ הויב מיט זיינע דאַרע הענט און ברענגט צו זיין קאָפּ צו די ליפּן זיינע און עס קלינגט אָפּ אַ הילכי־קער קוש.

„אַ כולערי, איצט קושט ער מיך," טראַכט שייע, „ערשט מיט אַ קליי־נער צייט קאַריק האָט ער מיך באַגראָבן אין אַ קבר אַ פינצטערן, אין אַ בורדעי, גלייך מיט אַלע מיינע ברידער, און איצט..."

נאָכן קוש שטעלט דער אַלטער אים אַוועק צוריק אויפן פּאָדלאָגע און זאָגט עפּעס אויף זיין לשון, וואָס שייע פאַרשטייט ניט. אָבער ער זעט, אַז דאָס מיידל הייבט אים אָן צו קלאַפּן איבער דער פּלייצע מיטביידע פויסט־לעך און שפּרינגט אונטער פון פרייד.

דער פריץ מיט זיין מיידל גייען אַרויס און באַלד יאָגט זיך ווידער די צוויי יונגען, וועלכע זיינען שוין דאָ פריער געווען. איצט ברענגט איינער אַ רינאָל פון ווייסן פּאָרצעליי און שטעלט אים אונטערן בעט.

— לאַנג לעבן זאָל ער — טראַכט שייע — וואָס ער האָט געבראַכט אָט־דעם רינאָל.

זיי האָבן אָבער אים ניט געלאָזט לאַנג טראַכטן. זיי האָבן אים אויס־געטאָן נאַקעט און אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַזאַ לאַנג העמד, וואָס האָט גע־גרייכט ביז צו דער ערד. זיי האָבן אויסגעלאָשן די ליכט און אַרויסגעגאַנ־גען פון צימער.

שייע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זיך לייגן שלאָפן. ער האָט זיך באַנוצט מיטן רינאָל און עס איז אים לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. פאַרשטענדלעך, אַז נאָר אויף אַ ווייל. איצט, אַז ער איז געליגן אין דעם פרעמדן בעט, האָט ער מורא געהאַט איינצושלאָפן. ווער ווייסט וואָס מען וועט דאָ מיט אים טאָן?

די אויגן האָבן זיך אָבער זייער געקלעפּט און ער איז מיד, שלאָפט ער איין.

עס חלומט זיך אים, אַז ער איז געקומען צו גיין צו באַסיען נאָך דריי טעג, ווי ער האָט איר צוגעזאָגט און זי האָט אָנגעהייצט דעם גרויסן קעסל און פאַרמישט אַ גרויסע מאַמעליגע... זי גיט אים אַ שטיק מאַמעליגע און ער בריט זיך אָפּ דעם גומען און גיט אַ געשריי...

שייע כאַפּט זיך אויף פון שלאָף און זעט, אַז עס איז אַ חלום. ער קוקט זיך אַרום, וואו ער איז — און ער קריכט אַראָפּ פון דעם הויכן בעט און גייט צו צו איינעם פון די פענצטער און קוקט אַרויס אין דרויסן. עס איז שוין בלוי, ווי עס וואָלט אָנגעהויבן צו טאָגן. פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ גרויסער הויף. אין דער מיט פון הויף שטייט אַ קערנעצע מיט אַ הויכן סלופּ איבער איר. דער סלופּ איז אויבן צעשפּאָלטן און מיט אַן אייזערנעם צוואַרין. אויפן צוואַרין וויגט זיך אַ לאַנגער סלופּ. פון איין זייט זיינען אָנגעבונדן שווערע שטיינער, פאַר אַ געוויכט, און פון דער צווייטער זייט איז אָנגעבונדן אַ שטריק מיט אַן עמער. ביי דער קערנעצע שטייט אויך אַ לאַנגע קאָרעטע. אַ יונג שעפּט מיטן עמער פון קערנעצע און גיסט דאָס וואַסער אין דער קאָרעטע. דער סלופּ, וואָס וויגט זיך אויפן צוואַרין, סקריפּעט ווי עס וואָלט געווען אַ סמיטשיק איבער אַ פידל. אין הויף ווערט וואָס אַמאָל בלויער און עס הויבן זיך אָן צו וויזן פאַר שייען דעכער איבער לאַנגע שטאַלן אַרום און אַרום דעם הויז.

אָט זעט ער, ווי איינער עפנט אַ טירל נידעריק ביי דער ערד, זעצט זיך און האַלט אַ שעפל צווישן זיינע פיס. פון טירל באַווייזט זיך אַ שאָף. דער מענטש, וואָס זיצט ביים טירל גיט אַ כאַפּ די שאָף ביי איינעם פון אירע אונטערשטע פיס.

עס איז געווען מערקווירדיק, וויפיל שאָף עס זיינען אַרויסגעקומען פון דעם קליינעם טירל. עס האָט גענומען אַ רגע, ווי דער מענטש האָט זי גע־האַלטן ביים פוס און דערנאָך זי אָפּגעלאָזט. די שאָף איז געלאָפן צום ברונעם און אַזוי זיינען אין אַ פּאָר מינוט שוין געשטאַנען פיל שאָף ביי דער קאָרעטע און געטרונקען וואַסער. עס האָט זיך געהערט דאָס קרייען פון הע־נער, דאָס איבערשרייען פון „העי״!...

שייע האָט דערהערט טריט אונטן אין אונטערשטן גאָרן. ער איז אַריינ־געשפּרונגען צוריק אין דעם ווייכן בעט און האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן.

— וואָס וועט דאָ זיין דער סוף מיט אים? — האָט זיך שייע געוואונ־דערט. ער איז נאַקעט אין אַ הויל העמד. דאָס לשון זייערס פאַרשטייט ער ניט. עס איז אים דאָ דווקא ניט שלעכט, אָבער עפּעס שרעקט אים דאָס האַרץ, אַז ער וועט ניט גוט אָפּשניידן...

פּלוצים דערהערט ער אַ געלעכטער און דערקאָנט באַלד, אַז דאָס איז דער געלעכטער פון דעם מיידל, וואָס האָט אים געבראַכט מיטן שליטן.

שייע נורעט זיך איין בעסער אונטער דער קאָלדרע און פאַרקוועטשט מיט די אויגן שטאַרקער.

די טיר פון צימער גיט אַ סקריפּע און עס טוט אימעצער אַ לויף צו צום בעט. אָט פילט שייע, ווי אַ קילע האַנט טאַפּט אים אָן זיין שטערן. ער האַלט פאַרמאַכט זיינע אויגן. זיין האַרץ קלאַפּט, ווי מיט העמערלעך. ער האַלט איין זיין אָטעם. ער פילט, ווי צו גיבן אַ געשריי, אָבער ער האָט ניט דאָס האַרץ... בעסער, טראַכט ער, אַז ער זאָל זיך מאַכן ווי ער שלאָפט.

לעבן אים איז איצט געשטאַנען פּאַטאַ מאַריאַ אַריבערגעבויגן איבערן בעט און זי האָט אים אָנגעקוקט. זי האָט געהאַלטן אַ גאָלדן צלמל אויף אַ שנירל און עס געוואָלט אָנטאָן דעם ייִנגל אויפן האַלדז, נאָר זי האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל אים ניט אויפוועקן פון זיין שלאָף. זי איז געשטאַנען אַביסל און געטראַכט פון איר גליק: איצט וועט איר ניט זיין אַזוי אומעטיק דאָ אויפן פאַרוואָרפענעם פעלד. זי וועט האָבן אַ קאָמפּאַניאָן מיט וועמען זיך צו שפילן, מיט וועמען זיך דורכצופאָרן. דער פּאָטער איז אַזוי אַלט און ער לאָזט זי ניט אָפּ פון זיך אויף אַ מינוט. אָפט קומט איר אויס צו ריידן מיט זיך אַליין...

זעקסטער קאַפּיטל

שייע האָט געמיינט, אַז פּאַטאַ מאַריאַ איז שוין אַוועק פון זיין בעט און ער האָט געטאָן אַן עפן זיינע אויגן און זי דערזען. זי האָט געטאָן אַ שמייכל צו אים און זיך אַריבערגעבויגן מיט ביידע הענט צו אים. ער האָט זיך גע־ווערט מיט זיינע הענט, אָבער זי האָט זיך מיט אים געפּלאָכטן הענט אין הענט און אים בייגעקומען און אים אָנגעטאָן דאָס צלמל אויפן האַלדז.

— באָני דימניאַצע! (גוט מאָרגן!) — זאָגט זי צו אים צערטלעך.

— לאָז מיך דעכען! — שטופּט זי פון זיך אָפּ שייע — גיי אַוועק פון מיר!... ער שטויסט זי פון זיך אָפּ מיט זיינע הענט.

— דראַקולי! (טייערינקער!) — וויל זי אים געבן אַ גלעט איבערן פּנים.

— איך וועל באַלד שרייען געוואַלד! — זאָגט שייע און טרייבט אָפּ אירע הענטלעך. ער גיט אַ כאַפּ אירע דאַרע הענטלעך און נעמט זיי לאָמען, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט צעברעכן.

עס האָט פּלוצים געטאָן אַ פינקל אין זיינע אויגן, דורך דער צייט פון זיין קעמפן מיט איר, אַז ביי אים אויפן האַלדז הענגט אַ צלם.

שייע האָט זיך דערשראָקן און עס איז אים ניט גוט געוואָרן, ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי צו ברעכן.

דאָס מיידל האָט זיך דערשראָקן און איז אָפּגעשפּרונגען פון אים. זי האָט געכאַפּט דעם רינאַל פון אונטערן בעט און צוגעטראָגן צו זיין מויל.

שייע האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם צלם און אים אַריינגעוואָרפן אין רינאַל.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט זיך אויף אַ וויילע פאַרלוירן פון דעם, וואָס איר גאָלדענער צלם איז, נעבעך, איצט געלעגן אין רינאַל. זי איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און געטאָן אַ כאַפּ דעם רינאַל און איז אַרויס פון צימער און געטאָן אַ רעם מיט דער טיר.

שייע איז געבליבן ליגן אין בעט אַ האַלב נאַקעטער. קיינער האָט זיך צו אים ניט באַוויזן ביז שפּעט אינמיטן טאָג.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט דערציילט איר פאָטער, וואָס עס האָט געטראָפן מיט איר צלם, ווי אַזוי דאָס יינגל האָט אים אַריינגעוואָרפן אין רינאַל.

דער אַלטער בריטשעוואַן האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. זיין באַסאָווער געלעכטער האָט זייער אויפגערעגט דאָס מיידל און זי האָט אים פאַרשטעלט דאָס מויל מיטביידע הענטלעך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פאָטער אויף די קני און געזאָגט: — וואָס זאָל איך טאָן מיט דעם יינגל?

— טרייב דעם באַיעט (יינגל) אַרויס אין דרויסן — האָט בריטשעוואַן איר געגעבן אַן עצה — דאָס איז איינער פון די זשידאַנעס, וואָס האָבן זיך באַזעצט ביי מיר אויף דער ערד.

— ווי־זשע קומט ער צו בלאָנדזשען אין שניי? — וואונדערט זיך פּאַטאַ מאַריאַ.

— ער האָט געזוכט בוריאַן צום הייצן — דערקלערט בריטשעוואַן.

— און וואָס וועסטו טאָן מיט אַזוי פיל זשידאַנעס? — פרעגט מאַריאַ.

— זיי וועלן אויפשטעלן אַ דאָרף אויף מיין לאַנד — זאָגט בריטשעוואַן, גלעטנדיק זיין טאָכטערס האָר.

— אַ דאָרף?

— יאָ מיין קינד, אַ דאָרף.

— און עס וועט זיין אונדזער אייגן דאָרף?

— עס וועט הייסן אויף מיין נאָמען און איך וועל עס דיר שענקען.

— וואָס וועל איך טאָן מיטן דאָרף?

— עס וועט זיין דיינס! — צערטלט זי דער פאָטער, — ווען דו וועסט ווערן גרעסער, וועט עס שוין זיין אַ גרויס דאָרף, און איך וועל שיקן אַ פּאַפּיר צום קייסער, אַז ער זאָל מיר דערלויבן צו מאַכן פון עם דאָרף אַ שטאָט. און דערנאָך וועלן די זשידאַנעס עפענען קראָמען מיט אַלערליי סחורות מיט זיידנס און מיט בוימל, מיט זייף און מיט טשוועקעס און עס וועלן קומען

מענטשן פון אַלע דערפער און שטעט פון אַרום אויף אַ יאַריד.

— אַ יאַריד? — פרייט זיך פּאַטאַ מאַריאַ — איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אויף אַ יאַריד.

— וועסט האָבן אַן אייגענעם יאַריד און וועסט אַרויספאָרן מיט אַ קאַרעטע מיט פיר פערד...

— איך שטאַרב!... — כאַפּט זיך פּאַטאַ מאַריאַ ביים קאָפּ — טאַטוקע, ווי גיך ווערט דאָס אַלץ געשען?

— פּאַטוצע (מיידעלע), דו לאָז אַרויס דעם זשידאַן, זאָל ער גיין. וואו ער דאַרף גיין, אין זיין בורדעי, ווייל אויב ניט, ווערט דיין דאַרף ניט האָבן געזונט מענטשן.

— ניין, דעם זשידאַן וועל איך ניט אַרויסלאָזן — עקשנט זיך דאָס מיידל — איך האָב אים געפונען און ער איז מיינער.

בריטשעוואַן האָט זי אַראָפּגעלאָזט אויפן פּאָדלאָגע און ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך — איך דאַרף פאָרן אַ קוק טאָן צי עס זיינען ניט אָנגעקומען נאָך זשידאַנעס.

שייע איז דערווייל געלעגן אויבן אין צימער אַ פאַרשמאַכטער. ער איז אַראָפּ פון בעט אַ קוק טאָן צי עס איז דאָ אַ מעגלעכקייט פון דאַנען צו אַנטלויפן. ער איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פענצטער. דאָ זיינען געווען אַריינגעשטעלט טאָפּל־פענצטער, און די אינעווייניקסטע פענצטער זיינען געווען צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס. אינעווייניק אויפן ביישטידל איז געווען אָנגעשאָטן געלער זאַמד און דער זאַמד איז געווען באַשפּריצט מיט אָנגעשוירענעם, אַלערליי־קאָלירנדיקן וואָל.

דורכן פענצטער האָט זיך ערשט איצט, אין דעם ליכטיקן טאָג, פאַר שייען אַנטפּלעקט אַ גרויסער הויף מיט דריי זייטן פון פּאַדוואַלן געמאַכט פון שטיינער. די פּאַדוואַלן זיינען געווען הויך אַזוי ווי שטיבער מיט שינדלענע דעכער. עס זיינען אויך געווען פענצטערלעך אין זייערע ווענט. אויפן הויף זיינען געשטאַנען שאָף און אָקסן גרויסע און עס האָבן געיאָגט איבערן הויף לאָשעקעס מיט צעשויבערטע גריוועס און קאָדעס. דער שניי איז געלעגן אויף די דעכער פון די פּאַדוואַלן ווי שווערע היטלען. און עס זיינען אַרומגעגאַנגען מענטשן אין שאָפענע פעלצן. טייל האָבן געטראָגן אויף ווילעס גאַנצע סטערטעס מיט היי און האָבן געטראָגן פולע זעק אויף זייערע פּלייצעס.

— קיינער קוקט זיך אפילו ניט אום אויף מיר — טראַכט שייע. אים ווילט זיך טאָן אַ געשריי, ווען ער דערהערט טריט אויף די טרעפּ. ער גיט זיך מאָמענטאַל אַ וואָרף אויפן בעט און פאַרמאַכט די אויגן.

אין צימער איז אַריינגעגאַנגען די הויפּט־קאַמער־דינסט מיט די צוויי

פֿאַרפֿלאָכטענע צעפּ, וועלכע האָבן געגלאַנצט ווי צוויי שלאַנגען. זי האָט געטראָגן אויף אַ טאַץ אַ געבראָטענע לעמער־ריפּ, אַ קאַרטאָפל געבראָטן אין דער שאָלעכץ, אַ פּאָר רייפּטלעך ברוין־גאָל ברויט און אַ גלאָז מיט שאַ־פּענע מילך.

זי האָט געמיינט, אַז דאָס ייִנגל שלאָפט, האָט זי שטילערהייט זיך אַרי־בערגעבויגן צו אים.

— האָמנילי! (מענטשעניו) — האָט זי געזאָגט — שטיי אויף, עס איז שוין צייט צו עסן. עס איז געווען האַרציקייט, מוטערלעכעס אין איר שטים. און שייע האָט עס דערפֿילט, כאָטש ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. ער האָט געעפֿנט זיינע אויגן און דערזען די פֿרוי, וועמען ער האָט ערשט נעכטן ניט אַזוי פֿאַרטראָגן.

אָבער דאָס געשמאַקע עסן אויף דער טאַץ האָט אים שטאַרק פֿאַר־שמעקט און ער האָט זיך אויפֿגעזעצט און גענומען עסן.

די הויז־דינערין איז געשטאַנען מיטביידע הענט פֿאַרלייגט אויף הינטן און מוטערלעך געקוקט אויף דעם ייִנגל. זי איז אַליין געווען אַ מוטער פֿון עטלעכע קינדער, אַ שקלאַפֿין, וואָס האָט געפֿונען לייטזעליגקייט אין די אויגן פֿון דעם פּריץ בריטשוואַן, אַז ער האָט זי געמאַכט פֿאַר דער הויפּט־באַלעבאָסטע, באַלד נאָך זיין ווייבס טויט.

זי און איר מאַן זיינען דאָ אין הויף אויפֿגעוואַקסן און חתונה געהאַט און געאַרבעט פֿון קליינוויז־אָן. איר מאַן האָט געאַקערט און געזייט און זי האָט געמאַלאַיצעט מיט דער האַנט דעם ווייץ און געלושטשעט פּאַפּושויעס, געשפּינט וואָל, געטראָגן דעם פֿלאַקס צו דער ריטשקע און אויף שטייבער דעם פֿלאַקס אויסגעשלאָגן מיט אַ מאַגעלניצע, ביז ס׳איז געוואָרן פֿון אים ווייַ־סער פֿאָדעם. זי מיט איר מאַן האָבן פֿאַר זייער אַרבעט ניט געקראָגן גאָר ניט, סיידן נאָר געגוג צום עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ אין איינעם פֿון די קאַמערן וואָס אין הויף.

דאָרט האָט זי מיט איר מאַן געהאַט אַ ווינקל אין איינער אַ גרויסער קאַמאָרע, וואו עס האָבן געוואוינט נאָך עטלעכע פֿאַמיליעס. דאָרט האָט זי געבוירן קינדער פֿאַר איר מאַן בשותפות מיט דעם פּריץ. אַזוי האָט זיך גע־פֿירט אין הויף. ווען דער פּריץ האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף אַ שקלאַפֿין, האָט ער זי געקאָנט נעמען, ווען זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט...

איצט איז זי אַ הויפֿטלינג ביי אים אין הויז, זינט זיין ווייב איז אויף יענער וועלט. זי איז האַלב פּריצע און האַלב שקלאַפֿין. זי נעמט נאָך אַריין אַמאָל איר אייגענעם מאַן צו זיך אין קיך, אָדער אירע קינדער קומען אַמאָל אַריין אין קיך אַריין און זי גיט זיי עפּעס צו נאַשן. זי דאַרף עס טאָן אין

געהיים, כאָטש דער פריץ ווייסט גאַנץ גוט, אַז דאָס זיינען זיינע קינדער, מערער, ווי איר מאַנס...

זי האָט גרויס צער דערפון, ווי יעדע מאַמע... און אָט זעט זי פאַר זיך אַ מאַמעס אַ קינד... ווער ווייסט וואו זיין מוטער איז? צי ווייגט זי ניט דאָרט אירע אויגן אויס? און זי שטייט און האָט צער דערפון. זי וואָלט מיט אים גערעדט, פאַרשטייט ער ניט איר לשון...

— סאַראַקעלי (אַ רחמנות) — זאָגט זי צו זיך אין דער שטיל.

שייע מיינט, אַז זי שעפּטשעט עפּעס צו אים און ער הויבט אויף זיינע אויגן צו דער פרוי. זי גיט צו אים אַ שמייכל. שייע האָט מורא און קאָן פונדעסטוועגן זיין שמייכל צוריק ניט באַהאַלטן.

ער עסט זיך אָן, לעקט אויס אַלע ברעקלעך און די פרוי טראָגט אַוועק די טאַץ. אַזוי־אַ איז אַוועק דריי טעג און שייע איז געלעגן אַ נאַקעטער אין בעט, ווי ער וואָלט געווען אַ קראַנקער. ער איז געשטאַנען אָפט ביי די פענצטער, פאַרבאָרגן הינטער די פאָרהאַנגען און ארויסגעקוקט אין הויף אַריין. דאָס, וואָס ער האָט געזען, האָט אים, אַ קאָמענעצער יינגל, וועלכער האָט אין זיינע יונגע יאָרן קיינמאָל אַזוינס ניט געזען, געגעבן אַ באַגריף, אַז ער איז אין אַ הויף פון אַ זייער רייכן פריץ.

אָבער ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס מען האַלט אים דאָ פאַרשפּאַרט.

שייע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו געדענקען, וואָס ער האָט געלערנט אין חדר, כאָטש ער האָט זייער ווינציק געלערנט. אים האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס ער איז געווען אַזאַ שטיפער און ניט געוואָלט איינזיצן אין חדר. ער האָט ניט געקאָנט דאָס דאַוונען אויף אויסנווייניק. ער געדענקט נאָר די ערשטע עטלעכע ווערטער: מודה אני לפניך... און ער געדענקט ווי ער פלעגט אַמאָל לייענען קריעת־שמע, אָבער נאָר די ערשטע צוויי ווערטער: שמע ישראל... מער געדענקט ער ניט. ער האָט דען געוואָלט אַוועקגיין אויף דריי טעג? ער האָט נאָר געוואָלט אָפּנאַרן באַסיען... און ווער ווייסט וואָס זי טראַכט זיך דאָרט וועגן אים? צי זוכט זי אים שוין ניט אַרום אויף די פאַרשנייטע פעלדער? צי מיינט זי ניט, אַז ער איז פאַרפרוירן געוואָרן ערגעץ און איז שוין פאַרשאָטן געוואָרן מיט שניי? עס האָט דאָך נעכטן אַ גאַנצן טאָג געשנייט און עס איז געווען אַ גרויסע זאַווערוכע.

אָט וועט שייע זיין אַ משוגענער און בלאָנדזשען אין אַ זאַווערוכע!... שייע ליגט זיך אין אַ ווייך בעט און מען באַדינט אים...

ער גייט צו צום פענצטער און גיט אַ געשריי: — שייע ל ע ב ט!...

זיבעטער קאַפּיטל

אַז עס זיינען אַוועק דריי טעג און באַסיע האָט געזען, אַז שייע איז נאָך ניטאָ צוריק ביי איר אין בורדעי, איז זי אַריינגעגאַנגען מיט באַהאַלטענע טריט צו אים אין בורדעי אַריין. זי האָט געמיינט, אַז זי וועט אים דאָרט געפינען.

אָבער צו איר גרויס שטוינען האָט זי דאָרטן נאָר געטראָפן די צוויי שאָף און אַ קאַלטע טריניזשקע. די שאָף האָבן געמרוקעט און פאַר איר מורא געהאַט. און זיי האָבן זיך אויך מסתם געוואונדערט, וואו זייער באַלע־באָס איז. די מילך האָט שוין ביי זי אין די אייטערס צוגעשפּאַרט, ווייל קיי־נער האָט זיי ניט געמאָלקן עטלעכע טעג.

באַסיע איז אַרויס אין דרויסן און אָנגעהויבן צו שרייען: גוואַלד, יידן!...

די זון האָט געשניטן ווי מיט הייס־קאַלטע, שאַרפע מעסערס. עס האָט געבלענדט די ווייסקייט פון דעם שניי, אַזוי ווי ניי־געפּוצטער זילבער. די בורדעיס זיינען געווען טיף באַגראָבן אין דעם טיפן שניי, וועלכער האָט געשאָטן אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

אָבער אויף באַסיעס געוואַלדן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן שוואַר־צע פינטעלעך און עס איז באַלד אַרום באַסיען געוואָרן אַ רעדל מיט יידע־לעך, אַלע אַזוינע קליינע ווי זי, באַסיע.

— וואָסי? וואָס? ווער איז געשטאָרבן?

— שייע איז פאַרפאַלן געוואָרן! — ברעכט באַסיע אירע הענט.

— וואו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן?

— נישטאָ אין דער היים און ווער ווייסט, צי ער ליגט שוין ניט אונ־טער אַ באַרג שניי!...

— ווער?! וואָס?! פון וואַנען ווייסט זי?!

אָט אַזוינע קלאָץ־קשיות זיינען געקומען פון אַ סך מיילער, און באַסיע האָט פאַרבראָכן אירע הענט, און זאָגן דעם אמת האָט זי זיך געשעמט, נאָר זי האָט געגעבן סימנים, אַז זי ווייסט זיכער, אַז שייע איז נאָך נעכטן ניט גע־ווען אין דער היים... אוי, ווי איז איר!... און וואָס שווייגט מען, פאַר־וואָס לויפט מען אים ניט זוכן, אפשר ליגט ער ערגעץ אַ האַלב־דערפרוי־רענער!

— לאָמיר לויפן!...

— לאָמיר אים זוכן!...

— לאָמיר ניט שווייגן!...

— געוואַלד, יידן!...

די גאַנצע קאַלאַניע איז באַשטאַנען פון קליינע יידעלעך, וועמען די עלטערן האָבן געוואָלט ראַטעווען פון דינען ניקאַלאַי דעם ערשטן, אַלע כמעט נאָך קינדער. אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ראַטעווען אַ יידן, האָבן אַלע דערפילט אַ גרויסע אחריות און אַלע זיינען זיך צעלאָפן אי־בער דער פאַרשנייטער „דיאַל". דער אויבערשטער שניי איז נאָך ווייך. דער פראָסט האָט אים נאָך ניט פאַרהאַרטעוועט. מען גיט אַ טראָט מיט אַ פוס און מען זינקט אין טיפן שניי. און מען ברעכט דורך דעם אונטערשטן, פאַר־פרוירענעם שניי און דער פוס זינקט און מען קאָן אים שוין ניט אַרויס־שלעפן.

אָבער די קליינע עדה מיט די קליינע יידעלעך יאָגן זיך ווי אַ מחנה דערשראָקענע פייגל. זיי זיינען אַלע אָנגעפּעלצט און אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, אַז מען קאָן ניט דערקענען ווער עס איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי. זיי זיינען אַלע כמעט נאָך קינדער און כאָטש זיי זיינען דערשראָקן, קאָנען זיי זיך ניט צוריקהאַלטן פון דער נאַטירלעכער איינגעבוירענער פרייד, וואָס באַפאַלט קינדער, ווען זיי געפינען זיך פלוצים אויף אַזאַ ווייסער וועלט...

נאָר דאָס זיינען דאָך פאָרט יידישע קינדער און זייערע פרייד־געשרייען ענדיקן זיך דאָך מיט אַן „אוי" און מיט אַ קרעכץ...

זיי זיינען געלאָפן איבער די פאַרשנייטע פעלדער אין אַ לאַנגער שורה. יעדעס שטיקל בוריאַן, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון דעם שניי, האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז עס איז אַ פוס פון דעם פאַרפאַלענעם שייען.

און אָט האָבן זיי זיך צופעליק אָנגעשטויסן אויף אַ טאָרבע.

איידער וואָס־ווען האָט זיך דערהערט אַ גרויס געוויין: — אָט ליגט ער!...

— געוואַלד!

— איך חלש! — האָט באַסיע פאַרוואָרפן מיט איר קאָפּ.

— עס איז ער!

— גיכער, הויבט אים אויף!

עס זיינען צוגעלאָפן עטלעכע מיטאַמאָל און געטאָן אַ הויב אויף דאָס, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פונעם שניי.

— עס איז אַ טאָרבע! — האָט זיך דערהערט אַ פאַרצווייפלטער געשריי.

— אַ טאָרבע?!

— יאָ!

— ווי קומט אַהער אַ טאָרבע?!

— עס איז שייעס טאָרבע! — האָט באַסיע געטאָן אַ הייזעריקן קוויטש.

— שייעס טאָרבע ?!

— צו וואָס האָט אים געטויגט אַ טאָרבע ?

— ער איז מסתם געגאַנגען אַהיים קיין קאַמענעץ, — האָט באַסיע זיך צעוויינט און איר יונג האַרץ האָט איצט זיך געצאַפּלט מיט בענקעניש נאָך דער היימישער שטאָט קאַמענעץ, וועלכע זי וועט שוין מער ניט זען אין די אויגן.

— וואו־זשע איז שייע ?!

— אוי, דער ווינט האָט אים מסתם פאַרטראָגן !

— לאָמיר אים זוכן, ער מוז ליגן ערגעץ דאָ ניט ווייט.

און די גאַנצע מחנה האָט זיך געטאָן אַ לאָז אין אַלע זייטן און גענומען ראַיען דעם שניי מיט די הענט און מיט די פיס.

פאַרשטענדלעך, אַז זייער האָרעוואַניע האָט זיך ניט באַלוינט מיט קיין שום רעזולטאַטן. און אַזוי ווי עס איז געוואָרן נאַכט, האָבן זיי זיך אַלע אומגעקערט אַהיים. און אַלע זיינען אַריין אין שייעס בורדעי. און אַזוי ווי זיי האָבן נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל פון שייעס בורדעי, האָבן די יידעלעך אויסגעמאָלקן שייעס שאַף און זיי געגעבן צוביסלעך „פּאַפּשויע־מעל״, און די שאַף האָבן געלעקט צוביסלעך דעם שניי, וויל זיי זיינען געווען דורשטיק און זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז אַזאַ צונויפלויפעניש. זיי האָבן געקוקט מיט זייערע טאַמעוואַטע אויגן און נאַרישעוואַטע געקייעט. די יידעלעך האָבן אָנגעצונדן אַ קאַניצל און זיך געשטעלט דאַוונען מנחה.

אונדזער אַלט־באַקאַנטער עליע האָט געדאַוונט פאַרן עמוד. עליע האָט געהאַט אַ קולכל ווי אַ יונגע ציג. און ער האָט געזונגען דאָס דאַוונען מיט אַזאַ טרויעריקער שטים, אַז עס האָט די איבעריקע יידן אַריינגעבראַכט אין אַ טרויער ביז צום וויינען.

נאָך מנחה, ווען ס׳איז געקומען צום „קדיש זאָגן״, האָבן אַלע מאַנסבילן זיך צעשריגן „קדיש״, און ערשט איצט האָט מען געקאָנט זען, ווער עס איז אַ יידענע און ווער ניט.

עס איז דאָ אין בורדעי געווען קאַלט און ווילגאָטנע. האָט באַסיע באַלד נאָכן דאַוונען איינגעהייצט אונטער די טריניזשקעס און די עדה האָט זיך באַראַטן וואָס צו טאָן.

— מען וועט אים מאָרגן ווידער אַרויסגיין זוכן, — האָט געזאָגט עליע.

— אָבער מען האָט דאָך שוין געזאָגט קדיש נאָך אים, — וואָרנט אַ צווייטער.

— וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט, — ענטפערט עליע, ווי ער וואָלט געווען אַ זקן פול מיט חכמה.

— און וואָס וועט זיין, אויב מיר געפינען אים חלילה ניט ?

— הערט־אויף צו באַלעבעטשען! — שרייט אויף זיי אָן עליע — וואָס הייסט מען וועט אים ניט געפינען? אויב ער איז דאָ, ערגעץ אונטערן שניי, וועלן מיר אים געפינען. אויב ניט איצט, איז ווען דער זומער וועט דעם שניי צעלאָזן, וועט דער אמת אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער...

— אַ־ניט וועט דאָ אַמאָל זיין זומער? — שאָקלט זיך באַסיע און זינגט טרויעריק אירע ווערטער.

— אָ! אָט האָסטו דיר די צווייטע טעג יום־טוב... עס וועט שוין ביי איר נישט זיין קיין זומער... טאַטערל, וואו עס איז דאָ ווינטער, דאַרט מוז זיין זומער אויך! — זאָגט עליע.

— און וואָס וועט טאַקע זיין, אויב מיר געפינען אים נישט? — פרעגט חיהלע, עליעס ווייב.

— וועט עס מיינען, אַז שייע איז אַנטלאָפן קיין קאַמענעץ, — ענט־פערט עליע.

— און פאַרוואָס האָט ער איבערגעלאָזט די טאָרבע?

אויף דער קשיא האָט עליע, דער חכם, ניט געקאָנט ענטפערן.

סיי־ווי האָבן די יידעלעך אָפּגעמאַכט, אַז שייעס „בורדעי" זאָל פון היינט־אָן און ווייטער זיין זייער קלויז.

— מערצעשעם, אַז מיר וועלן דערלעבן און דאָ אויפבויען פאַר אונדז אַ שטאָט, וועלן מיר דאָ אויף דעם אָרט אַוועקשטעלן אַ קלויז, — האָט גע־זאָגט עליע, — אָבער דערווייל קאָנען מיר דאַוונען אין בורדעי.

— אוי־ווי, מען טיילט זיך שוין מיט דער ירושה, — האָט באַסיע ניט געקאָנט ליידן, — וואָס וועט איר טאָן, אויב שייע קומט אַ לעבעדיקער?

— און וואָס וועט דער פריץ זאָגן? — וואַרפט אַריין חיהלע.

— דער פריץ איז אַ כּוימעלע מאַק. אים דאַרף מען אינגאַנצן ניט דער־ציילן, — זאָגט עליע.

— און אַז ער וועט זיך אַליין דערוויסן?

— פרעג אים מאי דקאמרי אַ רביצין...

— ער פאַרשטייט סיי־ווי ניט קיין יידיש...

— און וואָס וועלן מיר טאָן מיט די שאָף?

— זיי וועלן זיין קהלשע שאָף פון היינט־אָן, — זאָגט עליע.

פאַרשטענדלעך, אַז די יידעלעך האָבן ניט אויפגעהערט צו זוכן שייען אַ גאַנצן ווינטער. און עס איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט אים טאַ־קע ניט געפונען.

נאָר באַסיע אַליין האָט געטרויערט נאָך אים מער ווי אַלע. זי האָט געפילט, אַז זי איז געווען שולדיק אין דעם פריצייטיקן טויט פון שייען. ווען זי זאָל געווען ניט זיין אַזוי האַרטנעקיג, וואָלט ער איצט געווען

אַ לעבעדיקער. זי איז שולדיק, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף דריי טעג אין דער וויסטעניש. נאָר גיי דערצייל דער וועלט אויף זיך אַליין...

האָט באַסיע געוויינט אין דער שטיל, ווען קיינער האָט ניט געזען. זי האָט זיך געהיט פאַר אירע צוויי ברידערלעך, יאָסל און ישראליק, אַז זיי זאָלן זי ניט כאַפּן אַ פאַרוויינטע. און וואו זי איז געגאַנגען האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז שייעס שאָטן גייט איר נאָך...

אַכטער קאַפּיטל

שייע האָט דערוויל געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו אַנטלויפן, אָבער כל־זמן מען האָט אים געהאַלטן, כמעט אַ נאַקעטן אין דעם אויבערשטן שטיבל, האָט ער גאָר פאַר זיך ניט געזען קיין האָפנונג. אויפן דריטן טאָג, פונקט דע־מאָלט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט באַסיען צו קומען צוריק, האָט ער דערהערט טריט אויף די טרעפּ. אין צימער איז אַריינגעקומען פּאַטאַ מאַריאַ מיט דעם פּריץ בריטשעוואַן. זיי האָבן פאַר אים געבראַכט אַ גאַרניטור מיט שטיוול, געזאָגט: „בוני דימנאַצי" (גוט מאָרגן) און דער אַלטער האָט אים אַרומ־גענומען און אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ.

שייע האָט געשמייכלט, ווי ער וואָלט געווען אַ גליקלעכער. ער האָט זיך אַזוי אומיסטן געמאַכט — אפשר וועט מען אים אָנהויבן צו געטרויען און דעמאָלט וועט ער אַנטלויפן.

זיי האָבן גערעדט צווישן זיך אויף זייער לשון און ער האָט געוואוסט, אַז זיי ריידן פון אים, ווייל זיי האָבן געקוקט אויף אים. ער האָט געפילט, אַז זיי ריידן ניט קיין שלעכטס וועגן אים, אַניט וואָלטן זיי ניט געשמייכלט.

און אין דער אמתן האָבן זיי איצט גערעדט צווישן זיך, ווי שיין דאָס יינגל איז און אַז ער קוקט אויס פונקט ווי בריטשעוואַנס פאַרשטאָרבענער זון און אַז די קליידער, וועלכע זיינען געבליבן פון דעם פאַרשטאָרבענעם, וועלן זיך זייער גוט פּאַסן פאַר דעם יינגל.

זייער פּלאַן איז שוין געווען אַ פאַרטיקער: בריטשעוואַן האָט דאָס יינגל מיט פּאַטאַ מאַריאַן געדאַרפט אַוועקפירן קיין קעשענעוו און זיי דאַרט אַריינגעבן אין פּאַנסיאָן, וואו מען זאָל זיי לערנען אויך די רוסישע שפּראַך.

שייע האָט פאַרשטענדלעך ניט געוואוסט, וואָס מען וויל מיט אים טאָן. דאָס מיידל מיטן פּאָטער זיינען דאָן אַרויס פון צימער און שייע האָט זיך אָנגעטאָן. ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געהאַט אַזאַ גאַרניטור און אַזוינע שיך.

דער גאַרניטור איז געווען אַ בלויער, אַ געוואַנטענער און אַ האַריקער

ווי די פעל פון אַ חיה. און די שטיוול מיט געפּאַלדעוועטע כאַליעוועס, אַזוי ווי די פּאַלדעלעך פון אַ „גאַרמאָשקע.‟

עס איז אַריינגעקומען אַ בחור מיט אַ באַגראַדעטער היטשקע האָר אויף זיין באַקן מיט אַ לאַנגן האַלדז און מיט אַ קורנאָסע נאָז; זיין פּנים אָן אַ ברעקל האָר, כאָטש ער וואָלט שוין על־פּי־שכל געדאַרפט האָבן די באָרד. ער האָט געשמייכלט און זיינע בלויע אויגן האָבן זיך צוליב דעם שמייכל אין די דרויסנדיקע ווינקלען אַביסל אויסגעבויגן אויף אַראָפּ.

דער בחור איז דאָס געקומען העלפן שייען זיך אָנטאָן. ער האָט אויף שטום־לשון געוויזן שייען, אַז ער וויל אים העלפן זיך אָנטאָן.

שייע איז ניט געווען געוואוינט, אַז מען זאָל אים אָנטאָן — וואָס איז ער, אַ פּיצל קינד?

נאָר אַזוי ווי ער האָט געוואָלט וויזן, אַז ער איז שטיל ווי אַ קעצעלע, האָט ער זיך געלאָזט באַדינען. דער בחור האָט אים אָנגעטאָן די שטיוול און שייע האָט זיך אויפגעשטעלט און געטאָן אַ קנאַק מיט זיי, ווי אַ סאָלדאַט.

דערנאָך האָט אים דער בחור אַראָפּגעפירט אונטן אין שטוב אַריין. אין יענעם אינדערפרי האָט שייע געגעסן איבערבייסן אין סטאָלאָווע, וואו עס איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט אַ סך בענקלעך. דאָס מעבל איז געווען אַזעלכעס, וואָס שייע האָט אין זיין לעבן קיינמאָל ניט געזען. ביי זיין טאַטן אין קאָמענעץ איז געווען אפילו אַ באַלעבאַטיש הויז, אָבער זיי האָבן ניט גע־האַט קיין גבירעשאַפט. שייע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טאָר זיך ניט שרעקן פאַר די אַלע זאַכן. ער איז דאָך אין דער היים געווען „שייקע שייגעץ‟ — וועט ער זיי וויזן ווער ער איז.

ער האָט געטאָן אַ רוק מיט איינעם פון די טייערע בענקלעך, אַזש עס איז שיער ניט געוואָרן אַ לאָך אין דער פּאָדלאָגע. מיט אַ ריס האָט ער זיך געטאָן אַ זעץ אַוועק ביים טיש און אָנגעצויגן אַ פּנים פול מיט ווירדע. דאָס עסן איז געווען געשמאַק און מען האָט אים דערלאַנגט אַזוינע מאכלים, וואָס ער האָט אפילו אין אַ שבתדיקן טאָג ניט געזען ביי זיין טאַטן.

ביים טיש איז מאַריאַ געזעסן פּונקט אַנטקעגן אים און נאָך יעדן ביסן האָט זי געטאָן אַ קוק צו אים און געשמייכלט. שייע האָט קיין ברירה ניט געהאַט און צו איר אויך געשמייכלט. און נאָכן עסן איז שוין געשטאַנען גרייט אַ גוטער שליטן מיט צוויי ברענענדיקע פערד. האָט שייע זיך גע־טראַכט: „לאָז זיי נאָר אַריינקומען אין דער מחשבה מיך מיטצונעמען אויפן שליטן‟. און אַזוי איז טאַקע געווען.

עס איז ווידער אַריינגעקומען דער בחור מיט די שמייכלענדיקע אויגן און שייען אָנגעטאָן אַ פּיזינעם טולופּ און פון אויבן אויפן טולופּ אַ בורקע

מיט אַ באַשליק אַרום האַלדז און מיט אַ רויטן גאַרטל אַרום די לענדן. אויך האָט מען אים געגעבן אַ פּאָר הענטשקעס פון וואָל.

די דינסט האָט אויך אָנגעטאָן פּאַטאַ מאַריאַן ווי אַ הויפּטל קרויט און דער אַלטער פריץ האָט זיך אויך אָנגעטאָן און אַלע דריי זיינען אַרויס אויפן גאַניק.

שייע האָט זיך מחיה געווען, ווען ער האָט דערזען די ליכטיקע וועלט! שוין דריי טעג ווי ער האָט ניט אָנגעזען דעם דרויסן. און ווי שיין עס איז אין דרויסן!

דער שניי בלישטשעט אַנטקעגן דער זון ווי קרישטאָל. אויף מיילן אַרום איז דער שניי ניט אָנגערירט פון קיין מענטשלעכן פוס.

שייע מאַכט שוין פּלענער ווי אַזוי ער זאָל אַראָפּשפּרינגען פון שליטן און אַנטלויפן. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען פירט אים איצט אין אַ קלויס־טער צום שמדן.

זעצט ער זיך ביים ברעג און דער לאַקעי דעקט אים איין די פיס מיט אַ בערן־פעל. אָבער ווען דער אַלטער איז אַרויסגעקומען, האָט ער שייען געהייסן זיך זעצן אין דער מיט. ער האָט אים פשוט געטאָן אַ שטופּ אַוועק אין דער מיט פון זיץ און דאָס מיידל האָט זיך געזעצט אין איין זייט און דער אַלטער פון דער אַנדער זייט.

אויפן זיץ ביי דער קעלניע איז געזעסן אַ קוטשער און אויך דער לאַ־קעי האָט זיך אַוועקגעזעצט. דאָס איז שוין געווען שלעכט.

דער לאַקעי איז געווען אַ יונג מיט ביינער. פון אים צו אַנטלויפן וועט שייען זיין שווער. ער האָט פאַרמאָגט צוויי לאַנגע פיס ווי דער גלות.

מילא, מען וועט שוין זען.

דער קוטשער האָט געטאָן אַ פייף און דער שליטן האָט געטאָן אַ פלי ווי אויף פליגל. און פאַר שייעס אויגן פליען פאַרביי ווייסע פליינען מיט טאָלן און בערג און דער שליטן שניידט צוויי טיפע שניט אין דעם אומבאַ־רירטן שניי. שייע קאָן ניט קוקן אין דער ווייסקייט; עס בלענדט זיינע אויגן. די צוויי פערד צעשפּרייטן זייערע קאָדעס און מיט די פיס צעשטויסן זיי דעם שניי און עס פליען גליענדיקע פונקען גלייך אין די אויגן אַריין.

שייע קוקט זיך אַרום צי ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז ער זאָל זיך אַרויס־וואַרפן פון שליטן. עס איז שלעכט! דער פריץ האַלט זיין האַנט אַרום אים און רעדט עפּעס צו אים צערטלעך. אויך דאָס מיידל האַלט זיך צו אַרום אים. עס איז אים וואַרעם און גוט. די שטאַרקע לופט שניידט זיך אַריין צו אים אין די נאָז־לעכער; עס בריט די שפּיץ פון דער נאָז ווי מיט הייסע קוילן. און פון דער אומענדלעכער ווייסקייט פאַרמאַכן זיך די אויגן און עס ווילט זיך אַזוי איינדרימלען. שייע הויבט אָן צו חלומען. נאָר ווען עס גיט זיך

דער שליטן עפּעס אַ ריס און גליטשט זיך אַוועק אין אַ זייט, כאַפּט זיך שייע ווידער אויף און גיט זיך אַ טרייסל און דערפּילט, אַז ער איז האַרט אַריינ־געפּרעסט צווישן דער מיידל מיט איר פּאַטער.

עס איז שוין ניטאָ קיין סימן פון דעם הויז מיט זיינע שטאַלן. עס איז ניט מער, ווי ווייסקייט אויף דער ערד און ווייסקייט אויפן הימל. די זון איז אַ קליינע, אַ שפּיזלדיקע.

דער הימל איז ערטערווייז באַדעקט מיט ווייסע, קוטשעראַווע כמאַ־רעלעך, ווי מיט וואָל. עס זעט אויס ווי טשערעדעס מיט ווייסע שאָף, וואָס האָבן געקרייזלטע האָר. עס בלאָזט אַ שטיל ווינטל. די ווייסע שאָף־כמאַ־רעס גייען אַרום איבערן הימל. עס איז ניטאָ קיין פּאַסטוך און זיי גייען וואו זיי ווילן.

„וואוהין פירן זיי מיך?“, פרעגט זיך שייע.

ער איז ניט קיין שרעקעוודיקער. ער וועט זיך ניט אוועקזעצן וויינען. וואוהין זיי וועלן אים ניט ברענגען, וועט ער ניט פאַרפאַלן ווערן. זיי זיינען אַזוי־אַרום פאַרנאַכט־צו אָנגעקומען אין אַ פרעמדער שטאָט. שפּעטער האָט שייע זיך דערוואוסט, אַז די דאָזיקע שטאָט הייסט בעלץ. אָבער איצט האָט ער נאָר געזען, אַז עס איז ניט אַזאַ שטאָט ווי קאַמענעץ. דאָ זיינען ניטאָ קיין בערג מיט טאָלן אין מיטן שטאָט. עס איז אויך ניטאָ קיין בריק מיט פעסטונגען. די גאַנצע שטאָט זעט אויס ביי שייען אין די אויגן, ווי זי וואָלט געלעגן אין דרויסן אויף אַ גלייכן פּלאַץ. און זי איז ניט באַשיצט פון גאָר־ניט. דער שליטן איז צוגעפאָרן צו אַ גרויסער ווייסער הויז. אויפן גאַניק איז אַרויסגעקומען אַ מאַן מיט אַ קרומען פוס און מיט אַ שטעקן. זיין באָרד איז געווען קיילעכיק געשוירן און אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ קאַראַקו־לענע קוטשמע. וועדליג ער האָט גערעדט וואָלעכיש, האָט שייע געקאָנט שווערן, אַז ער איז אַ ייד. אָבער ער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם קרומען מענטשן און געהיט זיין יעדן קער.

מען האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ גרויסער שטוב מיט אַ פּאָדלאָגע אַ רויט־געפאַרבטער און מיט לאַנגע דיוואַנעס ביי די ווענט. אויף אַ טיש מיט גרינעם געוואַנט האָבן ליכטיק און האַרציק געברענט צוויי גרויסע סטעַ־אַרינאָווע ליכט. עס האָט זיך געפילט אַ ליבע וואַרעמקייט. דער קרעמער האָט אַרומגעפּאַדיעט און איז אַריין און אַרויס און עס האָט זיך באַלד באַ־וויזן אַ מעשענער „סאַמאָוואַר“, וועלכער האָט געזונגען אַ שטיל, שיין ליד, און פונקען האָבן פון די לעכעלעך אַרום זיינע פיס געשאָסן אין אַלע זייטן. דעם סאַמאָוואַר האָט געבראַכט אַן עלטערע פויערטע אָנגעטאָן אין אַ ווע־רעטע, געפאַרבט אין גרויסע קובן פון רויט און גרין. זי איז געגאַנגען מיט

באַרוועסע פיס, און די הויט פון די פיס איז געווען שוואַרץ און מיט אָדערן, ווי ביי אַן אַלטער הון.

שייע האָט געהערט, אַז דער פריץ רופט דעם קרומען „מאָשעי.״

„איז ער אַ ייד?״, האָט שייע זיך געפרעגט. דער קרומער איז ווירקלעך געווען אַ ייד מיטן נאָמען משה דאַבריש. ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע די פּאַטשט. אין יענער צייט זיינען נאָך אין יענעם געגנט פון בעסאַראַביע ניט געווען קיין אייזנבאַנען. די פּאַטשט האָט געדינט אויך ווי אַן איינפאַרהויז פאַר די רייכע פּריצים און נאַטשאַלסטווע. משה דאַבריש איז געווען אַן איינפלוסרייכער ייד און האָט געשמט אין גאַנצן געגנט מיט זיין גוטהאַרציקייט און ער האָט געטאָן זייער פיל טובות פאַר מענטשן, וואָס זיינען געווען אין אַן צרה.

משה דאַבריש האָט גוט געקענט אַלע פּריצים און אויך בריטשעוואַנען. ער האָט געוואוסט, אַז אָט־דער פּריץ האָט ניט קיין זון. האָט עס אים געוואונדערט, ווען ער האָט איצט באַמערקט, אַז ער פירט מיט זיך אַ „פּאַניטש״. נאָר פרעגן ביי בריטשעוואַנען האָט ער ניט געקאָנט.

משהס ווייב, פרומע, האָט זיך אויך געוואונדערט. זי איז געווען אַ שיינע ברונעטקע מיט אַן עכט יידישלעך פּנים מיט צוויי ברענענדיקע, שוואַרצע אויגן. זי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי אַלע פּריצים. זיי האָבן זי מער ליב געהאַט ווי איר מאַן. זי איז געווען אַ גרויסע ווירטין און געהאַלטן דעם „זאַל״, וואו די געסט פלעגן פאַרפאָרן, זייער ריין. זי האָט אויך אָפט פאַר די פּריצים געקאָכט אַ יידישן מאַלצייט, ווי געפילטע פיש אָדער לאָקשן מיט יויך און די פּריצים האָבן פון אירע מאכלים שיער ניט איינגענומען „די כפּרה.״

פרומע האָט אויך פאַר בריטשעוואַנען געמאַכט אַ וועטשערע און אַליין דערלאַנגט צום טיש. בשעת־מעשה האָט זי געטאָן אַ זאָג צום פּריץ:

— וואו האָסטו געגומען אַזאַ שיין „פּריצל״? דאַכט זיך, אַז ביי דיר איז נישטאָ קיין ייִנגל... אָך, אָך...

— דאָס איז מיינער אַ קליין „יידעלע״, וועלכן איך וויל אויסהאָדעווען... — האָט בריטשעוואַן געזאָגט גוטמוטיק, ווייל עס האָט אים זייער פאַרשמעקט די געשמאַקע יויך אין דער וואָזע.

— אַ „יידעלע״?! — וואונדערט זיך פרומע, — וואו האָסטו אים גענומען?

— ביי מיר אין איינעם פון מיינע דערפער — באַרימט זיך בריטשעוואַן.

— קאָן איך מיט איםריידן אין מיין מוטער־שפּראַך? — קאָקעטירט פרומע.

— אויב דו ווילסט...

— ייִנגל, ווי הייסטו? — ווענדט זיך באַלד און אומדערוואַרט פרוּ־מע גלייך צום „פּאַניטש.“

— איך הייס שייע.

— האָסטו אַ מאַמע?

— געזונט זאָל זי זיין — ענטפערט שייע.

— און אַ טאַטן?

— יאָ.

— איז עס ניט קיין מזל פון אַ ייִנגל!... — פאַרענדיקט פרומע.

און מיט דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. דער פּריץ האָט אָפּגעגעסן די וועטשערע און זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן. אין דעם אייגענעם צימער האָט זיך אויך געלייגט פּאַטאַ מאַריאַ אויף אַ דיוואַן שלאָפן. אויך שייע האָט זיך געלייגט אויף אַ דריטן דיוואַן. דאָס ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן.

שייע האָט געוואַרט אַ שטיקל צייט, ביז ער האָט געהערט דאָס כראָפּן פון בריטשעוואַנען. דאַן האָט ער זיך שטילערהייט אַראָפּגעכאַפּט פון די־וואַן און איז אין דער פינצטער צוגעגאַנגען צו דער טיר. ער האָט געוואָלט עפענען די טיר, אָבער זי איז געווען פאַרשלאָסן.

איז ער צוריקגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און זיך געלייגט.

דורך די גרויסע פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ ליכטיקע ווינטער־נאַכט. דאָ איז געווען וואַרעם און שייע האָט געקאָנט הערן ווי עס קלאַפּן די הערצער פון זיינע מיטשלאָפער. אַזוי שטיל איז געווען אַרום און אַרום.

נײַנטער קאַפּיטל

ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן און אין די פענצטער איז געוואָרן בלוי, איז בריטשעוואַן אויפגעשטאַנען און אויפגעוועקט מאַריאַן און שייען. מען האָט ווידער דערלאַנגט אַ זינגעוודיקן סאַמאָוואַר און מען האָט געבראַכט זעמעלעך און פרישע בייגל. באַלד נאָך דעם איז שוין דער שליטן געשטאַ־נען פאַרטיק ביי די טרעפּ.

ווידער איז מען געפאָרן איבער ווייסע פליינען און דער שליטן האָט געשניטן צוויי ליניעס אין דעם ניט־באַרירטן טיפן שניי. די זון איז אויפ־געגאַנגען און פאַוואָליע אַרויסגעקראָכן פון יענער זייט פון אַ ווייסן באַרג. עס איז געווען צויבערלעך. שייע האָט ניט געקאָנט וויסן, צי די זון הויבט זיך, צי דער באַרג זינקט איין. ער איז געזעסן ווידער אַריינגעפּרעסט צווישן דעם פּריץ און זיין טאָכטער און מיט פאַרזשמורעטע אויגן באַטראַכט דאָס

גרויסע וואונדער, ווי אַזוי עס האָט זיך געטאָן אַ באַוויז אַ רויטער שניט אין דעם בלויען הימל און עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן ליכטיקער און ווייסער; ווי אַזוי די בלויקייט פון דעם פרימאָרגן איז געוואָרן ריינער און ווייסער, ביז די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן. עס האָט זיך געטאָן אַ צינדט־אָן דער שניי מיט אַ רויטן זייל־פונקט אין דער ברייט פאַר די פיס פון די פערד. און עס האָט זיך אויסגעוויזן ווי די פערד האָבן געפּראַוואַט אַריבערשפּאַנען איבער אָט־דעם זייל, נאָר דער זייל איז אַנטלאָפן פון זייערע פיס.

שייע האָט שוין אויפגעהערט צו טראַכטן פון אַנטלויפן. דערזוויל איז אים געווען וואַרעם און קיין שום שלעכטס איז מיט אים ניט געשען.

ער איז קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געפאָרן אין אַזאַ שיינעם שליטן מיט אַזוינע פערד, וואָס זיינען געפלויגן ווי אָדלערס. די גלעקלעך אויף די כאָמעטעס האָבן געקלונגען פריילעך. און ווען מען איז אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג און די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל, האָט זיך דער שליטן אָפּגעשטעלט. דער לאַקעי איז אַראָפּגעקומען פון דער הויכער קעלניע און געגעבן דעם אַלטן צו טאָן אַ זופּ פון אַ פלאַש און אויך עפּעס צובייסן. ער האָט אויך שייען ניט פאַרטיילט. דער געטראַנק פון דער פלאַש האָט געמוזט זיין אַזאַ מין ווישניאַק אָדער עפּעס אַזאַ מין טייערע משקה, וואָס איין זופּ פון דעם איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים. פאַרבייסן איז געווען וואָס — פון אַ סוכאַר ביז געפילטער קישקע און ביז אַ געשמאַק שטיקל קאַטשקע־וואַל. און ווידעראַמאָל אַ זופּ פון אַן אַנדער פלאַש, עפּעס אַזאַ מחיהדיקע משקה. און ווידער איז מען געפאָרן ווייטער איבער פוסטע, ווייסע פעלדער, ביז מען איז אַנטקעגן נאַכט צוגעפאָרן צו אַ גרויסער שטוב מיט אַ דאַך, וואָס איז געווען באַדעקט מיט ווייסן שניי. דאָס הויז האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן טויער צום וועג. דער טויער איז געווען פאַרמאַכט און מען האָט דאָרטן ניט געזען קיין נפש. בלויז אַ פאַסיקל רויך, וואָס האָט זיך געצויגן צום הימל פון דעם קוימען, האָט עדות געזאָגט, אַז דאָרטן אינעווייניק איז יאָ דאָ אַ לעבן...

אַז דער שליטן האָט געטאָן אַ פאַרפאַר צום טויער, איז דורך אַ קליינעם שפּאַלט אַרויסגעקומען אַן אַלטיטשקע מיט אַ פאַטשיילע אויפן קאָפּ און אַ שאָפּענעם פעלץ אָנגעטאָן.

— דאָמנילע! (האַר!) — האָט די אַלטיטשקע געזאָגט, און צעעפנט ברייט דעם טויער, אַלס אַ סימן, אַז די געסט זאָלן אַריינפאָרן.

די געסט האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן און זיינען אַראָפּ פון שליטן און באַלד ביים אַריינגיין דורך דעם טויער האָט מען געזען, אַז דער דאַך פון דער שטוב איז ניט פון שניי, נאָר פון שטרוי. די שטוב איז געווען אייבערגעטיילט אין דער מיט, מיט אַ גרויסער „פּאַנאַריאַ" (שטאַל), וואו עס האָט געשמעקט מיט פערדענע באַלינקע און מיט היי. אין דער מיט, פון די

קראָקוועס אַרונטער, איז געהאַנגען אַ לאַמטערן, אַ גרויסער, פון האָלץ, מיט גלעזערנע שייבלעך, אין וועלכן די אַלטיטשקע האָט באַלד אָנגעצונדן אַ ליכט. עס איז פון דעם געוואָרן אַביסל ליכטיקער און מען האָט געקאָנט זען, אַז עס איז דאָרטן דאָ זשאַלאָבעס פאַר פערד.

עס זיינען געווען צוויי טירן פון ביידע זייטן פון אָט דער שטאָל. און דורך איין טיר האָט די אַלטיטשקע אַריינגעלאָזט די געסט אין אַ גרויסן צי־מער מיט ווייסע ווענט און מיט אַן ערדענער פּאָדלאָגע, וועלכע איז געווען געל, ווי פריש אויפגעגראָבן ליים. דאָ איז געשטאַנען אַ לאַנגער דיוואַן און אויף אים איז געווען אָנגעלייגט קישנס ביז צו דער סטעליע. און קאַלט איז אין דעם צימער געווען, נאָך ערגער ווי אין דרויסן.

בריטשעוואַן האָט מיט דער אַלטיטשקער געריעדט וואָלעכיש און זי געקלאַפּט אויף איר געהויקערטער פּלייצע. שייע האָט ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלטע איז אַן עכטע מאָלדאַ־וואַנקע.

אָבער אינגיכן האָט ער געזען זיין טעות, ווען עס האָט זיך באַוויזן אין דער טיר פריער אַ גרויסער זאַק מיט שטרוי און דערנאָך אַ קליין דאַר יידעלע מיט אַ ציגן, גרוי בערדל און מיט געקרייזלטע גרויע פּאות, אַזוי ווי צוויי שאַרפע עגבערלעך, און מיט אַ שמויסענער קוטשמע און אונטער דער קוטשמע אַ טיפע יאַרמעלקע, וואָס האָט פאַרדעקט זיין קאָפּ ביז צום נאַקן. דער ייד האָט געעפנט אַן אייזערן טירל אין איינער פון די ווענט און אין דעם טיפן מויל פון דער וואַנט אָנגעשטאָפּט אַ סך שטרוי, אַקוראַט ווי די וואַנט וואָלט געווען אַ בהמה, צי וואָס. דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אונטערגעצונדן דאָס שטרוי און אין צימער איז געוואָרן ליכטיק און דאָס שטרוי האָט געפלאַקערט און געשטרעקט לאַנגע צינגער דורכן טירל און געלאַכט און אָנגעפילט די שטוב מיט פריילעכקייט.

שייע האָט זיך געוואונדערט, וואָס דער דאָזיקער ייד שוויגט און ענט־פערט גאָרניט אויף די רייד פון דעם פריץ בריטשעוואַן. ער האָט געמיינט, אַז ער איז אַ שטומער. זיין פּנים האָט טאַקע אויסגעוויזן זייער געל און נאָר דער פלאַם פונעם שטרוי האָט דאָרטן אויף די דאַרע באַקן פאַרפלאַנצט צוויי קיילעכיקע רויזן.

דער ייד האָט אָנגעהייצט די הרובע און איז אַרויסגעגאַנגען. און ערשט שפּעט ביינאַכט, ווען שייע האָט ניט געקאָנט שלאָפן, ווייל עס האָט אים גע־מוטשעט די מחשבה וועגן באַסיען דאָרטן אין „בורדעי״, און ער איז אַראָפּ־געגאַנגען טאָן אַ קוק דורך דעם קליינעם פענצטערל וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, האָט שייע דערזען, אַז עס איז אַ זאַווייע. דאַן האָט ער געזען ווי דער

ייד איז אַרויסגעקומען מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט און פון זיך אַראָפּגע־וואָרפן זיין פּעלץ און אַ נאַקעטער זיך גענומען קאַטשן אין שניי.

שייע האָט זיך דערשראָקן. ער האָט זיך געגוג אָנגעהערט פון זיינע חברים וועגן שדים און אַלערליי רוחות. ניט אַנדערש, אַז דער דאָזיקער ייד מוז זיין עפּעס פון אַן אַנדער וועלט, ווייל אַניט, וואָס עפּעס קאַטשעט ער זיך אין שניי, ווי אַ פערד?...

שייע האָט שוין ניט געקאָנט איינשלאָפן די דאָזיקע נאַכט. פון אַנט־לויפן איז געווען אָפּגערעדט. די טיר איז געווען פאַרלייגט מיט אייזערנע פּרענטעס און פאַרשלאָסן. דורך דעם איינציקן פענצטערל איז אויך געווען אוממעגלעך צו אַנטלויפן, ווייל דאָס דאָזיקע פענצטערל איז געווען פאַר־קלעפּט מיט ליים און אַ דאָפּלטעס, אַ פּידוואָינע. איז ער געלעגן מיט אָפענע אויגן ביז טאָג. אין דרויסן האָט געוואָיעט אַ ווינט און אפשר איז דאָס געווען דאָס קול פון דעם יידן... אויף מאָרגן מיטן קאַיאַר, האָט די אַלטיטשקע געבראַכט פרישע מילך, סמעטענע מיט הייס, נאַר־וואָס געבאַקן ברויט. בריטשעוואָן מיט זיין טאָכטער און שייע מיט דעם לאָקעי האָבן זיך גוט אָנגעגעסן. באַלד האָט דער שליטן זיך גערירט פון אָרט. דער שניי איז נאָך געגאַנגען מיט פלאַכטעס אין־דער־קרום און געשמיסן אין פּנים און אַלעמאָל האָט דער ווינט געטאָן אַ הויב־אויף הויפנס מיט שניי, אַזוי ווי פע־דערן פון אַן אויפגעטרענטן קישן און מיט אַ קוויטש זיי צעוואָרפן איבער דער לופט. אַלע פאַרשוינען אויפן שליטן זיינען געוואָרן ווייס פון שניי און דער ווינט האָט געבלאָזן פון צפון־זייט און אָפּגעביסן שטיקער פון נע־זער און די וויעס פון די אויגן זיינען געוואָרן באַדעקט מיט אייז.

אָבער עס איז פאַרט געווען וואַרעם אין די פיס און די צוויי לייבן־פערד האָבן געטראָגן דעם שליטן ווי אויף פליגל און עס האָט זיך שייען אויסגעוויזן, אַז ער פאָרט ניט אויף דער ערד, נאַר ערגעץ אין דער לופטן.

זיי זיינען נאָך אַזוי געפאָרן צוויי טעג, ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין קעשענעוו. דאָרט האָט שייע דערזען ווידער אַ גרויסע שטאָט, וואָס איז גע־ווען אַנדערש ווי זיין קאַמענעץ. זיי זיינען געפאָרן מיט אַ לאַנגער גאַס מיט לאַמטערנעס און מיט בוימער. אויף בײדע זייטן גרינע און רויטע מויערן מיט שטיינערנע טרעפּ, מיט בלעכענע דעכער. אַרום די מויערן ביימער מיט פאַרשנייטע צווייגן, ווי מיט וואַטע איינגעוויקלטע. אויף ביידע זייטן גאַס גייען מענטשן. עס קלינגט די רוסישע שפּראַך אויסגעמישט מיט דעם גע־לעכטער פון פרויען ווי ערגעץ אין אַ טיפן וואַלד. פון די מויערן לויכטן גרויסע פענצטער מיט גאַרדינען. עס זעען זיך ליכטיקע ווענט און דאָ און דאָרט גיט אַ שווועב פאַרביי אַ פאָרטרעט אויף אַ וואַנט. דער שליטן גליטשט זיך אויף דעם אויסגעפּראָרענעם וועג אין מיטן גאַס.

שייען ווערט וואָרעם אויף דער נשמה, וואָס ענדלעך איז ער אין אַ גרויסער שטאָט. נאָר ווען דער שליטן שטעלט זיך אָפּ ביי אַ זייער גרויסן, רויט־ציגלדיקן מויער מיט אַ פּלויט פון אייזערנע שטאַנגען, ווערט אים ווידער שווער אויפן האַרצן. ווער ווייסט וואָס זיי ווילן טאָן מיט אים ? ...

עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס איז אַן אָסטראָג. ווייל צו וואָס טויג זיי אַזאַ הויכער פּלויט און פאַרוואָס איז דאָס הויז אַזוי כמורנע אָפּגע־פאַרבט און מיט לאָדן אויף די פענצטער און פאַרוואָס זיינען די לאָדן צו־געמאַכט ?

שייע האָט זיך כמעט ניט אָפּגענאַרט, ווייל אויב קיין אָסטראָג איז דאָס ניט געווען, איז ער אָבער דאָרט געהאַלטן געוואָרן אַזוי ווי פאַרשפאַרט.

בריטשעוואַן האָט געבראַכט שייען און אויך זיין טאָכטער פּאַטאַ מאַריאַ אין אַזאַ קאַטויילישער שול, וואו עס זיינען געווען צוויי באַזונדערע אָפּטיי־לונגען, וועלכע זיינען געווען צעטיילט מיט אַ שטיינערנעם פּלויט, איין אָפּ־טיילונג פאַר מיידלעך און אַ צווייטע פאַר יינגלעך.

שייען האָט מען אָנגעטאָן אַזאַ גרויען גאַרניטור מיט שוואַרצע פּאַסן אויף ביידע זייטן פון די הויזן. מען האָט אים אויך אָנגעטאָן אַ קליין היטע־לע מיט אַ גלאַנצנדיקן דאַשעק און מיט אַ קנאָפּ אויף דער קאָקאַרדע. אָבער דאָס וואָלט נאָך געווען פון די גאָר קליינע צרות. שייע האָט אפילו ליב גע־האָט דעם נייעם קאָסטיום.

זיינע לערערינס, הייליקע שוועסטער, אָנגעטאָן אין שוואַרצן און פרו־מע באַשעפעניש, וואָס יעדער גלאַנץ מיט די אויגן זייערע און יעדער ריר מיט זייערע ליפּן האָט געבלאָזן מיט מורא און מיט יענער וועלט, האָבן אים געהיט אויף יעדן שריט און טריט ... שייע האָט קיינמאָל פריער ניט מורא געהאַט פאַר יענער וועלט. אַזאַ יינגל איז ער געווען ... האָבן זיי אים זיך איינגעגעסן אין דער זיבעטער ריפּ און ער האָט זיי געהאַסט ווי דעם טויט. און עס איז אים ניט געווען גוט פון זייער פּרעפּלען און פון זייערע שוואַר־צע טענדע־ווערענדעס. געלערנט האָט מען אים לייענען און שרייבן רו־סיש, דאָס איינציקע נוצלעכע פאַר אים. די איבעריקע זאַכן מעגן זיי האַלטן פאַר זיך ...

ער האָט געמוזט אויפשטיין פּונקט אין אַ געוויסער צייט, ווען דער גלאָק האָט געקלונגען. ער האָט געמוזט אַליין זיך פאַרבעטן דאָס בעט און אַליין האַלטן ריין זיין צימערל. און כאָטש דאָס איז אויך ניט געווען פון די גרויסע צרות, ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך שייע ניט אַרויסגעקומען פון די „הויכע פענצטער", אַז ער זאָל מורא האָבן איינצושמירן די הענטלעך.

אָבער פונדעסטוועגן איז עס אים געווען פריקרע. וואָס איז ער עפּעס אַ יידענע, וואָס ער דאַרף אַליין צוראַמען דאָס צימערל ?

דאָ זיינען געווען אַ סך רייכע זינדלעך פון פּריצים און אַלע האָבן גע־מוזט ראַמען זייערע צימערן, נעבעך... און שוין דאָס אַליין האָט שייען זייער פיל הנאה געטאָן. ער האָט זיך מיט זיי ניט געקאָנט חברן, ווייל ערשטנס האָט ער ניט געקאָנט גוט ריידן, ניט קיין רוסיש און אויך ניט קיין וואַלעכיש.

זיי ווידער, פון זייער זייט, האָבן, ווייזט אויס, דערשמעקט ווער שייע איז... כאָטש שייע האָט זיך זייער געהיט פאַר זיי אַלעמען, ווען ער האָט זיך געדאַרפט אויסטאָן און זיך באָדן אין דער אַלגעמיינער באָד, כאָטש עס איז דאָרטן ניט געווען אַזוי איבעריק ליכטיק, האָט ער אָבער פאָרט ניט געקאָנט באַהאַלטן דעם סוד...

האָבן זיי געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד. און כאָטש זיי האָבן ניט געוואַגט אים צו טאָן שלעכטס, האָבן זיי אים אָבער איגנאָרירט.

שייע האָט שוין דאָ ניט געהייסן מער מיט זיין יידישן נאָמען. מען האָט אים דאָ אַ נאָמען געגעבן שאַרמאַנטיע. האָט שייע טאָג ווי נאַכט זיך גע־חזרט זיין נייעם נאָמען און פיל געלאַכט: שאַרמאַנטעי... שאַרמאַנטעי...

ביינאַכט האָט ער אַ סך מאָל אין זיין פאַנטאַזיע זיך געזען מיט באַסיען און זיך צו איר פאַרנויגט: שאַרמאַנטעי... שאַרמאַנטעי... און דו, באַסיע, וועסט הייסן: באַשעי...

צענטער קאַפּיטל

אָרימע באַסיע! זי איז געבליבן מיט אירע צוויי ברידערלעך יאָסל און ישראל אין דעם טיפן „בורדעי" אויף די פאַרשנייטע פעלדער, און איר לעבן איז געווען אַזוי גראָ און קאַלט ווי דאָס לעבן פון די איבעריקע יידע־לעך אין די אַנדערע בורדעיען.

דער ווינטער איז געווען אַ ביטערער און אַ לאַנגער. עס האָט אין דער אמתן פאַר באַסיען מער ניט עקזיסטירט קיין איין גוטע שעה, זינט שייע איז אַוועק. זי האָט געזיפצט טאָג ווי נאַכט און געבענקט טרערן פאַרגאָסן. און אין די לאַנגע נעכט, ווען דער ווינט האָט געריסן שטיקער שניי און שיער ניט איבערגעקערט די וועלט, האָט זיך באַסיען ניט איינמאָל געדאַכט, אַז שייע שרייט אין דער ווייטער ווייט. זי האָט דאַן זיך אויפגעהויבן פון איר קורטקע און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן אַ קוק טאָן, אפשר וועט זי אים קאָנען העלפן.

אָבער דער ווינטער איז אַזוי־אַ, אין צרות און אין נויט, אַוועק. און פון שייען איז קיין זכר ניט געווען. דער ווינטער איז אַוועק און די שנייען

האָבן גענומען לאָזן און פון די בערג אַרום האָבן אָנגעהויבן צו לויפן ריטש־קעס מיט אַ געוואַלד און מיט אַ רעש. און די זון האָט שוין זייער גוט גע־וואַרעמט און פייגעלעך האָבן שוין אָנגעהויבן צו שפּילן און צו זינגען.

און באַסיע האָט צונויפגענומען אַלע יידעלעך: עליען מיט זיין ווייבע־לע היהלע, זייער ערשטער שכן, און זייער צווייטן שכן גבריאל מיט זיין ווייב נעכע, אויך צוויי יונגע קינדער כמעט. און דעם דריטן שכן שלמה מיט זיין ווייב מלכה. אָט דער דאָזיקער שלמה איז געווען דער העכסטער מענטש דאָ צווישן אַלעמען. כאָטש אויך ער האָט נאָך אפילו קיין סימן פון קיין באָרד ניט געהאַט, און איז געווען אַזאַ אומשולדיק קינד נאָך, אַז ער האָט מורא געהאַט צו ריידן מיט אַ הויך קול.

און באַסיע האָט גערופן דעם פערטן שכן עזריאלן מיט זיין ווייבעלע, דער קליינטשיקער באַבטשי, דער שוואַרץ־חנעוודיקער מיט די גריבלעך אין די בעקלעך. עזריאל אַליין איז געווען אַ שוואַרצער ווי אַ ציגיינער און עס האָט ביי אים געשפּראָצט האָר אויפן גאַנצן פּנים און דערצו האָט ער נאָך געהאַט באַראָדיוקעס איבעראַל, אויף דער נאָז, אויף די ליפּן און אויף די באַקן.

ביי באַבטשיען איז אויך געווען אַ ברודער מיטן נאָמען רחמיאל, אַ הויכער, געזונטער בחורעץ מיט געלע האָר און מיט אַ פאַרגרעבט פּנים. אויך זיין שטים איז געווען אַ פאַרגרעבטע און מען האָט אים דאָ גערופן מיטן צונאָמען „דאָס פערד", ווייל, ווען ער האָט געלאַכט, האָט עס אויסגע־וויזן פּונקט ווי אַ פערד הירזשעט. אָבער ער איז געווען אַ שטילער און ער־לעכער בחור. שכנים האָבן אים געוואָלט פאַרכנסן מיט באַסיען. נאָר זי האָט ניט געוואָלט הערן דערפון. אָבער באַסיע האָט אים גערופן גיין זוכן שייעס געביין.

באַסיע האָט אויך גערופן דעם פינפטן שכן דאָדלען מיט זיין ווייב האָדלען. האָדל איז שוין אַרומגעגאַנגען מיט אַ הויכן בויך און זי האָט זיך געריכט היינט־מאָרגן אין קימפּעט. איז זי טאַקע ניט געגאַנגען, נאָר גע־שיקט דאָדלען אַליין. דער דאָזיקער יונג בחורל איז אפשר אַלט געווען קוים 13 יאָר און האָט שוין פונדעסטוועגן באַלד געדאַרפט ווערן אַ טאַטע. ער איז געווען אַן אויסגעדאַרטער, בלייכער בית־מדרשניק, מיט לאַנגע פּאות, און האָט נאָך זייער ווינציק געוואוסט פון דער וועלט. ער האָט ביי זיך אין בורדעי געהאַט אַ סך ספרים און ווען מען איז דאָרטן אַריינגעקו־מען האָט מען אים געטראָפן זיצן ביי אַ קאַניץ־ליכט איבער אַ ספר און זיך שאָקלען. וואָס אַזוינער וועט דאָ אויף די פעלדער טאָן, האָט קיינער זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן.

באַסיע האָט נאָך געהאַט אַ פיר־פינף שכנים אויף דער צווייטער זייט

פון איר בורדעי: דאָרטן האָבן זיך געפונען משה מיט זיין ווייב היענע. צוויי פּראָסטע מענטשן, ערלעכע און שטילע, ווי צוויי טויבן. זיי האָבן גע־האַט אַ קליין יינגעלע, האָט עס געהייסן מאירל. און זיי האָבן זיך דאָ באַ־זעצט, כמעט פון די ערשטע יידן. זיי האָבן שוין דאָ געוואוינט אַ זומער מיט אַ ווינטער. זיי האָבן געהאַט אייגענע קאַרטאָפליעס און דיניעס. אויך האָבן זיי געהאַט אייגענע פּאַפּשויע־מעל און אייגענע ברינזע פון די צוויי שאָף און אויך אַ סך פּאַסטראַמע פון די לעמעלעך, וואָס די שאָף האָבן גע־בוירן... עס האָט זיך דאָ געפירט, אַז אויב אַ שאָף האָט געבוירן איין לע־מעלע האָט עס געהערט צום יידן. אויב צוויי לעמעלעך, איז איינס געבליבןביים יידן און איינס איז געגעבן געוואָרן צום פּריץ.

עס איז באַלד נאָך משהן געווען דער בורדעי פון פּנחס דעם סטאָ־ליער מיט זיין ווייב באַסיע. פּנחס אַ שטאַרק נידעריק געוואַקסן בחורל, אפשר בלויז פערצן יאָר אַלט, אָבער ער איז שוין אויך געווען אַ פּאָטער פון אַ מיידעלע אַ שוואַרץ־חנעוודיקס פון אַ פּופּצן חדשים. זי איז דאָ געבוירן געוואָרן אויף די פעלדער, נאָך איידער דער בורדעי איז געווען פאַרטיק. דאָס מיידעלע האָט געהייסן ראָסיעלע. פּנחס איז געווען אַ זון פון אַ סטאָ־ליער און ער האָט זיך געלערנט די מלאכה ביי זיין טאַטן שוין פון קליי־נערהייט אָן. ער האָט שוין געקאָנט הובליעווען און זעגן מיט צווייערליי זעגן און ער האָט זיך שוין געלערנט דאָבלען מיטן דלאָט. ווען ער האָט געמוזט אַנטלויפן קיין בעסאַראַביע, האָט מען אים אין געהיים פאַרשלייערט מיט באַסיען, פּיזול שניידערס מויד, זייערע שכנים. און נאָך אין דער איי־גענער נאַכט זייביידע אַריבערגעפּעקלט איבער דער גרענעץ פונעם דניעס־טער קיין בעסאַראַביע.

באַלד לעבן פּנחסן האָט אין זיין בורדעי געוואוינט לייזער קאָוואַל מיט זיין ווייב ליבען. ער האָט נאָך דאָ ניט באַוויזן זיין קענטעניש אין שמידעריי.

— וואָס על׳ך קאָוונען, די שאָף?... — האָט לייזער אָפט געשפּאַסט.

אָבער עס איז געווען אַ פּאַקט, אַז ער איז אַ זון פון דורות קאָוואַליעס, וועלכע האָבן געשמט מיט זייער אַרבעט איבער גאַנץ רוסיש־פּוילן.

— אַז מיין טאַטע, האָט געטאָן אַ לאַפּ אַ פערד ביי דע פיס, האָט דאָס פערד שיער ניט געכאַפּט די נעכפּע — האָט זיך לייזער באַרימט מיט זיין טאַטן.

ער אַליין איז געווען אַ נידעריק געוואַקסענער, אַ ברייט־פּלייציקער מיט פעסטע פיס, אַזוי ווי צוויי דעמבענע וואָרצלען און מיט הענט נאָך ניט אָפּגעוואָשענע פון דעם זשאַווער פון אייזן און צעלאַפּעטע מיט לאַנגע שטאָ־בעס־פינגער. ליבע זיין ווייב, דווקא אַ חלוש, אַ כנאַסט פון אַ ווייבס־פּאַר־

שוין, אַ גרינגע, אַ צעוויקטע, האָט קוים גערירט מיט די אברים. זי האָט שוין אויך געטראָגן און לייזער האָט געזאָגט וועגן איר: — מיין שקאָפּע איז אין זיבעטן חודש...

און נאָך איין שכן איז דאָ געווען און דאָס איז געווען איציק שניידער. און ניט מחמת ער איז געווען דאָ אַ שניידער, נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַרויסגעקומען פון אַ שניידערשער שטוב. און פון קליינערהייט־אָן האָט ער שוין זיך געלערנט האַלטן אַ נאָדל אין די הענט. אָבער דאָ איז אים זיין מלאכה דערוויל ניט צונוץ געקומען. ער האָט שוין געהאַט אַ ווייב, אויך אַ שניידערס אַ טאָכטער, וואָס האָט אויך געקאָנט די מלאכה. און זיי זיינען נאָךביידע געווען קינדער און זי האָט געהייסן פּאַיע.

און אַלע יידעלעך האָבן זיך צונויפגענומען און אַרויס איבער די פעל־דער, כדי צו זוכן דעם פאַרשוואונדענעם שייען. איצט, ווען דער שניי האָט שוין אָנגעהויבן לאָזן און אויף אַ סך ערטער זעט מען שוין אַרויס די פאַר־טריקנטע גראָזן, וועט מען אפשר קאָנען געפונען זיין גוף.

יעדעס שטיקל טונקל אָרט אין די צעגאַנגענע שנייען האָט פון ווייטנס אויסגעוויזן ווי עס וואָלט דאָרטן געלעגן שייע. נאָר אַז מען איז צוגעלאָפן, האָט מען דערזען, אַז מען האָט זיך אָפּגענאַרט.

אָט־אַזוי זיינען די יידעלעך אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג און גאָרניט אויפגעטאָן. נאָר אויפן צווייטן טאָג איז דער פריץ ברישעווסקי אָנגעפאָרן און דערזען, אַז זיינע יידעלעך לויפן איבער די פעלדער.

— גוט מאָרגן! — האָט ער צו זיי אויסגעשריען — וואוהין לויפן יידעלעך?

די יידן האָבן ניט פאַרשטאַנען זיין לשון, נאָר עליע האָט איבערגעגעבן דעם פריץ, וואָס די יידן זאָגן און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען זוכט שייען. מען וויל אים ברענגען צו קבר־ישראל...

— גייט צוריק אַהיים! — האָט דער פריץ זיך אויף זיי צעשריען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין שליטן און געטופּקעט מיט די פיס און געוויזן מיט דער האַנט, אַז זיי זאָלן גיין צוריק.

— השיבנו נאַזאַד... — האָט עליע געגעבן אַ קאָמאַנדע.

און די גאַנצע עדה האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. דער פריץ איז אַוועקגעפאָרן זיין וועג און די יידעלעך זיינען געגאַנגען מיט די בלאָטיקע, וואָסערדיקע פעלדער, מיט געבויגענע קעפּ, טרויעריקע, וואָס ווער ווייסט, צי די שוואַרצע וואָראָנעס פּיקען שוין ניט שייעס מאַרך.

די טעג זיינען געווען ליכטיקע, דורכזיכטיקע, און וואַרעמע. און די יידעלעך האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסלאָזן די שאָף זייערע אין דרויסן, אַז זיי זאָלן זוכן אַ גרעזעלע. די טירעלעך פון די בורדעיען זיינען געוואָרן

צעעפּנט און די זון, די גוטע מאַמע פון דער ערד, האָט אין יעדן בורדעי אַריינגעקוקט און דאָרטן געטאָן אַ טראַט מיט אירע וואַרעמע שטראַלן. דער שניי איז געגאַנגען קאַפּוט. די פעלדער זיינען געוואָרן שוואַרץ־בלוי און דער הימל האָט זיך אויסגעקיילעכט איבער דעם קליינעם יידישן ישוב און אַזוי ווי איינגעדעקט אים מיט אַ בלויען, זיידענעם ליילעך מיט קנייטשע־לעך. און די זון איז אויפגעגאַנגען אַלע טאָג וואָס אַמאָל גרעסער און וואַ־רעמער. און די ערד האָט זיך געטריקנט און אויסגעבאַקן ווי אַ געראָטן גע־בעקס מיט ברויט. און עס האָבן אָנגעהויבן צו שפּראָצן יונגע גראָזן פון דער ערד. און עס האָט אָנגעהויבן מיטאַמאָל צו ווערן גרין, פריער פון דער וויטנס, די בערג מיט די טאָלן.

און דערנאָך איז פאַר די אויגן און אונטער די פיס געוואָרן אַ דיקער טעפּעך פון גרין גראָז. און די יידעלעך האָבן זיך גענומען גרייטן צו זייער יום־טוב פּסח. דאָדל איז געווען דער איינציקער צווישן זיי, וואָס האָט גע־האַט אַ חשבון, ווען עס איז שבת און ווען עס איז יום־טוב. דאָדל איז גע־זעסן איבער זיינע ספרים, טאָג ווי נאַכט און געלערנט. און ער האָט געלאָזט וויסן זיין דאָרף, אַז עס איז נאָענט צו פּסח.

דערווייל האָבן זיך ביי יעדן איינעם אָנגעהויבן צו קאָטן די שאָף.

די ערשטע שאָף האָט זיך געקאָטעט ביי באַסיען אין בורדעי. עס איז געווען אין מיטן נאַכט, אַז באַסיע האָט דערהערט, אַז עס מעקעט עפּעס... זי האָט זיך דערשראָקן און געמיינט, אַז דאָס איז שייעס קול. זי איז אַראָפּ און אָנגעצונדן דעם קאַניץ און צו איר גרויס דערשטוינען האָט זי גאָר דערזען אַ קליין, שוואַרץ לעמעלע. עס האָט געמעקעט צו איר און געצי־טערט פון דעם פּרימאָראַזיק און באַסיע האָט געמיינט, אַז דערפון וואָס דאָס לעמעלע ציטערט, איז ביי אים אַזש די פּעל צעקאָרטשעט. זי האָט עפּעס אַ שמאָטע געכאַפּט און דאָס לעמעלע צוגעדעקט. און זי האָט אינסטינקטיוו, ווי אַ צוקונפטיקע מאַמע, צוגעשטופּט דאָס לעמעלע צו דער שאָפס פולע בריסטן און דאָס לעמעלע האָט זיך אָנגעזויגן און זיך אָוועקגעלייגט לעבן דער מאַמע־שאָף. און ערשט דעמאָלט איז באַסיע צוריק אַרויף אויפן בעט און איז איינגעשלאָפן.

אינדערפרי איז זי אַוועק איבער די בורדעיען אָנזאָגן די בשורה, אַז ביי איר האָט אַ שאָף געבוירן אַ לעמעלע. און דאָס לעמעלע איז קוטשעראַ־ווע און שוואַרץ, ווי סאַמעט. און עס איז באַלד געוואָרן אַ געלאַף צו באַסיען, אָנצוקוקן דאָס ערשטע לעמעלע און אָפּגעבן באַסיען מזל־טוב.

דאָס קוטשעראַווע לעמעלע האָט געשטאַרט מיט זיינע טיפע, ברוינע אויגן אויף די צוויי־פוסיקע באַשעפענישן. און די שכנים, באַסיעס, האָבן

גענומען דאָס לעמעלע אויף די הענט און עס געטוליעט צו זיך און געפילט ווי ווייך און צאַרט עס איז און זיך געפרייט מיט דער באַשעפעניש.

אָבער אינגיכן איז כמעט ביי יעדן איינעם אין בורדעי געווען אַזוינע לעמעלעך.

און די פרייד איז געגאַנגען פון איין האַרץ אין אַנדערן. די ווייבעלעך האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן די חכמות פון יעדן לעמעלע באַזונדער. עס איז אויסגעקומען, אַז באַר איר לעמעלע איז דאָס קליגסטע...

— מאַן לעמאַלע דערקאַנט מעך שוין און ווען עך ריף עס קימט עס צו צו מיר...

— און מאַנס, טרעט גאַרניט אָפּ פון מיר...

— גייט שוין גייט, מאַנס, אַז עס דערשמעקט, אַז עך גיי מעלקן די מאַמע זאַנע, פאַרשטעלט עס מיר דעם וועג.

— אַ גרויסע חכמה... מאַנס שטייט לעבן מיר בשעת עך מעלק זאַן מאַמע און עס קושט מעך אין דער באַק...

עלפטער קאַפּיטל

עס איז געווען אַ וואָך צו פּסח און דער שניי איז שוין אינגאַנצן אַראָפּ פון דער ערד. די גאַנצע אַרום איז געווען באַדעקט מיט אַ גרינעם, יונגן גראָז, אַ ווייכן, אַ צאַרטן. די טאָלן האָבן זיך געקאַטשעט אַנטקעגן דער זון און געשמעקט מיט אַלערליי גוטע ריחות. די בערג האָבן זיך אָפּגערוקט אין דער ווייטנס און ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן ווייט אַרויף צום הימל.

ערשט איצט האָבן זיך די עטלעכע ערדענע שטיבלעך דערפילט, ווי זיי זיינען דאָ פאַרלוירן געגאַנגען אין אָט דער ברייטער רחבות פון גרין און בלוי. עס איז ניט געווען קיין וועג, דורך וואַנען עס זאָל עמעצער דורכפאָרן.

די יידעלעך, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט, זיינען געווען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זיינען אויך פאַרגעסן געוואָרן פון זייערע קרובים, וועלכע זיי האָבן ערגעץ אין די ווייטע שטעט איבערגעלאָזט.

און אָט קומט דער יום־טוב פּסח און זיי האָבן ניט קיין מצות, ניט קיין פלייש, ניט קיין אַנדערע בויטיקע זאַכן, חוץ וואָס זיי האָבן פּאַפּשויע־מעל, שאָפּענע מילך און טיפע גריבער אין דער ערד...

און אָט זיינען איין אינדערפרי אָנגעקומען פונעם פריץ עטלעכע גוים מיט ריזיקע אָקסן און מיט אָקערס. דער פריץ איז אויך צוגעפאָרן מיט

זיין פּאַיעטאָן. מיט זיי איז געקומען איינער אויף אַ פערד רייטנדיק מיט אַן אַראַפּניק פון געפלאָכטענעם לעדער אין זיינע הענט.

דער דאָזיקער רייטער איז צוגעפאָרן צו יעדן בורדעי און מיטן אַראַפּ־ניק געטאָן אַ קנאַל אין דער טיר: העי!

איז מען אַרויס דערשראָקענע און פאַרציטערטע. ווער ווייסט וואו מען טרייבט?...

דער וואָס מיטן אַראַפּניק גיט אַ קנאַל מיט דער בייטש אין דער לופטן, פון וואָס עס טוט אַזש אַ שניט ווי אַ בליץ און שרייט עפּעס אויף די העכסטע קולות, ווי עס וואָלט ביי אים אַ קינד געקוילעט געוואָרן, צי וואָס.

עליע איז דער איינציקער, וואָס פאַרשטייט זייער לשון.

שטעלט ער זיך אַוועק ווי אַ מלץ־יושר פאַר אַלע יידן. דער רייטער שרייט צו אים. ער מוז מיינען, אַז עליע איז טויב.

— יידן, קומט, דער פּריץ וועט פאַר אונדז אויסמעסטן שטיקער ערד, — גיט עליע איבער אַלע זיינע שכנים, וואָס דער רייטער זאָגט.

— ערד!... — דערהערט זיך אַ יעכץ פון אַלע מיטאַמאָל.

די טאָלן און די בערג ענטפערן אָפּ מיט אַן עכאָ: ע—ר—ד!...

און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מעסטעניש.

צוויי געזונטע „בורלוקעס" מיט אַ לאַנגן שטריק זיינען די מעסטערס. און נאָך צוויי גרויסע פּויערים מיט שטיוול און מיט ברייטע פּליודערן, וואָס פאַלן אַריבער איבער די כאַליעוועס און מיט ברייטע לעדערנע גאַרטלען אויף זייערע לענדן, קלאַפּן אַריין די פּלעקער.

אַז מען האָט אָפּגעמאָסטן דאָס ערשטע שטיקל ערד, האָט דער פּריץ באַלד באַפוילן דאָרט אַנידערצושטעלן אַ יידעלע מיט זיין ווייב.

— דאָס איז געגעבן געוואָרן צו דיר, זשידאָנו, אַז דו זאָלסט עס באַאַרבעטן, — האָט עליע יעדן מאָל געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס דער פּריץ זאָגט, — עס איז דיינס און דאָס ברויט, וואָס דו וועסט אַראָפּנעמען פון אָט־דער ערד, דאַרפסטו צעטיילן אויף האַלב. איין האַלב געהערט צו דיר און די אַנדערע האַלב — צום פּריץ...

דערנאָכדעם, ווען אַלע זיינען שוין געשטאַנען צעשטעלט, יעדער אויף זיין שטיקל ערד, איז דער פּריץ אַראָפּגעקראָכן פון דעם פאַיעטאָן און איז צוגעגאַנגען צו יעדן באַזונדער, ווי ער וואָלט באַטראַכט אָקסן אָדער שאָף; יעדן איינעם, צי מאַנספּאַרשוין, צי פרויענצימער, געטאָן אַ כאַפּ מיט זיין מעכטיקער, גרויסער האַנט, צי ביי זיין אַקסל, צי ביי די ליטקעס, און דערביי פיל הנאה געהאַט און זיך געגאָרגלט מיט זיין באַסאָוון קול.

דער רייטער איז אים נאָכגעריטן און דאָס פערד האָט זיך געשטעלט

דיבאָם, ווי נאָר געוואָלט אַרויף אויף די קליינע, דערשלאָגענע יידעלעך און זיי דורס זיין...

נאָר אַז דאָס פערד האָט דערזען דעם פריץ, בריטשעוואַנען, און אין זיינע שוואַרצאַפּלען איז די דאָזיקע הויכע געשטאַלט געוואָרן נאָך גרעסער, האָט ער זיך צוריקגעשטעלט מיט זיינע פאָדערשטע פיס אויף דער ערד.

און דער פריץ איז צוגעגאַנגען צו דאָדלען און אים געטאָן אַ נעם ביי די פּאותן, אָבער ער האָט געטאָן אַ וואָרף זיינע ווילדע אויגן אויף האָדלען, דאָדעלס ווייב מיט דעם הויכן בויך, האָט דער פריץ אָפּגעלאָזט דאָדלען און איז צוגעטראָטן צו איר.

האָדל האָט זיך געפּרואווט באַהאַלטן און באַשיצן הינטער איר מאַן דאָדעל, אָבער ער איז געווען אַזאַ דאַרער און אַזאַ קליינטשיקער, אַז עס איז ניט געווען ביי וועמען זיך צו באַהאַלטן.

דער פריץ האָט זי אָנגענומען ביי ביידע הענט און זיי צעשפּרייט און געקוקט מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס האָדל האָט אים געוואונטשן, אַז זיי זאָלן אים אַרויסקריכן. ער האָט געקוקט אויף איר שווערן בויך און גענומען מיט איר טרייסלען און געלאַכט.

אַזוי האָט ער געטאָן אויך, ווען ער איז צוגעקומען צו לייזער קאָוואָל און דערזען זיין ווייב ליבע מיט אַ צוואָקסענעם בויך.

דערנאָך איז געשען, אַז דער פריץ איז שוין דורכגעגאַנגען אַלע יידעלעך, האָט ער געטאָן אַ באַפעל צום רייטער און דער רייטער איז אַוועק צוואָליאַם צו די אָקסן און געגעבן אַ סיגנאַל מיט דער בייטש אין דער לופטן. באַלד זיינען צו זעקס פּאָר אָקסן געגאַנגען אין שפּאַן מיט די יאַר־מאָס אויף זייערע ברייטע אַקסל. דער אַקער האָט זיך געשלעפּט נאָך זיי פון הינטן. די ערד האָט זיך אויפגעשניטן און באַכגעלאָפן דעם אַקער־מע־סער ווי אַ לאַנגער שנור, און ווי זי וואָלט געוואָלט זיך אַרויפכאַפּן אויפן אַקער און אים ניט געקאָנט אַניאָגן.

דער פּאָס ערד איז געפאַלן אין אָנמאַכט ביי די פיס פון אַקער, אַזוי ווי אַ דערהרגעטער מיט דעם פּנים אַראָפּ און מיט דעם בויך אַרויף.

עס זיינען געפאַלן פּאָסן ערד, עס האָבן זיך איבערגעקערט די קיש־קעס פון דער ערד אַרויף צום הימל און יידן, בעלי־רחמים, זיינען זיך צע־לאָפן, יעדער אין זיין בורדעי, און ניט געקאָנט צוזען ווי מען שניידט די ערד...

אָבער דער גרעסטער אומגליק איז געווען, וואָס זיי האָבן ניט געהאָט גאָרניט אויף פּסח. אַנשטאָט זיי זאָלן זיך פרייען מיט זייער אייגענער ערד און מיט דעם, וואָס זייער ערד ווערט צעאַקערט, איז גאָר ביי זיי געווען טרויעריק ווי ערב תשעה־באב.

דאָדעל, וועלכער איז געווען אַביסל באַהאַוונט אין שולחן־ערוך, האָט געזאָגט, אַז דער דין איז, אַז אויב אַ ייד איז אין אַ פאַרוואָרפן אָרט, צווישן עכו״ם, און דער ייד קאָן ניט באַווייזן צו קריגן קמח־הטים און האָט נאָר פּאַפּשויע־מעל, זאָל ער עס נוצן אויף פּסח. נו, וואָס די יידעלעך האָבן אָנ־געוואונטשן דאָדלען מיט זיין שולחן־ערוך, זאָל פאַלן אויף פּוסטע קרעטש־מעס...

אָבער געגעסן האָבן זיי היינטיקן פּסח, באין ברירה, מאַמעליגע מיט שאַפּענע מילך.

און עס איז געווען אַ טרויעריקער פּסח און ניט איין בעכער מיט טרערן איז אויסגעגאָסן געוואָרן אין אָט־די אונטער־ערדישע בורדעיען, וואו די יידעלעך האָבן אָפּגעריכט זייערע סדרים, זיצנדיק אויף דער ערד אַרום דער טריניזשקע מיט די אויסגעברענטע האָלעוועשקעס פון בוריאַן.

און אַנשטאָט דער געוויינלעכער הגדה מיט דער מעשה יציאת־מצרים, האָבן זיי געקלאָגט אויף זייער אייגענעם גורל...

נאָך ערגער איז געוואָרן באַלד נאָך פּסח, ווען זייער גאַנצע ערד איז צעאַקערט געוואָרן און מען האָט זיי אַרויסגעטריבן מיט קאַטשערעס און לאָפּעטעס, אַז זיי זאָלן באַאַרבעטן די ערד.

דער רייטער איז אַרומגעפאָרן אויף זיין פערד מיטן אַראַפּניק אין זיינע הענט און געשניטן די לופט און געשריגן.

אָט־די קליינע יידעלעך, וואָס זיינען נאָך כמעט געווען קינדער און וואָס האָבן ביי זייערע טאַטעס קיינמאָל ניט געהערט אפילו פון באַאַרבעטן ערד — אָט־די דאָזיקע קינדער האָבן געדאַרפט זיך בויגן אין דרייען מיט לאַנגע קאַטשערעס אין זייערע הענט און מיט שווערע לאָפּעטעס צעשטויסן די האַרטע הרודעס פון דער אומבאַאַרבעטער בעסאַראַביער ערד און זי צע־מאָלן אין אַ דינעם שטויב, כדי מען זאָל זי קאָנען פאַרזייען.

די עקשנותדיקע ערד האָט זיך אַזוי לייכט ניט אונטערגעגעבן. זי איז געווען פאַרוואָקסן מיט מיליאָנען אָדערלעך פון טויזנט־יעריקע גראָזן און זי איז געווען האַרט ווי קלעי.

און די טעג זיינען מיטאַמאָל געווען וואַרעמע, הייס־בריענדי־קע, און דער שווייס האָט גערונען איבער די פּנימער פון די קינדער. זייערע הענט, די פאַרדאַרטע, צו קיין ערד־אַרבעט ניט צוגעוואוינטע, האָבן אָנ־געהויבן צו פאַרלויפן מיט פּוכירן און די פּלייצעלעך האָבן וויי־געטאָן פונעם בויגן זיך.

אַזוי האָט מען מיט זיי געאַרבעט טאָג־איין טאָג־אויס, ביז די גאַנצע פאַראַקערטע ערד איז געוואָרן צעמאָלט ווי מעל און פאַרגלעט פון אויבן אויף דער אויבערפלאַך ווי אַן איבערבעט...

גאַנץ פרי, ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו שאַריען, האָט מען זיי שוין געוועקט צו דער אַרבעט. ווען די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל, האָט מען זיי דערלויבט זיך אַנידערזעצן עסן זייער אָרעמען אָנבייסן פון קאַל־טער מאַמעליגע מיט קעז.

נאָך וואַסער האָט מען געמוזט אויסקלייבן איינעם און אים אַוועק־שיקן צום טייכל אין די טיפע טאָלן. מען האָט זיך געטיילט מיט אַביסל וואַסער, ווי די יידן אין דעם מדבר... און באַלד האָט מען ווידער אויפגע־טריבן צו דער אַרבעט. מען האָט געאַרבעט, ביז די זון האָט זיך געזעצט.

אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער ערד, האָט מען פון פריצס הויף געבראַכט יונגע, קליינטשיקע טאַבאַק־פלאַנצן, וועלכע האָבן געהאַט צו איינציקע בלעטלעך, און דער רייטער האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז יעדער איינער דאַרף פאַרזעצן טאַבאַק.

די יידעלעך האָבן זיך נעבעך געמוזט אַנידערלייגן אויף דער ערד, ווי ווערים, און זיינען געקראָכן מיט אַלע פיר אין שטויב און געבויערט לעכעלעך אין דער ווייכער ערד און אין יעדער לעכעלע אַריינגעשטעקט אַ טאַבאַק־בלעטעלע.

טאָמער האָט איינער פון זיי, חלילה, ניט אַריינגעשטעקט דאָס דאָזי־קע בלעטעלע אין אַ גלייכער שורה מיט די איבעריקע בלעטעלעך, איז צו אים צוגעריטן דער רייטער און אים דערלאַנגט אַ שניט מיטן אַראַפּניק אי־בער די פּלייצעס.

אַזוי ווי אַלע די־אַ קינדער האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן ניט גע־חלומט פון טאַבאַק־זעצן, איז, נאַטירלעך, ביי זיי די ליניע אַרויסגעקומען קרום. דער רייטער האָט געשניטן מיטן אַראַפּניק אויף וואָס די וועלט שטייט און די קולות זיינען געגאַנגען עד לב השמים. וואָס מערער די קו־לות, אַלץ מערער שמיץ...

די פעלדער זיינען געווען לאַנג און ברייט און איידער יעדער איינער האָט באַוויזן צוו פאַרזעצן אַ שורה מיט טאַבאַק איז אַריבער אַ האַלבער טאָג און ביי אַ סך פון אָט־די אומגליקלעכע קינדער זיינען די הענט געווען צעפּאַלן פונעם שטויב, פון דער זון, פון דער ביטערקייט פון די פלאַנצן. ביי די קינדער האָט געאַישעט דאָס בלוט פון די צעפּאַסעוועטע פּלייצעס...

און ווען זיי זיינען געטריבן געוואָרן אין אָוונט אַהיים, האָבן זיי ניט געהאַט קיין כוח צו רירן מיט די אברים און זיי האָבן ניט געקאָנט אויס־גלייכן זייערע ביינער.

זיי האָבן געוויינט און געקלאָגט און די שאָף, וואָס יעדער איינער האָט געהאַט ביי זיך אין בורדעי, האָבן אויך מיטגעמעקעט און די קליינע, שיינע

לעמעלעך האָבן ניט געוואוסט וואָס דאָ איז דער אומגליק. זיי האָבן זיך דווקא געוואָלט טאָן אַ בריקע איבערן בורדעי. עס האָבן זיך געפונען אַזעל־כע יידעלעך, וואָס האָבן אָנגעשריען אויף די אומשולדיקע לעמעלעך, אָדער זיי אפילו באַשטראָפט מיט אַ פּעטשעלע, אָדער מיט אַ שטויס מיטן פוס.

די לעמעלעך האָבן זיך אָנידערגעשטעלט און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן און זיך געוואונדערט:

פאַרוואָס קומט זיי צו באַשטראָפן?...

יענע נאַכט, נאָך אַ טאָג פון שווערער האַרעוואַניע, האָבן די יידעלעך ניט געקאָנט אפילו גוט און צו זאַט זיך אָנעסן. ערשטנס איז ניט געווען גע־נוג וואָס צו עסן. דאָס ביסל פּאַפּשויע־מעל איז שוין באַלד אויסגעגאַנגען. „עס האָט שוין געטאָגט" אין די זעקלעך פּאַפּשויע־מעל...

צווייטנס האָבן זיי ניט געהאַט קיין כוח צו עסן. די מידקייט איז דער־גאַנגען צו אַזאַ שטופּע, אַז יעדער איינער האָט זיך געוואונטשן דעם טויט...

אונדזער באַסיע מיט אירע צוויי ברידערלעך יאָסל און ישראל זיינען אויך ניט געווען קיין אויסנאַם פון דעם כלל. נאָר אַזוי ווי באַסיע איז גע־ווען אַזוי ווי אַ מאַמע צו אירע צוויי ברידערלעך, האָט זי זיך געשטאַרקט און זיי דערלאַנגט צו ביסלעך שאַפּענע מילך, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אויס־געמאָלקן פון די שאָף. זי אַליין האָט גיך אָפּגעקאָכט אַ מאַמעליגע און איז במחילה איינגעשלאָפן, זיצנדיק אויף דער ערד מיט דעם שטיק מאַמעליגע אין אירע הענט.

צוועלפטער קאַפּיטל

דער פריץ בריטשעוואַן האָט צום ערשטן מאָל געזייט אויף זיינע פעל־דער די זייער צאַרטע טאַבאַק־פלאַנצן — ער האָט געוואָלט האָבן טאַבאַק. צוליב דעם צוועק האָט ער איינגעפירט אַ גערטנדל אינגאַנצן באַדעקט מיט גלאָז, וואו דער גערטנער, וואָס האָט אויך אַכטונג געגעבן אויף די בלומען און בוימער האָט פאַרזעצט דעם טאַבאַק. יעדע נאַכט איז דאָס גערטנדל צוגעדעקט געוואָרן מיט די גלאָז־פענצטער, כדי די קאַלטע נעכט זאָלן דעם טוטין ניט שאַטן.

בריטשעוואַן האָט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן זיך אָפּגעבן מיט טאַבאַק אַלס זייערע הויפּט־פּראָדוקטן; וועט ער ביי זיי קאָנען איינקאַסירן אַ סך טאַבאַק און דאָס, וואָס עס וועט זיי פאַרבלייבן אויף זייער חלק, וועלן זיי פאַרקויפן צו די פּויערים. אַזוי אַרום וועט זיך צוביסלעך אַנטוויקלען אַ האַנדל. ער האָט זייער געוואָלט, אַז ביי אים אויף זיין ערד זאָל זיך שוין אַנטוויקלען האַנדל, יאַרידן און אויך אַ שטאָט.

ער איז געווען איפּערזיכטיק אויף די פּריצים, וועלכע האָבן זיך געגרענעצט מיט זיינע פעלדער, די גוט־באַזיצער קאַזשעמיר און רישקאָן, וועלכע האָבן שוין געהאַט יעדער איינער צו איינציקע שטעט. האָט זיך בריטשעוואַנען אויך געוואָלט זיין מיט זיי גלייך און האָבן זיינס אַ שטאָט. חוץ, וואָס דאָס האָבן אַן אייגענע שטאָט האָט געשמעקט מיט אַ טיטול פונעם קייסער, איז דאָס געווען עפּעס אַזוינס, וואָס בעסערס האָט זיך קיין שום גוט־באַזיצער ניט געקאָנט ווינטשן: אַן אייגענע שטאָט! . . . מיט גאַסן און מיט קראָמען און מיט אַ יאַריד איין מאָל אין וואָך, מיט אַ קלויסטער און מיט אַ יידישער קלויז, מיט אַ גלח און מיט אַ יידישן רב און מיט אַ קאַפּעליע קלעזמער און אַ באָד... שוין אָפּגערעדט פון די „פּאָדאַטן”, וואָס עס קאָנען אַריינקומען פון אַזאַ שטאָט. און היינט וואו איז דער כבוד, וואָס אַזאַ שטאָט גיט איר פּריץ, ווען ער פאָרט־דורך דורך אירע גאַסן...

בריטשעוואַן האָט איצט, זינט ער האָט אַוועקגעפירט זיין טאָכטער מיט דעם יינגל, וואָס זי האָט געפונען אויפן „דיאל”, קיין קעשענעוו, געלעבט מיט זיין הויפּט־באַלעבאָסטע, די שקלאַפין טיאָדעסאַ, ווי אמתע מאַן און ווייב.

טיאָדעסאַ האָט אפילו געהאַט אַ מאַן מיט עטלעכע קינדער, אָבער איר מאַן איז געווען אַ שקלאַף און ער האָט ניט געקאָנט אים טאָן קיין שלעכטס, דערפאַר וואָס זי לעבט מיטן פּריץ, סיידן ער זאָל זי דערהרגענען, ווען קיינער וועט ניט זען.

וואַניוסאַ, איר מאַן, איז געווען דער הויפּט־קאָניוך אין בריטשעוואַנס שטאַל מיט טייערע פערד. און ווען ער זאָל עפּעס געווען טאָן אַ פּיפּס וועגן זיין ווייבס האַנדלונג, וואָלט ער פאַרלוירן דעם חן אין פּריצס אויגן און וואָלט געוואָרן אויס הויפּט אין שטאַל. און ווערן צוריק אַ פּראָסטער שקלאַף האָט זיך וואַניוסאַן ניט געוואָלט. האָט ער צוגעזען זיין אומגליק און געשוויגן. כאָטש צוריקגערעדט איז עס אפשר גאָר קיין אומגליק ניט געווען, ווייל עס האָבן זיך אַ סך אַנדערע שקלאַפן געוואונטשן, אַז מיט זייערע ווייבער זאָל דאָס טרעפן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט טיאָדעסאַן. זי איז געווען איצט כמעט ווי אַ גאַנצע פּריצע. זי איז געפאָרן מיט בריטשעוואַנען שפּאַצירן. זי האָט זיך געקליידט אין זיידנס און אין סאַמעט און זי האָט געוועלטיקט איבער די איבעריקע שקלאַפינס מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט דעם טייפלשן שמייכעלע...

זי האָט געהאַט בריטשעוואַנען ביי זיך אונטערן קנאַפּל. און זי האָט שוין געוואָלט דערלעבן, אַז זי זאָל קאָנען שפּילן די ראָלע פון אַ גרויסער פּריצע מיט אַן אייגענער שטאָט...

זי האָט ניט געהאַלטן פון דעם פּלאַן, אַז פון טאַבאַק וועט זיך אָנהויבן

אַ שטאָט. זי האָט בעסער געוואָלט עס מאַכן גיכער און מיט אַ טאַראַראַם. געלט איז ביי ברימשעוואַנען געווען אַ סך. עס זיינען געשטאַנען קופערטס מיט גאָלד און זילבער.

און צו וואָס טויג דאָס דאָזיקע גאָלד און זילבער, ווען דאָס לעבן איז אַזוי קורץ? — האָט זיך טיאָדעסאַ געפרעגט. אָט איז שוין ביי אים איין ווייב געשטאָרבן און ער איז אַלט ווי די בערג. וויפל וועט ער נאָך דען קאָנען לעבן? פאַרוואָס ניט געניסן שוין, באַלד, בעת מען לעבט?

— מיר געפעלט ניט דיין פּלאַן...

— דראַגוצאַ (טייערע), וואָס איז דיין פּלאַן? — האָט זיך בריטשע־וואַן געצאַפּלט פאַר איר. זי איז געווען מיט צוואַנציק יאָר יינגער פון אים און איר לייב איז געווען גלאַט ווי סאַמעט און ביי אים זיינען שוין די הענט צעקנייטשט.

— איך ווינטש, אַז דו זאָלסט באַלד אָנהויבן צו בויען אַ שטאָט — האָט טיאָדעסאַ געמאַכט קינדערשע גרימאַסן אויף איר ברונעטן, אויסגע־רונדעטן פּנים.

—אָקי קאַרע (שוואַרצע אויגן), דיין וואונטש וועט דערפילט ווערן...

— האָט בריטשעוואַן זי אַרומגענומען. ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און זיך געקוויקט מיט איר וואַרעמען קערפּער ווי מיט אַ גלאָז גוטן וויין. — גיב מיר אַ קוש...

טעאָדעסאַ האָט אים געגעבן אַ קוש אין דער שאַרסקער באַק זיינער.

דער אַלטער האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט זיינע לאַנגע, דאַרע הענט ווי מיט צוואַנגען. אָבער זי האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך און זיך אַרויסגעריסן.

— ווען וועסטו אָנהויבן בויען? — האָט זי געוואָלט וויסן.

— באַלד נאָכן פאַרזייען טאַבאַק.

— גיסט מיר אַ וואָרט.

— מיין וואָרט! — האָט ער געזאָגט.

דערווייל איז געשען, אַז דער טאַבאַק, וואָס די יידעלעך האָבן נעכטן פאַרזעצט, איז דורך דער נאַכט פאַרפרוירן געוואָרן און די צאַרטע בלעט־עלעך זיינען פאַרוויאַנעט געוואָרן.

באַסיע איז געווען די ערשטע אַרויסצוגיין גאַנץ־פרי אַ קוק צו טאָן וואָס עס מאַכן עפּעס די יונגע פלאַנצן. זי האָט דערזען דעם חורבן, וואָס דער פראָסט האָט אָנגעמאַכט און זי האָט זיך געפרייט, וואָס גאָט האָט דער־הערט דאָס געשריי פון זייערע ליידן און האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע.

זי האָט באַלד געלאָזט וויסן דער גאַנצער געמיינדע וועגן גאָטס שטראָף אויף דעם צוררס קאָפּ...

עס איז געוואָרן אַ פרייד צווישן אַלע יידעלעך, און ווי זיי זיינען נאָך

אַלע געווען קינדער, אָבער אַלס יידן האָבן זיי שוין געוואוסט, וואָס עס הייסט צו ליידן און וואָס עס איז פרייד פון נקמה... און זיי האָבן אַלע זיך געפרייט מיט דער מפּלה פונעם פּריץ מיט זיינע מחבלים. און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה מיט איבערפלאַנצן נאָכאַמאָל...

אָבער דאָס אַליין וואָלט נאָך ניט געווען פון די גרעסטע צרות, ווען ניט דאָס, וואָס דער רייטער האָט געצוואונגען יעדן יידן, אַז מען זאָל גיין קלייבן בוריאַן אויף צוצודעקן די פלאַנצן אויף איבער נאַכט.

די יינגלעך און מיידלעך האָבן געקלאָגט אויף דער נייער גזירה, ווייל עס איז שוין כמעט ניט געווען אויף די פעלדער קיין בוריאַן. און עס איז אויסגעקומען צו וואַנדערן אויף מיילן ביז מען האָט געפונען אַ פאַרדאַרט שטיקל בוריאַן.

די איינציקע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום זאָרג, זיינען געווען די שאָף און זייערע לעמעלעך. שוין זינט אַ פּאָר טעג, אַז זיי זיינען באַפרייט געוואָרן פון די בורדעיען און מען האָט זיי געלאָזט פריי גיין אויף די גרינע לאָנקעס. דאָס גראָז איז געווען יונג און זיס און זאַפטיק. און די זון האָט געלויכטן און געוואַרעמט און די שאָף האָבן זיך געפּאַשעט אַלע אין איין טשערעדע. זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין פּירער, וואָס זאָל זיי ווייזן דעם וועג, אָבער דערפאַר, האָבן זיי געהאַט מיט זיך זייערע קינדערלעך און די גאַנצע וועלט איז געווען אָפן פאַר זיי. און ווען זיי האָבן געוואָלט טרינקען, זיינען זיי געגאַנגען באַרג-אַראָפּ צום טייכל, און דאָס טייכל איז געווען ריין ווי קרישטאָל און גלאַט ווי אַ שפּיגל, און די שאָף פלעגן אָפּ-שטיין שעהן-לאַנג און זיך שפּיגלען אין דעם טייכל און זיך וואַשן און פּוצן די וואָל אויף זייערע לייבער.

זיי זיינען געווען די איינציקע באַשעפענישן וועמען עס איז געווען גוט אָן אַ ברעג. אויף ביינאַכט זיינען זיי געקומען אַלע צוזאַמען אַהיים צו די בורדעיען און זיך געלאָזט אויסמעלקן. און דערנאָך האָבן זיי זיך גע-לייגט אָפּרוען מיט די לעמעלעך ביי זייער זייט און די גאַנצע נאַכט גע-האַלטן וואַך איבער זייערע קינדער, אַז עס זאָל ניט קומען אַ בער אָדער אַ וואָלף צו פאַרצוקן די לעמעלעך. און אינדערפרי האָבן זיי זיך געשטעלט אויף די פיס און זיך ווידער געלאָזט אויסמעלקן און ווידער אַוועקגעלאָזט זיך איבער די ליכטיקע פעלדער.

עס איז אַזוי אַוועקגעגאַנגען שיינע עטלעכע טעג ביז די יידעלעך האָבן מיט גרויס מאַטערניש ענדלעך פאַרזייט אַלע זייערע פעלדער מיט טאַבאַק.

זיי האָבן געקלאָגט און געוויינט אויף זייער ביטער מזל און גע-קרעכצט פון דעם, וואָס זייערע הענט און פיס האָבן זיי ווי-געטאָן. זיי זיי-

נען געווען אַזוי שוואַך, אַז זיי האָבן געמיינט אַז דאָס חיות גייט זיי אויס. זיי האָבן זיך פאַרשאָלטן זייערע יונגע יאָרן און זיך געוואונטשן וואָס גי־כער איבערצוקומען אָט־די אַלע צרות און זיך אַריבערפעקלען וואָס גיכער אויף יענער וועלט... דאָרטן וועלן זיי כאָטש קאָנען ליגן רואיק און זיי וועלן זיכער אָנקומען אין גן־עדן אַריין... ווייל זיי זיינען נאָך כמעט יונ־גע קינדער און זיי האָבן נאָך גאָרניט געזינדיקט אויף דער וועלט...

אינמיטן דערינען, ווען זיי האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן יעדע האָפ־נונג אויף עפּעס אַ ליכטיקן שטראַל, איז צו זיי געקומען דער פּריץ בריטשעוואַן מיט דער בשורה־טובה, אַז ער וועט זיי העלפן בויען שטיבער מיט געס־לעך און אַ קלויז צום דאַווענען...

דער פּריץ האָט זיי אַלע אַרויסגערופן אין דרויסן אויפן פעלד און עליע איז ווידער געווען דער מליץ־יושר פאַר אַלעמען.

— בוני דעמנאַצי! (גוט מאָרגן!) — האָט בריטשעוואַן צו אים גע־זאָגט. און אים דערנאָך דערקלערט וואָס זיין פּלאַן איז.

עליע האָט אַלץ איבערגעגעבן זיין עדה יידעלעך.

— שטיבער!... — האָבן אַלע גענומען טאַנצן ווי קינדער, ווען מען ברענגט זיי אַ שפּילעכל.

— שטיבער!...

— און אַ קלויז צום דאַווענען...

— פרעג דעם פּריץ, וואָס מיר וועלן עסן... — האָט באַסיע זיך זייער ווינציק געפּרייט מיט די שטיבער. זי האָט געוואָלט האָבן מעל פאַר מאַמעליגע און אַ שטיקל פלייש פאַר די פאַרדאַרטע קישקעס. זינט זי איז שוין דאָ, האָט זי נאָך ניט געגעסן אַ שטיקל פלייש מיט אַ ביסל יויך...

עליע האָט זיך ניט געשעמט און געפרעגט דעם פּריץ וואָס עס וועט זיין מיט עסן.

בריטשעויואַן האָט געלאַכט.

צווישן די יידן איז דורכגעגאַנגען אַ געמורמל: — טאַקע, וואָס וועט מען עסן? מען קאָן דאָך ניט קייען די ערד...

— זאָג זיי, אַז איך וויל, אַז ווען איך רעד, זאָל מען שווייגן. — האָט בריטשעוואַן זיך געווענדט צו עליען.

עליע האָט איבערגעגעבן אַלעמען וואָס דער פּריץ זאָגט. דער דאָזי־קער ייד עליע האָט דאָ אויפן אָרט פאַרגעסן, אַז ער איז איינער פון זיי אַלע און ער האָט שוין באַוויזן צו העכערן זיין קול, ווי ער וואָלט געווען אַ טייל פונעם פּריץ. און ער האָט זיך געבייזערט אויף זיינע אייגענע יידעלעך.

— דער פּריץ הייסט האָבן דרך־ארץ, שקצים — אכבערוישים!...

נאָר אַזוי ווי עליע אַליין האָט שוין אויך ניט געהאַט וואָס צו עסן, איז ער געגאַנגען צום פּריץ בעטן פאַר אַלע יידעלעך.

ווי אַזוי עליע האָט זיך אויסגעלערנט ווי צו שטיין פאַר אַ פּריץ, ווייסט ער ניט. אָבער די מלאכה האָט ער געקאָנט זייער גוט.

דאָס גאַנצע פּנים איז ביי אים געווען צעשמייכלט ווי ער וואָלט געזאָגט:

—נעם, פּריץ, שמייס, אויב דו ווילסט...

דאָס היטל אין זיינע הענט, שטייט ער אויף די טרעפּ און האָט מורא אַריינצוגיין אין פּאַדערהויז. ער שטייט אַזוי אָפּ ווער ווייסט וויפל צייט, ביז טעאָדעסאַ באַמערקט אים און קומט אַרויס.

— טשי וורא? ! (וואָס ווילסטו? !) — גיט טעאָדעסאַ אויף אים אַ געשריי.

— איך דאַרף צום פּריץ — זאָגט עליע מיט שטילער הכנעה.

— פּאָווטים אַ קאַסע (קום אַריין אין שטוב) — בעט אים טעאָדעסאַ אַריין מיט ברייטקייט.

עליע בלייבט שטיין ביי דער טיר און אַז דער פּריץ בריטשעוואַן קומט צו אים צו און קלאַפּט אים אָן אין פּלייצע — ערשט דעמאָלט הויבט אָן עליע צו שטאַמלען וועגן וואָס ער איז געקומען בעטן ביים פּריץ.

דרייצנטער קאַפּיטל

עס איז אויסגעקומען עליען צו לויפן צום פּריץ עטלעכע מאָל איידער דער פּריץ האָט זיך דערבאַרעמט און ווידער געגעבן אויף יעדער משפּחה אַ זעקל פּאַפּשויע-מעל.

— גיי זאָג דיינע יידן, אַז זיי זאָלן שערן די שאָף און ברענג מיר די וואָל — האָט בריטשעוואַן באַפוילן עליען. — דו ביזט אַ וואויל יידל. דו געפעלסט מיר... און דו וועסט זיין דער עלטסטער איבער זיי...

— מאַנצאַמאַסק! ... (איך דאַנק!) — האָט זיך עליע פאַרנויגט צום פּריץ פאַר דעם כבוד, וואָס ער פאַרשאַפט אים. ער וועט איצט האָבן די דעה איבער אַלע יידן. עס איז אים געפעלן דאָס, וואָס ער וועט זיין דער „סטאַראָסטאַ.״

עליע איז צוריקגעקומען צו די יידן און האָט שוין ביי צייטנס אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָלע פון אַ מאַכער. ער האָט זיי צונויפגערופן און זיי באַפוילן צו שערן די שאָף.

— דער פּריץ וויל מען זאָל אים ברענגען וואָל...

— ווער לאָזט אים דען נישט, זאָל ער קומען און נעמען! — רופט זיך אָפּ פּנחס סטאָליער.

— מיט וואָס וועטן שערן? — פרעגט לייזער קאָוואַל.

— איך האָב אַ שער... — שרייט אויס איציק שניידער.

— שאַ... שאַ... קוק נאָר אָן ווי אַלע רעדן מיטאַמאָל! — האָט זיך עליע צעשריען.

— זעט נאָר, כ׳בעט אייך, ווער האָט אים געמאַכט פאַר אַ קנאַקער? — פרעגט באַסיע.

— דו אַלטע מויד!... — שרייט אויף איר אָן עליע — ווער ס׳האָט מיך געמאַכט? דער פּריץ אַליין... איך האָב ביי אים נושא־חן געווען. ווען ניט איך, וואָלט איר געפּעכגעט אויפן פּיסק...

— שאַט, יידן, לאָמיר אים אָפּגעבן כבוד... — זאָגט דאָדל דער פרו־מער — פריער גאָט און דערנאָך ער...

— דער פּריץ האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן אָפּגעבן „זאַנס״, וועט ער פאַר אונדז נעמען בויען שטיבער. און מיר זיינען שוין געליגן אין דער ערד. זאָג איך, דעריבער, אַז יעדער איינער זאָל פאָלגן — האָט געזאָגט עליע.

— און אַז ניט?! — האָט זיך געהיצט לייזער קאָוואַל.

— ווי וועט זאָן יענעם, וואָס וועט ניט פאָלגן! — האָט עליע גע־ענטפערט.

— וואָס וועט מען אונדז טאָן? — קאָן באַסיע ניט שווייגן.

— מען וועט „שמאַסן״... — זאָגט עליע — אַי, וועט מען שמאַסן...

דערהערט דאָס דאָזיקע וואָרט, האָבן זיך אַלע דערשראָקן.

— וואָס דען, מען וועט ניט אָפּגעבן דעם פּריץ די וואָל?... — האָט לייזער געזאָגט — עס איז דאָך זאַנס. ער האָט אונדז געגעבן די שאָף. און וואָס וואָלטן מיר געטאָן ווען ער גיט אונדז ניט.

— טאַקע, טאַקע, וואו איז יושר? —פרעגט דאָדל.

דער סוף איז געווען, אַז איציק שניידער האָט אַרויסגעבראַכט זיין שניידערשע שער און עליע האָט געהייסן פאַרטרייבן די שאָף אויף איין אָרט. אַלע האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום און אַרום. און עליע האָט גע־כאַפּט די ערשטע שאָף און זי אַנידערגעלייגט אויף דער ערד. די שאָף האָט זיך דערשראָקן און גענומען מעקן אויף אַלע קולות.

עליע האָט אָבער, נעבעך, ניט געוואוסט ווי אַזוי צו שערן אַ שאָף. ער האָט אַריינגעשטעקט די שער טיף אין דער שאָפּס וואָל און ניט געקאָנט רירן מיט דער שער, ווייל די וואָל איז געווען זייער געדיכט און פאַר־פּלאָנטערט די שער.

די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום און אַרום, האָבן זיך צעלאַכט אויף אַ קול.

אָבער עליע האָט סוף־כל־סוף זיך געגעבן אַן עצה און אויסגעפּלאָנטערט די שער. ער האָט ביי זיין טאַטן ניט געזען קיין שאָף, אָבער די נויט לערנט בעסער ווי טויזנט מלמדים. עליע האָט מיט די הענט אויפגעהויבן די פּלאַכטעס וואָל, מיט וואָס די שאָף איז געווען באַוואַקסן און באַהאַנגען ביז איבער די פיסלעך. ער האָט דאַן מיט דער שער געשוירן פונעם בויך אַרויף צום קריזש. עס האָט ניט גענומען לאַנג און די שאָף איז געבליבן כמעט אַ נאַקעטע.

די שאָף האָט זיך אָפּגעטרייסלט און האָט גענומען לויפן אַרום און אַרום, ווי עס וואָלט איר געווען פריקרע צו שטיין אַ נאַקעטע פאַר אַלעמענס אויגן.

דער עולם האָט געזונט געלאַכט פון דער אָרמער שאָף.

— טוט איר אָן אַן אונטערקליידל!.. — האָט געזאָגט לייזער קאָוואַל.

— אַ קאָוואַל בלייבט אַ קאָוואַל... — האָט דאָדל טרויעריק געשאָקלט מיט זיין קליין קעפּעלע און די פּאותלעך האָבן זיך געוואָרפן אַהין און אַהער.

— אַ רוח אין דיין מאַמעס טאַטן אַראַן!... — האָט לייזער צוריק אים מבייש געווען. — דיר שטייט ניט אָן דער שידוך מיט אַ קאָוואַל...

עליע האָט געכאַפּט אַ צווייטע שאָף און זי אָפּגעשוירן. אויף דער ערד זיינען שוין איצט געלעגן צוויי בערגלעך מיט וואָל.

באַסיע, ליבע, לייזער קאָוואַלס ווייב, פּאַיע, איציק שניידערס ווייב און נאָך אַ פּאָר פרויען זיינען צוגעגאַנגען צו אָט־די קופּקעלעך מיט וואָל און, ווי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע הענט פון פרויען, גענומען ציען פון דער וואָל און געשפּיגן אויף די פינגער און אויסגעצויגן פעדים.

— אַוועק, דאָס איז ניט אייערס!... — האָט אויף זיי עליע אָנגעשריען.

די ווייבלעך, וואָס זיינען נאָך געווען קינדער, האָבן זיך דערשראָקן און אָפּגעטראָטן.

עס איז געווען אינאיינעם אַן ערך עטלעכע און צוואַנציק שאָף און עליע האָט זיי אַלע אָפּגעשוירן. און די שאָף האָבן געציטערט פון דעם, וואָס זיי האָבן דערפילט די פרייע לופט זיך באַהעפטן מיט זייערע נאַקעטע לייבער. זיי האָבן איצט אויסגעוויזן זייער קאָמיש, קליין און מען האָט געקאָנט איבערציילן זייערע ריפּנביינער.

אויפן צווייטן טאָג האָט עליע מיט נאָך חברה אָפּגעטראָגן דעם פריץ די וואָל.

בריטשעוואַן האָט צוגענומען די וואָל און געפרעגט עליען צי די יידע־לעך האָבן פאַר זיך אויך אַראָפּגענומען אַ חלק פון דער וואָל.

— וואָס טויג זיי וואָל? — האָט עליע געפרעגט.

— איך וויל ניט דאָס וואָס מיר קומט ניט — האָט בריטשעוואַן גע־זאָגט — נעם צוריק אַ העלפט פון דער וואָל און ברענג עס צוריק צו דיינע יידן.

עליע האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און געהויבן מיט זיינע אַקסל. אָבער, אַז דער פריץ הייסט וועט ער אים פאָלגן.

— איך וויל, אַז די יידן זאָלן פאַרזייען וויץ און פאַפּשויעס, וועלן זיי האָבן וואָס צו עסן און אויך וואָס צו פאַרקויפן — זאָגט דער פריץ צו עליען.

— אָבער, פריץ, מיר האָבן ניט קיין „נאַסיניע."

— איך וועל זיי געבן וויץ צום פאַרזייען און פאַפּשויעס צום פאַרזעצן.

— מאָנצאַמאַסק! (אַ דאַנק!) — פאַרנויגט זיך עליע.

— גיי זאָג דיינע יידן, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין און מאַכן פאַרטיק יעדער איינער זיין שטיק ערד. און איך וועל זיי שיקן ווייץ־קערנדלעך און פאַפּ־שויעס און זאָלן זיי פאַרזייען און עס זאָל וואַקסן.

— איך וועל איבערגעבן דיינע גוטע רייד צו מיינע יידן און מיר וועלן אַזוי טאָן ווי דו הייסט.

און עליע האָט צוריקגעבראַכט די וואָל, וואָס דער פריץ האָט צוריק־געשיקט פאַר די יידן און געזאָגט: — נאַט, זעט וואָס פאַר אַ טייערער פריץ בריטשעוואַן איז, ער האָט אייך צוריק אָפּגעגעבן אַ האַלבן חלק וואָל. און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר ער וועט אונדז געבן וויץ — נאַסיניע און פאַפּ־שויעס צום פאַרזעצן.

אַלע קליינע יידעלעך האָבן אַרומגעסטאַמפּעוועט עליען און זיך איינ־געהערט וואָס ער האָט דערציילט.

— מיר וועלן האָבן אייגן ברויט און אייגענע פאַפּשויעס!...

— יאָ! אַזוי האָט דער פריץ געזאָגט, אַז ער וויל, אַז מיר זאָלן האָבן וואָס צו עסן און אויך וואָס צו פאַרקויפן — האָט עליע געזאָגט.

— וועמען וועט מען פאַרקויפן? — פרעגט באַסיע — עס איז דען דאָ עמיצער, חוץ אונדז און די בערג?

— לאָמיר נאָר האָבן וואָס צו פאַרקויפן, וועט שוין זיין אַ קונה...

— איז עליע זיכער.

— וואָדען?

— דער עיקר איז, אַז מיר זאָלן זיך נעמען צו דער אַרבעט — זאָגט עליע — דער פריץ האָט געהייסן, אַז מיר זאָלן פאַרטיק מאַכן די ערד אונד־זערע צום פאַרזייען.

— וואָס דאַרפן מיר טאָן ? — פרעגט לייזער קאָוואַל.

— מיר דאַרפן אַרויסגיין און גוט צעמאָלן די ערד און זי מאַכן ווייך. עס טאָר ניט בלייבן קיין רודעס. אַניט וועט ניט וואַקסן — זאָגט עליע.

— גוט ! מיר וועלן אַלע מאַכן אַ „קלעק״ און אינאיינעם אַרבעטן.

און אַלע קינדער־יידעלעך האָבן זיך צונויפגעזאַמלט און זיינען מיט שפּילעוודיקייט אַרויס אויף זייערע פעלדער און מיט געזאַנג געמישט מיט טרערן און מיט די הוילע הענטלעך צעבראָכן די שוואַרצע הרודעס פון דער בעסאַראַבער ערד און מיט די פינגערלעך זייערע, אַזוי ווי מיט גראַבליעס, צעשאַרט די צעמאָלענע ערד און זי פאַרגלייכט און אויסגעפּילט און עס איז געווען אַ מחיה צו קוקן ווי אַזוי קינדערלעך שפּילן זיך אין אַ נייער שפּיל, וואָס זיי האָבן קיינמאָל פריער ניט געשפּילט זיך.

און ווי באַלד עס איז געווען אַ שפּיל איז שוין די גאַנצע אַרבעט גע־פלויגן פון אונטער די הענט, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט געווען קיין שווערע אַרבעט און גלייך ווי די זון האָט גאָרניט געבראָטן אומדערבאַרעמדיק און גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיינער ניט באַגאָסן זיך מיט שוויס... און די פלייצעלעך האָבן גאָרניט וויי־געטאָן כּונעם בויגן זיך. עס איז אויפגע־גאַנגען אַ געזאַנג, וואָס די קינדער־יידעלעך האָבן אַליין דאָ אויפן אָרט פאַרפאַסט : —

„קינדערלעך, לאָמיר אַלע אינאיינעם
צעמאָלן די ערד, אַזוי ווי שטויב
אויף צעמאָלענער ערד,
וועט דער ווייץ און פּאַפּשויע וואַקסן
און מיר וועלן עסן ברויט
און זיין געזונט ווי פערד.״

און מיט אָט־דעם געזאַנג האָבן די קליינע יידעלעך געאַרבעט אַ פּאָר טעג און דער פריץ בריטשעוואַן איז אָנגעפאָרן אין זיין קאָליאַס און ער האָט דערהערט, אַז די יידן זינגען, איז ער משוגע געוואָרן פון גרויס פרייד. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין קאָליאַס און באַטראַכט די יידישע פעל־דער און דערזען ווי זיי זיינען ווייך און גוט צעמאָלן. האָט ער צוגערופן עליען און צו אים געזאָגט : — גיי, זאָג דיינע יידן, אַז איך האָב זיי זייער ליב. און איך וועל אויסקלייבן פאַר זיי די בעסטע נאַסיניע און זאָל אַריינ־קומען גאָטס בענטשונג אין זייער אַרבעט. איך וועל שיקן מיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן אייך העלפן פאַרזייען.

און טאַקע אויף מאָרגן איז די נאַסיניע אָנגעקומען און באַלד זיינען שוין אַלע יידעלעך געווען גרייט צו דער אַרבעט. דעם פּרצס מענטשן האָבן געלערנט די יידעלעך ווי אַזוי צו זעצן די פּאַפּשויעס. אָט אַזוי : —

אַ גריבעלע . . . און מען לייגט אַריין אין גריבעלע פיר קערנדלעך און מען דעקט זיי צו מיט ווייכער ערד. און די גריבעלעך מאַכט מען ווייט איינס פונעם אַנדערן אויף פיר שפּאַן.

און אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט די פּאַפּשויעס, האָט מען זיך גענומען צום ווייץ. ווייץ האָט שוין ניט אַזאַ טבע ווי פּאַפּשויעס. ווייץ זייעט מען שוין געדיכט. מען טוט זיך אָן אַ טאָרבע מיט ווייץ אויף איין אַקסל און מען גייט איבער דעם פעלד און מען שעפּט זשמעניעס ווייץ און מען זייעט איבער דעם פעלד.

אָבער אָט־די אַרבעט האָבן די קליינע יידעלעך ניט אַזוי גרינג געקאָנט זיך אויסלערנען. דאָ האָט מען געדאַרפט האָבן אַ גוט אויג, אַז מען זאָל ניט שפּרייטן קיין קערנדלעך דאָרטן, וואו מען האָט שוין פריער געשפּרייט. די קערנדלעך ווייץ זיינען קליין און זייער קאָליר איז כמעט אַזוי ווי דער קאָליר פון דער ערד. דאָ דאַרף מען שוין האָבן אַ מאָס ניט אין די הענט, נאָר אין די פיס.

אָבער אונדזערע יידעלעך האָבן זיך צוביסלעך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו גיין גלייך איבערן פעלד און מיט די הענטלעך געשעפּט פון דער טאָרבע ווייץ פולע הויפנס מיט קערנדלעך און געשפּרייט איבער דער ערד אַזוי ווי אַ זומער־רעגן שפּרייט זיינע טראָפּנס, אַז עס זאָל וואַקסן . . .

פערצנטער קאַפּיטל

אין דער צייט וואָס אונדזערע יידעלעך זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט דעם פאַרזייען פון פּאַפּשויעס און ווייץ, האָט זיך דערוויל דער טאַבאַק געטאָן אַ הויב אויף אין דער הויך און האָט שוין געהאַט צו פיר און פינף בלעטלעך. די גאַנצע פעלדער מיט טאַבאַק זיינען געווען באַדעקט מיט ווילדע גראָזן, וועלכע מען האָט געדאַרפט אויסיעטן.

דער פריץ בריטשעוואַן האָט אַרויסגעשיקט די רייטער מיט די אַראַפּניקעס און זיי האָבן געטריבן די קליינע יידעלעך צום טאַבאַק.

די יידעלעך האָבן געמיינט, אַז אַזוי ווי בשעת דעם פאַרזייען דעם ווייץ און פּאַפּשויעס זיינען קיין רייטער מיט אַראַפּניקעס ניט געווען, וועלן זיי שוין מער קיינמאָל ניט זיין. און אַז די רייטער האָבן זיך ווידער באַוויזן, איז אויף די יידעלעך ווידער אָנגעפאַלן אַ מורא.

פאַרוואָס טרייבט מען זיי מיט אַראַפּניקעס ? פאַרוואָס קומט זיי דאָס? אַרבעטן זיי דען ניט מיט גרויס חשק אַפילו ווען מען טרייבט זיי ניט? זיי אַליין ווילן דאָך, אַז זייערע פעלדער זאָלן גוט באַאַרבעט ווערן... האָבן זיי דען

מיט עפּעס אַנדערש זיך צו שפּילן? קינדער זיינען זיי, און זיי דאַרפן זיך נאָך שפּילן, איז זאָל זיין מיט פאַרזעצן פעלדער...

מילא, האָבן זיי איצט אַ נייע שפּיל: אויסרייניקן די ווילדע גראָזן.

אָבער אַז די קליינע יידעלעך האָבן זיך גענומען אַ וואָרף אַוועק אויף דער ערד, כדי אויסצורייניקן די ווילדע גראָזן, האָבן זיי ניט געוואוסט דעם חילוק פון אַ ווילדער גראָז ביז אַ טאַבאַק־פלאַנץ.

אמת, אַ טאַבאַק־פלאַנץ האָט לאַנגעכיקע בלעטלעך מיט אָדערלעך אין דער ברייט, וואָס קומען פון א אָדערל אין דער מיט. זיינען אָבער געווען אַזוינע ווילדע קרייטעכער, וועלכע האָבן אויך געהאַט אָדערלעך אין דער ברייט און לאנגעכיקע בלעטלעך פונקט ווי די טאַבאַק־פלאַנצן.

גיי זיי אַ בריה און טרעף וועלכע איז די ריכטיקע טאַבאַק־פלאַנץ!

נאָר גאָר אינגיכן האָבן זיך אונדזערע יידעלעך אויסגעלערנט, אַז די ווילדע גראָזן און קרייטעכער זיינען אַנדערש און האָבן ניט אין זיך די אמתע פוכקע ווייכקייט פון אַ טאַבאַק־בלעטל.

זיינען געלעגן יידישע קינדערלעך אויף זייערע קני און אויף זייערע בייכלעך און זיך געלערנט ווי אַזוי צו דערפילן מיט אַ ריר פון די פינגער צי דאָס בלעטל איז פוכקע צי ניט. זיי האָבן געריסן די ווילדע גראָזן און זיי אויסגעוואָרצלט פון דער ערד. און דאָס פעלד האָט נאָכדעם אויסגעזען ריין און די טאַבאַק־פלאַנצן האָבן זיך מחיה געווען, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון די אומזיסטע פרעסער, די ווילדע גראָזן, און זיי האָבן זיך צע־שפּרייט מיט זייערע צאַרטע בלעטער אין דער ברייט און אין דער הויך.

ווען דער פּריץ בריטשעוואַן איז אַנגעפאָרן מיט זיין קאַליאַס מיט די ברענענדיקע פערד און זיין מכשפה איז געזעסן לעבן אים מיט די צעפּ אירע פאַרוואָרפן אויף איר ברוסט, האָט ער הנאה געהאַט פון דער אַרבעט וואָס די זשידאַנעס האָבן אָפּגעטאָן און האָט צוגערופן עליען און צו אים אַזוי געזאָגט: — זאָג דיינע זשידאַנעס, אַז איך וועל זיי העלפן בויען שטי־בער.

עליע האָט אים געדאַנקט.

און אַרום נאָך שבועות האָט זיך אָנגעהויבן דאָס בויען פון שטיבער.

יעדער איינער, וואָס איז געווען פאַרשריבן אויף ערד, האָט געדאַרפט בויען אַ שטוב. די ערד וואָס איז געגעבן געוואָרן צו די יידעלעך איז גע־לעגן אויסגעווירעט אין לאַנגע בייטן פון מזרח־ ביז מערב־זייט. און ביי די ברעגן פון אָט־די בייטן האָט מען געדאַרפט בויען די ערשטע גאַס מיט שטיבער.

אָנגעהויבן דאָס בויען האָט מען מיט דעם, וואָס מען האָט פריער גע־דאַרפט גראָבן אַ גרוב און אויסקנעטן פון דער שוואַרצער ערד אַזאַ ליים.

דערנאָך האָט מען מיט די הענט אויסגעקנאָטן אַזוינע ציגל, ווי מען קנעט, למשל, אויס קוילעטשן. דערנאָך האָט מען די דאָזיקע ציגל געדאַרפט אויס־לייגן אַנטקעגן דער זון, אַז זיי זאָלן זיך אויסטריקענען. און ווען זיי האָבן זיך אויסגעטריקנט האָט מען אָנגעהויבן, טאַקע אין דער זעלבער גרוב, בויען די הויז.

עס איז אין אָנהויב געווען אַביסל אַ צעמישעניש.

יעדער איינער האָט געוואָלט, אַז זיין שטוב זאָל שטיין אין דער מיט און ניט אין עק פעלד. און אַזוי ווי עס איז מער ניט געווען ווי איין „מיטן", איז עליע דער „סטאַראָסטע" געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז מען זאָל ציען קניפּ־לעך און דער וואָס וועט דער ערשטער אַרויסציען דאָס קניפּל זאָל שטעלן די ערשטע שטוב אין דער מיט. דערנאָך ווידער ציען קניפּלעך און דער וואָס וועט ציען דאָס צווייטע קניפּל זאָל שטעלן זיין שטוב אויף דער רעכ־טער זייט פון דער מיטלסטער שטוב. און דער וואָס וועט ציען דאָס דריטע קניפּל זאָל שטעלן זיין שטוב אויף דער לינקער זייט פון דער מיטלסטער שטוב און אַזוי ווייטער...

נאָך אַלעמען זיינען זיי אַלע געווען נאָך קינדער און עס איז זיי גע־פעלן געוואָרן די שפּיל.

באַסיע איז געווען אַ מזלדיקע און זי האָט געצויגן דאָס ערשטע קניפּל. זי האָט זיך געפרייט, וואָס איר שטוב וועט שטיין אין דער מיט. אָבער עס איז ווידער געווען שלעכט, וואָס עס קאָן טרעפן, אַז אירע צוויי ברידערלעך זאָלן ציען אַזוינע קניפּלעך, אַז עס וועט זיי אויסקומען צו בויען זייערע שטי־בער ווייט פון איר שטוב.

נאָר אַ שפּיל איז אַ שפּיל און זי וועט ניט גיין קאַליע מאַכן דעם גאַנצן טאַראַראַם, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אָט דער שפּיל.

אַז באַסיע האָט אַרויסגעצויגן דאָס קניפּל איז באַלד עליע אַרויס מיט אַזאַ דרשה: — זי איז דאָך נאָך אַ מויד און עס האָט איר ניט ווער צו העלפן בויען די שטוב. לאָמיר זי חתונה מאַכן מיט רחמיאלן...

— זאָל ער זיך דאַרן דעם קאָפּ פאַר זיך אַליין... — האָט באַסיע גלייך אָפּגעענטפערט.

רחמיאל איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און געצויגן מיט אַן אַקסל. אויף זיין גרויס פּנים האָבן שוין געשפּראָצט געלע הערעלעך און אויך אויף דער גרויסער, אויבערשטער ליפּ האָבן געשפּראָצט געלענקע הערעלעך און עס האָט אויסגעוויזן ווי די ליפּ האָט זיך געטאָן אַ ריר ווי עפּעס צו זאָגן, אָבער ער האָט ניט געזאָגט.

— צעוואָס טויג דיר אַ שטוב, אויב דו ווילסט ניט חתונה האָבן? — פרעגט עליע.

— טאַקע, טאַקע! — מורמלען אַלע.

— עד דאַרף אַך אַלע אַף כפּרות, עד וויל אַליין בויען — זאָגט באַסיע.

עס איז דער גאַנצער עדה עפּעס געוואָרן קאַלעמוטנע פון באַסיעס רייד. ווען עליע האָט געזען, אַז אַלע שטייען ווי פּריטשמעליעט, האָט ער זיך אָנגערופן: — גוט, מיר וועלן אַזוי טאָן: מירן אַלע העלפן איינס ס׳אַנדערע בויען...

און אַזוי איז געווען. אַלע מאַנצבילן האָבן זיך אַנידערגעשטעלט גראָבן און אַלע פרויענצימער האָבן צונויפגעשאַרט די אָנגעגראָבענע ערד אין אַ קופּע, בעת צוויי פרויענצימער זיינען געגאַנגען ברענגען וואַסער פון טייך. דערנאָך האָבן אַלע מיט די באָרוועסע פיס געקנאָטן דאָס ליים. אַז דאָס ליים איז געוואָרן געדיכט ווי אַ טייג האָבן זיך די פרויענצימער אַוועקגעשטעלט און אויסגעפורעמט די ציגל און די מאַנספאַרשוינען האָבן גענומען די ציגל און זיי אַוועקגעטראָגן און זיי אַוועקגעלייגט אויף דער זון.

דער גרוב פאַר באַסיעס הויז איז אויסגעגראָבן געוואָרן פירעקעכיק אויף צוואַנציק שפּאַן די לענג און צען שפּאַן די ברייט.

די ערד איז געווען פון אויבן שוואַרץ, און נאָך צוויי שפּאַן די טיף איז שוין די ערד געווען געל ווי ליים, וואָס מען נוצט אויף שבת אויסצושמירן די ערד פון אַ יידישער שטוב.

די קליינע יידעלעך האָבן זיך ממש דערפרייט מיטן געלן ליים. זיי האָבן עס אָנגענומען פולע זשמעניעס און געשמעקט. — ס׳עט זאַן מיט וואָס אויסצושמירן די ערד אַף שבת... און אפשר האָבן זיי דערשמעקט אין דעם געלן ליים אַ גרוס פון זייערע היימען? ציז ווער ווייסט וואָס...

די ציגל, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון דער אויבערשטער, שוואַרצער ערד זיינען געווען שוואַרץ־גראָ, ווען זיי האָבן זיך אויסגעטריקנט. אָבער די ציגל וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פון דעם געלן ליים זיינען געווען בלייך־געל אַזוי ווי דער קאָליר פון לימענעס.

איז די יידעלעך איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז מען זאָל מאַכן די שטיבער שיין פאַרן אויג. און מען האָט די שוואַרץ־גראָע ציגל איבערגעלאָזט צום לעצט ווען מען האָט געדאַרפט פאַרענדיקן די ווענט און דאַן האָט מען געלייגט אַ שורה שוואַרץ־גראָע ציגל און אַ שורה געלע ציגל.

די ווענט האָט מען אָנגעהויבן בויען פון דער טיף פונעם גרוב, כדי עס זאָל זיין אין שטוב וואַרעם. און אַז די וואַנט האָט זיך געצומען באַווייזן איבער דער פלאַך פון דער ערד, האָט מען אָפּגעמאָסטן צוויי שפּאַן און איבערגעלאָזט צוויי לעכער פאַר די פענצטערלעך און אַ לאָך פאַר אַ טיר.

באַסיע האָט זיך געהייסן איבערלאָזן איין גרויס פענצטער. אַזאַ מין צווילינג־פענצטער.

— וואָסי דאָס?

— אַ מכּה עלך זאָגן! — האָט באַסיע זיך מיט זיי געריצט.

אָבער די יידעלעך האָבן זיך געבראָכן די קעפּ און אַליין געטראָפן די רעטעניש.

— מיר וויסן, מיר וויסן, זי מיינט, אַז זי איז אַ קלוגע... זי טראַכט וועגן אַ תּכלית... אינץ וויל זי איבערכיטרעווען...

— זאָגט וועגן וואָס כ׳טראַכט. לאָמיר הערן! — רייצט זיך מיט זיי באַסיע.

— אַ קלייטל...

— זאָל מיר געשען בייז צי כ׳טראַכט וועגן אַ קלייטל...

— דערצייל דער באָבען דאָנער...

— און אַז יאָ איז וואָס? ס׳וועט זאָן אַ שטאָט, צי ניין? בורמילעס, וואָס איר זענט, דאַרף זאָן אַ קלייטל אויך. לעכט, הערינג, זאַלץ דאַרף מען האָבן, צי ניט? און אַביסל וואָס מעל אויף שבת דאַרף מען נישט? אוי, געוואַלד, וואו זענט איר אויסגעוואַקסן ניט אין קאָן יידישע שטיבער? וואָס טוט זעך דאָ?...

נאָכדעם ווי באַסיע האָט זיי גוט אויסגעשטראָפט, האָבן אַלע שוין גע־שוויגן און געטאָן אַזוי ווי באַסיע האָט געוואָלט און געמאַכט אין דער פאָ־דערשטער וואַנט איין קליינעם לאָך פאַר אַ פענצטערל און נאָך אַ גרעסערן לאָך פאַר אַ צווילינג־פענצטער.

געבויט די וואַנט האָט מען פון אַ ציגל די ברייט. די ציגל זיינען גע־ווען אַ שפאַן די לענג און אַ האַלבן שפאַן די ברייט.

פּנחס סטאָליער, משה, גבריאל און שלמה האָבן געלייגט די ציגל: די איבעריקע האָבן צוגעטראָגן און דערלאַנגט די ציגל, אָדער דערלאַנגט דאָס ליים, מיט וועלכן מען האָט פאַרמוליעוועט די ציגל און די פּרויענצי־מער האָבן נאָר געקנאָטן ליים.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך ניט באַטייליקט אין דער דאָזיקער אַרבעט, איז געווען רחמיאל. ער האָט אַביסל וויטער פונעם צענטער פון באַסיעס שטוב זיך גענומען גראָבן אַ קרעניצע. געזונט איז ער געווען ווי אַ פערד.

האָט אים עליע געהייסן גראָבן אַ קרעניצע, כדי עס זאָל זיין וואַסער נאָענט ביי דער נאָז, וועט מען ניט דאַרפן קריכן אַזש צום טייך.

די צוויי יינגלעך ישראל און יאָסל האָבן געהאָלפן רחמיאלן אין דער אַרבעט. זיי איז געווען גוט, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון חדר מיטן רבין...

פופצנטער קאַפּיטל

דאָס בויען פון די שטיבער איז איבערגעשלאָגן געוואָרן דורך דעם, וואָס מען האָט די אַלע יידעלעך געניוט און געטריבן צו אַנדערע אַרבעטן, ווי למשל ווען עס איז צייטיק געוואָרן די קוקורוזע און מען האָט זי גע־דאַרפט שניידן. חוץ דעם, האָבן זיי געדאַרפט דעם טאַבאַק אַראָפּנעמען.

דערפאַר איז דאָס בויען צוגעגאַנגען זייער פּאַמעלעך. און עס איז אינגאַנצן אויפגעבויט געוואָרן צוויי מיט אַ האַלבע דירות, כאָטש ציגל איז שוין געווען פאַר פיר דירות.

אָבער אַזוי האָט עס געמוזט זיין און עס האָט ניט געהאָלפן קיין ווייַ־נען און קלאָגן. דער בעסאַראַבער זומער איז געווען אַ קורצער און אײדער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז שוין געווען ראש־השנה.

און אפילו באַסיעס שטוב און אויך די צווייטע, וועלכע איז געפאַלן על־פּי קניפּל צו דאָדל דעם „רבֿ", אָט־ די צוויי שטיבער זיינען געבליבן נאָך אָן דעכער, ווייל עס איז ניט געווען קיין צייט ווען זיי צו לייגן.

יאָ, עס איז אָנגעקומען ראש־השנה. און די נעכט זיינען שוין געוואָרן קיל. און די טאַבאַק־פּלאַנצן האָבן זיך אָנגעהויבן קאָרטשען און צו ווערן געל. און די יידעלעך זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן אָפּצורייסן די טאַבאַק־בלעטער. יעדער איינער האָט געדאַרפט רייסן בלעטער און זיי צונויפלייגן איינס אויף איינס און זיי אַריינטראָגן אין די נאָך ניט פאַרענדיקטע שטי־בער. די דאָזיקע בלעטער האָט מען ניט געטאָרט איינקאָרבן מיט די נעגל פון די פינגער און מען האָט זיי ניט געטאָרט איינברעכן, נאָר גאַנצערהייט זיי אַראָפּגענומען פונעם שטאָם.

די הענט זיינען געוואָרן ביטער פון אָט דעם רייסן פון די בלעטער און שוואַרץ פון דער פעטקייט זייערער און מען האָט דאָס שוואַרצקייט ניט געטאָרט אָפּוואַשן. מען האָט די בלעטער אָנגעלייגט אין הויפנס אין די ניט פאַרענדיקטע שטיבער. די יידעלעך האָבן אפילו ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי טוען, ווייל זיי האָבן אין זייער לעבן קיינמאָל ניט געוואוסט „מיט וואָס מען עסט עס..."

דערווייל איז צוגעפאַלן ראש־השנה. אַזוי האָט דאָדל דער „רבֿ" גע־זאָגט, אַז וועדליג זיין חשבון איז עס ראש־השנה. ער האָט אויך ניט גע־וואוסט אויף זיכער. איז ער געגאַנגען נאָך דער לבֿנה. פון יעדן מולד האָט ער געציילט די טעג און וואָכן.

„עס מוז דאָך זיין אַמאָל ראש־השנה... זאָל זיין איצטער..."

דורכן זומער זיינען די יידעלעך היפּש פאַרגרעבט געוואָרן. ביי זיי

איז געווען פֿאַרגרעבטע הענט און פֿאַרגרעבטע פּנימער פֿון דער זון און פֿון די ווינטן און פֿון דער שווערער אַרבעט.

דער בורדעי, וואָס איז געווען שײַעס, דעם ייִנגלס, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַזוי ווי דער נעכטיקער טאָג, אָט דער בורדעי איז געבליבן שטיין אַלס אַ קלויז. און דאָ אין אָט דעם בורדעי זײַנען זיך אַלע צונויפֿגעקומען דאַוונען ראש־השנה אויפֿדערנאָכט. קיין ליכט האָבן זיי ניט געהאַט און אפֿילו קאַניצלעך האָט אויך שוין אויסגעפֿעלט. מען האָט געדאַרפֿט וואַרטן ביז אימיצער וועט קוילן אַ שאָף און אויסלאָזן דעם חלב און מאַכן קאַניצלעך. דערווײַל האָט נאָך קיינער זיך ניט געקליבן צו קוילן אַ שאָף. עס איז שוין אפֿילו געווען בײַ אַ טייל ייִדעלעך יונגע שאָף פֿון דעם, וואָס זייערע שאָף האָבן געבוירן לעצטן פֿרילינג. אָבער עס האָט נאָך געהאַלטן ווײַט פֿון קוילענען אַ שאָף. זײַנען קיין קאַניצלעך אויך ניט געווען. האָט מען געמוזט דאַוונען זייער פֿרי, איידער עס איז געוואָרן שטאָק־פֿינצטער.

דאָדל האָט געדאַוונט פֿאַרן עמוד. כאָטש עס איז ניט געווען קיין עמוד, נאָר ער איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער מזרח־וואַנט. סידורים האָבן זיי געהאַט, אָבער עס איז געווען צווישן זיי זייער ווייניק, וועלכע זאָלן וויסן וואָס עס טוט זיך אין אַ סידור.

עליע דער סטאַראָסטע האָט דווקא געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין אַ סידור, נאָר ער האָט באַוויזן דורכן גאַנצן זומער זיך צו פֿאַרהאַסן בײַ אַלע ייִדעלעך, מיט זײַן קאָמאַנדעווען איבער זיי און מיט דעם, וואָס מען האָט די ייִדעלעך געשמיסן אַ סך מאָל צוליב אים.

עליע האָט איצט אויך געקאָמאַנדעוועט: — מישט־אויף שמונה־עשׂרה!

— אַ קרענק וועט מען אים אויפֿמישן! — האָבן די ייִדעלעך געמורמלט צווישן זיך שטילערהייט. און אַנשטאָט שמונה־עשׂרה האָט מען גאָר אויפֿגעמישט דעם תּהילים.

דאָדל האָט אָנגעהויבן: — ברוך אתה ד׳...

און צווישן דער גאַנצער עדה מיט די קליינע ייִדעלעך איז געוואָרן אַ געוויין: — אשרי האיש... און די דאָזיקע, וואָס האָבן גאָר קיין עבֿרי ניט געקענט, האָבן גלאַט אַזוי געוויינט און געשריגן צו גאָט, צו זייערע קרובֿים ערגעץ ווײַט, ווײַט...

עס איז געווען זייער לעבן אַזוי ביטער ווי די טיטון־בלעטער...

אין מיטן דערינען איז געוואָרן פֿינצטער חושך. דאָס ביסל ליכט, וואָס איז אַרײַנגעקומען דורך דער טיר פֿון בורדעי איז איצט אויך אויסגעגאַנגען און דאָדל האָט געמוזט אויפֿהערן צו דאַוונען, ווײַל ער אַליין האָט אויך געמוזט דאַוונען פֿון אַ סידור אַרויס.

— דימנאַצאַ (גאָט) איז ניט בלינד... — זאָגט רחמיאל דער „פערד״ מיט זיין פאַרגרעבטן קול, וואָס קומט ווי פון אַ פאַס.

— מאַלדאוואַן!... — אַזוי רעדט מען ניט אַקעגן גאָט!... — שרייט אויף אים אָן עליע.

— וואָס אַ׳ב׳עך דען געזאָגט?

— גוט יום־טוב יידן! — מישט זיך אַריין דאָדל — אַ גוט־יאָר אייך! לשנה טובה...

ווען ניט אָט דאָס אַריינמישן זיך פון דאָדלען, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געוואָרן צווישן עליען און רחמיאלן. ווייל רחמיאל איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט מיט אַ קולאַק. אָבער אַזוי ווי דאָדל האָט געטאָן אַ געשריי:

— גוט יום־טוב! איז באַלד געוואָרן אַ גרויס געוויין און די קינדערלעך־יידעלעך האָבן זיך געטאָן אַ וואָרף אַרויף איינס דעם אַנדערן אויף די העלד־זער און זיך געקושט.

זיי האָבן ניט געגעסן האָניג מיט חלה און ניט קיין געקאָכטע פיש מיט זיסע ראָזשינקעס.

און ניט דאָס גוטע שטיקל עוף און ניט דאָס זיסע ביסל מערן־צימעס. עס איז ניט געווען דאָס ביסל ראָזשינקע־ווייַן צו מאַכן קידוש און עס איז ניט געווען מערער ווי אַ שטיק מאַמעליגע און אַביסל שאָפענע מילך.

און אַזוי ווי פייער האָט מען געדאַרפט מאַכן מיט צוויי שטיקלעך קרע־מיניעס, און ווייל אום ראש־השנה טאָר מען דאָך ניט אַרבעטן, איז דער גאַנצער עדה אויסגעקומען צו זיצן אין דער פינצטער און עסן דאָס שטיקל מאַמעליגע מיט מילך.

און מיד איז יעדער איינער געווען פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט בייט רייסן די לעצטע טאַבאַק־בלעטער, ווייל מען האָט זיך געאיילט אַרויסצוזענדיקן ערב ראש־השנה, כדי עס זאָל גאָרניט איבערבלייבן ביז איבער יום־טוב און די בלעטער זאָלן נאָך, חלילה, ניט פאַרפוילט ווערן אויפן שטאָם.

איז יעדער איינער איינגעשלאָפן מיט דעם ביטערן, ביטער־זיסן שלאָף, וואָס האָט אַלע וואונדן פאַרהיילט ביז אינדערפרי.

און אויף מאָרגן, קאַיאָר, ווען די זון איז נאָך געשלאָפן, איז שוין די גאַנצע עדה געווען אויף די פיס און געלאָפן גאָט בעטן אין קלויז אַריין.

ניט איין טרער איז דאָ פאַרגאָסן געוואָרן, נאָר גאַנצע טייכן און די געשרייען זיינען זיכער אָנגעקומען אין די הויכע הימלען. עס איז געווען זייער אַ שיינער טאָג. די הימלען זיינען געווען לויטער ווי בורשטין, און בלאָ ווי נאָר־וואָס אָנגעבלאָעטע ליילעכער, וואָס אַ באַלעבאָסטע, אַ בריה, האָט צעהאַנגען איבער דער וועלט אויף אויסצוטריקענען אַקעגן דער זון. די זון האָט געלאַשטשעט און געוואָרעמט און די פעלדער און די לאָנקעס

זיינען געווען ברוין־גרין און אַזוי ברייט אויסגעשפּרייט איבער דער ערד אַרום און אַרום.

איצט וואָלט אַזוי גוט געווען ווען מען קאָן זיין אַ קינד ביי טאַטע־מאַמע און לאָזן זיי, די טאַטע־מאַמע, זיין אין קלויז און זיי זאָלן דאַווענען און וויינען, אָבער די קינדער וואָלט גוט געווען אַרומצולויפן אין דרויסן אויף דער פריי און זיך שפּילן אין קאַמער־הויז, אין פערדלעך, אין בלאָב־דזשעניש, אין סאָלדאַטן...

אָבער דאָ אין דער פרעמד, וואו מען האָט די קינדערלעך פאַרשיקט, מוזן זיי אַליין זיין זייערע טאַטע־מאַמע און אַליין זיך אויסוויינען אַ ניי, גוט יאָר און עס איז זיי טאָקע שלעכט, וואָס ערגער קאָן שוין ניט זיין.

זיי האָבן ניט קיין ספר־תורה אין וואָס צו לייענען. זיי האָבן ניט קיין שופר אין וואָס צו בלאָזן. און אַז זיי דערמאָנען זיך, אַז ערגעץ ווייט, ווייט לייענט מען אין דער תורה און מען בלאָזט שופר גייט זיי אַזש איבער אַ ציטער איבער זייערע יונגע לייבער און זיי וויינען און קלאָגן... דאָדל דער „רב" מאַכט דאָס דאַווענען אין דער גיך. ער איז אַליין נאָך אויך אַ ייִנגל, כאָטש ער האָט שוין אַ ווייב און זי טראָגט שוין פון אים אַ קינד. ער שפּרינגט איבער דעם דאַווענען ווי אַ יונגער הירש שפּרינגט איבער פעלדער.

נאָך דעם דאַווענען גייען די קליינע יידעלעך איינס צו דאָס אַנדערע „גוט־יום־טוב־ביטן". זיי זיינען זיך אַלע צונויפגעקומען און געגאַנגען צו יעדן איינעם אין בורדעי אַריין. און אין יעדן בורדעי האָט מען פאַר־זוכט אַביסל שאָפענע מילך און פאַרביסן מיט אַ שטיקל מאַמעליגע.

דאָדל האָט געפּרואווט זינגען אַ וואָלעכל. נאָר אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שטים ווי אַ וויזל־טיר, האָבן אַלע געלאַכט פון זיין זינגען. און אַלע איב־איינעם האָבן גלאָט אַזוי זיך געמאַכט פריילעך מיט דעם, וואָס זיי האָבן גלאָט אַזוי געשריגן אויף די העכסטע קולות, כדי עס זאָל הייסן, אַז מען זינגט.

נאָך דעם „גוט־יום־טוב־ביטן" איז יעדער געגאַנגען צו זיך אַהיים אין דעם בורדעי און מען האָט געפּראַוועט די סעודה: ווידער מאַמעליגע און שאָפענע מילך.

באַסיע האָט געגעסן מיט אירע צוויי ברידערלעך ביי זיך אין בורדעי. און אַזוי ווי עס איז זיי איצט אַביסל געווען פריילעך, האָט זיך באַסיע מיישב געווען און געזאָגט צו אירע ברידערלעך, אַזוי אין שפּאַס: — ני, אַ שטוב, האָב עך...

— באָני קאָסע! (אַ גוטע שטוב!) — לאַכן די ברידערלעך.

— כ'על גיין, נאָך יאָמטעוו, און עך וועל זעך נעמען אַ פלאָקעי (בחור) פאַר אַ מאַן.

— און ווער וועט אַף אינץ אַכטיק גיבן ? — צעוויינען זיךביידע מיטאַמאָל.

— שאַט, וויינט ניט. עך בין נאָך ניט באַגראָבן... אים, האָט איר עפּעס ליב, ווי הייסט ער ?

— ווּעמען ? !

— דער וואָס האָט אויסגעגראָבן די קערניצע...

— וואָסי־דען ?

— מיר קימט׳ר אַלע נאַכט צעחלום...

— ער׳ז שוין דען געשטאָרבן ? — וואונדערן זיך די יינגלעך.

— וואָס קאָן עך מיט אַך רעדן, אַז איר זאַנט נאָך פּיצלעך קינדער...

— גיט באַסיע אַ זיפץ.

— מיר האָבן אים ערשט פריער אַליין געזען...

— זאָג עך דען, אַז ער איז געשטאָרבן ?

— ווי אַזוי קאָן ער קימען צעחלום, אויב ער לעבט ?

— נאַ... עכ׳ל מיזען מיט אים חתונה האָבן... עס איז נישטאָ וואָס צע ברייען מיט אַך...

— באַסיע באַסיע, ער׳ט טאַקע געזאָגט, אַז׳ר גראָבט די קערניצע צעליב דיר...

— וואָס־זשע שוואַגט איר ! אַזוי האָט׳ר געזאָגט ?

— יאָ.

— און וואָס נאָך ?

— ער׳ט באַ אינץ געפרעגט צי מיר ווילן זאַן זאַנע יינגלעך...

— זאַנע יינגלעך ?...

— יאָ.

— האָט איר געזאָגט „ביין״ ?

— מיר האָבן געמיזט זאָגן יאָ, אַניט וואָלט ער אינץ ניט געלאָזט קריכן אין דער קערניצע.

— גיט ! אַזוי האָב עך אַך ליב. אַז איר וועט אים זען, זאָגט אים, אַז ער זאָל מיר אויפהערן צו קומען צעחלום. ער מעג אַראַנקומען אין בורדעי, אויב ער וויל...

זעכצנטער קאַפּיטל

באַסיעס ברידער, ישראל און יאָסל, האָבן קיין סך ניט געטראַכט, נאָר באַלד נאָכן עסן, ווען די גאַנצע עדה איז געגאַנגען צום טייכל זאָגן „תשליך״, זיינען זיי צוגעלאָפן צו רחמיאלן און אים אַנגעכאַפּט ביי זיינע פּאָלעס און

צו אים אויסגעשריען ביידע מיטאַמאָל: — בע! בע! מיר ווייסן, מיר ווייסן... דו קומסט צע׳חלום אונדזער שוועסטערל...

רחמיאל האָט זיך פון אָנהויב דערשראָקן.

— עד קים צע׳חלום!? — ער האָט זיך געטאָן אַ רייב זיינע אויגן, כדי צו זיין זיכער, אַז ער לעבט. און אַז ער איז געוואָרן אין דעם פאַקט זיכער ביי זיך האָט ער געטאָן אַ געשריי צו די צוויי יינגלעך און מיט זיי געטאָן אַ וואָרף, אַז זיי האָבן שיער ניט געקליבן זייערע ציין: — אַוועק פון מיר, עד קים קיינעם ניט צע׳חלום!...

ביי זיך האָט ער אָבער געוואוסט, אַז ער דרייט זיך יאָ אַרום, אַרום באַסיעס בורדעי אַלע אויפדערנאַכט, ווען אַלע שלאָפן שוין...

עס לאָזט אים ניט איינליגן ביי זיך אין בורדעי. עפּעס אַזאַ ניכפּע רייסט אים אויף און שלעפּט אים אַרויס איינדרויסן און פירט אים בלינד־דערהייט נאָר צו באַסיעס בורדעי. ניט איין מאָל אין אַזאַ צייט פּרובירט ער עפּענען די טיר פון באַסיעס בורדעי און האָט מורא אַזוי צו טאָן. אָבער אַז ער זאָל איר קומען צע׳חלום — דאָס הערט ער צום ערשטן מאָל.

די עדה איז געגאַנגען מיט די פעלדער און מיט דעם פלאַכן טאָל און באַרג אַרויף און ווידער אַראָפּ מיטן טאָל און דאַן צוגעקומען צום טייכל. דאָס טייכל איז געלאָפן אין דער לענג און איז געווען ביי די ברעגן באַוואַקסן מיט בוריאַנעס און מיט עטלעכע הושענה־ביימער. די ווערבעס זיינען געווען הויכע און מיט ברייט־צעלאָזענע צווייגן, וועלכע זיינען געלעגן ביי דער ערד.

די יידעלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט ביי דעם ברעג פון טייכל און געזען זייערע פּנימער זיך אָפּשפּיגלען אין דעם קלאָרן וואַסער. די פלאַך פון וואַסער איז געווען ווי אַ לויטער גלאָז. די ווערבעס האָבן זיך אָפּגע־שפּיגלט אין טייכל מיט די צווייגן אַראָפּ און מיט די שטאַמען צום הימל.

דאָדל האָט עפּעס געגומען זאָגן אויף אַ קול, זיך געשאָקלט און מיט אים האָט זיך זיין שאָטן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין טייכעלע, אויך געשאָקלט.

און דערנאָך האָבן אַלע אויסגעטרייסלט זייערע לייליקע קעשענעס אין טייכל אַריין. און מען איז געגאַנגען צוריק.

רחמיאל האָט זיך צוגעשאַרט צו באַסיען. באַסיע האָט זיך אַזש גע־טאָן אַ דערשרעק און ווי אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט.

— וואָס האָסטע אַזוי מורא?

— כ׳האָב געמיינט, אַז עס איז אַ פערד...

— ניין, עס איז עך...

— וואו איז דאַן שוועסטער האָדל?

— זי קאָן שוין ניט גייז. שווער... אָבער עך בין דאָ...
— סקאָצל קומט! — לאַכט באַסיע.
— דו האָסט אויסגעטראַכט, אַז עך קים דיר צע׳חלום?... — פרעגט רחמיאל.
— עך האָב ניט אויסגעטראַכט. די ביסט מיר געקימען עטלעכע נעכט צע׳חלום...
— אַ וויסטע כולערי זאָל עס טרעפן! עך לעב דאָך נאָך...
— טאַקע, ווי קאָן עס זאַן? עך האָב מורא, אַז עס איז אַ שלעכטער סימן...
רחמיאל ווערט אַזש געל פון מאָמענטאַלער שרעק פאַרן טויט. אָבער באַלד גיט ער זיך אַ שטעל מיט ביידע הענט פידבאָקקאָם און זאָגט: — מאָל דיר, אַז ניט אַזוי גרינג פאַלט רחמיאל...
— זאָל גאָט אָפּהיטן... בייס דיר אָפּ די צינג!
— וואָס האָב עך צי דיר געזאָגט אין חלום? זאָג מיר כאָטש איין וואָרט, וועל עך זען צי די זאָגסט אַ ליגן, צי נישט.
— די ביסט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן און געשמייכלט ווי אַ סליפּ. פרעג עך דעך: וואָס ווילסטע ביי מיר? און די שוואַגסט און גלאָצסט מיט די „ציבעלעס״. וויל עך מאַכן אַ געוואַלד, ביסטע שוין נישטאָ...
— די מיסט טראַכטן פון מיר אַ גאַנצן טאָג.
— פון דיר? קאָן אַנדערע צרות האָב עך ניט, נאָר טראַכטן פון דיר?
— טראַכט עך פון דיר.
— די? וואָס עפּעס פּליצים?
— עך ליג גאַנצע נעכט און טראַכט פון דיר. עך האָב געגראָבן די קערניצע און אַז עך בין אָנגעקימען צום קוואַל, ווען עס האָט געטאָן אַ שלאָג דאָס קלאָרע וואַסער, האָב עך באַלד געזען ווי דאַן פּנים שווימט אויפן וואַסער.
— פאַררעד מיר ניט די ציין... עך האָב געהאַט אַן אַנדער חתן...
— ווי־זשע איז ער?
— ער איז פאַרפאַלן געוואָרן...
— עך וויס... די מיינסט שייע...
— קאָן עך אים ניט פאַרגעסן.
— קיק אָף מיר און פאַרגעס אים...
— ווער ווייסט צי עך וועל קאָנען.
— גיב אַ קיק, וואָס האָסטע מורא.
באַסיע גיט אויף אים אַ קוק.
רחמיאל צעלאַכט זיך.

— זעסט ווי די האָסט שוין פאַרגעסן.

— טאַקע!...

— עך האָב געוויסט, אַז די וועסט פאַרגעסן. עך וועל נאָך יאָמ־טעוו צידעקן די שטיב מיט אַ דאַך און עך וועל אַנגרייטן אַ סך בוריאַנעס צום הייצן און מיר וועלן שטעלן אַ חופּה... האַ, וואָס זאָגסטע?

— די קענסט צידעקן אַ דאַך?

— פאַרלאָז זעך אַף רחמיאלן. עך קען צעליב דיר אויספלעכטן אַ דאַך, וועט עס זאַן אַן אַנטיק צי קיקען... וועסט שוין זען...

— עס איז דאָך אָבער אַ רחמנות אַף די ברידערלעך מאַנע... ווי אַזוי וועלן זיי בלאַבן אָן אַ מאַמע?

— עך האָב זיי שוין געפרייגט צי זיי ווילן זאַן מאַנע קינדער און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן זאַן מאַנע קינדער. וועסטע וועלן, וועלן מיר זיי האַלטן ווי קינדער. וועסטע וועלן, וועל עך דיר גיבן נייע קינדער... עך קאָן...

— עך שיים זעך...

— דאָן מאַמע האָט זיך אויך געשיימט און מאָן מאַמע האָט זעך אויך געשיימט...

— לאָז דאָס איבער ביז נאָך יאָמטעוו.

— עך קאָן לענגער ניט וואַרטן... געדענק ביז נאָך יאָמטעוו...

נאָך ראש־השנה, אין די עשרת ימי תשובה (צווישן ראש־השנה און יום־כפּור), האָט דער פּריץ בריטשעוואַן געהייסן די קליינע יידעלעך אַרויס־טרייבן אין די פעלדער, כדי זיי זאָלן „רייסן" פאַפּשויעס. די דאָזיקע אַר־בעט האָט מען געטאָן זיצנדיק אויף דער ערד. אויף יעדער טשיקליעזשע איז געוועזן 3 אָדער 4 פאַפּשויעס. מען האָט די סטרוגערס געדאַרפט אַרויס־רייסן פון זייער שאָלעכץ און זיי אַנגעוואָרפן אין גרויסע קופעס. די סטרו־גערס זיינען געוועזן לאַנג און פול מיט קערנער, געל און רויט ווי שיינע קאָרעלן. עס איז אַרומגעפּאָרן אַ רייטער און געטריבן מיטן אַראַפּניק און קיינער האָט ניט געטאָרט אפילו טאָן אַ פינטל מיטן אויג, נאָר מען האָט געדאַרפט אָן אַן אויפהער „רייסן" די סטרוגערס. ביי די יונגע יידעלעך זיינען שוין די הענט געוואָרן געשוואָלן און עס האָט שוין באַסיען זיך מער ניט געחלומט פון רחמיאלן...

דאָדלס ווייב, האָדל, איז אַזוי־אַ זיצנדיקערהייט געגאַנגען צו קינד. זי האָט מורא געהאַט אפילו צו טאָן אַ קרעכץ, און פון איר טראַכט איז גע־בוירן געוואָרן אַ קינד. און עס האָט זיך פלוצים דערהערט דאָס פּיסטשען פונעם קליינעם נפל. אָבער האָדל האָט זיך מורא געהאַט אויפצוהויבן, טאָמער קריגט זי אַ שניט פונעם אַראַפּניק. אָבער ווען דער גזלן, דער ריי־

טער, איז צוגעקומען און דערהערט דאָס פּיסטשען פון אַ קינד, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם זאָטל און איז צוגעקומען.

אינאיינעם מיט די קליינע יידעלעך, האָבן אויך געאַרבעט די מאָלדאַוואַנעס, די וואָס זיינען געווען דאָס לייב־אייגנטום פונעם פּריץ. די דאָזיקע מאָלדאַוואַנעס מיט זייערע ווייבער און קינדער זיינען געווען אויסגעזעצט איבערן פעלד פּונקט אַזוי ווי די קליינע יידעלעך.

דער רייטער האָט געטאָן אַ געשריי: — אַפּ!

וואָס דאָס האָט געהייסן, אַז מען זאָל אָפּשטעלן די אַרבעט. און באַלד זיינען זיך אַלע צונויפגעלאָפן, ווי אויף אַ בייז־וואונדער און אַרומגעשטאַמפּעוועט האָדלען. און זי זיצט אין געהאַקטע וואונדן און קאָן זיך ניט רירן פון אָרט. און די ערד אַרום איז רויט.

דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן באַסיע און איז צוגעגאַנגען צו דער געווינערין, אויפגעהויבן דאָס ניי־געבוירן קינד, עס איינגעוויקלט אין איר אייגן קלייד און איז געגאַנגען אַהיים. און דאָדל מיט נאָך אַ פּאָר יידעלעך האָבן גענומען האָדלען אויף זייערע הענט און זי אויך אַהיים געטראָגן.

דאָס קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן צו זיין מאַמען אין מיטן פעלד און ביי דער אַרבעט, איז געווען אַ מיידעלע, אַ שוואַרץ־חנעוודיקס מיט שוואַרצינקע הערעלעך און מיט ברוינע אויגעלעך. און מען האָט עס געגעבן אַ נאָמען דבורה.

און נאָכדעם ווי די יידעלעך האָבן זיך גוט אָנגעהאָרעוועט, איז אָנגעקומען יום־כיפּור.

דער פּריץ בריטשעוואָן האָט געוואָרטשעט, אַז די זשידאָנעס האָבן צופיל יום־טובים. אָבער עליע דער סטאַראָסטע האָט אים דערקלערט, וואָס פאַר אַ פּאַרכטיקער טאָג אָט דער יום־כיפּור איז און דער אַלטער בעל־עבירהניק האָט זיך דערשראָקן...

זיבעצנטער קאַפּיטל

אָט אַזוי זיינען אַריבער די יידישע יום־טובים אין טרויער און שווערע אַרבעט און באַלד נאָך שבת בראשית האָבן אָנגעהויבן צו וואַיען די צפונדיקע בעסאַראַבער ווינטן. איבער די פעלדער האָבן זיך געטראָגן דער אויסגעדריבלטער פּוך פון די בוריאַנעס און באַדיקעס און דער הימל איז געוואָרן אַזוי ווי בליי און די זון איז ניט אַרויסגעקומען אפילו אויף אַ רפואה...

דער טיטון איז געלעגן אין באַסיעס ניט פאַרענדיקטער שטוב. עס

איז געווען אַ פולע שטוב מיט טאַבאַק־בלעטער. און רחמיאל האָט געטאָן אַזוי ווי ער האָט געזאָגט. ער האָט געוואָלט צודעקן די שטוב מיט אַ דאַך. אויסגעמאַלויצעטע זיינע סנאָפּעס ווייץ און מיט די דאָזיקע סנאָפּעס געמאַכט אַ דאַך. פון דעם טיטון האָט זיך אַרויסגעוועפּט אַזאַ שטאַרקער אַראָמאַט, אַז ווען רחמיאל איז געלעגן אויפן דאַך, איז ער שיער ניט פאַרטשאַדעט געוואָרן און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט.

מיט די דאָזיקע סנאָפּעס איז געווען אַ מחיה צו לייגן אַ דאַך. דער דרויסן האָט געוויזן, אַז עס וועלן זיך באַלד אָנהויבן די אָסיענדיקע רעגנס, און רחמיאל האָט מורא געהאַט, אַז דער טאַבאַק זאָל ניט ווערן פאַרנעצט. האָט ער זיך געאיילט, און האָט אויסגעלייגט אַ דאַך פון די סנאָפּעס, אַז מ׳האָט געמעגט פאַרן אָנקוקן אויף חידוש... אַרום און אַרום איז דער דאַך געווען אַזוי ווי מיט אַ שער אַרומגעשוירן, און גלייך זיינען די סנאָפּעס געלעגן. דערנאָך איז געגאַנגען אַ סקאָס אַרויף מיט סנאָפּעס, איינס איבערן אַנדערן, ווי טרעפּ מיטן קאָפּ אַראָפּ. און דערנאָך האָט זיך דער דאַך פאַרענדיקט מיט אַ שאַרף גלייך צום הימל און דערפירט צו אַ שפּיץ, וואו צוויי סנאָפּעס האָבן זיך מיט די זאַנגען־קעפּלעך צונויפגעגאָסן אין איינס. הכלל, שוין איינמאָל אַ דאַך!

און ערשט דעמאָלט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ניט אומזיסט לייגט זיך רחמיאל אַוועק אין דער לענג און ברייט — אַז ער וויל גאָר באַסיען פאַר אַ ווייב. מען האָט געוואָלט פראַווען אַ חתונה און עס איז ניט געווען ווען. מען האָט געדאַרפט אויפציליעווען דעם טאַבאַק אויף שטריקלעך, כדי ער זאָל ניט פאַרפוילט ווערן. די שטריקלעך האָט מען אַליין געדאַרפט מאַכן פון וואָל. און מען האָט דעם טאַבאַק שוין געהאַט אויסגעהאַנגען אין באַסיעס שטוב.

דערנאָך האָט מען געדאַרפט קלייבן בוריאַנעס צום הייצן אַ גאַנצן ווינטער. און די קליינע האָבן זיך שוין געמוזט באַצייטנס אָנטאָן אין די ווינטערדיקע מלבושים, ווייל עס איז שוין געווען זייער קאַלט. עס האָט גערעגנט און די ערד איז געוואָרן געשוואָלן. און אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן קלייבן בוריאַן, האָט דער פריץ גערופן צו לושטשען די קוקורוזע. און דאָס האָט געדויערט שיינע עטלעכע וואָכן. דערנאָך האָבן די יידעלעך געדאַרפט אַראָפּנעמען דעם טאַבאַק פון די שטריקלעך און מאַכן „פאַפּושעס“, אַזוינע בינטלעך פון צען אָדער מער טאַבאַק־בלעטער, וואָס מען האָט זיי גוט צונויפגעדרייט און אַרומגעקניפּט מיט אַ טיטון־וואָרצל.

דערנאָך האָט אָנגעהויבן צו שנייען. די גאַנצע ערד איז געוואָרן

ווייס־גרוי, און ערשט דעמאָלט האָבן די יידעלעך אַביסל אָפּגעדעכעט און געפּראַוועט די חתונה פון רחמיאלן מיט באַסיען.

קיין כלי־זמר איז ניט געווען און קיין חופּה־שטאַנגען אויך ניט, נאָר דאָדל דער „רב" האָט זיי געגעבן חופּה־וקידושין טאַקע אין באַסיעס שטוב. באַסיע האָט שיער ניט געחלושט ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איר טאַטע־מאַמע זיינען נישטאָ צו איר חופּה. עס איז געווען זייער אַ טרויעריקע חתונה. קיין לעקעך מיט בראָנפן איז אויך ניט געווען. נאָר באַסיעס שאָף און די ברידערלעך זיינען געווען די גלאַוונע מחותנים. די ברידערלעך, ישראל און יאָסל, האָבן גענומען אונטערפּירעכץ, און די שאָף האָבן גע־מעקעט.

באַלד נאָך דער חופּה האָט מען באַסיען איבערגעלאָזט מיטן חתן און יאָסל מיט ישראלן זיינען אָפּגעזונדערט געוואָרן אין איינעם פון זייערע אייגענע בירדעיעס.

פּלוצלינג איז אינדרויסן געוואָרן אַ גרויסע זאַווערוכע. דער ווינט האָט געריסן שטיקער פון די בורדעיען. רחמיאל האָט צעלייגט אַ גרעסער פייער אונטער דער טריניזשקע און עס איז געוואָרן אַ גרויסער רויך אין שטוב. מען האָט געמוזט עפענען די טיר כדי דער רויך זאָל אַרויס. איז טאַקע דער רויך אַרויס אָבער דערפאַר איז אַריינגעבלאָזן געוואָרן גאַנצע פלאַכטעס מיט שניי.

— מען דאַרף פאַרמאַכן די טיר — זאָגט באַסיע אַזוי ווי צו אַ פרעמדן.
פאַרמאַכט רחמיאל די טיר.

איצט, אַז די בוריאַנעס האָבן זיך שוין איבערגעפלאַקערט, זיינען גע־בליבן דינע, לאַנגעכיקע האַלעוועשקעס. זיי זיינען העל ווי שטערן אויף אַ קלאָרן הימל. דאָך איז אין בורדעי טונקל. רחמיאל קאָן ניט זען באַסיעס פנים. און זי קאָן ניט זען רחמיאלס פנים.

— האָסט שוין געמאָלקן די שאָף? — פרעגט רחמיאל גלאַט פון היימ־לעכקייט וועגן.

— נאָך נישט. זאָל ער אויסמעלקן...

רחמיאל מעלקט די שאָף. עס הערט זיך דאָס צירקען פון דער מילך אין טעפּל אַריין. אָבער אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן ווייסט ער ווידער ניט וואָס צו טאָן מיט זיך.

— האָסט שוין עפּעס געגעסן?

— נאָך נישט...

— עך וועל גיין ברייגגען מאָן ברינזע און מאָן מעל.

— אינדרויסן איז אַ זאַווערעכע.

— עך בין נישט קאָן לעמעלע.

רחמיאל גייט אַוועק און קערט זיך באַלד אום, ווייל זיין בורדעי איז ניט ווייט פון דאַנען. ער ברענגט צוטראָגן אַ שאָף אויף די הענט.

— עך האָב געבראַכט מאַן כאַדאָבע . . .

— האָסט קאָן צאַט נישט ? . . .

— עך וועל ברייגנען מאַן גאַנץ פאַרמעגן . . . עס איז דאַנס !

און אַזוי האָט רחמיאל איבערגעטראָגן אַלע זיינע זאַכן און די שאָף. די שאָף האָבן זיך אַרומגעשמעקט און זיך באַלעקט איינע די אַנדערע און זיך אַנידערגעלייגט אין אַ ווינקל.

רחמיאל האָט אויפגעטריבן באַסיען : — וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק? גיי און קאָך אָפּ אַ מאַמעליגע און אַן עק זאָל עס נעמען !

באַסיע האָט געטאָן אַ שווערן זיפץ און איז געגאַנגען קאָכן אַ מאַמע־ליגע. זי איז עפּעס אַזוי ווי איינגעדאַרט געוואָרן איבער היינטיקן טאָג. זי איז איצט אָקעגן רחמיאלן געווען ווי אַ קינד קעגן אַ ריז.

רחמיאל האָט איר געטאָן אַ קיצל אונטער די פּאַכוועס. זי האָט זיך דערשראָקן און געטאָן אַ קוויטש.

— ער הייבט שוין אָן . . .

— עך וויל דעך מאַכן לעבעדיקער — רייבט זיך רחמיאל זיינע הענט.

— ער האָט מעך דערשראָקן און עך בין שיער ניט געשטאָרבן . . .

— האָב נישט קיין מורא. כ׳על דעך ניט אויפעסן . . .

— די מאַמעליגע איז פאַרטיק — זאָגט באַסיע.

— עך בין הינגעריק ווי אַ וואָלף.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און געגעסן זייער ערשטע וועטשערע אינאיינעם.

רחמיאל האָט זי געהאָדעוועט ווי מען האָדעוועט אַ פויגעלע, איר צו־געטראָגן צום מויל קליינע שטיקלעך מאַמעליגע, איינגעטונקען אין ברינזע.

— ווי אַלט ביסטע ? — פרעגט רחמיאל.

— מיר איז איצט שוין פערצן יאָר.

— און מיר אויך אַזוי פיל . . . ווען עך וואָלט געווען אין דערהיים, וואָלט עך שוין אָנגעטאָן וואַשקעס (תפילין) מיט אַ שטיבעלע אָפן קאָפּ און מיט אַ שטיבעלע אָף דער האַנט (של־ראש — של יד).

— פון וואַנען איז ער ?

— ווער ?

— ער . . .

— עך וויס נישט וועמען די מיינסט.

— עך מיין דעך . . . מאָך זעך נישט טאַמעוואַטע . . .

— עך הייס רחמיאל... מאַן מאַמע ריפט מעך ראַכמילעק. לאָמעך הערן ווי די רופסט מעך...

— עך שיים זעך...

— עך וועל דעך נישט פאַרשיימען... עך וועל דיר זאָן אַ געטרייער מאַן ביז מאַן טויט... קאַמירע נישט! מאַן נאָמען איז רחמיאל! און עך קים פין אַ שטאָט ווי אַלע זאַנען שטאַרק ווי די פערד.

— די שלאָגסט זעך אויכעט?

— עך קאָן אַזוי אַמאָל, אַז מען דאַרף דערלאַנגען אויכעט!...

— אָ, עך האָב מורא פאַר דיר!

רחמיאל גיט זי פלוצים אַ נעם מיט זיינע הענט ווי מיט אייזערנע צוואַנגען און גיט זי אַ קוועטש צונויף און דריקט זי צו זיין ברוסט. באַסיעס קליינטשיקער קערפער גיט אַזש אַ טריעשטשע.

— געוואַלד! — הויבט אָן באַסיע צו שרייען. אָבער איידער דאָס גע־שריי האָט צייט אַרויסצוקומען פון איר מויל, האָט שוין רחמיאל פאַרשטעלט איר מויל מיט איינער פון זיינע לאַפּעס.

ער גיט איר אַ ביס אין דער דאַרער באַק.

— ווּעסט שוואַגען צי נישט?...

באַסיע האָט זיך געווערט מיט דעם, וואָס זי האָט אים געגראַבלט דאָס פנים מיט אירע נעגל און מיט דעם, וואָס זי האָט געדריגעט מיט אירע דאַרע פיסלעך.

רחמיאל האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און זי געטראָגן אויף זיינע הענט ווי מען טראָגט אַ קינד. איצט איז שוין באַסיע געווען אַ פאַר־חלשטע. אירע פיסלעך האָבן זיך נאָכגעהאָנגען און איר קאָפּ איז געווען צעשויבערט און באַהאַלטן אין רחמיאלס ברוסט.

ער האָט זי אַנידערגעלייגט אויפן בעט מיט שטרוי. און צו איר גע־רעדט עפּעס וואָס איז געווען אומפאַרשטענדלעך, אי צו אים אַליין און אויך צו דער גאַנצער וועלט...

באַסיע האָט זיכער גאָרניט פאַרשטאַנען, ווייל זי איז געווען פאַר־טאַיעט...

אַכצנטער קאַפּיטל

נאָכדעם ווי רחמיאל האָט חתונה געהאַט מיט באַסיען האָבן זיי זיך אַריבערגעצויגן אין דער נייער דירה. דעם טאַבאַק האָט מען פון דאָרטן אַרויסגענומען און אַריינגעלייגט אין די בורדעיען און אים איינגעדעקט מיט שטרוי, כדי ער זאָל זיך ניט דורכשוויצן.

רחמיאל האָט די לעכער פון שטוב פאַרשטאָפּט מיט שטרוי און מיט בוריאַנעס און צוביסלעך איינגעשטעלט זיין באַלעבאַטישקייט. באַסיע האָט אָוועקגעלייגט די קישנס, וואָס די מאַמע האָט איר מיטגעגעבן און אויך רחמיאלס קישנס. זיי האָבן איצט שוין כמעט געהאַט אַ גאַנצע טשערעדע מיט שאָף. באַסיע האָט פאַרמאָגט זעקס גרויסע שאָף מיט זעקס יונגע לעמער, וועלכע זיינען שוין באַלד אויך געווען אַזוי גרויס ווי זייערע מאַמעס. און רחמיאל אַליין האָט אויך געהאַט צוויי גרויסע שאָף און צוויי לעמער. איין לאַם ביי רחמיאלן איז גראָד געווען אָ בּאַראַן, אַ גראָער מיט געקרייזלטע האָר און עס האָבן שוין ביי אים געוואָקסן צוויי שיינע הערנער. אַרום און אַרום האָט עס געהייסן, אַז עס געפינען זיך שוין ביי זיי זעכצן שטיק שאָף. און זיי האָבן זיך אַלע געפונען דאָ אין שטוב. לאָזן זיי איצט אין דרויסן האָט מען ניט געקאָנט, ווייל עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די פרעסט און קאַלטע ווינטן. און שאָף האָבן ניט קיין זייער גרויסן פאַרגעניגן צו זיין אין דרויסן, ווען עס איז קאַלט...

באַסיע איז אַזש אַ ביסל אויסגעוואָקסן אין דער הויך פון דעם פאַרגעניגן, וואָס זי איז די ערשטע דאָ זיך אַריינצוציען אין דער נייער דירה. דאָדל דער „רב" האָט זיך אויך געדאַרפט אַריינציען, נאָר אַזוי ווי זיין ווייב האָדל האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קינד זאָל ניט כאַפּן קיין צוג-לופט, ווייל עס איז נאָך גאָר אַ פּיצל, האָבן זיי דערווייל זיך נאָך געוואַלגערט אין בורדעי.

אַלע שכנים האָבן זיך געמאַכט אַ מאָדע אַריינצוקומען דאָ אין באַסיעס שטוב און אויך געקוואָלן פון נחת, וואָס עס איז דאָ אַ שטוב וואו אַריינצוקומען. און עס איז אויך געוואָרן אַ מאָדע, אַז די מאַנצבילן האָבן געוויקלט טיטון אין קוקורוזע-בלעטער און גערויכערט און געשמועסט צווישן זיך.

באַסיע האָט דאָס זייער ליב געהאַט, דאָס הייסט, דאָס שמועסן און דאָס רויכערן. די שטוב איז דערפון געוואָרן אָנגעפילט מיט פרייד און מיט וואַרעמקייט. אין דער מיט, אויף דער ערד איז געשטאַנען די טריניזשקע, און אונטער איר איז אַלעמאָל געווען אַ פייער. איצט איז געווען גענוג בוריאַנעס אויפן גאַנצן ווינטער. רחמיאל האָט די בינטלעך בוריאַנעס צונויפגעלייגט אין אַ סטערטע, הינטער דער שטוב. אויף דער טריניזשקע איז אַלעמאָל געווען אַ טאָפּ מיט הייסע וואַסער. און ווער עס האָט געוואָלט אַ גלאָז וואַרעמס מיט שאָפענער מילך, האָט עס באַלד געקראָגן.

באַסיע איז געווען אַ גרויסע באַלעבאָסטע און אַ גאַסט-פריינטלעכע. זי האָט זיך די דאָזיקע צוויי מידות אויסגעלערנט ביי איר מאַמען אין שטוב. זי איז טאַקע געווען זייער אַ וואוילע פון געבוירן-אָן. זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ. זי האָט געקאָנט אויסהערן יעדן איינעם און יענעם מאַכן גרינגער

מיט אַ גוט וואָרט. זי האָט פיינט געהאַט צו קריכן יענעם אין דער נשמה אַריין. אויב מען האָט איר דערציילט, האָט זי געהערט; אויב יענער האָט געשוויגן, האָט זי אויך געשוויגן.

רחמיאל איז אויך געווען אַ גרויסער שווייגער. און באַסיע הויבט אים אָן האָלד צו האָבן. זי הויבט אים אָן צוביסלעך צו פאַרשטיין אויפן וואונק. אויף אירס אַ וואונק איז ער גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער. עס איז נאָר באַסיען אַ פאַרדראָס, וואָס זי האָט ניט אַזאַ מאַן ווי איר פאָטער רעב אייזיקל איז...

זי שטעלט זיך אָפּט פאָר, ווען זי, אַ שטייגער, זאָל האָבן איצט אָט דאָ־אָ אַזאַ מאַן ווי איר פאָטער, אַ לערנער, וואָלט ער דאָך געזעסן בייטאָג און ביינאַכט און געלערנט תורה און זי וואָלט אים באַדינט...

איז אָבער, אַז זי באַרעכנט זיך, אַ שטייגער, ווען זי האָט אַזאַ מאַן, ווי איר פאָטער, ווער וואָלט אויסגעגראָבן די קערניצע און ווער וואָלט געווען געדעקט דעם דאָך? אָט איז דאָך דאָדלס דאָך נאָך ניט צוגעדעקט און וואָס טויג דאָס, וואָס ער קאָן לערנען, אַז עס איז נישטאָ ווער עס זאָל צודעקן דעם דאָך? און איר רחמיאל איז אַזאַ געזונטער! אַלע ציטערן פאַר זיין דעך... די צוויי ברידערלעך, באַסיעס, האָבן פאַר אים דאָס קדחת... און ער לערנט זיי גוטע מידות. ער לאָזט זיי ניט זיין קיין פוליאַקעס...

אפילו אין די גרעסטע קעלטן געפינט ער זיך עפּעס אָן אַרבעט אַרום דער שטוב, און די צוויי יינגלעך מוזן אים העלפן. גייט אַ שניי, גייט ער מיט זיי אַרויס און מאַכט אַ סטעזשקע פונעם הויז ביז צום ברונעם, און שאַרט און שאַרט אַ גאַנצן טאָג דעם שניי אַרום דער שטוב.

רחמיאל איז אַוועק צום טייך און אָנגעריסן פּרוטקעלעך פון ווערבעס און געמאַכט אַזוינע בעזימס און באַסיע האָט געקראָגן איינעם פאַר דער שטוב.

דער ערשטער בעזים דאָ!... זיינען יידעלעך געלאָפן קוקן אויפן גרויסן וואונדער און זיך געחידושט, וואָס עס איז זיי גאָר פריער ניט איינ־געפאַלן אַזאַ געדאַנק.

דער ערשטער בעזים!...

און עס איז טאַקע ריין ביי באַסיען אין שטוב אַז עס איז אַ מחיה. עס איז טרוקן און ליכטיק.

באַסיע זיצט און ציט פעדימלעך פון וואָל. זי האָט איצט אַ סך וואָל און זי וועט דעם ווינטער, זאָגט זי, מירצעשעם אויסאַרבעטן זאָקן פאַר זיך, פאַר רחמיאלן און פאַר די ברידערלעך. אין עס קוקן אויף איר די איבערי־קע ווייבלעך און ברענגען אויך זייער וואָל אַהער אין באַסיעס ליכטיקער

שטוב אַריין. מען זעצט זיך אויס אַרום פייער און מען ציט פעדימלעך...
מען וויקלט קנוילן... און מען דערציילט זיך מעשות...

עס קומט אָן חנוכה און די יידעלעך מאַכן חנוכל־ליכטלעך פון בוריאַן. זיי נעמען שטיקער בלאָטע און מאַכן פון זיי חנוכה־לעמפּעלעך און יעדן אויפדערנאַכט, אַזוי ווי עס פאַרגייט נאָר די זון, צינדט מען אָן די בוריאַן־שטעקעלעך. מען קומט זיך דערנאָך צונויף אין באַסיעס שטוב און דאָדל דערציילט דעם נס־חנוכה. דערנאָך קאָכט באַסיע אָפּ די גרויסע מאַמעליגע און ברינזע האָט זי איצט אַ סך, ווייל רחמיאל האָט זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו מאַכן ברינזע פון שאָפּענעם קעז. זעצט מען זיך אויס אַרום פייער, וואָס אונטער דער טריניזשקע און מען עסט מאַמעליגע מיט ברינזע. דער־ווייל האָט דער פריץ בריטשעוואַן געשיקט זיין גערטנער, אַז מען זאָל זיך צעטיילן מיטן טאַבאַק. און דער פריץ האָט צוגענומען זיין חלק. און אַלע שכנים האָבן זיך איינגעטיילט יעדער מיט זיין חלק טיטון.

אָבער איציק שניידער, וואָס האָט געהאַט אַ שניידערישע שער, איז גע־פאַלן אויף אַ שכל און גענומען זיין חלק טאַבאַק און אים צעשוירן אין די־נענקע לאָקשן. און עליע דער סטאַראָסטע האָט גענומען ביי אים אַביסל „לאָקשן" טיטון און אַוועקגעטראָגן צום פריץ. עס איז געווען אַזוינע ליכ־טיק־געלע לאָקשעלעך און זיי האָבן געשמעקט מיט אַ טייערן ריח. און דער פריץ בריטשעוואַן האָט ניט געקאָנט גלויבן זיינע אויגן, אַז די זשי־דאָנעס זאָלן אַזוינס קאָנען מאַכן מיט זייערע הענט, און ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו עליען, אַז ער זאָל אים באַלד ברענגען דעם דאָזיקן צויבערער.

איז געקומען איציקל שניידער, אַ בלייכער, אַ דאַרער און אַ קליינ־טשיקער מיט זיין גרויסער שער און זיך אַנידערגעשטעלט פאַרן פריץ. און דער פריץ האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַפּושע מיט טיטון און איציקל שניי־דער האָט זי צעשוירן מיט זיין שער. און דער גאַנצער טיש איז געוואָרן פול מיט טיטון־לאָקשן. און דער פריץ האָט געהאַט גרויס נחת און געשיקט אַריינרופן זיין טעאָדעסען.

איז זי, די קלאָפּטע, אַריינגעקומען מיט די האָר צעלאָזן איבער איר גאַנצער פּלייצע און זי האָט אָנגעקוקט די טאַבאַק־לאָקשן און אָנגעקוקט דאָס קליינע יידעלע, איציק שניידער מיט זיין שער.

איציק איז נאָך געווען כמעט אַ קינד, אַן אָרעם יידיש שניידערל. אין דער היים ביי זיין טאַטן האָט ער זיך געלערנט פון קליינערהייט אָן ווי צו נייען טאַנדעט־אַרבעט. דער פאָטער זיינער האָט געקראָגן אַרבעט ביי חיים־שמואל דעם שניט־קרעמער, טאַנדעט־אַרבעט. געמאַכט באַרנוסן, הויזן גאַנצע הויפנס און זיי דערנאָך אָפּגעטראָגן צום קרעמער. די גאַנצע פאַמיליע האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט, און עס איז קוים געווען אַ

שטיקל ברויט אין שטוב. די קינדער האָבן ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן, און בײַ זיי אין שטוב איז געווען ווי אין אַ גרוב, נאַס און קאַלט. דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן שטייט איציק אין אַזאַ רײַך הויז מיט פּאַדלאָגעס און אַזאַ וואַרעמקייט.

דער פּריץ בריטשעוואַן גיט אַ באַפעל, אַז איציק זאָל פאַר אים צע־שנײַדן דעם גאַנצן טאַבאַק אין לאָקשן. און באַלד גיט מען איציקלען אַ כאַפּ און מען פירט אים אַוועק אין אַ קאַמער טיף בײַם פּריץ אין הויף. דאָרטן איז געלעגן דער טאַבאַק. און איציקל האָט זיך אַוועקגעשטעלט שנײַדן לאָקשן...

די קאַמער איז אַזוי ווי אַ סקלעפּ פון שטיינער. עס איז דאָרטן קאַלט, נאָך ערגער ווי אין דרויסן. עס איז אַפילו אויך דאָ שטיינער אויסגעלייגט אויף דער ערד, אָבער עס איז דאָ אַזוי קאַלט, אַז בײַ איציקן פרירן אָפּ די פיס.

ער פאַרשעלט זיך זײַנע יונגע יאָרן, וואָס ער איז גאָר געבוירן גע־וואָרן בײַ שנײַדער און וואָס דערפאַר האָט ער בײַ זיך די אומגליקלעכע שער. ווען ער וואָלט ניט געהאַט די שער, וואָלט ער דאָך ניט געקומען צום געדאַנק צו שערן זײַן טיטון... און עליע וואָלט זיך דאָך ניט געלאָפן באַרימען מיט די לאָקשן און ער וואָלט ניט געדאַרפט איצט אַזוי אָפּקומען...

נײַנצנטער קאַפּיטל

איציק שנײַדער האָט געשווירן דעם טיטון עטלעכע טעג. דורך דער צײַט האָט ער געזען, אַז דאָ אין דעם פּריצס הויף איז דאָ אַ סך פּאַנש־טשיניקעס. זיי האָבן געוואוינט אין אַ לאַנגן סקלעפּ פון שטיינער, מיט אַ שטרויענעם דאַך. עס איז געווען אַזוי ווי אַ לאַנגע שטאַל, להבדיל, מיט קאַיקעס פון פלעקער און מיט שטרוי אָנגעבעט. די דאָזיקע קאַיקעס זײַנען געשטאַנען אין אַ שורה איינס נאָך איינס איבער דער לענג פון פּידוואַל. אויף יעדער קאַיקע האָט געוואוינט אַן אַנדער פאַמיליע פּאַנשטשיניקעס, אַ מאַן, אַ פרוי און זייערע קינדער.

איציק שנײַדער איז דאָך נאָך כמעט געווען אַ ייִנגל, האָט ער געזען אַ לאַנגן סקלעפּ, האָט ער געוואָלט וויסן וואָס דאָרטן טוט זיך. עס איז דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן, אַז ער איז אין אַ פּריצישן הויף. אָבער וועגן פּאַנשטשיניקעס האָט ער געהערט נאָך אין זײַן טאַטנס הויז. זײַן טאַטע פלעגט דערציילן ווי אַזוי דער פּריץ פון זייער שטעטעלע דראַזשנע האָט אַ סך פון זיי. און די טאַנדעטנע אַרבעט, וואָס זײַן טאַטע פלעגט מאַכן איז

געגאַנגען פאַרן פריצס פאַנשטשיניקעס. וואָס עס איז אַ פאַנשטשיניק, האָט איציקל ניט געוואוסט, און אַפילו איצט, אַז ער האָט שוין געזען ווי זיי וואוינען און וואָס זיי צעאַרבעטן אַלע טאָג, ווייל ער האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צוצוקוקן, האָט ער אויך ניט פאַרשטאַנען זייער פלאָג.

פאַרקערט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי איז בעסער פון אים. ער איז געלעגן אין בורדעי טיף אין דער ערד און זיי וואוינען כאָטש אין אַ סקלעפּ. ער וואוינט פאַרוואָרפן אויף אַ פעלד און זיי וואוינען אין פריצס הויף. נאָר ער האָט דאָך ניט געקאָנט זייער לשון און זיך מיט זיי ניט געקאָנט צונויפריידן. אָבער אַריינכאַפּן זיך אין זייער וואוינונג, האָט ער זיך יאָ אַריינגעכאַפּט און געזען ווי זיי וואוינען. עס איז געווען בייטאָג און די קינדערלעך זייערע זיינען געזעסן אין גאַנצע קופּקעלעך אויף די קאָיקעס. אַפּנים אויף יעדער קויקע באַזונדערע קינדער פון אַ באַזונדערער פאַמיליע. עס איז דאָרטן געווען האַלב פינצטער, ווייל די קלייניקע פענצטערלעך האָבן מערער קיין ליכט ניט געגעבן.

דערנאָך, אַז איציקל האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט אַ קוק טאָן אין שטאַל פון דעם פריצס פערד, האָט ער דאָרטן געזען בעסער און ליכטיקער. צי איז דאָס געווען דערפאַר, וואָס דאָרט זיינען געשטאַנען עפּעס אַזוינע ליכטיקע, גרויסע פערד, צי מחמת דעם, וואָס דאָרט איז דער דאַך געווען זייער הויך און ניט פון שטרוי, נאָר פון שינדל, צי מחמת אַנדערע זאַכן... איציקל האָט דאָרט ניט געקאָנט קיין סך שטיין, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים ניט כאַפּן און דערפאַר גוט אָנברעכן די ביינער. דורך די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט געבראַקט דעם פריצס טאַבאַק אויף דינע לאָקשן, האָט מען אים אויך גערופן צוויי מאָל אין טאָג צום עסן. געווינלעך האָט מען דאָס געטאָן מיט קלינגען פון אַ הילצערנעם לעפל אין אַ בלעך.

דעם ערשטן טאָג האָט איציק ניט געוואוסט וואָס מען קלינגט אַזוי. ער איז געשטאַנען און געטאָן זיין אַרבעט. דאַן איז דער מאלדאוואן צוגעקומען צו זיין קעמערל און געטאָן אַ קלונג. איז ער אַרויסגעגאַנגען טאָן אַ קוק. און דער מאלדאוואן האָט צו אים געוואונקען מיט אַ פינגער. איז ער געגאַנגען נאָכן מאלדאוואן. און ער האָט אים געבדאַכט אין אַ גרויסער קאָמער, אָדער אַזאַ קיך. דאָרטן זיינען די שטיינערנע ווענט געווען פאַרשמאָלצעוועט און פאַררויכערט. אינדערמיט איז געשטאַנען אַ גרויסער דריי־עק מיט ריזיקע פיס און אַ פייער האָט געברענט אונטער אים. אויפן דריי־עק אַ גרויסער קעסל, אָדער אַזאַ אייזערן פאַס. אַ מאלדאוואן איז געשטאַנען מיט אַ שטעקן און געמישט אין פאַס. עס האָט געזעצט אַ גראָע פאַרע פון

דעם פּאַס. און עס האָט זיך געפילט עפּעס געזאַלצנס און ביטערלעכס פון דעם געקעכץ.

אויף דער ערד איז געלעגן אַ פיר־עקעכיק ברעטל. אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ פּאַס מיט גרינלעך־ווייסן קעז. די קאַמער איז געוואָרן פול מיט זייערע ווייבער און מאַנצבילן. קיין קינדער האָט איציק דאָ ניט געזען. נאָר גרויסע, אין וואָלענע קורטקעס, מיט שאַפּענע קוטשמעס, מיט הויזן פון שאַפּענע פעל און לעדערנע באַדאַקעס און די ווייבער אין קליידער פון וואָל און אויך אין באַדאַקעס און מיט וואָלענע שאַלן אויף זייערע קעפּ.

אַלע האָבן זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד אַרום און אַרום און צוויי מאַלדאַוואַנעס האָבן געטאָן אַ כאַפּ דאָס פּאַס פון די טריניזשקעס און עס געטאָן אַ קער־איבער אויף דעם פיר־עקעכיקן ברעט און האָבן אויסגעטרעסעט אַ גרויסע מאַמעליגע, ווי אַ באַרג. דערנאָך האָט איינער געשניטן מיט אַ הילצערנעם מעסער, צי מיט אַ ברעטל, שטיקער מאַמעליגע און איטלעכן געגעבן אין שטיק. איציקל האָט אויך באַקומען אַזאַ שטיק, און עס איז געווען גרעסער פון זיין קאָפּ. דערנאָך האָט דער מאַלדאַוואַן יעדן איינעם איינגעטיילט מיט אַ גרויסן לעפל ברינזע. ווען עס איז געקומען צו איציקלען האָט ער זיך גאָר קיין עצה ניט געקאָנט געבן. זיינע ביידע הענט זיינען געווען פאַרלייגט מיט דער מאַמעליגע. און וואו זאָל ער אַריינטאָן די ברינזע? ביז ער איז געפאַלן אויף אַ שכל און די מאַמעליגע אַנידערגעלייגט אויף די קני און אונטערגעשטעלט זיינע דלאָניעס און דער מאָלדאַוואַן האָט אים אָנגעשאָטן אַ פולע זשמעניע מיט קעז.

פאַרשטענדלעך, אַז איצט, ווען זיינע הענט זיינען געווען פאַרלייגט מיט קעז, האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס צו עסן די מאַמעליגע. נאָר ער האָט זיך ווידער אַן עצה געגעבן. ער האָט זיך אָנגעבויגן מיטן מויל צו דער מאַמעליגע און פאַרטיק.

אים האָט זיך אָבער זייער געוואָלט וויסן צי מען גיט די קינדערלעך אויך עסן, צי ניט. צי אפשר זיינען דאָס אַזוינע קינדערלעך, וואָס דאַרפן גאָרניט עסן? און ער האָט זיך נאָכגעקוקט און געזען, אַז מען גיט די קינדערלעך אויך עסן דאָס זעלבע וואָס די גרויסע... און דעמאָלט איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

איציקל האָט זייער פיל געטראַכט וועגן אָט־די קינדערלעך, וועגן זייער גרויסער צאָל און וואָס עס וועט זיין פון זיי ווען זיי וועלן אויסוואַקסן. צי וועט מען זיי אויך אַזוי ווי אים דאַרפן ערגעץ פאַרשיקן אויף אַ וויסט פעלד און זיי באַגראָבן אין בורדעיען, צי האָבן זיי אַ בעסער מזל ווי ער, איציקל, האָט געהאַט.

נאָר אונדזער איציקל איז באַלד אַראָפּ פון הויפּס קעסט, אַזוי גיך ווי

ער האָט פאַרענדיקט דעם טיטון בראָקן. מערער האָט ער שוין קיין פוס ניט געקאָנט אַריינשטעלן אין הויף אַריין.

דעם פּריצס הויף איז געווען ווי אָפּגעשלאָסן פון דער גאַנצער וועלט מיט אַ הויכער שטיינערנער מויער. עס זיינען אפילו געווען צוויי טויערן, אָבער זיי זיינען געווען פאַרמאַכט. מען האָט זיי נאָר געעפנט, אָט־די טויערן, ווען מען האָט געדאַרפט אַרויספאָרן, אָדער אַריינפאָרן. דאָ אין הויף איז געווען אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך אַליין. דאָ זיינען געווען שטאַלן פאַר די אָקסן, סטאַדאָלעס פאַר די שאָף, שטאַלן פאַר די פערד, מאַגאַזינען פאַר תבואות, שפּייכלער פאַר זאַפּאַס פון זאַלץ, מעל, טראָן, געזאַלצענע פיש, אַלערליי קעזן, ווי ברינזע, הורדע, ביץ און קאש; דאָ איז געווען פאַנאַריעס מיט היי, סקלעפּעס מיט אַלטע און נייע ווינען, וואָס דער פּריץ האָט געבראַכט פון די קאָדרעס די בעסאַראַביער; דאָ אין סקלעפּ האָט מען געהאַלטן אַלערליי געזאַלצענע פליישן און שאָפּן־פלייש; דאָ האָבן אויך זיך געפונען אַלע שקלאַפן מיט זייערע ווייבער און קינדער.

דער פּריץ בריטשעוואַן האָט פאַרמאָגט אַ הונדערט שקלאַפן און אַכציק שקלאַפינס. יעדער שקלאַף, אַז ער איז געוואָרן אַלט אַכצן יאָר, האָט באַלד געמוזט חתונה האָבן מיט אַ שקלאַפין. דער הויפּט אויפזעער איבער די שקלאַפן איז געווען אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט און דווקא אַ פרייער מענטש. ער האָט געדינט ביים פּריץ פרייוויליק און ערגעץ געהאַט אַ ווייב מיט קינדער אין רומעניע. ער פלעגט אַריבער די גרעניץ איינמאָל אין יאָר און גיין צו־גאַסט צו זיין פאַמיליע. ער האָט געדינט אַלס אויפזעער איבער די שקלאַפן, ווי דער קאָניוך האָט אַכטונג געגעבן אויף דער שטאַל מיט פערד און גערזן. אַז יעדער שקלאַף, איבער אַכצן יאָר אַלט, זאָל חתונה האָבן מיט אַ שקלאַפין. און זאָל האָבן קינדער וואָס מערער. און געזונטע קינדער אויך... עס איז געווען איינגעפירט, אַז אויב אַ שקלאַף האָט געהאַט זכרים, האָט ער בעסער גושא־חן געווען אין פּריצס אויגן איידער מיט דעם, וואָס זיין ווייב האָט געבוירן נקבות. ווייל דער פּריץ האָט אַלעמאָל געקאָנט אויסבייטן איין זכר פאַר צוויי נקבות...

די חתונה פלעגט מען פּראַווען דאָ אין הויף. עס פלעגט אַזוי זיין: דער פּריץ, ווען ער איז נאָך געווען יונג און קרעפּטיק, ניט ווי איצט, ווען ער איז שוין אַלט, דאַן, אין זיינע יונגע יאָרן, פלעגט ער ווינטער, נאָך אַלע אַרבעטן אויף די פעלדער און נאָכדעם ווי מען האָט אַלעס באַזאָרגט אויפן ווינטער, אַרויס אין הויף און געהייסן צונויפטרייבן אַלע זיינע שקלאַפן און שקלאַפינס און ער האָט זיי גוט באַטראַכט. און אַז ער האָט געזען, אַז עס געפינען זיך געזונטע מוידן און געזונטע בחורים, האָט ער צוערשט זיי

אַליין אויסגעקליבן און זיי אָפּגעזונדערט. און דאַן זיי געהייסן נעמען אין דער באַזונדערער שטוב, וואָס עס איז געווען אין הויף.

און דאָרטן האָט ער זיי ערשט נאָכאַמאָל אויסגעסאָרטירט גרויס נאָך גרויס און קאָליר פון אויגן צו קאָליר פון אויגן. און אַז ער האָט זיי אויסגעסאָרטירט, האָט ער זיי ערשט צוריק אַרויסגענומען אין דרויסן אויפן הויף און זיי אויסגעשטעלט איינס מיטן אַנדערן, מאַן מיט פרוי. ערשט איצט, אין דעם ליכט פון דער ווינטער־זון, האָט ער זיי גוט באַטראַכט און זיך גוט איינגעקוקט אי אין דער נקבה, אי אינעם זכר, און באַטראַכט גוט, וואָס פאַר אַ שטאַם עס וועט פון זיי אַרויסקומען.

און דאַן האָט ער זיי חתונה געמאַכט און די בתולות האָבן געקערט צו אים פריער פון אַלעס.. די פריצע איז נאָך דעמאָלט געווען אַזוי יונג ווי ער איז געווען און זי איז שיער ניט געשטאָרבן פון צרות און אויפרעגונג און אייפערזוכט, נאָר זי האָט געשוויגן אין דער שטיל, ביז זי איז טאַקע געשטאָרבן.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער פּריץ בריטשעוואַן האָט געפּאַרט זיינע פערד מיט די אַגערס, קי מיט די בוהאַיעס, שאָף מיט די באַראַנעס. דאָס הייסט, אַז ער האָט גוט אַכטונג געגעבן, אַז זייער בלוט זאָל זיך חלילה ניט צופיל אָפּשוואַכן. ער האָט זיי איינגעטיילט אין קאַסטעס אָדער פאַמיליעס און גוט אַכטונג געגעבן, אַז ס'זאָל זיך ניט פּאָרן ברידער מיט שוועסטער און אַפילו שוועסטער־קינדער מיט שוועסטער־קינדער. דערווייל האָט ער געהאַט פון וואָס אויסצוקלייבן און ניט געדאַרפט אָנקומען צו אַן אַנדער פּריץ פון זיינע שכנים, אויף איבערצובייטן אויף ניי בלוט.

אין הויף ביים פּריץ איז געווען אַ פערד־היילער און טאָמער איז קראַנק געוואָרן אַן אָקס אָדער אַ קו, האָט ער זיי אויך געהיילט. איז אָט דער היילער, וועלכער איז אַליין אויך געווען ניט מער ווי אַ שקלאַף, אָבער מיט פּריווילעגיעס, וואָס ער האָט ניט געדאַרפט אַרבעטן אויף די פעלדער ווי די איבעריקע שקלאַפן — אָט דער דאָזיקער מאַקסים, ווי ער האָט געהייסן, פלעגט אויך היילן די קראַנקע שקלאַפן, אויב עס האָט צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ כאָלערע אָדער ווען עמיצער איז זייער קראַנק געוואָרן.

ווען עס איז עמיצער פון די שקלאַפן געשטאָרבן, האָט מען אים באַגראָבן ווייט אויפן פעלד און אַפילו ניט איבערגעלאָזט קיין צייכן, וואו מען האָט דעם טויטן באַגראָבן. די מאַמע, אָדער טאַטע און פאַמיליע פון דעם טויטן שקלאַף האָבן געוויינלעך זייער נאָענטן געשטאָרבענעם באַוויינט

עס פלעגט זיך פירן, אַז אויב עס איז געווען אַזאַ טויטער, האָבן אים די גאַנצע פאַמיליע באַווײנט אַ טאָג מיט אַ נאַכט און אויף מאָרגן אים אַוועקגעטראָגן אין פעלד אַריין און באַגראָבן. קיין שום אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס האָט בריטשעוואַן ניט דערלויבט ביי זיינע שקלאַפן. ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דער פּאָפּ זאָל, חלילה, ניט ברענגען צו זיי קיין שום וויסן... און זיי זאָלן זיך ניט דערפילן, אַז זיי זיינען אויך עפּעס מענטשן...

אויך זייערע חתונות זיינען געפּראַוועט געוואָרן אָן אַ פּאָפּ און אָן קיין שום רעליגיעזע צערעמאָניעס. עס איז געווען אַ באַזונדער שטיבל פון שטיינערנע ווענט און אַ שינדל־דאַך. דאָס דאָזיקע שטיבל איז אַלעמאָל געווען פאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס. נאָר ווען מען האָט געדאַרפט צונויפפּאָרן צוויי יונגע שקלאַפן, האָט מען אויפגעשלאָסן דאָס דאָזיקע שטיבל און מען האָט אַנידערגעשטעלט עטלעכע פרויען־שקלאַפינס, אַז זיי זאָלן דאָרטן מאַכן ריין. דאָרטן האָט מען דערנאָך אַריינגעפירט דאָס כלה־מיידל און זי אַרומגערויכערט מיט ווייַרעך און איר אויסגעפלאָכטן די האָר אין שיינע צעפּ און דער פּריץ האָט זיך דאַן צו איר באַוויזן מיט אַן אַראַפּניק אין זיינע הענט.

דאָס מיידל פלעגט אַזש ווערן בלאַס און ווי פאַרשטיינערט, כאָטש עס איז געווען איינגעפירט, אַז עס איז געווען אַ גרויסער יחוס, אויב דער פּריץ איז געקומען צו דער בתולה, ווייל צו אַ סך אַנדערע, וואָס זיינען געווען מיאוס, האָט דער פּריץ גאָרניט געוואָלט זיך צורירן. נאָר דאָס מזלדיקע מיידל איז פּאָרט געוואָרן בלאַס ווי קאַלך, ווען זי פלעגט דערזען דעם אַראַפּניק... זי האָט זיך דערשראָקן, טאָמער וועט דער פּריץ זי נעמען שלאָגן...

און עס איז געווען אַזוינע ביישפּילן געגנוג, ווען דער פּריץ האָט צעפּאַסעוועט די כלה־מויד ביז בלוט, ווען זי האָט זיך ניט געלאָזט.

נאָך אָט דער איבערלעבונג, פלעגט דאָס כלה־מיידל בלייבן אַליין אין שטיבל און דער חתן, וואָס איז געזעסן אין אַ ראָד מיט זיין פאַמיליע און דער כלהס פאַמיליע און געזונגען און זיך געפרייט, פלעגט דאַן, נאָכדעם ווי דער פּריץ האָט געענדיקט זיין אַקט, זיך אויפהייבן און אַוועקגיין צו דער כלה. און ער האָט געמעגט זיין מיט זיין כלה ניט מער ווי איין נאַכט אָפּגעזונדערט און דערנאָך איז ער מיט איר אַריבער אין דעם גרויסן סקלעפּ, וואו עס האָבן געוואוינט אַלע שקלאַפן.

און אַזוי איז געווען זייער לעבן. די יונגע שקלאַפין האָט געבוירן אַלע יאָר אַ קינד און אַזוי ווי זי אַליין האָט געהערט צום פּריץ, איז איר קינד אויך געוואָרן דאָס אייגנטום פונעם פּריץ. די מאַמע האָט דאָס קינד גע־

זויגן וויפל עס האָט זיך געפאָדערט פון דער נאַטור. און דערנאָך האָט זי עס אַנטוויינט און ווידער געטראָגן און ווידער געבוירן.

חוץ דעם האָבן די פרויען־שקלאַפינס געטאָן זומער אַלערליי אַרבעטן אין די פעלדער און אַ גאַנצן ווינטער האָבן זיי געשפּינט וואָל און פלאַקס און געמאַכט זייערע אייגענע קליידער און געוואַשן און גערוימט דעם פּריצס הויז און קליידער און געפליקט פעדערן פאַרן פּריץ און געקאָכט און געבאַקן פאַר אים אַלערליי געקעכצן און געבראָטנס.

זיי, די שקלאַפן, האָבן קיינמאָל ניט געגעסן קיין פלייש און ניט גע־טרונקען קיין ווייַן און ניט געוואוסט פון קיין שום יום־טובים. זיי האָבן איבערהויפּט זייער ווינציק גערעדט אפילו צווישן זיך. זיי האָבן געדאַרפט אַרבעטן און שווייגן. און זיי האָבן אַפילו ניט געפילט, אַז עפּעס פעלט זיי. עס איז געווען ביי זיי גאַנץ נאַטירלעך, אַז זיי דאַרפן מערער גאָרניט, ווייל זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן אַלעס, וואָס זיי דאַרפן . . .

זיי האָבן געזען, אַז ביים פּריץ, למשל, ווען זיין ווייב איז געשטאָרבן, איז געקומען צופאָרן אַ פּאָפּ מיט זיינע משרתים און עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. מען האָט אַ גאַנצע וואָך די טויטע געהאַלטן אין שטוב ליגנדיק אויף אַ טיש און מיט גרויסע ליכט, וואָס האָבן געברענט ביי איר צוקאָפּנס. און מען האָט געבאַקן און געבראָטן און געקאָכט און עס זיינען געקומען צופאָרן אַ סך פּריצים פון אַרום און אַרום און מען האָט די טויטע פּריצע באַגראָבן אויף אַ בערגל און אָוועקגעשטעלט אויף איר בערגל אַן אויסגעהאַקטן שטיין. און דערנאָך האָט מען געגעסן און געזויפט אַלערליי ווייַנען. און די שקלאַפן האָבן געמיינט, אַז אַזוי דאַרף זיין.

צי, אַשטייגער, ווען דעם פּריצס זינדל איז געשטאָרבן, איז ווידער אַמאָל געווען די זעלבע מעשה און מען האָט אים אויך באַגראָבן לעבן זיין מאַמען אויפן בערגל און אויך אָוועקגעשטעלט אויף זיין קבר אַ געהאַקטן שטיין. און אויך געזויפט און געפּרעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט . . .

צי אַשטייגער ווען דער פּריץ פּראַוועט זיינע יום־טובים. איין יום־טוב אין מיטן ווינטער און אַן אַנדערן אָנהויב פרילינג.

וואָס עס טוט זיך אָפּ דאָן אין הויף!

איין מיטן ווינטער. עס איז די גאַנצע וועלט איינגעדעקט מיט שניי און עס ברענט דער פראָסט. עס איז ביינאַכט. דער פּריץ באַפעלט, אַז אַלע שקלאַפן זאָלן זיך אויסשטעלן ביי זיינע פענצטער. און זיי זאָלן מיט זיך מיטנעמען פּאַכירן פון דעם מאָגן פון שאָף און זיי אָנבלאָזן ביז עס ווערט פון זיי גרויסע ביילן. און זיי זאָלן זיך אויסשטעלן ביי זיינע פענצטער און רייבן די פּאַכירן מיט די הענט, כדי די פּאַכירן זאָלן אַרויס־געבן פון זיך אַזוינע קולות, ווי עס וואָלטן וואָיען בייזע וועלף . . . און זיי

אַליין זאָלן שרייען אויף די העכסטע קולות, ווי עס וואָלט אָנגעקומען אַ וויכער און זיי געוואָלט פאַרניכטן...

און אַזוי מוזן מאַן, ווייב און קינדער שטיין אַרום דעם פריצס פענצ־טער און שרייען און רייבן די פּאַכירן ביז עס פרירן זיי אָפּ די הענט. און אינעווייניק אין די גרויסע ליכטיקע צימערן איז ליכטיק און וואַרעם און עס שמעקט אַרויס פון דאָרטן די טייערע מאכלים, וואָס די שקלאַפינס האָבן אַליין צוגעגרייט. און עס האַלטן אין איין אָנפאָרן שליטנס מיט געסט און מיט גלעקלעך און עס הערט זיך פון אינעווייניק געלעכטער און פרייד.

און אַזוי האַלט עס אָן אַ שטיק צייט פון עטלעכע טעג ביז עס קומט דער לעצטער טאָג, ווען אַלע שקלאַפן מוזן אַריינגיין אינעווייניק אין פריצס שטוב, ווען ער ליגט נאָך צעלייגט אין זיין ווייכער בעט מיט די בערג מיט קישנס און יעדער שקלאַף מוז אַריינקומען מיט אַ טאַרבע מיט ווייץ און באַשפּרינקלען דעם פריץ מיט ווייץ...

אָ, ווער וועט זיי באַשפּרינקלען מיט ווייץ?!

ווער וועט שרייען ביינאַכט אַרום זייערע פענצטער?!

זיי האָבן אפילו ניט קיין פאַרלאַנג פאַר אַזוינע זאַכן. עס פעלט זיי ניט אַזוינע זאַכן. זיי זיינען צופרידן מיט דעם וואָס זיי האָבן. זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין קנעכטשאַפט און זיי לעבן אַזוי. זיי ווילן גאָרניט קיין בעסערס.

זייער איינציקער פאַרלאַנג איז, אַז דער פריץ זאָל זיין געזונט און שטאַרק און זיי זאָלן ניט דאַרפן בלייבן אָן אים... ווייל דעמאָלט, וועט זיי אויסקומען צו ווערן פאַרקויפט אין אַן אַנדער אָרט. און ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַ הענט זיי וועלן דאַרפן אַריינפאַלן?...

דער פריץ בריטשעוואַן איז שוין איצט אַלט און ער אַליין האָט אָנ־געאָטעט אַזאַ גרויס פאַרמעגן און האָט ניט קיין יורש.

עס איז אמת, אַז טעאָדעסיע, זיין איציקע מעטרעסע, וואָלט זייער געוואָלט זיין דער יורש. זי קאָן עס אָבער ניט ווערן, נאָך די געזעצן פון קייסער. זי איז פאָרט ניט מערער ווי אַ געוועזענע שקלאַפין.

און דאָס ווייסן די פּאַנשטשיניקעס. זיי זעען, אַז ס'איז נישטאָ קיין יורש, ווער עס זאָל זיי איבערנעמען אינאיינעם מיט די פעלדער און גאַנצן רע־מאָנט. דאָס מיידל פּאַטאַ מאַריאַ, אַז זי וועט אויסוואַקסן און אַז זי וועט חתונה האָבן מיט אַ פרעמדן פריץ, וועט זי זיך אַהין מוזן אַריבערציען און דעמאָלט וועט מען אַלע שקלאַפן מוזן אַריבערפירן ערגעץ אין אַ פרעמדן הויף. און ווער ווייסט, ווי עס וועט דאָרטן זיין? צי וועט מען זיי אַזוי גוט האָדעווען ווי מען האָדעוועט זיי דאָ? צי וועט מען דאָרט אויף זיי אַכטונג געבן אַזוי ווי דער פריץ בריטשעוואַן גיט אויף זיי אַכטונג?

די שקלאַפן האָבן ניט געוואוסט, וואָס בריטשעוואַן טראַכט צו טאָן מיט דעם בחורל, וועלכן פּאַטאַ מאַריאַ האָט געפונען אויף די פאַרשנייטע פעלדער — מיט שייען...

זיי האָבן עפּעס יאָ געוואוסט פון אַ יונגן ייִנגל, וועלכן דער פּריץ האָט ערגעץ אַוועקגעפירט אינאיינעם מיט זיין טאָכטער פּאַטאַ מאַריאַן. אָבער ווער ער איז און וואָס עס וועט פון אים ווערן, האָבן די שקלאַפן ניט גע־וואוסט...

איין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דאָס ייִנגל שייע, וועמען דער פּריץ בריטשעוואַן האָט אַוועקגעפירט אינאיינעם מיט פּאַטאַ מאַריאַן קיין קעשענעוו און זיי אַריינגעגעבן אין אַ מאָנאַסטיר־שול, האָט פון אָנהויב ניט געקאָנט ליידן דאָס פירעכץ אין דער דאָזיקער שול.

צום אַלעם ערשטן האָט ער ניט ליב געהאַט די נאָנעס און די מאָנאַכן, דערפאַר וואָס זיי זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין גאַלע שוואַרץ. ער האָט געטראַכט וועגן זיי, אַז עס איז אומזיסט זייער וועלן פאַרשוואַרצן די וועלט, עס וועט זיך זיי ניט איינגעבן דאָס צו טאָן, ניט פאַר אים... די וועלט אַרום און אַרום פון דער שול איז געווען אַזוי פּראַכטפול שיין, סיי ווינטער, סיי זומער און עס איז נאָר שלעכט, וואָס עס איז דאָ אַרום אַ הויכער פּאַרקאַן און מען קאָן ניט שפּאַצירן ווייטער אַרום.

ער האָט געהאַט אַ צימער מיט נאָך אַ בחורל, איינעם מיטן נאָמען פּעטיאַ, אַ בלאָנד ייִנגל, אַ זון פון אַ רייכן פּאָמיעשטשיק. און כאָטש פּעטיאַ איז געווען אַ שייגעץ, האָט זיך שייע מיט אים זייער איינגעחברט. דאָס צימער איז געווען אַ לאַנגלעכס און ביידע בעטן זיינען געשטאַנען איינס קעגן אַנדערן און צווישן זיי איז געווען צוויי פענצטער און אַ טיש.

פּעטיאַ האָט זיך געוואונדערט, וואָס שייע האָט ניט קיין בריוו פון זיינע עלטערן. ער האָט ניט געוואוסט, אַז שייע איז פאַרשיקט געוואָרן פון זיינע עלטערן אין דער בעסאַראַביע. פּעטיאַ האָט געמיינט, אַז שייע, אָדער ווי מען האָט אים גערופן אין אינסטיטוט, שאַרמאַנטיע, איז אַן אַדאָפּ־טירטער זון פון אַ פּאָמיעשטשיק.

שייע — שאַרמאַנטיע — האָט פּעטיאַן ניט געקאָנט דערציילן דעם אמת וועגן זיך, כאָטש פּעטיאַ האָט געזען, אַז דאָס דאָזיקע ייִנגל איז אַן אַנ־דער מין ייִנגל ווי ער איז: ער, פּעטיאַ, האָט אַן ערלה (איז ניט געמלעט) און שאַרמאַנטיע איז געמלעט.

פּעטיאַ איז געווען דער זון פון דעם פּריץ רישקאַן, וועלכער האָט גע־

האָט אַן אימעניע לעבן קעשענעוו און נאָך איינע גאָר אַ גרויסע, וועלכע האָט זיך געגרעניצט מיט בריטשעוואַנס אימעניע. פעטיאַס עלטערן, די רישקאַנס, האָבן געוואוינט אַ גאַנצן ווינטער אין זייער קליינער אימעניע וואָס לעבן קעשענעוו, ווייל עס איז געווען פריילעכער לעבן אַ גרויסער שטאָט. און דערפאַר האָט פעטיאַ געקאָנט באַקומען אַלע וואָך בריוו פון זיינע עלטערן. אויך האָט מען אים אַהיימגענומען אויף די קריסטלעכע יום־טובים. און דער אָרעמער שאַרמאַנטיע, ניט ער האָט באַקומען בריוו פון „דער היים" און ניט מען האָט אים אַהיימגענומען אויף די קריסטלעכע יום־טובים.

דערפאַר האָט שאַרמאַנטיע געהאַט דאָ אין אינסטיטוט אַ „שוועסטער" און פעטיאַ ניט... אַזוי האָט אים פעטיאַ געטרייסט: — דו האָסט דאָ אַ שוועסטער און איך בין דאָ אַליין...

דאָס האָט פעטיאַ געמיינט פאַטאַ מאַריאַ.

— נו, אַ שוועסטער האָב איך טאַקע... אָבער זען זי קאָן מען דאָך ניט...

עס איז געווען צוויי אָפּטיילונגען דאָ אין מאַנאַסטיר: איינער פאַר יינגלעך און איינער פאַר מיידלעך. און זיי זיינען געווען אָפּגעטיילט מיט אַ הויכער וואַנט. איז ווי אַזוי האָט זיך שאַרמאַנטיע געקאָנט זען מיט זיין שוועסטער?... סיידן ער זאָל אַריבערקריכן די דאָזיקע וואַנט. אָבער שייע שאַרמאַנטיע, כאָטש אין זיין היים, אין קאָמענעץ, איז ער געווען אַ באַוואוסטער אַריבערקריכער איבער די העכסטע ווענט, האָט ער אָבער דאָ אפילו ניט געפּרוּווט די וואַנט אַריבערצוקריכן. אַז דאָס מיידל פאַטאַ מאַריאַ איז ניט זיין שוועסטער! און אַנטלויפן פון דאַנען האָט ער ניט געקאָנט און אויך ניט געוואָלט.

וואוהין וועט ער אַנטלויפן? קומען אַהיים קיין קאָמענעץ און זיך לאָזן כאַפּן פון די „כאַפּערס"? אָדער גיין צוריק אין דעם טיפן בורדעי, אין דעם קאַלטן און נאַסן גרוב? ער וועט נאָך צייט האָבן זיך צו לייגן אין קבר אַריין, ווען ער וועט ווערן אַלט . . . און סיי־ווי האָט מען ניט געקאָנט אַנטלויפן, ווייל אַ גאַנצן טאָג איז אים נאָכגעגאַנגען אַ מאָנאַכס פוס־טריט, ווי אַ שאָטן גייט נאָך אַ מענטשן.

סעראַפים האָט ער געהייסן אָט דער דאָזיקער מאָנאַך און זיך גע־הייסן רופן: אָטיעץ סעראַפים (פאָטער סעראַפים) און געווען איז דער מאָ־נאַך דאַר ווי אַ פלעדערוויש און הויך ווי אַ קוימען און איז געווען אָנגעטאָן אין אַזאַ מין כאַלאַט פון קאָפּ ביז צו די פיס. אַז ער איז געגאַנגען אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זיך זיין כאַלאַט נאָכגעשלעפּט נאָך אים. זיין דאַרער האַלדז האָט אַרויסגעשטעקט פון אָט־דעם שוואַרצן כאַלאַט ווי דאָסביינדל פון אַ

הערינג, נאָכדעם ווי מען גריזשעט עס אָפּ און מען דאַרף עס שוין אַוועק־וואַרפן. זיין פּנים איז געווען געל ווי ביי אַ טויטן. און די נאָז אַזוי שאַרף ווי אַ מעסער און צוויי אויגן האָט ער געהאַט, וואָס זיינען געווען וואַסער־דיק און שיטער־גרין ווי ביי אַ פיש. אָט־דער סעראָפים האָט מיט שייע שאַרמאַנטיע און מיט פּעטיאַן זיך אָפּגעגעבן אַ גאַנצן טאָג, און פון פריי־מאָרגן, ווען דער גלאָק האָט געקלונגען צום אויפשטיין, איז ער פון זייביידע ניט אָפּגעטראָטן, ביז די צוויי יינגלעך זיינען געגאַנגען שלאָפן. דער טאָג האָט זיך געוויינלעך אָנגעהויבן ביי סעראָפימען מיט שטעלן זיך אויף די קני און מיט פאַרמאַכן די אויגן און צונויפלייגן די הענט און זיי אויפ־הויבן איבערן קאָפּ און זאָגן אַ תפילה צו גאָט. עס איז ביי די צוויי יינגלעך אין צימער געהאַנגען אויף דער וואַנט אַ יויזל. און דאָס האָט מען גע־דאַרפט בעטן צו אָט־דעם גאָט־יויזל.

פּעטיאַ האָט מסתם טאַקע אויף אַן אמת געבעטן, אָבער שייע ניט. נאָר אַזוי ווי ער איז ביי זיי אין די הענט, האָט ער זיך געמאַכט ווי ער טוט תפילה און אין זיינע מחשבות האָט ער אינזינען געהאַט גאָט אין הימל און ניט דאָס יויזל...

דערנאָך האָט מען זיי ביידע אַריינגעפירט אין דער סטאָלאָווע. דאָס איז געווען אַ גרויס צימער מיט ווייסע ווענט און סטעליע און מיט געוועקסטע פּאָדלאָגעס, וואָס זיינען געווען ריין, אַז מען האָט אויף זיי געקאָנט זיך אפילו אָוועקלייגן. דאָ זיינען געשטאַנען גרויסע, לאַנגע טישן, געזונטע פּראָסטע טישן מיט לאַנגע בענק. דאָ איז מען געקומען עסן איבערבייסן. דער איבערבייסן איז באַשטאַנען פון ברויט מיט פּוטער, געזאַלצענע, גע־פּרעגלטע פיש, סמאַזשניצעס פון אייער און ציקאָריע מיט מילך. אַן אַנ־דערש מאָל האָט מען דערלאַנגט קאַקאָ מיט מילך. פון אָט־דער קאַקאָ האָט שייע שאַרמאַנטיע פריער אין זיין לעבן ניט געהערט אפילו. עס איז געווען גוט און געשמאַק און שייע האָט געפילט, אַז ביי אים ווערן פעט די וואַר־געס דערפון. ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן שטאַרקער און העכער מיט יעדן טאָג. ווען טאַטע־מאַמע, די אמתע, די קאָמענעצער, וואָלטן געקאָנט אויף אים כאַפּן אַ בליק, ווי אַזוי ער איז אָנגעטאָן אין אַ מונדיר פון גראָען געוואַנט מיט שוואַרצע לאַמפּאַסן אויף די הויזן און מיט אַ קאַשקעטל מיט אַ לאַקירטן דאַשעק, וואָלטן זיי אים ניט דערקענט.

נאָכן איבערבייסן לערנט מיט זיי סעראָפים „סלאָוועסטנאָסט” (גאָ־טעס־דינסט). עס קריכט שייען אין דער לינקער פּיאַטע אַריין אָט־די סלאָוועסטנאָסט זיינע. פּעטיאַן קריכט עס אויך ניט אין קאָפּ אַריין. פּעטיאַ איז אַ יונג מיט ביינער און ער וויל זיך בעסער שפּילן אין דרויסן. און באַלד נאָך דער „סלאָוועסטנאָסט” גייט מיט זיי סעראָפים אַרויס אין דעם

גרויסן הויף. זיי שפּאַצירן אַלע דריי. די צוויי ייִנגלעך פריער און סע־ראַפים נאָך זיי. אויב עס איז אַ טיפער שניי אין דרויסן, שפּאַצירט מען ניט, נאָר מען יאָגט זיך איבערן שניי, ווי יונגע קעלבעלעך. דעמאָלט פאַר־קאַטשעט סעראַפים די פּאָלעס פון זיין כאַלאַט און לויפט אויך נאָך. ער איז שוין אָבער, נעבעך, אַלט און פאַרדעכעט זיך און ווערט אַזש בלאָ ווי אַ מילך. זומער־לעב שפּילט מען אַלערליי שפּילן, אין מיאַטש, אין כאַפּער־לעך, אין בלינדזשעניש. און ווען עס איז אין סאַמע רעכטן ברען פון דער שפּיל, קלינגט דער גלאָק...

ווידער עסן אָנבייסן. און נאָך אָנבייסן מוז מען גיין אין צימער זיך אָפּרוען אַ שעה. און דערנאָך קומט ווידער דער דאַרער פלעדערוויש, מיט די צוויי ייִנגלעך לערנען אַריטמעטיק, גראַמאַטיק, געאָגראַפיע און די רוסישע שפּראַך. די רוסישע שפּראַך פאַרטייטשט ער אויף מאָלדאַוואַניש. און ווען שייע שאַרמאַנטיע זאָל ניט געווען זיין פון קאָמענעץ, וואו מען האָט גערעדט כאַכלאַצקע, וואָלט ער איצט ניט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. מאָלדאַוואַניש האָט ער קוים, קוים געקאָנט אַ פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט פון פעטיאַן. נאָכן לערנען איז מען ווידער אַרויס־געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר, אָדער זיך שפּילן, אין הויף. דאָ אין הויף האָבן די ייִנגלעך זיך באַגעגנט מיט אַנדערע בחורים, וועלכע זיינען אויך געווען מיט שומרים מאַנאַכן.

אָבער זיך באַקאָנען מיט די אַנדערע ייִנגלעך האָט מען ניט געלאָזט. די ייִנגלעך האָבן געהערט דאָס קוויטשעריי און געלעכטער פון די מייד־לעך אויף דער צווייטער זייט וואַנט און פּשוט אויסגעגאַנגען פון בענק־שאַפט, כאָטש צו טאָן אַ קוק, וואָס עס טוט זיך פון יענער זייט.

אָבער די גראָע וואַנט איז געווען הויך און גראָב און זיי האָבן זיך גע־מוזט באַגנוגענען מיט שלינגען די סלינע...

שייע שאַרמאַנטיע וואָלט שוין געווען פאַרטיק צו פּועלן ביי זיך, אַז פּאַטאַ מאַריאַ איז זיין אייגענע בלוט־שוועסטער, אַבי מען זאָל אים לאָזן כאָטש אַ קוק טאָן אויף איר. אָבער מען האָט אים ניט געלאָזט. עס האָט אויך פּאַטאַ מאַריאַ כאָטש געוואָלט אַ קוק טאָן אויף איר ייִנגל, וואָס זי האָט געפונען אויפן „דיאַל". זי וואָלט וועלן זען ווי אַזוי ער קוקט אויס, צי איז ער אונטערגעוואַקסן, צי איז ער שענער געוואָרן. אָבער זי איז אויך אַזוי געווען פאַרשפּאַרט ווי שייע שאַרמאַנטיע. איר איז נאָך געווען ערגער ווי אים. זי איז אויך געווען אין איין צימער מיט אַ מיידל פון אַ רייכן גוט־באַ־זיצער. דאָס מיידל האָט געהייסן מאַגדאַלענע. אַ ברונעטקע מיט אַ קיילעכ־דיק, בעסאַראַביש פּנים מיט באַקן, ווי אַ גוטער עפּל אַ רייפער. זיי זיינען ביידע געווען אָנגעטאָן אין ברוינע, וואָלענע קליידלעך מיט שוואַרצע פאַר־

טעכלעך און מיט טשעפּקעלעך ברוינע אויף די קעפּ. ארום די העלדזער ווייסע געפּרעסטע קאָלנערלעך און אויך אַזוינע מאַנזשעטעלעך. איבער זיי האָט געהערשט אַ מאַנאַשקע אינגאַנצן אין שוואַרצן און מיט אַ טשעפּעק אויף איר קאָפּ, וואָס איז געווען גרויס אַזוי ווי אַ דאַך. זי האָט געטראָגן אַ קייט אַ לאַנגע אויף איר האַלדז מיט אַ צלם, וואָס האָט זיך געטעלעפּעט ביי איר פון פאָרנט. די מאַנאַשקע האָט זיך געהייסן רופן מיט דעם נאָמען אַוועַ...

צוויי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די שטאָט קעשענעוו איז שוין דעמאָלט געווען די גובערנסקע שטאָט פון גאַנץ בעסאַראַביע, כאָטש וועדליג איר אויסזען איז זי געווען זייער פּראָווינציאַנעל. זי איז אָבער געווען שיין אויסגעפּלאַנירט, מיט בולוואַרן און מיט גלייכע גאַסן אין דער לענג און ברייט און מיט ברוקירונגען אויף די הויפּט־גאַסן, פון ווייסע געטעסעטע שטיינער, וואָס אַז מען האָט זיי געוואַשן, אָדער ווען דער רעגן האָט זיי אָפּגעוואַשן, זיינען די שטיינער געלעגן אַזוי ווי ווייסע ציין אין אַ שיין מויל.

גאַנץ בעסאַראַביע איז געלעגן אין די הענט פון עטלעכע פּריצים־פּעאָדאַלן, וואָס האָבן געהאַט שקלאַפן, כדי צו באַאַרבעטן זייערע פעלדער. זייער ווינציק פרייע מענטשן האָבן דעמאָלט געוואוינט אין בעסאַראַביע — און מערסטע פון די פרייע מענטשן זיינען געווען די יידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט דאָ און אויפגעבויט די שטעטלעך און געבראַכט מיט זיך האַנדל און קרעמעריי. אין קעשענעוו האָבן זיך געפונען זייער פיל יידן קרעמער, וועלכע האָבן באַדינט די פּריצים מיט פאַרקויפן צו זיי שניט־סחורה, באַקאָלעי און געצייג פאַר ערד־אַרבעט, ווי קאָסעס, סערפּן, שטריק, העק, ריסקאָליעס, סאָפּעס, אַקער־אייזנס, ווילעס, גרעבליעס, טשוועקעס, אייזן, קאַלך און אַלערליי בוימלען. עס האָבן זיך דאָ געפונען יידן, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט ווייץ, מיט וואָל, מיט שאָף, מיט רינדער און מיט פּאָפּשויעס. עס האָבן זיך דאָ געפונען יידן מעקלער, וועלכע האָבן צונויפגעפירט די סוחרים מיט די דאָזיקע פּריצים, וועלכע האָבן געהאַט וואָס צו פאַרקויפן.

די יידן האָבן געוואוינט אין קעשענעוו וואו זייער האַרץ האָט געגלוסט, ווייל קעשענעוו איז געווען ווייט פון דער גרעניץ, און עס איז ניט געווען דאָ אין שטאָט קיין תחום המושב, אָדער אפילו קיין שום סימן פון אַ געטאָ, ווי עס האָט זיך געפירט אין אַנדערע אייראָפּייאישע שטעט. און אַזוי ווי די איבעריקע פרייע איינוואוינער פון קעשענעוו זיינען געווען דאָס

רוב פון דער נאַטשאַלסטוואָ און טשינאָווניקעס — אַן עכט־רוסישער עלע־מענט, האָבן יידן מיט זיי זיך גוט געקאָנט אויסמישן און זיך דורכריידן און האָבן מיט זיי מגע־ומשא.

קעשענעוו איז אָבער אויך אין יענע יאָרן שוין געווען אַ מקום־מקלט פאַר פּאָליטישע „פאַרברעכער". דער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער האָט זיינע פּאָליטישע „פאַרברעכער" געשיקט אין דער בעסאַראַביע, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער ווייט פון צענטראַלן רוסלאַנד. און די פאַרשיקטע האָבן זיך געוואָלגערט אין קעשענעוו. און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז אין קעשענעוו געפינען זיך עטלעכע באַרימטע „דעקאַב־ריסטן", און אַז צווישן זיי איז אויך פאַראַן דער פּאָעט פּושקין.

אָט־דער דאָזיקער פּאָעט פּושקין איז אַפילו זייער געווען פּאָפּולער ביי דער קעשענעווער אינטעליגענץ און ביי די יונגע פרויען פון די טשינאָוו־ניקעס. זיין רום און זיינע פלאַם־פייערדיקע פערזן זיינען אַרומגעגאַנגען אי געשריבן און אויך אויף אויסנווייניק פון שטוב צו שטוב. מען האָט זיינע לידער געזונגען און דעקלאַמירט.

דער אינסטיטוט, וואו שייע־שאַרמאַנטיע און פּאַטאַ מאַריאַ האָבן זיך געלערנט, כאָטש אַן אָפּגעצוימטער פון דער דרויסנדיקער וועלט, האָט אויך אָנגעשמעקט, אַז עס איז דאָ אין קעשענעוו דער גרויסער דיכטער פּושקין. און צו זיי האָט אויך דערגרייכט איינס אָדער צוויי פון זיינע לי־דער, כאָטש די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס האָבן זייער געהיט, אַז עס זאָל, חלילה, ניט דערגרייכן קיין שום טריף־פּסול צו די סטודענטן. געבראַכט איינס אַזאַ ליד האָט פּעטיאַ, ווען ער איז געווען אין דער היים אין זייער אימעניע, וואָס אַרום קעשענעוו, אויף חגא. ביי זיי אין הויף איז געווען אַ מאַסקאַראַד־באַל, און אַ יונגע טאָכטער פון איינעם פון די פּריצים האָט זיך אָנגעטאָן אַ קלייד מיט אַ גאַנץ ליד פון פּושקינען, אויסגעהאַפטן אויף אירע פּלייצעס. עס איז דעמאָלט געוואָרן אַ סקאַנדאַל אין הויף. דער איי־גענער טאַטע פון אָט־דער פריילין האָט אַרויסגעכאַפּט די שאַבליע פון איר שיידל און אָפּגעהאַקט מיט איר די גאַנצע פּאָלע פון זיין טאָכטערס קלייד. זיין טאָכטער איז אַפילו געבליבן שטיין אַ האַלב־נאַקעטע פאַר אַלעמענס אויגן...

פּעטיאַ האָט אויסגעחזרט אַלע פערזן אויף אויסנווייניק איידער עס איז פאַרגעקומען דער סקאַנדאַל, און דאָס ליד האָט זיך געבראַכט מיט זיך אין אינ־סטיטוט אַריין. באַלד ווי ער איז געקומען צופאָרן פון זיין קאַניקול, האָט ער אַריינגענומען זיין צימער־חבר שאַרמאַנטיען אין אָפּטריט אריין, און דאָרטן איז געווען דאָס איינציקע אָרט, וואו דער מאָנאַך איז זיי ניט נאָכ־געגאַנגען. דאָרטן האָט פּעטיאַ אויסגעלערנט שאַרמאַנטיען דאָס גאַנצע

ליד אויף אויסנווייניק און האָט אים אויך פאַרטרויט, אַז דאָס ליד איז פון דעם גרויסן דיכטער פושקין, און אַז דער דיכטער איז פאַרשיקט קיין קע־שענעוו פונעם צאַר ניקאָלאַי פאַר זיין באַטייליקן זיך אין דער אָרגאַניזאַ־ציע "דעקאַבריסטן"... און טאָמער ווייסט שאַרמאַנטיע ניט ווער די דע־קאַבריסטן זיינען עס אַזוינס, וועט ער אים דערציילן... זאָל ער הערן און מאַכן אַ שוויג... די דעקאַבריסטן זיינען אַזאַ כאַפּטע, וואָס ווילן, ערשטנס, אומברענגען דעם צאַר און באַפרייען די שקלאַפן פון אַלע פריצים און איינ־פירן אַ פרייע וועלט...

— און עס וועלן מער ניט זיין קיין כאַפּערס? — האָט שאַרמאַנטיע געפרעגט.

— וואָס?! — וואונדערט זיך פעטיאַ, ווייל ער הערט דאָס דאָזיקע וואָרט צום ערשטן מאָל.

— לאָווטשיקעס, וואָס כאַפּן־צו יידישע קינדער פון זייערע עלטערן און גיבן זיי איבער אין מיליטער... — דערקלערט שאַרמאַנטיע וואָס ער מיינט.

— איך הער עס צום ערשטן מאָל — איז זיך פעטיאַ מודה. — וואָס הייסט מען כאַפּט־צו די יידישע קינדער?! פאַרוואָס לאָזן זיי זיך כאַפּן?

— פאַרוואָס? יידישע קינדער זיינען הפקר... דער צאַר גיט אַרויס אַ געזעץ, און מען כאַפּט זיי... וואָס־זשע, האָסט ניט געהערט דערפון?

— ניין!... די דעקאַבריסטן וועלן שוין אויך דאָס געזעץ אָפּווישן... נאָר קיינער טאָר ניט וויסן, אַז איך האָב עס דיר געזאָגט...

— איך און דו און ווייטער קיינער ניט... — האָט שאַרמאַנטיע צו־געלייגט אַ האַנט צו זיין ברוסט אַלס אַ סימן, אַז ער שווערט זיך מיט דער ריינקייט פון זיין האַרץ צו האַלטן דעם סוד.

און זיי האָבן נאָכאַמאָל איבערגעזונגען דאָס ליד, אַזוי, אַן אַ מאָטיוו, נאָר מיט די פּראָסטע, הערלעכע ווערטער פון דעם ליד אַליין. עס איז סיי־ווי אויסגעקומען, ווי זיי וואָלטן די ווערטער געזונגען מיט אַ מאָטיוו.

עס זיינען אין אָפּטריט אַריינגעקומען נאָך צוויי בחורים־אינסטיטוט־ניקעס: איינער מיטן נאָמען פאַוועל, אַ הויכער, דאַרער בחור מיט פּריש־טשיקלעך אויף זיין פּנים, און דימיטריע, אַ גראָבער און נידעריקער יינגל מיט אַ טונקעלן, געזונטן פּנים און מיט צוויי ממזרשע אויגעלעך. זיי זיינען אויך געווען קינדער פון בעסאַראַביער פּריצים. אַז זיי האָבן דערהערט, ווי פעטיאַ מיט שאַרמאַנטיען זינגען עפּעס אַ לידל, זיינען זיי צוגעשטאַנען, אַז זיי ווילן אויך זיך אויסלערנען דאָס ליד...

— אַך! וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע ווערטער! — האָט פאַוועל אויס־געשריען, ווען ער האָט געהערט דעם ערשטן פערז.

דימיטריע האָט געהאַט אַ יונגע טענאָר־שטימע, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ פּאָזע ווי ער וואָלט געווען אַ דיאַקאָן, און מיט זיין געזונטער געמבעלע געטאָן אַ זינג.

און אַלע פיר יינגלעך האָבן זיך אַרומגענומען און זיך געפרייט און גאָר פאַרגעסן וואו זיי זיינען איצט; אַז דאָ איז די לופט ניט אַזוי ריין; כאָטש מען האָט דאָ געהאַלטן ריין און ציכטיק, איז עס פאָרט אַן אַפּטריט...

אָט אַזוי איז אַריינגעקומען פּושקינס אַ ליד אין אָט־דער מאַנאַסטיר־סקער שול, וואו דער נאָמען פּושקין איז געווען טריף און מען האָט אים אפילו ניט געטאָרט אַרויפברענגען אויף די ליפּן.

אין דעם פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָבן שוין אַלע יינגלעך דאָס ליד געקענט אויף אויסנווייניק. און פּעטיאַ מיט שאַרמאַנטיען האָבן זיי־ער געוואָלט, אַז דאָס דאַזיקע ליד זאָל אויך אָנקומען צו די מיידלעך.

—דו ווילסט גאָרניט, אַז דיין שוועסטער זאָל אויך קענען דאָס ליד?

— האָט פּעטיאַ געפרעגט. ער איז געווען אַ גרויסער סטראַטעגיקער. אים האָט זיך זייער און זייער געוואָלט קאָנען שאַרמאַנטיעס שוועסטער. נאָר עס זאָגן שאַרמאַנטיען אָפן האָט ער ניט געוואָלט.

— מיין שוועסטער? ווען איך וועל ענדיקן דעם „טורמע“־טערמין, און זי אויך, וועל איך זי אויסלערנען דאָס ליד — האָט שאַרמאַנטיע גע־זאָגט. מיטן אויסדרוק „טורמע“ האָט ער באַצייכנט די דאָזיקע שול.

— צולאַנג צו וואַרטן, ברודערל. מען דאַרף עפּעס צוטראַכטן אַ פּלאַן.

— אַ פּלאַן? — פאַרטראַכט זיך שאַרמאַנטיע. זיי האָבן געפירט דעם דאָזיקן געשפּרעך ביינאַכט, ווען זיי זיינען ביידע שוין געלעגן אין זייערע בעטן. אין צימער איז געווען פינצטער. נאָר דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ זילבערנע לבנה. עס איז געווען ניט ווייט פון פרילינג. און אין דרויסן איז אַ וואונדערלעכע נאַכט, אַ ווייסע מיט אַ פולער לבנה.

— איך האָב אַ פּלאַן! — האָט שאַרמאַנטיע זיך דערפרייט. — עס גייט דאָך צו פּאַסכאַ...

— יאָ, אָבער וואו וועל איך זיין? איך פאָר דאָך אַהיים אויף — ?

— ווייסטו וואָס, שאַרמאַנטיע — זאָגט פּלוצים פּעטיאַ — איך האָב אַ בעסערן פּלאַן.

— וואָס?

— דו מוזט ווערן קראַנק.

— דאַרף איך דאָך וועלן...

— אָ, וואָס אַרט דיך, ווער אויף אַ פּאָר טעג קראַנק.

— אויף וואָס, אַשטייגער, קאָן איך ווערן קראַנק?

— קאָפּ־ווייטיק טויג ניט; בויך־ווייטיק אויך ניט.

— איך וועל זיך מאַכן, ווי עס האָט מיר אָפּגענומען די פיס...

— בראַוואָ! און דאַן וועט מען זיכער ברענגען צו דיר דיין שוועס־טער...

— דאָס וויל איך ניט. — קאָן שאַרמאַנטיע ניט ליידן צו הערן פון דעם, אַז מען זאָל צו אים אין צימער ברענגען פּאַטאַ מאַריאַן.

— דו ווילסט זיך ניט זען מיט דיין אייגענער שוועסטער?

שאַרמאַנטיע האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווייל. און ביידע בחורים זיינען געלעגן און מסתם געקוקט אויף דעם זעלביקן טעלערל פונעם הימל, וואָס איז פונקט געהאַנגען קעגן זייערע פענצטער און דערלאַנג עס מיטן האַנט...

— גוט — האָט שאַרמאַנטיע געזאָגט — איך וועל זיך מאַכן ווי איך בין פאַראַליזירט געוואָרן אויף די פיס... מיר געפעלט די שפּיל. פּאַ־טער סעראַפּים וועט זיך עס אַביסל דערשרעקן. און מיר דאַרפן צוגרייטן עטלעכע צעטעלעך מיטן ליד.

— אָבער איך מוז זיין דערביי, ווען מען וועט אַריינברענגען דיין שוועסטער.

— אויב פּאַטער סעראַפּים וועט נאָר דערלויבן...

דריי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

גערעדט און געטאַן! דאָס איז די מאָטאָ פון דער יוגנט.

אויפן צווייטן טאָג איז שוין שאַרמאַנטיע געבליבן אין בעט און זיך געמאַכט ווי ער קאָן ניט אַראָפּגיין.

דער מאַנאַך, דער פּאַטער סעראַפּים, איז געווען אַ הייליקער מענטש און פון עולם־הזה גאָרניט געוואוסט. און ווען ער האָט דערהערט, אַז שאַר־מאַנטיע קלאָגט זיך, אַז עס האָבן ביי אים אָפּגענומען די פיס, האָט ער צו אים געזאָגט:

— קינד, דו האָסט זיך פאַרזינדיקט, און גאָט האָט דיך געשטראָפט. בעט ביי אים מחילה, וועט דיר גרינגער ווערן...

עס איז געווען פּאַטעטיש צו זען, ווי אַזוי פּאָטער סעראַפּים בעט גאָט, אַז ער זאָל דעם זינדיקן ייִנגל מוחל זיין. דאָס זינדיקע ייִנגל האָט אין דער שטיל אויסגעשטעלט סעראַפּימס גאָט אַ לאַנגע צונג.

פאַרשטענדלעך, אַז די צוויי ייִנגלעך האָבן שוין צוגעגרייט אַ פּאָר קאָפּיעס פון פּושקינס ליד אויף קליינע פּאַפּירלעך. און פּעטיאַ האָט שוין געזען, אַז ער זאָל באַדינען שאַרמאַנטיען און ניט אָפּטרעטן פון זיין בעט

שאַרמאַנטיע האָט געקרעכצט און זיך געמאַכט ווי עס טוט שרעק־לעך וויי.

און נאָכן אָנבייסן האָט שאַרמאַנטיע זיך געהייסן ברענגען זיין שוועס־טער.

דער מאַנאַך סעראַפים האָט אַזוי געטאָן. ער האָט זיך שטאַרק דער־שראָקן, ווייל דאָס קראַנק ווערן פונעם יינגל האָט געשמעקט מיט אַ סך צרות פון זיינעטוועגן.

— וואָס איז עס פאַר אַ פאַטער, וואָס אין זיין רשות ווערן יינגלעך קראַנק?

דער גאַנצער אינסטיטוט איז געגאַנגען כאַדאָראָם. נאָר איין זאַך — קיין דאָקטאָר איז דאָ ניט געווען.

און דאָס איז געווען שאַרמאַנטיעס גליק. דער „פאַטער" פון אַלע מאָ־נאַכן האָט שוין געהאַט אַ באַראַטונג מיט דער „מאַמען" פון אַלע מאַנאַש־קעס: וואָס מען זאָל טאָן — צי זאָל מען לאָזן וויסן ברידשעוואַנען, צי זאָל מען רופן אַ דאָקטאָר פון שטאָט?

און דערווייל האָט מען געבראַכט די שוועסטער פאַטאַ מאַריאַ.

דאָס מיידל האָט זיך דערשראָקן, ווען מען האָט זי געפירט צו איר „ברודער" אין צימער. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס עס איז געשען. און מען האָט איר געזאָגט, אַז עס איז גאָרניט. שאַרמאַנטיע האָט זיך פאַר־קילט און וויל זי זען.

בשעת פאַטאַ מאַריאַ איז אַריין צו שאַרמאַנטיען אין צימער, איז זי ניט געווען איינע אַליין, נאָר די מאַנאַשקע אַווע איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שוואַרצער שאָטן.

דאָס מיידל האָט שוין פאַר דעם יאָר געטאָן אַ וואַקס־אויס און איז גע־וואָרן אַזאַ שיינקייט, אַז בשעת זי האָט געטאָן אַן עפן די טיר, איז באַלד דאָס צימער געוואָרן באַשיינט פון איר.

פעטיאַ איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון שאַרמאַנטיען. און אַז ער האָט דערזען פאַטאַ מאַריאַן, איז אים געוואָרן ליכטיק אין די אויגן.

שאַרמאַנטיע האָט זיך אַזש דערשראָקן — אָדער זיך געמאַכט ווי ער דערשרעקט זיך.

— וואָס טוסטו דאָ?! — האָט ער אויסגעשריען צו פאַטאַ מאַריאַן.

דאָס מיידל איז צוגעלאָפן צום בעט און זיך געטאָן אַ וואָרף אַרויף אויף שאַרמאַנטיען און אים גענומען קושן.

שאַרמאַנטיע איז איר אויך ניט שולדיק געבליבן קיין איין קוש. ער האָט זיך פשוט איינגעביסן אין איר און זיך געקוויקט.

עס איז וואָר! דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער האָט געקושט אַ מיידל...

פעטיאַ איז געשטאַנען צוקאָפּנס פונעם בעט, און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון אַ קוש, האָט ער אינסטינקטיוו צעעפנט זיינע ליפּן און ווי עפּעס אַראָפּגעשלונגען זיין שפּייעכץ, ווייל אין גומען איז אים געווען זייער טרוקן.

אים איז פּאַטאַ מאַריאַ זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַזוי אַז זיינע פּיאַטעס האָבן אַזש געברענט.

שאַרמאַנטיע האָט געוואָלט פּטור ווערן פוןביידע מחבלים: דעם מאָ־נאַך מיט דער מאָנאַשקע. האָט ער פלוצים געטאָן אַזאַ געשריי און געמאַכט אַזאַ גרימאַסע אויף זיין פּנים, אַז ביידע, אי דער מאָנאַך אי די מאָנאַשקע, האָבן גענומען לויפן פון צימער, ערגעץ זוכן הילף.

דערווייל זיינען די דריי יונגע קינדער געבליבן אַליין אין צימער.

— גיך, שאַרמאַנטיע! — שעפּטשעט פּעטיאַ.

— דאָס איז מיין חבר פּעטיאַ... — שעפּטשעט שאַרמאַנטיע צו פּאַ־טאַ מאַריאַן.

זי דערלאַנגט פּעטיאַן איר ווייס, איידל הענטל.

פּעטיאַ שמייכלט אַ גליקלעכער.

שאַרמאַנטיע זעצט זיך אויף און דערלאַנגט פּאַטאַ מאַריאַן אַ פּאָר צונויפגעדרייטע פּאַפּירלעך:

— נאַ, פּאַטאַ מאַריאַ, דאָס זיינען לידער פון פּושקין. איך בין גע־זונט... איך האָב זיך געמאַכט קראַנק, כדי מען זאָל דיך ברענגען... איך האָב דיך געוואָלט אָנקוקן...

— אַ, ווי גליקלעך איך בין... — זאָגט פּאַטאַ מאַריאַ.

— מיר אויך!... — זאָג פּעטיאַ אי פאַר זיך און אויך פאַר זיין חבר.

— דו ביסט געזונט?

— יאָ, פּאַטאַ מאַריאַ.

— איך האָב דיך אַזוי געוואָלט זען!

— מיר אויך!... — זאָגט פּעטיאַ.

— לאָמיר זיך שרייבן בריוולעך.

— ווי אַזוי?

— שרייב־אָן און וואַרף אַריבער איבערן פּלויט.

— און דו וועסט וואַרטן אויף די בריוולעך?

— יאָ. צווישן דריי אַזייגער און פיר אַלע טאָג, — זאָגט פּאַטאַ סו־דותדיק.

— מיר וועלן צו איך שרייבןביידע — פאַררויטלט זיך פעטיאַ.

פלוצים האָט זייער געשפּרעך געמוזט איבערגעהאַקט ווערן דורך דעם, וואָס די צוויי מחבלים, דער מאָנאַך און די מאָנאַשקע, זיינען אַריין אין צימער. פאַטאַ מאַריאַ האָט שוין די צעטעלעך געהאַט באַהאַלטן אין אַ זיכער אָרט.

און שאַרמאַנטיע איז ווידער געלעגן אויסגעצויגן אין זיין בעט, גלייך ווי עס איז דאָ גאָרניט פאָרגעקומען.

— נו, וואָס זאָגסטו, שוועסטער, זאָלן מיר לאָזן וויסן אייער פאָטער?

— ווענדט זיך דער מאָנאַך סעראַפים צו פאַטאַ מאַריאַן.

— מען זאָל נאָך וואַרטן אַ טאָג, אפשר וועט אים גרינגער ווערן. דער פּאַפּאַשאַ וועט זיך דערשרעקן. ער איז אַלט. און עס איז בעסער צו וואַרטן אַ פּאָר טעג. אַ־יאָ, שאַרמאַנטיע?

— יאָ.

פאַטאַ מאַריאַ האָט געטאָן אַ קוש שאַרמאַנטיען אין די זיסע ליפּן. און צו פעטיאַן האָט זי זיך נאָר געטאָן אַ נויג. און מען האָט זי אַרויסגעפירט פון צימער. ווען זי איז שוין געווען ביי זיך אין איר צימער און געטראָפן דאָרטן איר צימער־חברטע, מאַגדאַלענאַ, ליגן אויף איר בעטל און רוען, האָט זיך פאַטאַ מאַריאַ אויך געלייגט אָפּרוען אין איר אָנטאָן. און אַז די מאָנאַשקע אָווע איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, האָט פאַטאַ מאַריאַ אַרויס־גענומען די צונויפגעוויקלטע פּאַפּירלעך און געזאָגט שטילערהייט צו איר חברטע:

— מאַגדאַלענאַ, טייערע, ווילסט הערן אַ סטיך?

— אַ סטיך? פון וועמען?

— פון דעם פּאָעט פּושקין...

— גיב אַהער.

ביידע מיידלעך האָבן זיך ווי איינגעביסן אין די צעטעלעך מיט זיי־ערע אויגן.

— ווי וואונדערלעך!

— איך וועל עס ניט אַריבערטראָגן!

— ווער האָט זיי דיר געגעבן?

— מיין ברודער... שאַ, עס איז אַ סוד...

— אָ, ווי צויבערפול!

— האָב איך דאָרטן, ביי מיין ברודער אין צימער געזען אַ כוואַט...

— האָט פאַטאַ מאַריאַ אַזש געטאָן אַ קנאַק מיט איר צונג פון גרויס אַפּעַ־טיט.

— ווי הייסט ער?

— פעטיאַ.

— פעטיאַ — פעטוך... (האָן) — לאַכט מאַגדאַלענאַ. — און ווי אַזוי פילט דיין ברודער? איז אים בעסער?

— אים איז גרינגער.

— מיך פרייט עס צו הערן.

— ווייסט, איך וועל פון זיי בײדע קריגן בריוולעך אַלע טאָג.

— ווי אַזוי?

— אַריבערן פלויט.

— און אַז מען וועט דיך כאַפּן?

— וואָסי, איך טאָר ניט קריגן קיין בריוול פון מיין ברודער?

— וועסט מיר כאַטש ווייזן, כאַטש איין בריוול?

— פאַרוואָס ניט?

ביידע חברטעס האָבן זיך ווידער אַריינגעטיפט אין די צעטעלעך און געחזרט דאָס ליד, כדי זיי זאָלן עס קאָנען אויסנווייניק. זיי האָבן געוואוסט, אַז האַלטן אַט־די צעטעלעך וועלן זיי ניט קאָנען, ווייל די מאַנאַשקע אָווע איז געווען אַ מרשעת. זי האָט אַלעמאָל געבישטערט זייערע פּאַפּירן און זייערע זאַכן. זי, די מאַנאַשקע, איז געווען זייער אַ יונגע, אפשר נאָך ניט קיין דרייסיק יאָר אַלט. זי איז, צום טייוול, נאָך געווען אַליין זייער אַ שיי־נע, מיט בלויע אויגן און אַ ווייס מאַרמאָרן פּנים, און זי האָט אויסגעזען ווי אַ שיינע סטאַטוע פון די געטיגס, וואָס מען זעט אין דער קירך. נאָר ווי שיין זי איז געווען, אַזוי שלעכט איז זי געווען. מען האָט ניט געטאָרט טאָן קיין צו הויכן לאַך אין איר אָנוועזנהייט. פון טאָן אַ זינג איז שוין אָפּגערעדט. און אַז זי זאָל געפינען אַ ליד אויף אַ פּאַפּיר... נו, נו... וואָלט זי אויפ־געהויבן אַ קאַראַש, אַז דער הימל וואָלט זיך געשפּאָלטן. האָבן דערפאַר די צוויי מיידלעך אויסגעחזרט דאָס ליד אויף אויסנווייניק און די פּאַפּירלעך פאַרניכטעט...

און אויך זיי האָבן פונקט ווי די יינגלעך, און אפשר נאָך מיט מער ברען, איבערגעגעבן דעם סוד צו די אַנדערע מיידלעך. און די צוויי ייג־גלעך שאַרמאַנטיע מיט פעטיאַן זיינען דערווייל געווען אין זייער צימער אַ טאָג און צוויי — איידער שאַרמאַנטיע האָט געזאָלט אָפיציעל „געזונט" ווערן. עס האָט ניט געפּאַסט, אַז ער זאָל אַזוי גיך „געזונט" ווערן, כדי מען זאָל ניט פאַרדעכטיקן און דערגיין דעם סוד...

די מאַנאַכן האָבן אַ סך געבעטן גאָט און געזאָגט תפילות. און מען האָט אויך געבראַכט אַ דאָקטאָר פון שטאָט.

און דער דאָקטאָר האָט שאַרמאַנטיען באַטראַכט און אים אויסגעקלאַפּט יעדן ביין און שאַרמאַנטיע האָט זיך שיער ניט דערוואָרגן, איינהאַלטנדיק

זיך פון לאַכן. דער דאָקטאָר האָט אים פאַרשריבן מעדיצין און האָט אים געהייסן ליגן רואיק אין בעט.

און דערווייל האָבן בײדע ייִנגלעך געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרפאַסן אַ בריוול צו פּאַטאַ מאַריאַן. דאָס בריוול האָט פּעטיאַ געשריבן און שאַר־מאַנטיע האָט דיקטירט. און אַלע ווײַלע זיינען זיי איבערגעשלאָגן געוואָרן פון דעם, וואָס דער מאַנאַך איז אַריין אין צימער.

דער מאַנאַך האָט אַרײנקומענדיק געשנאָרכעט מיט זיין גרויסער, שאַרפער נאָז, ווי ער וואָלט וועלן אָנשמעקן צי עס קומט דאָ ניט עפּעס פאַר...

פיר־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

שייע־שאַרמאַנטיע האָט זיך געדאַרפט ניט נאָר באַהאַלטן פאַר דעם מאַנאַך, נאָר אויך פאַר זיין צימער־חבר פּעטיאַן; ער האָט געפילט אַ מאָדנע געפיל ביי זיך אינעווייניק זינט ער האָט נאָך אַ יאָר זיין אין דעם דאָזיקן אינסטיטוט דערזען צום ערשטן מאָל פּאַטאַ מאַריאַן. און ער האָט געדאַרפט דיקטירן דאָס בריוול צו איר, געדאַרפט איר עפּעס זאָגן צערטלעכס און דאָך זיך געמוזט האַלטן צו איר אין די גרעניצן פון אַ ברודער צו אַ שוועס־טער.

„טייערע פּאַטאַ מאַריאַ, דו ביזט אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ שיינע, צייטיקע רויז. און פּעטיאַ, מיין צימער־ברודער, איז אין דיר פאַרליבט ביז איבער די אויערן”... אַזוי האָט שאַרמאַנטיע דיקטירט, און בשעת־מעשה זיינען טאַקע פּעטיאַס אויערן געוואָרן פאַרפלאַמט.

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט? — פרעגט פּעטיאַ.

— זעסט דאָך!...

— מיר וועלן ביי איר בעטן אַן ענטפער, — שלאָגט פאָר פּעטיאַ.

— זיכער, זאָל זי ענטפערן.

און פּעטיאַ האָט פאַרענדיקט דאָס בריוול און די צוויי ייִנגלעך האָבן דאָס בריוול באַהאַלטן. און ווען דער מאַנאַך האָט זיי אַרויסגעפירט אויפן הויף פאַרן מיטאָג־שפּאַציר און אין דרויסן איז געווען אַ ליכטיקע זון און זשאַוואָראָנקעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה אויפן ברעג פון דער שטיינערנער וואַנט און געזונגען און דער שני אונטער די פיס האָט נאָכגעלאָזט — דאַן האָט שאַיע־שאַרמאַנטיע גענומען פאָכען מיט די הענט, ווי ער וואָלט פאַרטריבן די זשאַוואָראָנקעס...

— זון, עס איז אַ זינד צו טרייבן די פייגל, — האָט דער מאַנאַך גע־זאָגט, — פייגל זיינען די נשמות פון מענטשן, וואָס זיינען געשטאָרבן...

די פויגל־נשמות פליען אַרום, פלאַטערן איבער אונדזערע קעפּ און זיי קלאַגן־זינגען און מיר פאַרשטייען זיי ניט... מען טאָר זיי ניט טרייבן...

— פּאַטער, — האָט געזאָגט שאַרמאַנטיע האַפּערדיק, — זיי מוזן זיין זינדיקע נשמות, אַניט וואָלטן זיי ניט געבוירן געוואָרן פויגלען...

— עס איז וואָר... אָבער דערפאַר מוזן מיר, זינדיקע דאָ אויף דער ערד, זיי, די פויגלען־נשמות, העלפן זיך אויסקויפן פון די זינד... מיר מוזן זיי געבן עסן...

— און זיי שיסן... — זאָגט־אונטער פּעטיאַ.

— דאָס האָב איך ניט געזאָגט!... — קערט זיך דער מאָנאַך אום צו פּעטיאַן, — דאָס האָב איך ניט געזאָגט!

דערווייל האָט שאַרמאַנטיע געטאָן אַ וואָרף אַריבער דאָס איינגעדרייטע בריוועלע פון יענער זייט פּלויט. די זשאַוואָראָנקעס האָבן זיך דערשראָקן און האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל געטאָן אַ הייב פון פּלויט און אויפגעפלויגן אין אַ גרויסער, צעשפּרייטער מאַסע.

דער מאָנאַך האָט זיך אומגעקוקט און עס איז שוין געווען צו־שפּעט. דאָס בריוועלע איז שוין געווען פון יענער זייט פּלויט און געלעגן אויפן שוואַרצלעכן שניי.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט געשפּאַצירט מיט איר צימער־שוועסטער מאַגדאַ־לענאַ און הינטער זיי איז געגאַנגען אַוועג די מאָנאַשקע. פּאַטאַ מאַריאַ האָט באַמערקט, ווי דאָס בריוועלע פאַלט אַראָפּ. זי האָט געטאָן אַ קוק צו דער מאָנאַשקע. יענע איז געגאַנגען אַ פאַרטראַכטע, מיט די אויגן אַראָפּגע־לאָזט צו דער ערד. פּאַטאַ מאַריאַ האָט שוין געהאַט פון פריער אָפּגערעדט מיט איר חברטע, אַז ווען זי וועט איר געבן אַ סיגנאַל, זאָל יענע זי אומ־וואַרפן. אַזוי איז טאַקע געווען. אַ סיגנאַל — און מאַגדאַלענאַ האָט געטאָן אַ שטופּ פּאַטאַ מאַריאַן און זי אומגעוואָרפן פונקט אויף דעם אָרט, וואו דאָס בריוועלע איז געלעגן.

די נאָנע איז צוגעלאָפן אַ דערשראָקענע:

— האָסט זיך געטאָן אַ קלאַפּ?

— ניין, מוטער! איך האָב זיך געטאָן אַ גליטש... עס איז מיר גאָרניט.

און דאָס בריוועלע איז שוין געווען ביי איר אין די הענטשקעס באַ־האַלטן.

זיס זיינען אָט־די געהיימנישן ביי יונגע מענטשן. און גליקלעך זיינען געווען ביידע חברטעס מיט דעם געהיימען בריוועלע. און באַלד, ווען זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו בלייבן אַליין אין צימער, האָבן זיי ביי דער שיין פון דער לבנה דאָס בריוועלע געלייענט — ווייל דאָ אין אינסטיטוט

האט מען אויסגעלאָשן די לאָמפּן האַלב צען אַזייגער. און אויב אַ מאַ־נאַשקע האט געכאַפּט מיידלעך אין אַ צימער מיט אַ לאָמפּ ברענען, איז עס געווען אַ גרויסע זינד, און מען האט דערפאַר געדאַרפט אָפּקומען מיט פאַסטן, מיט ניט וואַשן זיך, מיט שווייגן אַ גאַנצן טאָג...

די מיידלעך איז געווען אַ סך שווערער ווי די ייִנגלעך פון יענער זייט פּלויט. דאָ איז די דיסציפּלין געווען אַ גרויזאַמע. איז דערפאַר, אַז פאַטאַ מאַריאַ האט געדאַרפט ענטפערן אַ בריוול צו שאַרמאַנטיען און פעטיאַן — דערהויפּט צו שאַרמאַנטיען, ווייל זי האט אים זייער ליב געהאַט און נאָכדעם ווי זי האט אים ניט געזען אַ יאָר איז ער געוואָרן אַ גאַנצער מענטש און איר ליבע צו אים איז נאָך געוואָרן הייסער — איז ווען זי האט געדאַרפט אים ענטפערן, האט זי זיך זייער און זייער געהיט, אַז די מאַנאַשקע זאָל זי ניט כאַפּן.

פאַטאַ מאַריאַ האט שוין געקאָנט אַביסל די רוסישע שפּראַך און זי האט זיך אַליין אַנידערגעזעצט אין דער אָפּרו־צייט שרייבן אַ בריוועלע. זי האט אַנידערגעשטעלט מאַגדאַלענאַן ביי דער טיר מיט אַן אויער, כדי זי זאָל זיך צוהערן צי עס גייט ניט עמיצער.

„טייערער שאַרמאַנטיע — ווי איך בענק נאָך דיר!”, האט זי גע־שריבן, „איך גיי אויס צו זיין מיט דיר אינאיינעם... אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלן פאָרן אַהיים אויף פּאַסכאַ? איך קוש דיך, איך קוש דיך, איך קוש דיך”...

פאַטאַ מאַריאַ האט איבערגעלייענט דאָס בריוול פאַר מאַגדאַלענאַן און ביידע מיידלעך האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און זיך געקושט...

אין יענעם מאָמענט איז אַריינגעקומען די נאָנע.

— וואָס איז דאָס?! — האט זי געטאָן אַ קוויטשעדיקן געשריי — אַזוי שטאַרק האט איר זיך ליב?!...

די מיידלעך זיינען געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערטע.

פאַטאַ מאַריאַ האט אָבער גליקלעכערוויז באַוויזן אַריינצובאַהאַלטן דאָס בריוול צו זיך אין אַרבל אַריין.

— איך בענק אַהיים! — האט פאַטאַ מאַריאַ געזאָגט.

— אַהיים? דיר איז דאָ שלעכט? פאַרוואָס בענק איך ניט? טראַכט וועגן דער הייליקער מאַדאָנע און דיר וועט גרינגער ווערן, טייערינקע, — זאָגט פרום אָווע.

— איך וויל פאָרן אַהיים! — זאָגט פאַטאַ מאַריאַ קאַפּריזנע.

— אַז דיין פאָטער וועט דיך קומען נעמען אויף פּאַסכאַ, וועסטו פאָרן, — זאָגט אָווע.

— איך וועל נעמען מיין ברודער און מיט אים פאָרן...

— דאָ אויף דער וועלט קאָן זיך קיין שום מענטש ניט נעמען אַליין... מען מוז וואַרטן ביז גאָט איז וויליק צו געבן...

אַלץ באַקאַנטע, דערעסענע רייד, וועלכע פּאַטאַ מאַריאַ האָט שוין געהערט אַ סך מאָל און עס איז איר שוין געקראָכן די גאַל פון זיי.

איצט זיינען אָט־די פאַרשימלטע רייד איר אוודאי ניט געקראָכן אין קאָפּ אַריין, ווייל זי האָט געטראַכט וועגן אַ פּלאַן ווי אַזוי אַריבערצוואַרפן דאָס בריוול צו שאַרמאַנטיען אויף יענער זייט פּאַרקאַן. זי האָט געוואוסט, אַז ביי דער כלבטע, דער נאַנע אַווע קאָן מען אַזוי גרינג ניט דורכפירן עפּעס.

זיי האָבן זיך געזעצט לערנען. אַווע איז געשטאַנען אָדער אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און זיי געלייענט דעם אוראַק (לעקציע). ביי די צוויי תלמידות איז געווען אַנגעצויגן יעדער נערוו, און זיי האָבן געהיט יעדן קער פון דער לערערקע אַווע. זיי האָבן געלערנט אַריטמעטיקע.

אַווע האָט זיי פאַרגעבן אַ פּראָבלעם און גראַד אַזאַ: אויב אַ וואַנט איז צען פוס הויך און אַ מענטש קאָן קריכן אין איין מינוט איין פוס, וויפל מינוט וועט אים נעמען אַז ער זאָל אַריבערקריכן די וואַנט?

עס איז געווען זייער אַ פּשוטע פּראָבלעם. אָבער פּאַטאַ מאַריאַ, וועלכע האָט זייער ניט ליב געהאַט אַריטמעטיקע אין אַלגעמיין, האָט איצט געזען אַ געלעגנהייט, אַז זי זאָל קאָנען אַרויסגיין מעסטן די וואַנט, וועלכע האָט אָפּגעטיילט די ייִנגלעך פון די מיידלעך. האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן דער דאָזיקער געלעגנהייט און זי האָט זיך געמאַכט ווי זי פאַרשטייט ניט די דאָזיקע פּשוטע פּראָבלעם.

די לערערקע איז אַרויס פון געדולד: — אַ וואַנט! — האָט זי געשריען — וואָס, דו פאַרשטייסט ניט? אָט אַזאַ וואַנט ווי ביי אונדז אין הויף. און זי איז צען פוס הויך.

— פון וואַנען ווייסט די מוטער, אַז אונדזער וואַנט איז צען פוס הויך?

— וויל פּאַטאַ מאַריאַ וויסן. ביי דער מאַנאַשקע באַווייזן זיך רויטע בעקעלעך... דאָס מיידל באַשולדיקט זי אויף אָן אומדירעקטן אופן אין האָבן צו טאָן מיט דער וואַנט...

— דו גלויבסט מיר ניט, אַז די וואַנט איז צען פוס הויך?... אויב דו גלויבסט מיר ניט, גיי אַליין ארויס און גיב אַ קוק... איך האָב זי סיי־ווי־סיי ניט אַליין געמאָסטן...

פּאַטאַ מאַריאַ מיינט עס גאַנץ ערנסט. זי הויבט זיך טאַקע אויף, כדי אַרויסצוגיין מעסטן די וואַנט. און זי מיינט, אַז זי וועט דערווייל קאָנען אַריבערוואַרפן דאָס בריוועלע צו שאַרמאַנטיען.

אָבער אַווע איז געווען זייער כיטרע:

— וואו גייסטו?
— איר שיקט דאָך מיך מעסטן די וואַנט.
— צי ביסטו אַזוי נאַריש? איך זע דאָס ערשטע מאָל אַזאַ מיידל...
— זאָגט אָווע — און אַז איך וועל דיר הייסן שפּרינגען אין טייך?... ווי אַזוי קאָנסטו מעסטן אַ וואַנט?
— איך קאָן! — שפּאַרט זיך פּאַטאַ מאַריאַ. עס לוינט זיך איר צו זיין אַזוי טאַמעוואַטע, כדי זי זאָל קאָנען דורכפירן איר פּלאַן.
— נו, אַז דו ביזט יאָ אַזוי נאַריש, — זאָגט די נאָנע, — גיי־זשע אַרויס און זאָג מיר פּינקטלעך ווי הויך די וואַנט איז...
פאַרשטענדלעך, אַז פּאַטאַ מאַריאַ איז אַרויסגעגאַנגען. דאָס האָט זי דאָך געוואָלט. און אָווע בלייבנדיק אין צימער מיט מאַגדאַלענאַן, האָט גע־זאָגט צו איר — זי מוז קומען פון אַ זייער פּראָסטער, מאָלדאַוואַנישער פאַמיליע...
פּאַטאַ מאַריאַ האָט אַריבערגעוואָרפן דאָס בריוועלע אויף יענער זייט וואַנט און איז צוריק אַריינגעקומען אין איר צימער: — די וואַנט האַלט מערער פון צען פוס... — האָט זי געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע, כאָטש זי האָט זיך קוים איינגעהאַלטן זיך ניט צוצעלאַכן, — זי איז צען פוס מיט אַ האַלבן הויך.
איז וויפיל מינוט וועט געדויערן אַ מענטשן אַריבערצוקריכן אַ וואַנט פון צען מיט אַ האַלבן פוס, ווען ער קאָן קריכן אַ פוס יעדע מינוט?
— צען און האַלבע מינוט! — שרייט אויס פּאַטאַ מאַריאַ.
ערשט איצט האָט זיך די מאָנאַשקע געכאַפּט, אַז דאָס מיידל מאַכט פון איר חוזק. זי האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ און געמאַכט אַ שוויג. זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרלייגן זיך און אויסצוגעפינען, וואָס די מיידלעך האָבן עפּעס זאַמאַיעט צו טאָן. אַז עס איז דאָ עפּעס אַ פאַרשווע־רונג — איז זי שוין געווען זיכער.
אָווע האָט נאָך יענעם אָוונט זיך דורכגעשמועסט מיט דער הויפּט־נאָנע די „מוטער". די דאָזיקע „מאַמע" מיטן נאָמען קאַטערינאַ איז געווען אַ פרוי אין די פופציקער, אַ הויכע, שטאַלטנע פּרויענצימער, און מיט צוויי קלוגע אויגן און מיט אַ הויכן שטערן מיט קנייטשן. ביי איר נאָז זיינען געווען צוויי טיפע קנייטשן ביז אַראָפּ צום מויל.
קאַטערינאַ האָט אויסגעהערט אָווען און אויך צוגעשטימט, אַז עפּעס איז דאָ אַ פאַרשווערונג צווישן די מיידלעך. זי האָט צוגעגעבן, אַז מסתם זיינען די יינגלעך פאַרמישט אין דעם: — מען דאַרף זיין אויף דער וואַך. און איך וועל איבערשמועסן מיט דעם הויפּט פון די מאָנאַכן, מיט פּאַפּאָוון...
פּאַפּאָוו איז געווען אַ זייער שטרענגער מאָנאַך און געשפּילט די ראָל

פון אַ זייער הייליקן מענטשן, כאָטש עס איז ניט געווען קיין סוד, אַז צווישן אים און קאַטערינאַן איז עפּעס ניט גלאַט...

אין קורצן: פּאַפּאָוו האָט אײנאײנעם מיט קאַטערינאַן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל זיין וואַך אויף די קינדער... מען זאָל זיך אונטער־הערן הינטער די טירן ביינאַכט; מען זאָל קוקן אין די שליסל־לעכער; מען זאָל זוכן אין די לערנביכער און טעטראַדן; און מען זאָל בודק־זיין זייערע רענצלעך, זייערע קליידער און אויך לייענען זייערע בריוו — אויב עס קומט־אָן צו איינעקע בריוו, אָדער אויב איינעקע שרייבן און שיקן אַרויס בריוו דורך פּאָטשט...

די דאָזיקע באַפעלן זיינען געווען זייער געהיים, אַזוי אַז די תּלמידים זאָלן ניט געוואויר ווערן און זאָלן זיך ניט קאָנען אויסהיטן פון אַריינצופאַלן אין דער נעץ.

עס איז געווען אויפן צווייטן טאָג ווען פּאַטאַ מאַריאַ האָט אויפגעהויבן אַ בריוועלע פון שאַרמאַנטיען, וואָס ער האָט אַריבערגעוואָרפן פון דער זייט פּלויט. עס איז געווען אַרום צען אַזייגער. ביי פּאַטאַ מאַריאַן אין צימער איז פינצטער, נאָר די ווייסע לבנה שיקט אַריין אַ פיר־עקנדיקן פלאַדן מיט ליכט און ער צעלייגט זיך אויפן דיל. אין גאַנצן אינסטיטוט איז איצט שטיל. נאָר צייטנווייז הערט זיך דאָס דורכפאָרן פון אַ פאַיעטאָן אויפן גאַס און דאָס קנאַקן פון די רעדער אויף די ברוק־שטיינער פון פערדישע פּאַדקאָ־וועס. עס איז דאָך אַזוי באַצויבערנד שיין צו הערן דאָס דאָזיקע ריטמישע געטעטנצל פון פערדישע פיס אויף שטיינערנעם ברוק. מען קאָן עס הערן און הערן, ווי עס פויקט פון גאָר וויט, וויט...

פּאַטאַ מאַריאַ שפּרינגט אַראָפּ פון בעט. עס איז שוין נאָך דער אינ־ספּעקציע, וואָס די נאָנע אַווע האָט שוין געמאַכט, כּדי צו זען, אַז אַלץ איז אין גוטער אָרדענונג. איצט האָט שוין פּאַטאַ מאַריאַ ניט מורא אַראָפּצוגיין פון בעט. נאָר איין זאַך האָט זי פאַרגעסן, אַז זי איז ניט אין דער היים, וואו זי האָט ביי איר טאַטן געקאָנט טאָן, וואָס זי האָט געוואָלט.

זי האָט אַראָפּגעשלעפּט איר חברטע מאַגדאַלענאַ פּונעם בעט און זיי האָבן ביידע אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך אָוועקגעשטעלט לייענען שאַר־מאַנטיעס בריוול. אָבער פון יענער זייט טיר איז געשטאַנען אַווע...

פינף־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אַהאַ זינד! אַזאַ זינד!

דער גאַנצער אינסטיטוט איז געגאַנגען כאָדאָראָם; די מאָנאַכן, די מאָנאַשקעס האָבן געהאַלטן אין איין גלאָצן מיט די אויגן און גאַרניט גע־

קאָנט מוחל־זיין די יונגע קינדער פאַר דער זינד פון שרייבן און באַקומען ליבעס־בריוו דאָ ביי זיי אונטער די אויגן.

עס איז אַוועק אַן אויספאָרשונג צי די יונגע קינדער זיינען חלילה ניט אַוועק ווייטער מיט זייערע זינד...

די „מאַמע" קאַטערינאַ האָט געשיקט רופן פאַטאַ מאַריאַן מיט איר צימער־חברטע מאַגדאַלענאַן און זי האָט זיי דורכגענומען מיט אירע גרויסע פאַרשנדיקע אויגן, פאַרשיווע, ווערעמדיקע אויגן, וואָס קוקן ניט, נאָר בויערן ביז טיפן ווייטיק.

די דאָזיקע „מאַמע" האָט דאָך געוואוסט, אַז שאַרמאַנטיע איז פאַטאַ מאַריאַס אַ „ברודער". אַזוי־אַ האָט דער פריץ בריטשעוואַן זיי אַנגעגעבן בשעת ער האָט זיי אַריינגעבראַכט אין אינסטיטוט. פונדעסטוועגן האָט זי, די מאַנאַשקע מיט איר פאַרגאַנגענהייט און מיט איר פראַקטיק אין לעבן ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס איז מעגלעך, אַז אַן אייגענער ברודער זאָל שרייבן ליבעס־בריוו צו זיין שוועסטער...

סיידן ער מיינט ניט די שוועסטער נאָר איר שכנה מאַגדאַלענאַן. און עס האָט זיך איר געוואָלט נאָך אַ זאַך אויספאָרשן: צי איז שאַרמאַנטיע אפשר שוין אַזוי דעגענערירט, אַז ער האָט צו טאָן מיט זיין אייגענער שוועס־טער — זי, די אַלטע בעל־עבירהניצע, האָט געוואוסט פון אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן...

קאַטערינאַ האָט דערפאַר דורכגעבויערט מיט אירע אויגן די צווויי מיידלעך און זי האָט געהייסן מאַגדאַלענאַן אַרויסגיין און זי איז געבליבן מיט פאַטאַ מאַריאַן אַליין ביי זיך אין קאַנצעלאַריע.

— זאָג מיר, קינד — האָט זי זיך געמאַכט זייער צערטלעך — זאָג מיר דעם אמת: צו וועמען איז געווען געשריבן דער בריוו?

— צו מיר...

— ער איז דאָך דיין ברודער.

— אַזוי זאָגט די וועלט... — האָט פאַטאַ מאַריאַ ניט געקאָנט זאָגן קיין ליגן.

— ענטפער מיר צו דער זאַך: ער איז דיין ברודער?

— איז וואָס?

— הייסט עס, אַז דו פירסט אַ ליבע מיט דיין אייגענעם ברודער?

— וואָס דען, זאָל איך פיינט האָבן מיין ברודער?

— נאַ, נאַ, דו ביזט זייער אַ קלוג מיידל. וויל איך, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז איך האָב גאָרניט קעגן דעם אויב דו האָסט ליב אַן אייגענעם ברו־דער, נאָר איך האָב מורא, אַז דו פאַרבאַהאַלטסט אונטער דער דאָזיקער

מאַסקע עמיצן אַנדערש. — די „מאַמע״ העכערט איר טאָן פּלוצים — זאָג מיר, איז עס ניט דיין שכנה, וועלכע פירט אַ ליבע מיט דיין ברודער?

— איך קאָן ניט ריידן פאַר איר. און איך קאָן ניט אַריינקריכן יע־נעם אין די געדיירים.

— בעסער זאָג מיר דעם אמת!

— דער בריוו איז געווען צו מיר!

— נו, נו, ניט מיט אַזאַ היסטעריקע! דו ביזט נאָך אַ קינד און וועסט נאָך צייט האָבן צו זיין היסטעריש... דער בריוו איז געווען צו דיר, זאָגסטו? וועל איך אָנשרייבן דיין פאָטער, אַז מען האָט דיך געכאַפּט אין ליבע־פאַרהעלטעניש מיט דיין אייגענעם ברודער — יאָ?

— שרייבט. מיך אַרט עס ניט...

— גוט, דו קאָנסט גיין — האָט די „מאַמע״ זיך אויפגעהויבן און אָנ־געמאַכט אַ ווינט מיט די פאָלעס פון אירע שוואַרצע פעלערינעס. פאַטאַ מאַריאַ איז אַרויס און קאַטערינאַ האָט אַריינגערופן מאַגדאַלענאַן.

— איז דער בריוו געווען צו דיר?

— ניין — ענטפערט מאַגדאַלענאַ שטיל און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— קוק מיר גלייך אין די אויגן. אָט אַזוי. דו זאָגסט, ניין. אָבער פאַטאַ מאַריאַ האָט דאָך מיר נאָר וואָס געזאָגט, אַז דער בריוו איז געווען געשריבן צו דיר. נאָר דאָס יינגל האָט געשריבן אומיסטן צו זיין שוועס־טער, כדי טאָמער כאַפּט מען דעם בריוו, זאָל מען דיך ניט קאָנען באַ־שולדיקן.

— דער בריוו איז געווען געשריבן צו פאַטאַ מאַריאַן — האַלט זיך מאַגדאַלענאַ פעסט.

— הייסט עס, אַז פאַטאַ מאַריאַ זאָגט ליגן?

— איך זאָג דעם אמת.

— דו סוויטשעסט מיר אין די אויגן! — גיט די „מאַמע״ פון גרויס צאָרן אַ טופּקע מיטן פוס.

— איך האָב פאַר איך קיין מורא ניט! איר קאָנט מיך שיקן אַהיים.

— אַזוי, דו ביזט זייער אַ בראַווע. און אַז איך וועל שרייבן דיינע עלטערן, ווער דו ביזט?

— סטראַשעט ניט!

— גוט. דו קאָנסט גיין.

מאַגדאַלענאַ איז אַריין צו זיך אין צימער און זיך געטאָן אַ וואָרף אויף איר בעט און מיטן פּנים אין קישן אַריין און זיך ביטער צעוויינט. פאַטאַ מאַריאַ איז צו איר צוגעלאָפן און זיך אַריבערגעבויגן איבער איר און זי

געצערטלט. עס איז אָבער אויך דאָ געווען מיט זיי אין צימער אַווע. און זי האָט אָפּגעטריבן פּאַטאַ מאַריאַן פון איר חברטע.

— זאָל זי זיך אויסוויינען. אַז מען זינדיקט איז דערנאָך גוט צו וויינען . . .

דערווייל איז די זעלבע פּראָצעדור פּאַרגעקומען אויך מיט שאַרמאַנ־טיען און זיין חבר פּעטיאַ. זיי זיינען ביידע גערופן געוואָרן פאַר די אויגן פון דעם „טאַטן" פּאַפּאַוו. ביי אים אין צימער איז געווען האַלב פינצטער פון די גרויסע שאַפעס מיט ביכער און פון דעם, וואָס אויף די שויבן פון די פענצטער איז געווען אויסגעמאָלט אַלערליי בילדער פון וואַנדערנדיקע הייליקע מיט לאַנגע שטעקנס.

און פּאַפּאָוו האָט די ייִנגלעך געמוטשעט און אויסגעפּרעגט און ניט געקאָנט ביי זיי אויסנאַרן דאָס, וואָס אים האָט זיך זייער געוואָלט.

און די מאַנאַכן האָבן אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויף אַלע תלמידים און תלמידות און אָנשטאָט דעם, וואָס זיי זיינען ביז איצט געשלאָפן אָן שומ־רים, האָט מען אין יעדן צימער איצט אַריינגעשטעלט אַ דריט בעט און אַ מאַנאַך אָדער אַ מאַנאַשקע האָבן אָנגעהויבן צו שלאָפן מיט די קינדער און זיי געהיט . . .

מילא שאַרמאַנטיע, וואָס איז געקומען פון אַן אָרעמער שטוב אין קאַ־מענעץ, האָט נאָך געקאָנט פאַרטראָגן אַ דריטע פּערזאָן ביי זיך אין צימער — כאָטש ער האָט זייער געבערענט פון צאָרן, וואָס מען האָט ביי אים אַוועק־גערויבט די פרייע נאַכט. ער האָט שוין ניט געקאָנט אַרויסריידן אַ פריי וואָרט צו זיין חבר פּעטיאַ. און פּעטיאַ, וועלכער איז געקומען פון אַזאַ רייך אָרט — אים איז אַוודאי ניט אָנגעשטאַנען, וואָס מען האָט אים אַריינגע־לייגט אַ מאַנאַך אין צימער. פון דעם מאַנאַך האָט זיך פּשוט געפילט אַן אומאָנגענעמער ריח. חוץ וואָס ער האָט אויך געבענקט נאָך אַ פריי וואָרט כאָטש ביינאַכט, ווען צוויי נאָענטע פריינט קאָנען עפענען זייערע הער־צער . . .

און אַזוי איז געווען מיט די איבעריקע סטודענטן — נאָר גיי טו עפּעס, אַז עס איז געווען זייער שווער זיך צוזאַמענצוריידן.

דער אינסטיטוט איז געווען צעטיילט אין צוויי באַזונדערע פליגל פון אַזוינע לאַנגע צוויי־גאָרנדיקע געביידעס. אין דער מיט איז געווען אַ קירכע מיט טורעמס און גלעקער. פון די דאָזיקע צוויי פליגל, וואו אין דער רעכטער זייט האָבן זיך געפונען די מיידלעך און אין דער לינקער זייט די ייִנגלעך, האָבן געפירט שווערע טירן אין קירך אַריין. די טירן זיינען גע־ווען פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. און נאָר ווען מען האָט געדאַרפט

פּראָווען גאָטעס־דינסט, האָט מען אָט־די טירן געעפנט, כדי די יונגוואַרג זאָל קאָנען אַריינגיין אין קירך.

דער דאָזיקער אינסטיטוט איז אַפילו געשטאַנען אין מיטן שטאָט קע־שענעוו. אַקעגן איז געווען דער גאָראָדסקאָי סאַד מיט אַלייען און נאָך גאָר יונגע בוימעלעך. לינקס פון סאַד האָט זיך געהויבן דער פּאַלאַץ פונעם גובערנאַטאָר. רעכטס פונעם סאַד מויערלעך מיט בלעכענע דעכער גרי־נע און רויטע. דער סאַד איז איצט דורכזיכטיק, ווייל די בוימער זיינען נאַ־קעט. אויף די לאַנקעס דאָ און דאָרט איז נאָך דאָ צוביסלעך פאַרשוואַרצטער שניי. זייער זעלטן זעט מען פון די פענצטער פון אינסטיטוט דורכגיין אין סאַד עמיצן; גיי טו עפּעס אין אַזאַ רוּאיקן עק! אַז צוזאַמענריידן זיך האָט מען ניט געקאָנט. ניט נאָר האָבן עס ניט געקאָנט טאָן די ייִנגלעך מיט די מיידלעך, נאָר אַפילו די ייִנגלעך אַליין צווישן זיך האָבן ניט געקאָנט פריי זיך צונויפריידן. מען האָט זיי איצט זייער שטאַרק געהיט.

נאָר פונדעסטוועגן האָבן שאַרמאַנטיע מיט פּעטיאַן דאָ ביי זיך אָפּ־געמאַכט צו לאָזן וויסן די חברה ייִנגלעך, אַז מען זאָל אין אַ געוויסן טאָג באַפאַלן די מאַנאַכן און זיי בינדן מיט די האַנטיכער, וואָס יעדער ייִנגל האָט ביי זיך אין צימער און מען זאָל דורך אַ סיגנאַל אַלע אײנאײנעם אָנהויבן צו שרייען — עפענען די פענצטער און שרייען און זאָל די שטאָט זיך דערוויסן פונעם סקאַנדאַל...

עס איז ניט געווען קיין זייער גרינגע אַרבעט צום דורכפירן, אַז אומע־טום האָט זיך געפּלאָנטערט דער מאַנאַך אונטער די פיס — זיי פלעגן שוין אויך נאָכגיין אַפילו אין אָפּטריט אַריין...

שייע־שאַרמאַנטיע האָט לאַנג געטראַכט און ער האָט ביי זיך אָפּגע־מאַכט צו זיין וואַך איינמאָל אַ גאַנצע נאַכט און זען, וואָס מען קאָן טאָן; צי שלאָפט דער מאַנאַך, וואָס ביי זיי אין צימער מיט אַ שטאַרקן שלאָף צי ניט.

ער האָט אַזוי געטאָן. זיך אַריינגעלייגט אין בעט, ווי אלע נאַכט און זיך איינגעדעקט גוט און געקעמפט מיט זיך, אַז ער זאָל ניט איינשלאָפן. און ווען ער האָט דערהערט, אַז דער מאַנאַך סעראַפים כראָפּעט שוין ווי אַ קאָ־טער, איז שאַרמאַנטיע אַראָפּ פון זיין בעט און איז צוגעגאַנגען מיט די באָר־וועסע פיס צו פּעטיאַס בעט. פּעטיאַ האָט זיך פון אָנהויב דערשראָקן. אָבער ער האָט באַלד דערקאָנט אין געשטאַלט, אַז עס איז שאַרמאַנטיע.

— פּעטיאַ! — שושקעט שאַרמאַנטיע.

— וואָס איז?

— לאָמיר זיך אַריינגנבענען שטילערהייט אין די צימערן.

— מען וועט אונדז כאַפּן.

— לאָמיר אויפוועקן אונדזער מאַנאַך און אים פאַרשטאָפּן דאָס מויל און בינדן זיינע הענט און פיס — שעפּטשעט שאַרמאַנטיע — גרייט־אָן דיין האַנטוך און אַ פּאָר קויטיקע שמאַטעס.

פּעטיאַ איז אַראָפּ פון בעט און צוגעגרייט אין דער פינצטער דאָס וואָס שאַרמאַנטיע האָט אים געהייסן. זיי האָבן זיך דערנאָך אַוועקגעשטעלט צוקאָפּנס פונעם כראָפּנדיקן מאָנאַך. און שאַרמאַנטיע האָט אים גענומען טאָרקען און וועקן.

דער מאָנאַך האָט געהאַט אַ שווערן שלאָף און זיך קוים גערירט און געעפנט אַ גרויס מויל צו טאָן אַ געשריי. דעמאָלט האָט אים שאַרמאַנטיע געטאָן אַ רוק אַריין אין מויל אַ פּאָר גאַטיעס און פּעטיאַ האָט שוין דערווייל אים איינגעקרעמפּעוועט די הענט מיט אַ האַנטוך. דער מאָנאַך איז אַזוי דערשראָקן געוואָרן, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן, וואָס דאָ קומט פאָר. דער אינסטינקט האָט אים געהייסן זיך ראַטעווען. האָט ער מיט די הענט זיך גענומען באָרען, און שרייען האָט ער ניט געקאָנט, ווייל דאָס מויל איז ביי אים געווען פאַרשטאָפּט: ער האָט זיך געפּרואווט אויפזעצן און שאַרמאַנטיע האָט אים מיט אַ זעץ אין מאָרדע איבערגעקערט צוריק צום קישן. די צוויי יינגלעך האָבן זיך לאַנג ניט געדאַרפט מוטשען ביז זיי האָבן דעם מאָנאַך אויך געבונדן ביידע הענט מיט אַ האַנטוך.

פאַרטיק געוואָרן מיט זייער מאָנאַך זיינען די צוויי יינגלעך אַרויס אין קאָרידאָר. זיי האָבן ביידע געציטערט פון דער קילער לופט און אויך פאַר מורא, אַז מען זאָל זיי ניט כאַפּן. נאָר זיי זיינען מיט שטילע טריט צוגע־גאַנגען צו דער ערשטער טיר און זי שטיל געעפנט. זיי האָבן געדאַרפט זיין פאַרזיכטיק, אַז די סטודענטן אַליין זאָלן ניט אָנמאַכן אַ געוואַלד.

זעקס־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

עס איז נישטאָ קיין שום שווערע זאַך אויף דער וועלט ווען יונגע מענטשן נעמען זיך עפּעס דורכפירן. שאַרמאַנטיע און פּעטיאַ האָבן מיט גרויס פאַרזיכטיקייט יענע נאַכט אויפגעוועקט זייערע חברים סטו־דענטן און ביז עס האָט אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג, זיינען שוין אַלע מאָנאַכן געלעגן מיט געבונדענע הענט און פיס און מיט פאַרשטאָפּטע מיילער.

און אַז די יינגלעך זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט זייערע מאָנאַכן־ביי־שלאָפער און זיינען געווען זיכער, אַז אין גאַנצן אינסטיטוט זיינען איצט,

חוץ פּאַטער פּאַפּאָו מערער קיין מאַנצבילן נישטאָ, האָבן זיי צעעפנט די פענצטער און אָנגעהויבן צו שרייען, אַז עס ברענט.

— עס ברענט!... עס ברענט!...

אין דער פריער שעה פון באַגינען האָט עס געקלונגען און געהילכט אין דעם דרויסן און אין דעם ליידיקן סאַד, ווי עס וואָלטן די קירך־גלאָקן זיך צעקלונגען אַלע מיטאַמאָל.

— עס ברענט!... עס ברענט!...

און ס'האָט ניט גענומען לאַנג און אין דער זייט, וואו די מיידלעך זיינען געווען, איז געוואָרן אַ גערודער. די מאַנאַשקעס זיינען אויפגעשטאַנען און זיינען אַרויס אין זייערע הוילע העמדער און אויך די מיידלעך־סטודענטקעס זיינען אַראָפּ אין הוילע העמדער און זיינען אַרויס אין די קאָרידאָרן און עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל.

— וואו ברענט?

— געוואַלד!...

— וואלין!...

אין גרויסן טומל האָט קיינער ניט באַמערקט, אַז די בחורים סטודענטן זיינען אַריבער דעם הויכן פּלויט און אַז זיי זיינען אַלע געווען אַנטלאָפן. און מען האָט אויך ניט באַמערקט, אַז די מאַנאַכן זיינען נישטאָ.

ביז די מאַנאַשקעס האָבן אַזוי ווי צעשראָקענע מייז אין אַ פּאַסטקע גענומען אַרומלויפן און געשריען מיט באַנומענע קולות:

— וואו זיינען די מאַנאַכן?!

— זיי ברענען!

— ווער וועט אונדז ראַטעווען?!

— די מאַנאַכן זיינען שוין פאַרברענט!

— הייליקע מאַרטירער!

— טייערע מוטער!...

— ראַטעוועט!

— די מאַנאַכן ברענען!

און דאַן האָט זיך באַוויזן דער פּאַטער פּאַפּאָו און די מאַמע קאַטערינאַ איז נאָך אים נאָכגעלאָפן אין טרערן און שרעק.

— וואו זיינען עס די מאַנאַכן?!

— זיי ברענען!...

— וואו ברענט?!

— איר הערט ניט ווי עס ברענט?

— וואו?

— עס ברענט!...

— ס׳ברענט! — האָט זיך געהערט דאָס כאָר פון דער יוגנט. איצט האָבן שוין די בחורים באַוויזן איבערצוגעבן אויף גיך זייערע חברטעס, די מיידלעך, אין וואָס עס האַנדלט זיך, און די מיידלעך זיינען אויך צוגע־שטאַנען צו דער שפּיל. איצט האָט זיך אין כאָר פון מאַסאָווע יונגע שטי־מען אויך געהערט דאָס דינע קול פון מיידלשע שטימען.

— עס ברענט!...

— עס ברענט!...

— וואו ברענט? — פרעגט פּאָפּאָוו.

אָבער קיינער ענטפערט אים ניט. אַלע מאַנאַשקעס לויפן אַרום אי־בער די קאָרידאָרן אין זייערע נאַכט־העמדער, בלאָזן זיך אָן ווי פּאַכירן און זיי זעען אויס ווי אָנגעבלאָזענע קינדערשע שפּילעכלעך־באַלונען, וואָס פליען אַרום אין דער לופטן.

פּאָטערל פּאָפּאָוו איז אַוועק אין דער בחורשער אָפּטיילונג, כדי צו געפינען די מאַנאַכן. דער דאָזיקער פּאָפּאָוו איז געווען אַזאַ האַרטער מענטש, אַז קיין שום זאַך האָט אים ניט איבערגעשראָקן, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער צוליב היימלעכקייט געשריען אויף אַ צעריטשעטע קול:

— היי, הייליקע ברידער, וואו זייט איר, הייליקע ברידער?!...

די יוגנט, סיי די בחורים, סיי די מיידלעך, האָבן דורך די צעעפנטע פענצטער געשריען אין דער פאַרטאָגיקער לופט אין אַ כאָר: פייער! פיי־ער!... די מאַנאַשקעס האָבן, ווי עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן פרוי־ענגעשלעכט, אין דעם דאָזיקן קריטישן מאָמענט דווקא זיך אָנגענומען מיט מוט און זייער מוטערלעכער אינסטינקט האָט זיי אויסגעניכטערט און ראַזדרעכעט און זיי האָבן גענומען קלינגען די גלאָקן פונעם מאַנאַס־טירישן קלויסטער.

און אַזוי ווי עס איז געווען אַ פּראָסטער טאָג און אַז די בירגער פון דער שטאָט קעשענעוו האָבן דערהערט די גלאָקן קלינגען, האָבן זיי פאַר־שטאַנען, אַז עס מוז זיין ערגעץ אַ שרפה. די בירגער האָבן אויסגעריבן די אויגן און געדרייט קעפּ צום הימל, כדי צו זען וואו עס ברענט. אָבער אַזוי ווי דער פאַרטאָגיקער הימל איז געווען לויטער און קיין שום רויך אָדער פלאַם־פייער האָט זיך ניט געזען, חוץ איינצעלנע זיילעכלעך מיט רויך פון דאָ און דאָרט פון אַ קוימען, האָבן זיך טאַקע די בירגער געחידושט, וואָס עס באַטייטן די קלויסטער־גלאָקן.

דורך דעם שטאָט־גאָרטן דעם יונגען און נאָך זייער שיטערן, זיינען געגאַנגען דריי פאַרשוין. איינער פון די דריי איז געווען דער דיכטער פּוש־קין און די אַנדערע צוויי זיינע חברים פון דעם קרוזשאָק דעקאַבריסטן וועלכע זיינען איצט געגאַנגען פון אַ געהיימער פאַרזאַמלונג. זיי זיינען אַלע

דריי געטאָן דאָ אין קעשענעוו פאַרשיקטע פונעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן אַלס פּאָליטישע. דאָ אין דעם איינזאַמען סאַד, אין אָט־דעם קליינעם, דאָן פאַרוואָרפענעם שטעטל קעשענעוו, האָבן זיי אָן קיין שום שטערונג גע־קאָנט פּלאַנעווען, אויב אפילו אין געהיים, אָבער דאָך פּלאַנעווען דאָס אַראָפּוואַרפן פונעם צאַרישן רעזשים און דאָס באַפרייען פונעם פאַר־שקלאַפטן פויערטום. זיי האָבן דערפאַר גאַנץ פריי גערעדט וועגן זייערע פּלענער אין דער פאַרטאַגיקער, גרויסער און פרייער מינוט פון אויפוועק־קונג און זיך אפילו ניט אומגעקוקט צי עס היט זיי קיינער ניט.

ווען זיי האָבן פּלוצים דערהערט די געשרייען, אַז עס ברענט, זיינען זיי אַ ביסל דערשראָקענע געבליבן שטיין און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. זיי האָבן דערזען, אַז אין די אָפענע פענצטער פונעם מאַנאַסטיר שטייען יונגע בחורים און מיידלעך און שרייען. זיינען אָט־די דריי מענטשן באַלד אַהין אַוועקגעלאָפן. אָבער זיי האָבן אַהין ניט געקאָנט אַריינקומען, ווייל דער אייזערנער טויער איז געווען צוגעשלאָסן.

דער דיכטער פּושקין און זיינע צוויי חברים האָבן שוין פון לאַנג גע־האַט אַ געהיימען באַשלוס צוצוטרעטן צו דער דאָזיקער יוגנט אין דעם מאַ־נאַסטיר־אינסטיטוט און זיי פּרואוון אַריינציען אין זייער קרוזשאָק. די דעקאַבריסטן האָבן געמיינט, אַז אַזוי ווי די דאָזיקע יוגנט קומט דאָס רוב פון פּאַמיעשטשיקעס פון אָרעם און אַרום, און אָט־די פּריצים האָבן פּאַנ־שטשיניקעס, וואָלט געווען גוט, ווען מען שטעקט־אָן אָט־די קינדער מיט די אידייען פון די דעקאַבריסטן און זאָלן זיי פאָרן אַהיים און אַזוי ווי זיי קאָנען לייכט צוקומען צו די שקלאַפן, וועלן זיי מיט די שקלאַפן געמײַ איינטענהן, אַז זיי דאַרפן זיין פריי... און אפשר אויך רעדן מיט זייערע עלטערן וועגן דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן...

איצט, אַז פּושקין מיט זיינע צוויי חברים האָבן געהאַט אַזאַ גוטע גע־לעגנהייט אַריינצודרינגען אין אָט־דעם אינסטיטוט, ווייל די יוגנט איז גע־שטאַנען ביי די אָפענע פענצטער און גערופן צו הילף, איז דאָך אוודאי גע־ווען רעכט צו טאָן, וואָס עס איז נאָר מעגלעך, כדי צו קאָנען אַריינקומען אינעווייניק פון יענער זייט טויער. ערשטנס וועט מען טאַקע ראַטעווען מענטשלעכע לעבנס און צווייטנס, וועט מען דערווייל קאָנען פאַרבינדן באַ־קאַנטשאַפט און אַריינוואַרפן דאָ און דאָרט אַ וואָרט אָדער צוויי.

אין קעשענעוו איז דעמאָלט געווען אַ פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע, זייער אַ קליינשטעטלדיקע. זיי האָבן נאָך אפילו ניט געהאַט קיין פייער־לעשער מאַשין. ווייל עס איז נאָך דעמאָלט איבערהויפּט אין רוסלאַנד אַזוינס ניט געווען. די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע איז באַשטאַנען פון די בירגער פון קע־שענעוו. און זיי האָבן פאַרמאָגט אַ פּאָר גרויסע לייטערס מיט אַ געוויסער

צאָל עמערס. אַז עס האָבן געקלונגען די מאָנאַסטיר־גלאָקן זיינען זיך די בירגער צוזאַמענגעלאָפן. נאָר אַזוי ווי מען האָט ניט געזען קיין רויך מיט פייער איבער קיין שום דאַך פון שטאָט, האָט מען ניט געוואוסט פון אַנהויב וואו צו לויפן. ביז ענדלעך איז מען געקומען צום מאָנאַסטיר און מען האָט אויך געבראַכט מיט זיך לייטערס און עמערס.

צוגעשטעלט די לייטערס, האָבן די בירגער גענומען קריכן איבערן טויער. און אָט אַזוי איז אויך דער פּאָעט פּושקין מיט זיינע דעקאַבריסטן אַריבערגעקראָכן פון יענער זייט טויער.

און עס זיינען אַריין די קעשענעוּוער בירגער אינעווייניק אין מאָנאַס־טיר און אויך פּושקין מיט זיינע חברים זיינען אַריין אינעווייניק. און עס איז געוואָרן אַ גרויסע סומאַטאָכע: וואו ברענט?! וואו איז דער פייער?!

ערשט, עס לאָזט זיך אויס אַז אַלע מאָנאַכן ליגן געבונדענע און מיט פאַרשטאָפּטע מיילער...

די קעשענעווער בירגער פאַרשטייען אַן עסק. עס ווערט דאָס גרויסע געלעכטער און מען האַלט זיך ביי די זייטן פון לאַכן.

און דערווייל פאַרקניפּט זיך אַ באַקאַנטשאַפט צווישן די דעקאַבריסטן און די סטודענטן. פּושקין געפינט אויס צו זיין גרויסער פרייד, אַז די יונ־געלייט קאָנען אַ פּאָר פון זיינע לידער אויף אויסנווייניק.

און איידער די געבונדענע מאָנאַכן ווערן באַפרייט און איידער מען שטאָפּט אויף זייערע מיילער, באַקאָנען זיך דערווייל שאַרמאַנטיע און פּע־טיאַ מיט די הויפּט שלאַג־מאָטיוון פון די דעקאַבריסטן: אַרונטער מיטן צאַר ניקאָלאַי און דאָס באַפרייען פון שקלאַפן־פּויערטום.

און ווען די קעשענעווער בירגער האָבן זיך גענוג אָנגעלאַכט און דאָך געהאָלפן באַפרייען די מאָנאַכן, איז אין מאָנאַסטיר־אינסטיטוט צוריק איינ־געשטעלט געוואָרן רו און אָרדענונג.

זיבן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער „טאַטע" פּאַפּאָוו און די „מאַמע" קאַטערינאַ האָבן זייער מורא געהאַט, אַז די סטודענטן זאָלן נאָך ניט אָפּטאָן קיין ערגערע זאַכן, האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז עס איז בעסער זיי צו געבן געוויסע פרייהייטן, כדי דערמיט צו באַרואיקן זייערע צעזאָטענע יוגנט־געפילן. עס איז באַלד געגעבן גע־וואָרן אַ באַפעל צו די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס, אַז מען זאָל אויפהערן היטן די סטודענטן און אַז מען זאָל עפענען די טירן, וואָס טיילן אָפּ די יינגלעך און מיידלעך, זיי זאָלן קאָנען פריי פאַרברענגען און אויך אַז פון היינט־אָן

און ווייטער זאָלן געעפנט ווערן די טויערן צום דרויסן און די סטודענטן זאָלן קאָנען פריי אַרויסגיין פונעם אינסטיטוט אין שטאָט אַריין.

פּאַר די סטודענטן זיינען אָט־די דריי רעפאָרמעס געווען אַ גרויס גליק און זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס ענדלעך קאָנען זיי אומגעשטערט זיך באַגעגענען מיט די מיידלעך און טייל פון זיי האָבן צווישן די מיידלעך שוין געהאַט געליבטע.

שאַרמאַנטיע און פּעטיאַ האָבן זיך באַלד געטראָפן מיט די צוויי מיידלעך פּאַטאַ מאַריאַ און מאַגדאַלענאַ.

— זאָל לעבן אונדזער פרייהייט! — האָט פּעטיאַ אויסגעשריען דריי־קענדיק די ווייסע הענטלעך פון די מיידלעך.

— מיר וועלן גיין שפּאַצירן אין שטאָט־גאָרטן, — שלאָגט־פאָר שאַר־מאַנטיע.

— אָ, איך בין אַזוי גליקלעך! — האָט אויסגערופן פּאַטאַ מאַריאַ. זי איז איצט געווען אַזוי רייצנד. שאַרמאַנטיע האָט זי פּשוט געשלונגען מיט די אויגן.

— איך אויך! — האָט מאַגדאַלענאַ ווי ניט געוואָלט בלייבן הינטער־שטעליק. זי איז אויך געווען שיין און די באַקן האָבן ביי איר געבליט ווי צוויי שיינע רויזן.

— ווען קאָנען מיר גיין? — פרעגט פּעטיאַ.

— נאָכמיטיק וועלן זיי עפענען דעם טויער — זאָגט שאַרמאַנטיע און פאַרטראַכט זיך עפּעס אין מיטן דערינען, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין אַ וויכטיקער זאַך. מען קאָן זיך זייער לייכט אָנשטויסן וועגן וואָס שאַרמאַנטיע האָט זיך פאַרטראַכט. ער איז שוין דאָ אין אינסטיטוט געווען אַריבער אַ יאָר און האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרגעסן, אַז ער איז אַ יידיש ייִנגל און אַז ער איז פאַרשיקט געוואָרן פון זיינע עלטערן אין דער בעסאַ־ראַביע און דאָס, וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן, ווען ער איז אַרויס אויף דריי טעג איבער די פאַרשנייטע פעלדער... און דאָס, וואָס ער האָט דאָרט ערגעץ אין אַ בורדעי איבערגעלאָזט באַסיען...

איצט־אָ, ווען עס איז דאָ פרייהייט און מען וועט עפענען דעם טויער — אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז ער זאָל אַנטלויפן?... אָבער שאַרמאַנ־טיע האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט און ווי זיך אַליין געשלאָגן איבער זיינע אייגענע מחשבות: „ווי קאָן ער עס איצט טאָן, ווען פּאַטאַ מאַריאַ צויבערט אים אַזוי מיט אירע אויגן?...״

נאָך יענעם טאָג, נאָכמיטיק, זיינען שאַרמאַנטיע און פּאַטאַ מאַריאַ געגאַנגען געאָרעמט איבער די אַלייען פונעם יונגן שטאָט־גאָרטן. אויך זיינען פּעטיאַ מיט מאַגדאַלענאַן געגאַנגען געאָרעמט גלייך מיט זיי. די

צוויי יונגע פּאָרלעך האָבן זיך געדונגען צווישן זיך ווער עס זאָל גיין פריי־ער. קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט גיין אויף־פריער... עס האָט זיך יעדן פּאָר געוואָלט צום לעצט... די יוגנט האָט אירע וועגן און שטיי־גערן. ביי יונגע צוויי מענטשן איז בעסער, אַז זיי גייען פון הינטן, דאַן קאָן קיינער ניט זען און ניט הערן...

שאַרמאַנטיע מיט פּעטיאַן האָבן זיך אַזוי לאַנג געדונגען וועגן דעם וואו צו גיין, ביז זיי זיינען געפאַלן אויפן שכל, אַז דער גאָרטן איז גענוג גרויס און מען קאָן גיין אין פאַרשידענע אַלייען.

דער ערשטער טאָג פון זייער פרייהייט איז געווען אַזאַ וואַרעמער, ווי עס וואָלט שוין געדאַרפט זיין. עס איז געווען אַנפאַנג פרילינג. עס איז נאָך געווען אַ פּאָר וואָכן צו פּאַסכאַ (קריסטלעכער פּסח). די בוימעלעך זיינען שוין געווען מאָדנע בלאָ און די צווייגעלעך אַזוי ווי עפּעס אַנגע־שוואָלענע און די ביבקעלעך, פון וואַנען עס האָבן געדאַרפט אַרויסקומען די צוקונפטיקע בלעטעלעך, האָבן שוין באַלד, באַלד ווי זיך געעפנט. דאָס גראָז אויף די לאָנען איז נאָך געווען געל־גרין. עס האָט געבלאָזן אַ „מער־צאָווע" ווינטל כאָטש עס איז נאָך געווען חודש פעברואַר, אָבער דער ווינט האָט שוין געשמעקט מיט חודש מערץ.

די יינגלעך האָבן געטראָגן גראָע פּאַלטישקעס מיט אַזוינע מענטע־לעך ביז צו זייערע גאָרטלען, מיט גילדענע קנעפּ, פאַרשפּיליעט פון האַלדז ביז אַראָפּ. דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט זייערע מענטעלעך. די זייער ניט קלאָרע זון האָט קוים געבלישטשעט אין די לאַקירטע דאַשעקעס פון די יינגלעכס היטלען.

די מיידלעך זיינען געווען אין גראָע טשעפּקעלעך, וואָס האָבן זיך פאַרבונדן אונטער זייערע קינען מיט טאַשמעס. זיי האָבן אויך געהאַט אַזוינע גראָע מאַנטלען מיט פּאַלערינעס ביז צו דער ערד. אָט־די פּאַלערי־נעס האָבן געשטערט די יינגלעך צו האַלטן געאָרעמט די מיידלעך.

פּאַטאַ מאַריאַ האָלט שאַרמאַנטיען זייער נאָענט צוגעדריקט צו זיך, ווי זי וואָלט אים וועלן צוקניפּן צו זיך, אַז ער זאָל זיך שוין ניט קאָנען אָפּ־רייסן פון איר.

— דראַקולי, דראַקולי, (טייערער, טייערער), ווילסט פאָרן צו אונדז אַהיים? — פרעגט פּאַטאַ מאַריאַ. שאַרמאַנטיע קוקט זי אָן פאַרצויבערט.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט וועלן?

— לאָמיר שרייבן אַהיים צום פּאָטער, וועט ער אונדז קומען נעמען אויף פּאַסכאַ.

— גוט, מיר וועלן שרייבן.

— איך האָב פיינט אַזוי... עפּעס ענטפערסטו מיט אַ האַלבן מויל...

— פּאַטאַ מאַריאַ . . .

— וואָס איז ?

— מיר איז עפּעס ניט גוט . . .

— פאַרוואָס ?

— דו ווייסט . . .

— פאַרגעס עס ! . . .

— איך קאָן ניט . . . איך האָב אַנדערע עלטערן און דו האָסט אַנדע־רע . . . איך קום פון אַן אָרעמער שטוב און דיין טאַטע איז רייך . . .

— איך ווייס, איך ווייס . . . אָבער איך האָב דיך און וועל דיך שוין ניט אָפּלאָזן. דו ביסט מיינער און פאַרגעס אין דיינע עלטערן. גיב מיר דיינע ליפּן, וועל איך דיר אַרויסקושן דיינע ווערטער און זיי וועלן מער ניט פאַלן אויף דיינע ליפּן — זי קושט אים עטלעכע מאָל אין די ליפּן. שאַר־מאַנטיע פילט דעם טעם פון אירע קושן ווי עפּעס גוטער ווײַן און ער קוויקט זיך.

פאַלן אויף דיינע ליפּן — זי קושט אים עטלעכע מאָל אין די ליפּן. שאַר־מאַנטיע נאָך אַביסעלע שטיל־שווייגן — דאָס וואָס איך באַמי זיך און קאָן ניט . . . חוץ . . .

— חוץ וואָס ?

— איך האָב נאָך עפּעס צו פאַרגעסן חוץ מיינע עלטערן.

— וועמען ?

— אַ מיידל . . . — ווערט שאַרמאַנטיע רויט ביז איבער די אויערן.

— דו האָסט אַן אַנדערע ? !

— ניט איך האָב, נאָר איך האָב געהאַט אַן אַנדערע.

— וואו ?

— ניט ווייט פון דיין פאָטערס הויז.

— דאַמנאַציו ! . . . (גאָט !) — גיט זיך פּאַטאַ מאַריאַ אַ וואָרף, ווי זי וואָלט געביסן געוואָרן פון אַ שלאַנג — ווער איז זי ? און ווי אַזוי הייסט זי ?

— זי איז פון מיין שטאָט און זי הייסט באַסיע.

— און דו האָסט זי ליב ?

— ניט איצט, נאָר צוליב איר בין איך אַוועק אויף דריי טעג איבער די פאַרשנייטע פעלדער . . .

— זי האָט דיך פאַרטריבן ? . . . אָרעמער מיינער . . .

— זי האָט מיך ניט פאַרטריבן, נאָר איך אַליין האָב איר געגעבן אַן עצה, אַז איך זאָל גיין אויף דריי טעג אַוועק.

— פאַרוואָס ?

— מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב געהערט אַ שטים פון הימל, איינמאָל גייענדיק אין פעלד, צו מיר אַזוי זאָגן: „גיי און נעם זיך באַסיען פאַר אַ ווייב". בין איך געגאַנגען צו באַסיען און איר איבערגעגעבן די שטים פון גאָט. האָט באַסיע ניט געוואָלט גלויבן. האָב איך צו איר געזאָגט: „הער אויס, באַסיע, איך וועל אַוועקגיין אויף דריי טעג מיט דריי נעכט אויף די פּאַרשנייטע פעלדער און אויב גאָט וועט מיך ניט אומברענגען און איך וועל צוריקקומען אַ גאַנצער, וועסטו מיט מיר חתונה האָבן..." און זי האָט געזאָגט: „יאָ". און איך בין אַוועק און דעמאָלט ביסטו פּאַטאַ מאַריאַ אַנגעקומען מיט דיין שליטן...

— זעסטו דאָך, אַז גאָט האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אָנקומען. ווען ניט איך, וואָלסטו שוין איצט ניט געווען צווישן די לעבעדיקע.

— אָבער באַסיע מוז נאָך זיצן און וואַרטן.

— אויב זי איז אַזאַ נאַר, צו לאָזן דיך גיין אויף דריי טעג און דריי נעכט אין די פּאַרשנייטע פעלדער — מעג זי זיצן און וואַרטן ביזן גראָען צאָפּ... — האָט פּאַטאַ מאַריאַ צוגעצויגן צו זיך שאַרמאַנטיען — דו וועסט שוין זיין מיינער...

— און דיך וועט ניט אַרן, וואָס איך בין אַן אָרעם יינגל?...

— איך האָב גענוג פאַר אונדז ביידע. לאָמיר פאָרן אַהיים...

— און וואָס וועט זאָגן באַסיע?

— זאָל זי זען און צעפּלאַצט ווערן...

— אַזוי רעדט אַ שלעכטע און דו ביסט עס ניט.

— אָט קומען־אָן פּעטיאַ מיט מאַגדאַלענאַ און מיט זיי עמיצער...

ווירקלעך, עס זיינען באַלד צוגעקומען פּעטיאַ און מאַגדאַלענאַ און מיט זיי איז געווען דער פּאָעט פּושקין. דער פּאָעט מיט צוויי שיינע באַקנבערד פון שוואַרצע האָר ווי פּעך, אין אַ געפּאַסטן מאַנטל אַרום דער טאַליע און מיט ברייטע געפּאַלדעוועטע פּאָלעס, מיט אַ שטעקן פון ווינשל־האָלץ פול מיט גוזיקעס, מיט אַ ברייטן און גאָר הויכן צילינדער, ווי אַ קוימען, און מיט אַ וויס־געפּרעסטן קאָלנער מיט צוויי גרויסע שפּיצן און מיט אַ ברייטן שוואַרצן האַלדז־שטיק פאַרבונדן אין אַ ברייטן שלייף. די הויט פון זיין פּנים איז טונקל ווי די הויט ביי אַ ציגיינער. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם צילינדער־הוט און אַראָפּגעשלעפּט זיין הענטשקע פון דער רעכטער האַנט און דאָס געטאָן מיט אַזאַ שיק און גאַלאַנטקייט, אַז ביי די מיידלעך איז אַזש צעשמאָלצן געוואָרן דאָס בלוט אין די אָדערן פון נחת.

— צופרידן מיט אייך צו באַגעגענען זיך נאָכאַמאָל — האָט פּושקין געזאָגט און געוויזן צוויי שורות ווייסע ציין — קאָן איך אייך באַגלייטן ביז צום אינסטיטוט?

— קאָנען, קאָן מען, אויב מען וויל, נאָר — האָט געזאָגט מאַגדאַלענאַ.

— מיט פאַרגעניגן! — האָט אויסגעשריען פושקין — עס איז אַזאַ וואונדערלעכער טאָג! עס פילט זיך ווי דער פרילינג קומט צופאָרן ריי־טנדיק אויפן ווינט. בלייבט נאָר שטיין אויף אַ ווײַלע. שמעקט מיט די נאָזלעכער. הערט איר ניט ווי ער קומט? און די ערד וועט זיך באַנייען און די בוימער וועלן אָנהויבן בליען. אין אַזאַ טאָג בין איך אַזוי איינזאַם! איך יאָג זיך אַרום איבער די גאַסן און קאָן קיין רו ניט געפינען.

— איז עס אַזוי מיט אַלע פּאָעטן? — פרעגט פּאַטאַ מאַריאַ.

— ווען אַלע פּאָעטן וואָלטן געווען ווי איך — ווער ווייסט צי עס וואָלט געווען אַ פּאָעזיע אויף דער וועלט... — רופט זיך אָן פושקין.

— איר האַלט ניט פון זיך? — פרעגט פּעטיאַ.

— מאָמענטנווייז ניט. אָפט דאַכט זיך מיר, אַז איך שרייב אַזוי, גלאַט ווערטער, ווערטער אָן אַ טאַלק און אַ זין... אָ, פאַרוואָס איז מיר באַ־שערט געווען צו זיין אַ דיכטער! וואָלט דען ניט בעסער געווען, ווען איך בין איינער פון איך און גיי מיר אַזוי אַרום מיט אַ דאַמע איבער די אַלייען פון בולוואַר? ניין, דאַרף איך אויסטראָגן דעם צער פון דער ערד און אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס ווידמענען זיך אויף דער ערד... איך דאַרף ניט שלאָפן נעכט גאַנצע און זיך איינהערן אין דעם קאַמף, וואָס עס קומט פאָר אין דער נאַטור צווישן ווינטער און פרילינג.

— דאָס איז אָבער אינטערעסאַנט — זאָגט שאַרמאַנטיע — פאַר אונדז דורכשניטלעכע מענטשן איז דאָס ניט פאַרשטענדלעך. אָט זאָל איך זיצן וואך אַ גאַנץ יאָר, וועל איך גאָרניט הערן... מיר נעמען דעם פרילינג ווען ער איז שוין דאָ, ווען אַלע קינדער אין די וויגן ווייסן שוין, אַז עס איז פרילינג.

— אָ, איך וואָלט אַוועקגעגעבן מיין גאַנצע פּאָעזיע פאַר איין רואיקן טאָג! — האָט פושקין געזאָגט מיט פיל טרויער אין זיין שטים.

— וואָלט איר געוואָלט אפשר אַראָפּפאָרן צו אונדז אויף דער אימע־ניע אויף פּאַסכאַ? — האָט פּאַטאַ מאַריאַ געפרעגט פושקינען — דאָרטן ביי אונדז וועט איר געפינען רו...

— איך דאַנק, מאַדעמאַזעל, איך וועל אייער אָנבאָט שעצן זייער טייער. ווען פאָרט איר? איך וועל זען צי איך קאָן זיך באַנוצן מיט אייער גאַסט־פריינטלעכקייט.

— מיר וועלן פאָרן, אויב דער פאָטער אונדזערער וועט נאָך אונדז שיקן, אין צוויי וואָכן אַרום.

— גוט. ביז דעמאָלט וועלן מיר זיך נאָך טרעפן. יאָ, איך האָב פאַר־

געסן, — איז נאָך ביי אייך אין גוט פּאַנשטשינאַ (שקלאַפעריי) ? אַנטשול־דיקט, וואָס איך פרעג.

— ווי דען אַנדערש ? אַזוי ווי ביי אַלע גוט־באַזיצער...

— מיר דאַרפן זען עס אויסצואוואָרצלען.

— ווי אַזוי ?

— פּראָסט, באַפרייען די שקלאַפן.

— מיר געפעלט עס — קוקט פּאַטאַ מאַריאַ אויף שאַרמאַנטיען — ווי מיינסטו ?

— איך שטים־איין מיטן פּאָעט — זאָגט שאַרמאַנטיע.

— איך דאַנק אייך ! — דריקט אים פּושקין די האַנט — וואָלט איר אפשר געוואָלט אַריין אין אונדזער געזעלשאַפט ? מיר רופן זיך : „דער גרינער לאַמפּ״. אַביסל אַ פּרעטענציעזער נאָמען, ניט וואָר ?

— אָ, מיר געפעלט עס זייער ! — שרייט אויס מאגדאַלענאַ פון באַ־גייסטערונג. זי איז אַביסל אַ סענטימענטאַלע און שוין דער נאָמען „דער גרינער לאַמפּ״ זאָגט איר צו זייער פיל — „דער גרינער לאַמפּ״!... עס מוז זיין וואונדערבאַר צו פאַרברענגען אין אַזאַ מין געזעלשאַפט, ניט ?

— יאָ, עס איז אַ געזעלשאַפט פון ליטעראַטן און זייערע נאָכפאָלגער

— האָט פּושקין געזאָגט מיט אַביסל זאָרגפעליקייט אין זיין שטים, ווייל ער האָט נאָך אָט־די יונגע מענטשן גוט ניט געקאָנט און ער האָט מורא פאַר זיי אַרויסצוברענגען דעם סוד, אַז „דער גרינער לאַמפּ״ איז אַ געזעל־שאַפטלעכע אָפּטיילונג פון דער באַוועגונג „דעקאַבריסטן.״

— אָבער ווען קאָנען מיר זיך אָפּגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער אַר־בעט, אַז מען גיט אונדז אין אונדזער אינסטיטוט ניט מערער ווי אַ פּאָר שעה פריי ? — האָט שאַרמאַנטיע געפרעגט.

— פריינט טייערע, גיט־אָפּ אָט־די צוויי שעה פאַר דער פאַרבעסע־רונג פון דער וועלט און דאָס איז אַלץ וואָס מען דאַרף — האָט אים פּוש־קין שנעל געענטפערט.

— אויף דעם שכל בין איך ניט געפאַלן...

— כאַ, כאַ, כאַ... — האָבן זיך אַלע האַרציק צעלאַכט.

אַכט־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די שקלאַפין טעאָדעסאַ, מיט וועלכער עס האָט איצט כמעט אָפיציעל געוואוינט דער אַלטער בריטשעוואַן ביי זיך אויפן גוט, האָט זייער ניט גע־וואָלט, אַז בריטשעוואַן זאָל ברענגען אויף פּאַסכאַ זיין מיידל פּאַטאַ מאַריאַן

מיט דעם ייִנגל שאַרמאַנטיען. זי האָט איבערהויפּט געוואָלט, אַז ער זאָל אין זיינע קינדער פאַרגעסן, כדי ער זאָל קאָנען שענקען זיין גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט נאָר צו איר.

און איר איז אַזוי ניט אַנגעגאַנגען דעם אַלטנס ליבע, ווייל ער איז געווען כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל אַלט ווי זי און אַ פרוי פון דרייסיק קאָן זיך זייער ווינציק זעטיקן מיט אַ מאַן פון זעכציק. איר איז דערפאַר גע־גאַנגען אין עפּעס אַנדערש. זי האָט געוואָלט ווערן די גאַנצע יורשטע פון אַט דעם גוט.

און ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט ווערן, ווען ס'איז דאָ אַ מיידל און דער־צו נאָך אַ בחור, ווען דאָס מיידל האָט ערגעץ געפונען אויפן „דיאַל״?

האָט זי דערפאַר געאַרבעט איבער דעם אַלטן בריטשעוואַן, אַז ער זאָל זי פאַלגן און פאַרגעסן אין די קינדער.

טעאָדעסאַ, כאָטש אַ געבוירענע שקלאַפין, האָט זי אָבער געהאַט אין זיך אַלע אייגנשאַפטן פון אַ פרוי אַ קאָקעטקע, אַ וואַמפּיר. זי האָט זיך אַזוי לייכט ניט אונטערגעגעבן דעם אַלטנס ליידנשאַפטן. ער איז געווען אַן אַלטיטשקער, וואָס האָט נאָך געהאַט ליידנשאַפטן. און טעאָדעסאַ האָט שוין אַזוי געטאָן, אַז זי זאָל אונטערצינדן זיינע ליידנשאַפטן. זי האָט זיך זייער אָפט צעלאָזט אירע לאַנגע שוואַרצע האָר אין זיין אַנוועזנהייט; זי האָט אָפט געביטן אירע קליידער און פלעגט פאַרביישוועבן לעבן אים אַ האַלב־נאַקעטע; זי האָט זיך אַ סך מאָל פּשוט אַנידערגעזעצט רייטנדיק אויף זיינע קני און דער אַלטער האָט זי געוואָלט דעמאָלט איינשלינגען, אַזוי פעסט פלעגט ער זי אַרומנעמען און זי צודריקן צו זיך.

ביינאַכט פלעגט זי אים רופן צו זיך אין בעט, מיט דעם אויסרייד, אַז זי האָט מורא אַליין צו שלאָפן. דער אַלטער איז מיט פאַרגעניגן געגאַנגען צו איר אין בעט אַריין, כדי צו זיין גרויסער אַנטוישונג אויסצוגעפינען, אַז זי לאָזט זיך אפילו ניט אָנרירן...

— זאָג מיר צו איין זאַך, — פלעגט זי שעפּטשען צו אים מיט בריען־דיקע, שטילע ווערטער...

— וואָס ווילסטו?

— זאָג זיך אָפּ פון דיין מיידל...

— דאָס קיינמאָל ניט!

— וועסטו אויך קיינמאָל ניט קאָנען מיך אָנרירן...

— וועל איך דיך פאַרבייטן מיט אַן אַנדערער...

— קאָנסט...

— און דו וועסט גיין צוריק צווישן די שקלאַפן...

— דאָס שרעקט מיך ניט... איך אַרבעט סיי־ווי זייער שווער ביי דיר אין הויז.

— פאַרוואָס שוויגסטו? אויב דו אַרבעטסט שווער, וועל איך פונ־דיינעטוועגן אַריינגעמען צוויי יונגע „פּאַטוציס" (מיידלעך) און זאָלן זיי דיך באַדינען.

— איך גיי אַוועק צוריק צו מיינע מענטשן... און נעם דיר אַריין וועמען דו ווילסט... איך בין שוין מיד פון דיר...

— אָט, איך וועל צוריקגיין אין מיין בעט אַריין. עס איז שפּעט אין דער נאַכט און איך פריר דאָ ביי דיר אין בעט...

— איך האָב אָבער מורא צו שלאָפן אַליין.

— נו, שוויג שוין, איך וועל דאָ מיט דיר בלייבן. לאָז מיך איינ־שלאָפן.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט געוויינלעך, אַז דער אַלטער האָט געמוזט אַזוי איינשלאָפן ביים זוים פון איר בעט. און אין שלאָף האָט ער נעבעך געזיפצט און געקרעכצט.

טעאָדעסאַ איז אָבער ניט אַוועקגעגאַנגען פון אים. זי איז געווען צו כיטרע דאָס צו טאָן: אויסצובייטן אַ שיינע, ריינע היים אויף אַן אָרט אין אַ ווינקל דאָרט אין סקלעפּ, וואו אַלע שקלאַפן געפינען זיך.

זי האָט נאָך גוט געדענקט דעם פינצטערן סקלעפּ און די שווערע האַ־רעוואַניע, וואָס זי און אירס גלייכן האָבן געהאַט אויף זיך. און דאָ אין פּריצס הויף איז זי כמעט ווי אַ פּריצע. זי טוט אַליין גאָרניט. זי קאָן צו יעדער צייט זיך שאַפן מיט יעדן איינעם פון די „פלאַקייעס" אָדער „פּאַטור־ציס". און זי טוט עס אויך. זיי וואַשן פאַר איר די דילן און קנעטן דאָס טייג און ברענגען אַריין האָלץ און וואַסער און הייצן דעם אויוון און די הרוּ־בעס און טראָגן אַרויס דאָס אַש, און טוען אַלע קלענערע אַרבעטן, ווי וואַשן דאָס געפעס, לופטערן דאָס בעטגעוואַנט און וואַשן דאָס גרעט און אויס־קערן דאָס הויז — מיט איין וואָרט, זי דרייט זיך נאָר אַרום מיטן בונט שליסלען אין איר גאַרטל און זי שאַפט זיך מיט די שקלאַפן ווי אַ האַרינטע.

און זי מישט זיך אויך אין דער אימעניע. זי גיט אַכטונג אויף דער שטאַל מיט פערד און אויף די שטאַלן מיט די קי און אָקסן, און זי גיט אויך אַכטונג אויף דער פאַרוואַלטונג פון די שקלאַפן און אויף זייער שפּייזעכץ.

דער אַלטער בריטשעוואַן פאַרט אָפט אַוועק אויף גאַנצע טעג און דאַן בלייבט זי די איינציקע הערשערין. זי האָט עס ליב צו זיין אַ הערשערין אַפילו איבערן אייגענעם מאַן, וועלכער איז אין איר זכות איצט דער הויפּט־קאָניוך אין שטאַל. איר געוועזענער מאַן וואַניוסאַ דערקענט זי ניט. ערשט נעכטן איז זי דאָך געווען גלייך מיט אים. און היינט איז זי גאָר אַן אַנדערע.

וואַניוסאַ פאַרשטייט ניט ווי אַזוי קאָן עס געמאָלן זיין. האָט זי דען ניט קיין הויט אויף אירע ביינער, פונקט ווי זיין הויט?

עס איז אים שוין בעסער, אַז דער אַלטער באַלעבאַטעווֹעט איבער אים, איידער זיין אַמאָליק ווייב זאָל איבער אים באַלעבאַטעווען...

און ווייסט זי וועגן פערד? וואָס ווייסט איבערהויפּט אַ פרוי אין אַזוינע זאַכן ווי אַ שטאַל מיט פערד? זי האָט דאָך מורא פאַר אַ פערדס בריק... אַז אַ פערד גיט אַ נאָס מיט זיינע נאָזלעכער, דערשרעקט זי זיך, ווי עס וואָלט געשען אַן ערד־ציטערניש...

און צום סוף ווייסט זי, אָדער זי מיינט, אַז זי ווייסט, ווי אַזוי מען דאַרף האָדעווען פערד.

— וואַניוסאַ, זע נאָר ווי די פערד ווערן פעט — זאָגט זי אָפּ אַ ווער־טעלע, כדי צו שטעכן אים אין דער טיפער ריפ אַריין.

— איז וואָס? וועט מען ביי זיי צאַפּן שמאַלץ... — זאָגט וואַניוסאַ צוריק איר אַ שטאָך־וואָרט, ווייל טעאָדעסאַ ווערט וואָס אַמאָל פעטער...

— איך שפּאַס ניט. דו גיסט זיי צופיל עסן...

— עס איז מיין זאַך און איר דאַרפט זיך ניט מישן.

— דערווייל האָט מען דיך דערהויבן צום הויפּט פון שטאַל צוליב מיר. דאָס הייסט, אַז איך האָב עס געטאָן. און דו טאָרסט אַזוי ניט רעדן צו מיר.

— אָ, מאָנצאַמאָסק דימנאַטאַליאַ... (אַ דאַנק דיר...).

— וועסט זיין אַ קלוגער, וועסטו אײַנגאַנצן גיין צוריק צו דער גע־ווײַנלעכער אַרבעט פון אַ שקלאַף...

— איך מיין גאָרניט. איך ווייס, אַז איר זייט מיין פריינט און איך דאַנק אייך דערפאַר אויפשטייענדיק און לייגנדיק זיך.

— וואָס איז געשען מיט יענעם פערד? — גיט טעאָדעסאַ פלוצים אַ געשריי. זי וויל איבערבייטן דעם געשפּרעך און זי דערזעט ווי אַ פערד שטייט מיט איין פוס אַביסל אויסגעבויגן, ווי אַ פערד האָט אָפּט אַ טבע צו שטיין, כדי זיך אָפּצורוען איין פוס...

— גאָרניט! — גיט וואַניוסאַ אַ גלעט דעם דאָזיקן פערד און מאַכט אים, אַז ער זאָל זיך אויסגלייכן, — זעט, ווי איר ווייסט זייער פיל וועגן פערד...

כאָטש וואַניוסאַ האָט זיך אויסגעלאַכט פון איר, האָט טעאָדעסאַ זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק און בעסער באַלד אַוועקגעגאַנגען, איידער זיך אָפּ־צושטעלן און אַריינגיין מיט איר געוועזנעם מאַן אין ווייטערע דרכים.

אָט אַזוי האָט טעאָדעסאַ קאָמאַנדעווֹעט איבער דעם אַלטנס גוט און דאָס איז איר נאָך ניט געווען גענוג. זי האָט געוואָלט טאַקע באַזיצן אָט דעם

גוט. זי האָט גערעכנט, אַז זי וועט איבערלעבן דעם אַלטן און דאַן וועט זי בלייבן די גאַנצע פּריצע. אַיי, עס איז דאָ אַ מיידל ? דאָס איז טאַקע געווען שלעכט. ווען זי זאָל קאָנען האָבן מיט דעם אַלטן אַ גוזעצלעך ייִנגל... אָבער דערווייל האָט זי געפּרואווט, אַז דער אַלטער זאָל פאַרפרעמדט ווערן פון זיין מיידל. און זי האָט אים ניט געלאָזט שיקן אָדער פאָרן ברענגען דאָס מיידל מיט דעם בחור שאַרמאַנטיען אַהיים אויף פּאַסכאַ.

עס איז געווען קאַרגע צוויי וואָכן צום יום־טוב. טעאָדעסאַ האָט שוין זיך געגרייט צום יום־טוב.

עס זיינען אָנגעקומען שיינע, וואַרעמע טעג און די זון האָט שוין באַלד פאַרטיק געמאַכט דעם גאַנצן שניי. די פעלדער זיינען שוין בלאָ און גרוי. עס זיינען שוין געקומען צופליען די שוואַרצע קליינע פייגל מיט די לאַנגע שנאָבעלעך. זיי זינגען אַזוי שיין, ווי די פּאַסטוכער אויף די דודקעס. די טשערעדעס שאָף גייען אַרום איבער די בערג און טאָלן און די פלאָקייעס גרייטן שוין צו די אַקער־אייזנס און די יאַרמאָס פאַר די אָקסן. עס טראָגן זיך איבער די פעלדער בוריאַנעס און שטעכערלעך. און אין דער לופטן ווייען זיך אַרום פעדים פון שפּין־וועבס. עס זשאַרעט זיך די ערד אַנט־קעגן דער זון, ווי אַ געבראָטנס אויף אַ קליינעם פייער, אײדער עס ווערט פאַרטיק צום עסן.

דער אַלטער פּריץ בריטשוואַן האָט שוין אָנגעהויבן אַראָפּצואוואַרפן פון זיך איינציקווייז די ווינטערדיקע קליידער.

— טעאָדעסאַ, דראַגוצאַ, איך וויל פאָרן ברענגען די קינדער.

— זאָגט בריטשוואַן צו איר, — עס איז מיר אומעטיק יום־טוב אָן דעם מיידל.

— וואָס נאָך עפּעס ווערסטו זיך איינריידן ? איך וועל דיך ניט לאָזן פאָרן איצט, ווען די טייכן זיינען אָנגעשוואָלן.

— איך פאָר ניט איבער טייכן.

— דער וועג איז בלאָטיק.

— איך וועל איינשפּאַנען די פיר פערד, דאַרף איך שוין ניט מורא האָבן פאַר אַ בלאָטיקן וועג.

— גוט, הערסט דאָך מיך ניט, טאָ פאָר !

— וואָס־זשע, דו ווילסט ניט האָבן די קינדער דאָ מיט אונדז ? פלעגסט דאָך אַזוי ליב האָבן מיין מיידל...

— איך האָב זי איצט אויך ליב, אָבער זי דאַרף דאָך לערנען.

— זי שרייבט מיר, אַז זי קאָן קומען אַהיים אויף אַ חודש צייט.

— נו, פאָר און ברענג זי...

— איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך פרייען מיט איר, פּונקט ווי איך.

— זי איז ניט מיינע...

— זי איז אָבער מיינע...

— נו, פאָר און ברענג זי... איך פאַרזיכער דיך, אַז איך האָב זי פונקט אַזוי ליב ווי דו. איך בין אַליין אויך אַ מאַמע פון מיינע קינדער, ווייס איך ווי אָפּצושאַצן דיין ליבע צו דיין קינד. אָבער דו פאָדערסט פון מיר ליבע צו דיין קינד, וויל איך, אַז דו זאָלסט מיך אויך לאָזן ברענגען אויף פּאַסכאַ מיינע קינדער אַהער אין שטוב אַריין. עס איז מיר אויך אור־מעטיק.

— דיינע קינדער זיינען שקלאַפן.

— איך ווייס עס. אָבער אויב איך בין דאָ, פאַרוואָס זאָלן מיינע קינ־דער אויך ניט זיין מיט מיר, כאָטש אויף איין טאָג?

— אויב מיין טאָכטער וועט ניט אויסזעצן קעגן דעם, וועל איך עס דיר באַוויליקן.

— גוט, — האָט טעאָדעסאַ געזאָגט און באַלד אויפן אָרט איז איר איינ־געפאַלן אַ געדאַנק צו נעמען נקמה פון דעם מיידל פּאַטאַ מאַריאַ, אויב זי וועט ניט דערלויבן אירע קינדער אַריינצוקומען אין שטוב אַריין, כאָטש אויף איין טאָג.

נײַן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

בריטשעוואַן האָט געהייסן שפּאַנען פיר שטאַרקע פערד אין אַ גרויסן פאַרמאַכטן פאַיעטאָן און נאָכדעם, ווי ער האָט אָנגעזאָגט זיינע אויפזעער וואָס צו טאָן, איז ער אויפן וועג קיין קעשענעוו אויך צוגעפאָרן צו די יידישע בורדעיען צו זען, וואָס די קליינע יידעלעך טוען. און אַזוי גיך ווי ער האָט געטאָן אַ פאָר־צו, איז באַלד עליע געוווען לעבן פאַיעטאָן, און מיט גרויס הכנעה האָט ער פאַר דעם פריץ איבערגעגעבן וואָס עס טוט זיך ביי די יידן. עליע האָט געוועדט וואָלעכיש צום פריץ און אים דערציילט, אַז די יידן בונטעווען זיך. זיי זאָגן, אַז זיי ווילן מער ניט אַרבעטן אַזוי שווער און ליגן באַגראָבן אין בורדעיען. זיי ווילן אַלע אַזוינע שטיבער, ווי באַ־סיע האָט. און זיי ווילן באַאַרבעטן זייער אייגענע ערד און זיי וועלן צאָלן דעם פריץ פאַר דער ערד און בהמות, וואָס דער פריץ האָט זיי געגעבן.

דאָס איז, פאַרשטענדלעך, געווען גאָלע רכילות, וואָס עליע האָט גע־טריבן... ניט די יידעלעך האָבן געהאַט שכל אַזוינע זאַכן צו פאָדערן און ניט זיי האָבן אפילו געהאַט אַן אָנונג, וואָס עס הייסט באַאַרבעטן איי־גענע ערד אָדער צאָלן צינזן... עס איז געווען נאָר איין אמת, אַז זיי ווילן

אַלע גוטע שטיבער, אַזוינע, ווי באַסיע האָט געהאַט. עליע אַליין האָט נאָך אויך ניט געהאַט קיין שטוב.

דער פּריץ בריטשעוואַן האָט אויסגעהערט וואָס עליע האָט אים דער־ציילט, און אָנשטאָט דעם, וואָס עליע האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך בייזערן, איז ער גאָר געוועז זייער מילד און געזאָגט צו עליען, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט צוריקקומען פון קעשענעוו, וועט ער זען ווי אַזוי צו דערפילן די פאַר־לאַנגען פון זיינע יידן.

עליע איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטער. דער פּריץ האָט געהייסן דעם קוטשער טרייבן און דער קאַליאַס איז פאַרשוואונדן.

בריטשעוואַן איז געפאָרן ביז בעלץ און דאָרט געביטן אויף פּאָטש־טאָווע פערד און עס האָט אים גענומען צוויי טעג מיט אַ האַלבן ביז קע־שענעוו.

און ווען ער איז אָנגעקומען קיין קעשענעוו און האָט דערזען זיין טאָכ־טער פּאָטאַ מאַריאַ און שאַרמאַנטיען, האָט ער זיי ניט דערקענט. זיי זיינען ביידע אויסגעוואַקסן אין די אָנדערהאַלבן יאָר, וואָס זיי זיינען דאָ געווען אין אינסטיטוט. בריטשעוואַן האָט זיי אַרויסגענומען פון אינסטיטוט און געבראַכט צו זיך אין איינפאָר־הויז, וואו ער איז איינגעשטאַנען. עס איז געווען אַן אַריינפאָר, וואָס א ייד מיטן נאָמען אברהם ראַבינאָוויטש האָט גע־האַלטן. אַ ייד אַ גביר, מיט אַ געשווירענער באָרד און מיט רויטע האָר אויף זיין גרויסן קאָפּ. אַלץ איז דאָ געווען ריזיק גרויס, סיי דער ייד אַליין, זיין ווייב, זיינע צוויי זין און דער אַריינפאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צוויי־שטאָקיקער געביידע מיט ווענט פון שטיינער און וואַפּנע, מיט גרויסע פענצ־טער און טירן און מיט אַ ריזיקן הויכן דאַך און מיט אַ קוימען, וואָס האָט שיער ניט דערגרייכט ביז צום הימל, מיט אַ גאַניק אַרום און אַרום דעם גאַנצן איינפאָר, מיט צוויי גרויסע סלופּעס פון פאָרנט מיט גרויסע לאַמ־טערנס. דאָ, אין דעם איינפאָר, זיינען נאָר פאַרפאָרן פריצים. און בריטשע־וואַן האָט געבראַכט די קינדער פון אינסטיטוט און ער האָט געזאָלט אָפּ־פאָרן קומענדיקן פרימאָרגן.

נאָר איידער ער איז געפאָרן, האָט ער געוואָלט אויסקליידן די קינדער און אויך געוואָלט איינקויפן אַלערליי קלייניקייטן.

פּאָטאַ מאַריאַ האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז זי וועט ניט לאָזן איר פאָ־טער גאָרניט קויפן פאַר זיך ביז ער וועט ניט קויפן אויך קליידער פאַר שאַרמאַנטיען.

— ניגונעשטי (משוגענקע), ניט נאָר וועל איך פאַר שאַרמאַנטיען קויפן קליידער, נאָר איך האָב אויך אַ סורפּריז פאַר אים, — האָט בריטשע־

וואָן געזאָגט און איר געגעבן אַ קניפּ אין באַק אַריין מיט אַ סך צערטלעכ קייט.

— וואָס איז דער סורפּריז ?

— אַז דו וועסט זיין אַ גוט מיידל וועל איך דיר אויסזאָגן. זאָגסטו מיר צו ?

— יאָ, פּאַפּאַ.

— קום אַהער, שאַרמאַנטיע, — האָט דער אַלטער געזאָגט צום ייִנגל, וועלכער איז געלעגן אויסגעשטרעקט אויף איינעם פון די דיוואַנעס. שאַר־מאַנטיע האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ שפּרונג און צוגעגאַנגען.

— וואָס פּאַפּאַ ? — האָט שאַרמאַנטיע זיך צום אַלטן געווענדעט מיטן וואָרט „פּאַפּאַ״, מער פון העפליכקייט. ער האָט ניט געוואוסט קיין אַנדער וועג ווי אַזוי זיך צו ווענדן צום אַלטן.

— איך וועל דיך מאַכן פאַר מיין אמתן יורש, קינד, — האָט דער אַל־טער אים גענומען רייטנדיק אויף איינער פון זיינע דאַרע קני, — דו האָסט דאָך ניט גאָרניט קעגן דעם ?

— בראַוואָ, פּאַפּאַ ! — האָט פּאַטאַ מאַריאַ אַזש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד.

— מיך אַלס יורש ? — האָט שאַרמאַנטיע זיך ווי פאַרטראַכט, — פאַרוואָס זאָל איך זיך אָפּזאָגן ? אָבער...

פּאַטאַ מאַריאַ האָט אים גיך פאַרשטעלט דאָס מויל, כדי ער זאָל ניט קאָנען זאָגן מער קיין איין וואָרט. כאָטש זי האָט אים ניט געקאָנט אָפּ־האַלטן פון טראַכטן, אַז , מילא, ווערן אַ יורש פון אַזאַ גוט איז ניט שלעכט, אָבער ער זאָל נאָך ניט וועלן דעם פּרייז פאַר דעם... און אָט דעם פּרייז וועט שייע (שאַרמאַנטיע) ניט געבן !...

אין קורצן, דער אַלטער האָט דערווייל קיין שום פּרייז ניט געפּאָדערט, נאָר ער איז מיט ביידע קינדער אַוועקגעגאַנגען צו אַ נאָטאַריוס און דאָרטן אָנגעשריבן פּאַפּירן, אַז שאַרמאַנטיע איז זיין אמתער יורש פון זיין גאַנצן גוט מיט דעם רעמענט און מיט די שקלאַפן ; אַז ער איז פון היינט־אָן זיין געזעצלעכער יורש־זון און דער נאָטאַריוס האָט אים איינגעשוואוירן אין דער אָנוועזנהייט פון עדות און געלייגט דעם קייזערלעכן זיגל און הערבן.

איצ איז שוין דאָס ייִנגל מער ניט געווען קיין אָרים ייִנגל פון קאַ־מענעץ, נאָר אַ זון פון אַ רייכן גוט־באַזיצער און פון היינט־אָן איז ער גע־זעצלעך געווען שאַרמאַנטיע בריטשעוואַן.

דער אַלטער האָט ביידע קינדער געקויפט טייערע קליידער און אויך אַלערליי קלייניקייטן פאַרן הויז. קיין אַנדערע זאַכן ווי עסנוואַרג אָדער

געטראַנקען האָט ער ניט געדאַרפט קויפן. דער גוט האָט פּראָדוצירט אַ סך מער, ווי מען האָט פאַרברויכט.

און אויף מאָרגן גאַנץ פרי זיינען זיי געפאָרן אַהיים אויפן גוט.

דער פּאָעט פּושקין האָט געזאָלט פאָרן, אָבער ער האָט ניט געקאָנט, ווייל ער איז דאָ געווען אונטער דער אויפזיכט פון גובערנאַטאָר און האָט געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פונעם גובערנאַטאָר אַרויסצופאָרן פון שטאָט. און דער גובערנאַטאָר האָט עס פּושקינען ניט געוואָלט באַווייליקן, ווייל עס איז געווען באַוואוסט אין גאַנץ קעשענעוו, אַז דער פּאָעט פּושקין איז אַ געפערלעכער שונא פון די רייכע, און מען האָט אים געהיט...

דאָס איז געווען אַ גרויסע איבעררעשונג פאַר פּאַטאַ מאַריאַן און שאַר־מאַנטיען, אַז מען זאָל אַזאַ גרויסן פּאָעט — דער סאָלאָוועי פון דער וועלט — ניט לאָזן פריי גיין און פאָרן וואו ער וויל. זיי, די באַאיווע קינדער, האָבן ניט געקאָנט פאַרשטייך, ווי אַזוי וואָלט געקאָנט דער סאָלאָוועי אין וואַלד זינגען, ווען מען פאַרשפּאַרט אים אין אַ שטייגל. קעשענעוו איז אפילו ניט געווען צו פאַרגלייכן מיט אַ שטייגל, אָבער דאָך האַלט מען פּושקינען ווי פאַרשלאָסן אין איין אָרט.

בריטשעוואַן האָט וועגן פּאָעטן כמעט גאָרניט געוואוסט; ניט ער און ניט זיין טאַטע־מאַמע האָבן ניט געהערט פון אַזאַ באַשעפעניש. און ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז דאָ אַזאַ אומגליק, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט ניט דערלויבט פּושקינען אַרויסצופאָרן פון קעשענעוו.

בריטשעוואַן האָט גאָר געהאַלטן, אַז מסתם איז ער אַ פאַרברעכער, אָט דער פּושקין, און מען מוז אים האַלטן אויפן אויג.

די קינדער האָבן זיך איבערגעקוקט און געשמייכלט אויפן אַלטנס חשבון. מען איז געפאָרן מיטן פאַיעטאָן איבער בערג און טאָל. עס זיינען געלאָפן ריזיקע שטערקעס פעלדער, נאָר־וואָס באַפרייטע פונעם שניי. עס איז זייער זעלטן געווען צו זען אַ וואַלד. ערגעץ־וואו האָט אַ פריץ געפלאַנצט אַ וועלדל, איז עס נאָך געווען יונג און די יאַרלעגעס און דעמבעלעך זיינען נאָך געשטאַנען נאַקעט און אַזוי ווי געציטערט אין דעם מערצאָוון ווינט. דער וועג אַ שוואַרצער, אַ בלאָטיקער. די בלאָטע, אַזוי ווי שוואַרצע צע־לאָזענע סמאָלע, האָט זיך גקלעפּט צו די רעדער פונעם עקיפּאַזש. ביי די פּאָטשטאָווע פערד זיינען די ווידלען פאַרבונדן, כדי זיי זאָלן זיך ניט איינ־שמירן אין בלאָטע. אין פאַיעטאָן איז בריטשעוואַן געזעסן אויוון־אָן און אַנטקעגן אים שאַרמאַנטיע און פּאַטאַ מאַריאַ. און אַרום זיי זיינען געווען אָנגעשטעלט פידלעס און שאַכטלען און פעקלעך.

שאַרמאַנטיע האָט געטראַכט פון זיין קומען אויפן גוט און פון דעם

מיידל באַסיע, צוליב וועלכער ער איז אַוועק אויף דריי טעג און איז מער ניט צוריקגעקומען צו איר.

צי וואַרט זי נאָך אויף אים?

ער האָט דאָך ניט געוואוסט, אַז באַסיע האָט שוין חתונה געהאַט און האָט שוין אַן אייגענע שטוב. ער האָט אויך ניט געוואוסט, אַז ביי זיינע יידעלעך אין די בורדעיען איז שוין שייע לאַנג פאַררעכנט אַלס אַ מת און מען האָט אים שוין לאַנג באַוויינט...

שאַרמאַנטיע האָט געטראַכט ווי אַזוי ער וועט זיך באַגעגענען מיט באַ־סיען. צי וועט זי אים דערקענען? צי איז אפשר בעסער, אַז ער זאָל זיך מיט איר ניט באַגעגענען.

איצט האָט ער אויף אַן אמתן ליב פאַטאַ מאַריאַן און איז שוין אַ גע־זעצלעכער יורש פון איר פאַטערס גוט.

ער וועט אַראָפּקומען און אַנזאָטלען אַ פערד און אַרויספאָרן אַ קוק־טאָן ווי אַזוי מען אונטעריאָכט די שקלאַפן... ער געדענקט נאָך פון חומש, ווי אַזוי משה איז געגאַנגען און געזען ווי מען שלאָגט אַ שקלאַף. און ער, משה, האָט זיך אָנגענומען פאַר דעם שקלאַף.

וועט ער זיך אויך אָננעמען די קריוודע פון די שקלאַפן און ער וועט ניט לאָזן, אַז ביי אים אויפן גוט זאָל מען מיט זיי אַרבעטן עבודת־פרך, ווי עס שטייט אין חומש.

און ער וועט חתונה האָבן מיט פאַטאַ מאַריאַן. און באַלד נאָך דער חתונה וועט ער געבן די שקלאַפן אַ מתנה... ער וועט זיי באַפרייען... ערד איז דאָ אַזוי פיל... וועט ער זיי געבן ערד און זאָלן זיי באַאַרבעטן און לעבן פריי, ווי זייער האַרץ גלוסט זיך...

און ער וועט זיך אפשר קיינמאָל ניט לאָזן דערקענען פון באַסיען מיט די אַנדערע יידעלעך...

ער וועט זיי שענקען נאָך ערד און וועט פאַר זיי אויסבויען שטיבער און זיי זאָלן לעבן פריי, ווי זייער האַרץ גלוסט זיך.

און ערשט, העט, העט דערנאָכדעם וועט ער זיך לאָזן דערקענען און זאָלן זיי וויסן ווער שייע איז...

אַזוי האָט שאַרמאַנטיע געטראַכט.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

טעאָדעסאַן איז געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן, ווען זי האָט דערזען, אַז דער אַלטער בריטשעוואַן האָט געבראַכט זיינע קינדער. זי האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז בריטשעוואַן האָט פאַרשריבן שאַרמאַנטיען אַלס זיין אמתן

יורש. ווען זי וואָלט דאָס זיך דערוואוסט וואָלט זי אפשר צעזעצט געוואָרן פון פאַרדרוס.

עס איז געווען אַ פּאָר טעג צו פּאַסכאַ. די טעג הערלעכע, ריינע, דורכ־זיכטיקע. יעדע רגע איז געווען אַ געזאַנג פאַר זיך אַליין. די ערד האָט זיך צוביסלעך אויסגעטרוקנט און די גראָזן האָבן שוין געגומען פּיפּצען פון דער ערד. דער קאָליר פון אויבערפלאַך פון דער ערד האָט זיך געביטן אונ־טער דער האַנט. מיט יעדער באַשטראַלונג פון דער זון איז דאָס גראָז גע־וואָרן גרינער און זאַפטיקער. אין הויף ביים פּריץ איז פאָרגעקומען אַן אינטענסיווע צוגרייטונג צום אַקערן.

אין דעם טאָג ווען בריטשעוואַן איז אָנגעקומען מיט זיינע קינ־דער, האָבן אים די אויפזעער איבער די שקלאַפן געוואָלט ווייזן, אַז מען טוט שוין עפּעס. און די אויפזעער האָבן געהייסן אָנטאָן די יאַרמאָס אויף די אָקסן און מען האָט זיי איינגעשפּאַנט אין שווערע אַקער־אייזנס און מען איז אַרויסגעגאַנגען אַקערן די ערד.

שאַרמאַנטיע און פּאַטאַ מאַריאַ האָבן מיט עפּעס איבערגעכאַפּט די הערצער און זיי האָבן זיך אָנגעטאָן שטיוול מיט כאַליוועס און זיי זיינען אַרויס אַביסל אין הויף אַריין. זיי האָבן זיך דערפילט ווי קליינע קינדער, דאָ אויף גאָטס־ערד. זיי זיינען אַרומגעלאָפן איבער דעם הויף און זיך אַריינגעכאַפּט אַלעמאָל אין אַן אַנדער שטאַל; זיינען זיי אַריין צו די פערד אין שטאַל, וואו עס זיינען געשטאַנען אין אַ לאַנגער שורה פערד פון אַלע קאָלירן: געלע, בולאַנע, רויטע, שוואַרצע, געפּינטלטע, גראָע, ווייסע און געפלעקטע; די פערד, אַלע אָנגעפּרעסענע, מיט די ווינטער־האָר אויף זייער הויט, אָבער אויסגעקעמטע און ריינע. די פערד האָבן אויפגענומען די צוויי קינדער מיט אַ פריילעך הירזשען און צו זיי אויסגעדרייט זייערע קעפּ מיט טיף־פאַרשטענדלעכע גרויסע אויגן.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט געהאַט דאָ אין שטאַל איר אייגענעם רייטער־פערד און אויך אירע אייגענע צוויי מוציקעס. זי איז צוגעגאַנגען צום רייטער־פערד, וועלכער איז געווען טונקל־גרוי און האָט פאַרמאָגט אַ שיינעם קאָפּ, אַ שיינעם געטאָקטן שטערן און צוויי קלוגע אויגן, אין וועלכע עס איז געווען צוויי קוואַלן פון איבערגעבנקייט. ווען פּאַטאַ מאַריאַ וואָלט דעם דאָזיקן פערד געהייסן זיך אַוועקלייגן און שטאַרבן צוליב איר, וואָלט ער עס געווען גרייט צו טאָן. דאָס גראָע רייטערל האָט זי אַרומגעשנאַפּט מיט זיינע נאָז־לעכער און האָט זי ווי געוואָלט קושן מיט זיינע הייסע ליפּן, נאָר אַזוי ווי ער איז געווען אַ פערד האָט ער ניט געוואוסט ווי אַזוי מען קושט אַ יונג מיידל... ער האָט דערפאַר זי פּראָסט געלעקט מיט זיין צונג איבערן פּנים און איבער די הענטעלעך. און פּאַטאַ מאַריאַ האָט זיך געפרייט און

געשפּרונגען און געקוויטשעט. דערנאָך איז זי מיט שאַרמאַנטיען צוגע־גאַנגען צו אירע צוויי מוציקעס, וועלכע זיינען ביידע געשטאַנען אָפּגעטיילט מיט אַ נידעריק ווענטל. דאָס זיינען געווען צוויי רויטע פערדלעך מיט פאַרשייטע האָר אויף זייערע העלדזער און מיט טשוביקלעך־האָר צווישן זייערע אויערן און איבער זייערע שטערנס. זיי האָבן פאַרמאָגט דיך־געטאָק־טע פיס ווי עפּעס פון אַ וואונדערלעכער האַנט אויסגעשניצט. און זיי האָבן אויך פאַרמאָגט לאַנגע שיינע קאָדעס מיט אַ סך האָר און געדיכט ביז אַראָפּ ביזקאָלע צו די טלויען. דער רויטער קאָליר זייערער איז געווען, ווי דער קאָליר פון זאַפראַן און זיי האָבן געבלישטשעט פון ריינקייט און פון אויס־גערוטקייט. עס האָט ניט נאָר געשפּיגלט זייער הויט פון ריינקייט, נאָר עס האָט אויך געשפּיגלט זיך עפּעס אַ ציטער אונטער זייער הויט און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יעדער מוסקול שפּיגלט זיך פון גבורה און רו...

פּאַטאַ מאַריאַ איז אַריינגעגאַנגען צו יעדן איינעם פון די צוויי מוצי־קעס און גערופן שאַרמאַנטיען, אַז ער זאָל אויך אַריין צו זיי. אָבער שאַר־מאַנטיע האָט אַביסל מורא געהאַט פאַר פערד. ער האָט קיין פערד ביי זיין טאַטן ניט געזען און ניט אויסגעוואַקסן מיט זיי אַזוי ווי דאָס מיידל. האָט זיך שאַרמאַנטיע אַביסל געקווייַנקלט איידער ער איז אַריין צו די פערד. אָבער אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז פּאַטאַ מאַריאַ גייט אַריין אָן קיין שום מורא, האָט זיך שאַרמאַנטיע אויך אָנגענומען מיט מוט און האָט געטאָן אַ „טאַנץ" אַריין. דאָס פערדל האָט זיך אַזש איבערגעשראָקן און האָט געטאָן אַ שפּרינג־אָפּ אין אַ זייט.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט דאָס מוציקל געטאָן אַ גלעט איבערן קאָפּ, כדי אים צו באַרואיקן.

דאָס צווייטע מוציקל אויף דער אַנדערער זייט ווענטל איז געוואָרן אַביסל אײַפערזיכטיק, פאַרוואָס די קינדער זיינען אַריין פריער צו זיין „פאָר" און ניט צו אים. ער האָט אַריבערגעשטרעקט זיין שיינעם קאָפּ מיטן לאַנגן האַלדז און געטאָן מיט זיינע ליפּן אַ שנאַפּ פּאַטאַ מאַריאַס אַקסל, ווי ער וואָלט חלילה איר געוואָלט טאָן אַ ביס. אָבער ער ווייסט זי דאָך ניט בייסן... ער וויל איר נאָר לאָזן וויסן, אַז ער לעבט אויך...

פּאַטאַ מאַריאַ האָט אים אויך געטאָן אַ גלעט און דאָס פערד איז שוין אַזוי געבליבן שטיין מיט זיין קאָפּ און האַלדז איבער דער שטאַל פון זיין „פאָר" און זיך ווי צוגעקוקט, וואָס עס טוען דאָ די צוויי קינדער.

עס איז באַוואוסט, אַז פערד זעען מיט זייערע אויגן ליכטיקער און ווייטער ווי מענטשן. ביי אַ פערד זעט אַ מענטש אויס ווי אַ ריז. איז פאַר־שטענדלעך, אַז די צוויי קינדער האָבן ניט געקאָנט אויסזען ביי די מוצי־קעס ווי קינדער, נאָר ווי גרויסע, גרויסע ריזן.

פאַטאַ מאַריאַ און שאַרמאַנטיע האָבן אָבער ניט געוואוסט פון אַט דער טעאָריע. זיי זיינען אין דער ווירקלעכקייט געווען אַ סך קלענער, ווי די פערד, כאָטש אַט־די צוויי פערדלעך זיינען אויך ניט געווען פון די גאָר גרויסע פערד. זיי זיינען געווען מוציקעס; יונגע, קליינע פערדלעך, וועלכע נאָר פאַטאַ מאַריאַ האָט גענוצט, כדי זיך דורכצופאָרן זומער אין אַ לייכט ברישקעלע און ווינטער אין אַ שליטן. אָבער די פערד האָבן גוט געקענט פאַטאַ מאַריאַן. זיי האָבן זי שוין דערקאָנט אין איר שטים און זי דערפילט אין איר ריח. און איצט, נאָך אַן אָפּוועזנקייט פון אַנדערהאַלבן יאָר, האָבן די פערד זי דאָך דערקענט. אָבער זיי האָבן נאָך ניט געקאָנט שאַרמאַנטיען. אַט דאָס יינגל איז אינגאַנצן פרעמד צו זיי. און אַזוי ווי פערד האָבן זייער אַ בויגונג צו זיין וואָך און זייער פאַראינטערעסירט אין נייקייטן, האָבן זיי ביידע געוואָלט דערשנאַפּן ווער עס איז אַט דער בחור.

פערד זיינען זייער קלוג. זיי וועלן זיך אַזוי גיך ניט לאָזן אַריינגנאַרן צו אַ פרעמדן מענטשן. זיי מוזן פריער זיך גוט דערקונדיקן צי איז דער מענטש אַ גוטער און צי איז ער ניט קיין שונא. און אַז פערד „וואַרפן אַ כראָפּ" אויף איינעם, וועלן זיי שוין אים קיינמאָל ניט צולאָזן צו זיך אויף אַ פריינטלעכן וועג, סיידן דער מענטש וועט נוצן אַ בייטש...

האָבן ביידע מוציקעס געקוקט מיט זייערע קלוגע, בורשטינענע אויגן אויף שאַרמאַנטיען און מסתם אויף זייער פערדישן שטייגער געפּרואווט מאַכן אַלערליי סברות און באַטראַכטונגען וועגן אים. און צו וואָס פאַר אַן אויספיר זיי זיינען געקומען איז שווער צו באַשטימען, ווייל עס איז נאָך נישטאָ דער מענטש, וואָס זאָל קאָנען האָבן אויסגעפאָרשט אַ פערדס נשמה. איניקע וועלן אויסברייען, אַז אַ פערד האָט גאָרניט קיין נשמה. און עס איז אַ ליגן. וואָרום ווען אַ פערד זאָל ניט האָבן קיין נשמה, וואָלט ער ניט געווען אַזאַ גוטער חבר, ווי ער איז אָפּט. עס איז מסתם ניט מעגלעך זיך מיט אַ פערד דורכצורעדן און דערפאַר מיינען מיר, אַז וויבאַלד מיר קאָנען יאָ רעדן, האָבן מיר אַ נשמה און פערד ניט. אָבער זייער אָפּט געפינען זיך אַזוינע מענטשן, וואָס כאָטש זיי רעדן מיט אַ מענטשלעכער שפּראַך, האָבן זיי אָבער ניט קיין ברעקל נשמה אין זיך, און, פאַרקערט, דאָס ערגסטע פערד האָט אַ געפיל און וועט צו יעדער צייט ביישטיין און מיטפילן זיין נאָענטן מענטשן.

אויך די צוויי מוציקעס האָבן באַלד געזען, אַז שאַרמאַנטיע איז זייער אַ נאָענטער צו פאַטאַ מאַריאַן און אַז מען דאַרף אים דערפאַר ליב האָבן. און זיי האָבן ביידע געלייגט זייערע קעפּ אויף שאַרמאַנטיעס אַקסל און דאָס איז געווען אַ סימן, אַז זיי האָבן צו אים אַ וואַרעמע באַציאונג.

שאַרמאַנטיע איז געווען גערירט פון דעם און ער האָט זיי געגלעט איבער די שטערנס און איבער די העלדזער.

און דערנאָך איז ער מיט פּאַטאַ מאַריאַן אַרויס אין הויף צו דער קערניצע. איבער דער קערניצעס מויל איז געלעגן אַ גרויסער שטיין מיט אַ רונדער לאָך. און טיף איז זי געווען, ניט פאַר קיין אויג צו דערגרייכן. און שאַרמאַנטיע מיט פּאַטאַ מאַריאַן האָבן זיך אָנגעבויגן און ביידע אַריינגעקוקט אין דער קערניצע. ערגעץ דאָרט אין דער טיף האָט געטאָן עפּעס ווי אַ בלישטש, אַ ציטער און מער גאָרניט, נאָר טיפקייט און גרינער מאָך אויף די שטיינער אַרום און אַרום. און צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך באַגעגנט און עפּעס איבערגעגעבן איינס דאָס אַנדערע, וואָס עס קאָן ניט ווערן איבערגעזעצט אויף קיין שום מענטשלעכער שפּראַך.

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט און זיך אָנגענומען ביי די הענט און אַוועקגעשפּרונגען ווי צוויי קליינע קינדער.

איבערן הויף איז געווען אַ באַוועגונג פון אָקסן, שקלאַפן, און רייטער מיט אַראַפּניקעס זיינען אַרומגעפאָרן און געשריען.

אָט גיט אַן אַראַפּניק מיט אַ סוויסטש זיך אַ לאָז אַראָפּ אויף איינעמס פּלייצעס. פאַרוואָס פאַר אַ זינד? דערפאַר וואָס דער שקלאַף האָט ניט אַזוי גיך אַריינגעשטעקט די הילצערנע שפּילקע אין דער יאַרמאַ.

שאַרמאַנטיע איז צוגעלאָפן צום רייטער און צו אים געטאָן אַ געשריי, פאַרוואָס ער האָט געשלאָגן דעם שקלאַף.

— אים קומט!

— פאַרוואָס?

— ניט אומזיסט!

— גיב אַהער דעם אַראַפּניק! — שרייט שאַרמאַנטיע.

— נאָט!

שאַרמאַנטיע גיט אַ דריי מיטן אַראַפּניק אין דער לופטן און לאָזט אים אַראָפּ איבער דעם רייטערס פּלייצע, אַז דאָס פערד גיט זיך אַזש אַ שטעל דיבאָם.

דער שקלאַף, וואָס האָט זיך פריער מיט אַ מינוט ערשט געקאָרטשעט אין דרייען פון ווייטיק, האָט זיך איצט אויסגעגלייכט און מען האָט געקענט זען, אַז זיינע ציין לאָזן דורך אַ שמייכעלע.

שאַרמאַנטיע האָט געטאָן אַ וואָרף אַראָפּ דעם אַראַפּניק צו דער ערד און געזאָגט, אַז פון היינט־אָן און ווייטער וויל ער, אַז די אויפזעער זאָלן מער ניט נוצן קיין אַראַפּניקעס אויף מענטשן. ווער עס וועט אַזוי טאָן, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן.

איין־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

דאָס וואָס שאַרמאַנטיע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די שקלאַפן, האָט זייער פיל אויסגענומען ביי פּאַטאַ מאַריאַן און זי האָט אים דער־פאַר געטאָן אַ קוש. און אַז די שקלאַפן און אויפזעער האָבן געזען, אַז פּאַטאַ מאַריאַ קושט דעם יונגן בחור, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין איר חתן.

די שקלאַפן האָבן אים, פּאַטאַס חתן, זייער ליב באַקומען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען זייער קריוודע. זיי האָבן שוין, נאָך יענעם אויפדערנאַכט, ביי זיך אין סקלעפּ באַלד געזונגען אַ ליד, וואו זיי האָבן אים געלויבט און געבענטשט. זיי האָבן ניט געהאַט צווישן זיך קיין פּאָ־עטן, אָבער זייערע פּשוטע ווערטער און זייער פּראָסטער, טרויעריק־זיסער ניגון, וואָס זיי אַלע האָבן געזונגען אין כאָר, איז געווען דער אויס־דרוק פון זייער בלוט און האַרץ.

און מען האָט זיי מער ניט געשניטן מיט די אַראַפּניקעס. און די שקלאַפן האָבן דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן דערפילט, אַז זיי קאָנען טאָן זייער שווערע אַרבעט מיט אַ פריי געפיל. זיי האָבן תמיד ליב גע־האָט די אַרבעט און איצט האָבן זיי נאָך מיט מער חשק געאַקערט און געבראָנעוועט.

און עס איז אָנגעקומען די פּאַסכאַ. און ביי ברישטשעוואַנען אין הויף איז אַלעמאָל געווען אַ מנהג, אַז מען האָט אויף פּאַסכאַ געקוילעט אַן אָקס. און מען האָט די שקלאַפן אויך געגעבן פליש צו זייער אויפפּאַס־טונג־סעודה. היינטיקס יאָר האָט מען אויך געקוילעט אַן אָקס.

און שאַרמאַנטיע מיט פּאַטאַ מאַריאַן האָבן געבעטן דעם אַלטן ברי־טשעוואַנען, אַז ער זאָל היינטיקס יאָר מאַכן אַן אויסנאַם און מען זאָל עסן די סעודה פון אויפפּאַסטן אינאיינעם מיט אַלע שקלאַפן און אויפ־זעער.

— אָבער וואו וועט מען זיך קאָנען אַהינטאָן, אַז די צימערן זיינען אַזוי קליין?

— נו, וועלן מיר עסן די סעודה ביי די שקלאַפן אין סקלעפּ.

— וואָס פאַלט אייך איין...

— זאָל זיין פריילעך...

— מיר זאָלן עסן אין סקלעפּ? — וואונדערט זיך דער פאָטער.

— וואָס זייט איר, קינדער, אַראָפּ פון זינען?

— פּרובירט, פּאָטער, איין מאָל אין לעבן עסן אַ מאָלצייט אין סקלעפּ.

— די שקלאַפן וועלן דאָך קאַליע ווערן... זיי וועלן מיינען, אַז זיי זיינען פּריצים...

— זאָלן זיי איין מאָל אין לעבן זיין גליקלעך, — בעט זיך פּאַטאַ מאַריאַ.

—מען טאָר זיי ניט ווייזן אַזאַ וועג...

— זיי זיינען אויך מענטשן, — מישט זיך אַריין שאַרמאַנטיע.

— פון וואַנען ווייסטו אַזוינע זאַכן ? — קוקט אים אָן בריטשעוואָן מיט חשד.

— איך בין זיכער אין דעם. איך קום אויך פון אַ פאָלק אָן אַרימס. און אַט בין איך דאָך אויך אַ מענטש, אַניט וואָלט איר מיך דאָך ניט אַריבער־געלאָזט אייער שוועל...

דער אַלטער בריטשעוואָן האָט אים אָנגעקוקט שטרענג און ניט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך צעלאַכט.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איר האָט געלערנט ביי די הייליקע פּאָטערלעך און מסתם ווייסט איר וואָס איר רעדט. איך ווייס, אַז עס איז גאָטס ווילן, אַז איך זאָל זיין דער האַר און זיי זאָלן זיין מיינע שקלאַפן... אָבער איר האָט דאָך געלערנט אין די הייליקע ביכער...

— די הייליקע האָבן אַלעמאָל געגעסן זייערע מאָלצייטן אין קע־לערס, — זאָגט פּאַטאַ מאַריאַ, — לאָמיר אויך עסן איין מאָל אין אַ קע־לער, אפשר וועלן מיר זיין הייליק...

— גוט, — האָט בריטשעוואָן געזאָגט, און צוגערופן זיין דינסט טעאָדעסאַ און צו איר געזאָגט :

— טעאָדעסאַ, מיר וועלן היינטיקן יום־טוב עסן אין קעלער אינ־איינעם מיט די שקלאַפן.

— אין קעלער ? — האָט זיך טעאָדעסאַ ווי דערשראָקן, — מיט די שקלאַפן ? !

אַזוי ווילן די קינדער.

טעאָדעסאַ האָט געוואָרפן אַ דורכנעמענדיקן בליק אויף די צוויי יונגע מענטשן. ווען אירע אויגן וואָלטן געווען שפּיזן, וואָלטן זיי ניט אַזוי טיף געשטאָכן, ווי זיי האָבן איצט אין דער אמתן ווי געטאָן.

טעאָדעסאַ האָט אָבער באַלד זיך געכאַפּט, אַז זי וועט ניט קאָנען איבערמאַכן דעם אַלטנס באַשלוס. זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי איז ניט צופרידן, אָבער דאָך האָט זי געטאָן אַ שמייכל, און אַזוי איז עס געבליבן, אַז מען עסט אין קעלער.

זי האָט באַלד געגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל אויסצירן דעם סקלעפּ מיט פעלד־בלימעלעך. עס זיינען שוין געווען ווייסע, רויטע און בלויע בלימעלעך אויף די פעלדער. און די שקלאַפינען האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און פון דעם סקלעפּ מיט די גרויע שטיינערנע ווענט איז באַלד געוואָרן אַ פּאַלאַץ. די פּאָדלאָגע איז באַשאָטן געוואָרן מיט געל־געלדן זאַמד און די באַלקנס האָט מען באַהאַנגען מיט קווייטעלעך אַלער־ליי, אַז עס האָט אויסגעוויזן, ווי עס וואָלט דאָ געוואַקסן אַ גאָרטן מיטן קאָפּ אַראָפּ. און מען האָט צוזאַמענגעטראָגן זואו ערגעץ אַ טיש פונעם פּריצס הויף און די טישן צוגעדעקט מיט ווייסע לייוונטענע טישטע־כער, און מען האָט געבראַכט אַלע לייכטער און אין זיי אָנגעצונדן גראָ־בע ליכט.

אַזוי פיל ליכט האָט דער סקלעפּ קיינמאָל ניט געזען פריער!

און פּאַטאַ מאַריאַ מיט שאַרמאַנטיען האָבן אַליין געהאָלפן צוזאַ־מענשטעלן די אַלע טישן און בענק. און מען האָט אויפגעהאַנגען אויף די ווענט טייערע קולימעס, וואָס איז געווען די אַרבעט טאַקע פון די הענט פון די שקלאַפינס. און מען האָט אָנגעשטעלט אויף די טישן פלעשער אַלטן ווייַן און פּאַלימוסיקס מיט עפּל, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר־גראָבן אין דער ערד, און געבראָטענע קאַרטאָפליעס, און קאַסעלע מיט ניס, און סלאָיעס מיט איינגעמאַכצן, ווי געפּרעגלטע קאַרשן, יאַגעדעס, מאַלינעס, רויזן־איינגעמאַכץ, און פלוימען געמאַרינירטע, און געפילטע קישקע און פּאַסטראַמעס און געפעפערטע קאָדע, און ברינזע, הירדע, ביץ, קאַש און קאַטשקעוואַל. און מען האָט געבראַכט די געפלאָכטענע קיילעכדיקע קוילעטשן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קראַנצן בלומען; קוילעטשן פון ראָזעווען מעל און קוילעטשן פון ווייס־געבייטלט מעל. און מען האָט אַנידערגעשטעלט גרויסע צוקער־לעקעכן און האָניג־לע־קעכן און קאָמיש־ברויטן מיט ניס און מאַנדלען און פלאָדן געפילט מיט פלוימען און ראָזשינקעס און מאַנדלען און טערקישע ניסעלעך. און אויף אַ גרויסן, גרויסן פּאַלימוסיק, וואָס פיר מענטשן האָבן גע־טראָגן, האָט מען אַריינגעבראַכט אַ גאַנצן פוס מיט דער זייט פון דעם אונטער־חלק פונעם אָקס. פון דעם געבראָטנס האָט נאָך געזעצט אַ פּאַ־רע און עס האָט זיין טעם געקיצלט אין גומען. און דעם צווייטן פוס פו־נעם אָקס האָבן אַנדערע פיר מענטשן געטראָגן און געשטעלט אויף דעם טיש.

און די שקלאַפן און שקלאַפינס האָבן זיך אָנגעטאָן אין נייע העמ־דער מיט אויסנייעכץ אויף די קעלנער און אויף די אַרבל. און די שקלאַ־פינס האָבן אויסגעפלאָכטן זייערע האָר און אַרומגענומען מיט די צעפּ

זייערע קעפּ. און זייערע פּנימער האָבן געלויכטן מיט פרייד, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן. דער פּריץ וועט עסן מיט זיי אינאיינעם... די אויפזועער האָבן זיך אויך אָנגעטאָן אין זייערע שטיוול מיט די געפּאַלדעוועטע כאָליעוועס און מיט די הויכע אָפּצאַסן.

און דער פּריץ בריטשעוואַן האָט אָנגעטאָן זיין גאַרניטור פון גרינעם סאַמעט מיט אַ העמד מיט קרוזשעוועס און האַלבע שיך מיט ווייסע זאָקן און מיט די הויזן, וואָס האָבן געגרייכט ביז צו די קני. ער איז געווען שיין, ווייל, איצט אין דעם קאָסטיום איז זיין הויכע פיגור אַזוי ווי נאָך העכער געוואָרן. פּאַטאַ מאַריאַ האָט זיך פאַרקליידט ווי איינע פון די שקלאַפינס, נאָר זי האָט פאַרגעסן, אַז אירע שטיוועלעך, די קעשענעווער, פון לאַיקע, האָבן שוין גאַרניט אויסגעוויזן ווי די שקלאַפינס כאָדאַקעס אויף זייערע נאַקעטע פיס. זי האָט אויך געטראָגן רויטע זאָקן און איר שקלאַפן־אַרטיק קלייד פון ברוינער וואָל מיט אַ ווייסן פּאַס ביים זוים האָט גאַרניט האַרמאָנירט מיט די רויטע זאָקן.

שאַרמאַנטיע איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ קעשענעווער בחור פון יענער צייט. אַ גאַרניטור מיט שמאָלע אַרבל, מיט שמאָלע, שמאָלע הויזן ביז אַראָפּ, ביז צו די קאַמאַשן. די קאַמאַשן מיט הויכע אָפּצאַסן און די הויזן האָבן געהאַט אַזוינע גומענדלעך, וועלכע האָבן זיך אַריבערגענומען איבער די קאַמאַשן און הינטער די אָפּצאַסן, כדי צו פאַרהיטן, אַז די שמאָלע הויזן זאָלן זיך ניט אַרויפרוקן. ער האָט אויך געטראָגן אַ העמד מיט קרוזשעוועס אַרום האַלדז, אַ ווייס, זיידן העמד.

טעאָדעסאַ האָט אָנגעשמירט אירע שוואַרצע האָר מיט חזיר־שמאַלץ און זיי האָבן געגלאַנצט. און זי האָט פאַרפלאָכטן צוויי קראַנצן ווי צוויי לאַנגע שלענג און זיי געלאָזט הענגען אויף איר האַלב־אַנטפּלעקטער פּלייצע. אירע ווייסע ציין האָבן געפינקלט ווי ביימשעלעך פּערל. און אויף איר פּנים איז געלעגן אַ שאָטן פון רוגזה, וואָס האָט זי געמאַכט פלאַמען מיט רויטע באַקן.

זי האָט געפּלאַנעוועט אַריינצונעמען אירע אייגענע קינדער צום פּריץ אין הויף אַריין און זיי דאָרטן איבערלאָזן שוין אויף אַלעמאָל. און צום סוף איז איר פּלאַן צעשטערט געוואָרן.

עס האָט אין איר געזאָטן די רציחה, אָבער עס איז געווען פאַרפאַלן.

אין קעלער איז איצט פריילעך. אַלע לאַכן און זינגען, נאָר זי אייבע איז אין כעס, און זי האָט ניט געהאַט צו וועמען אויסלאָזן איר ביטער האַרץ.

עס זעט איר אויס, אַז די שטראָף, מיט וואָס זי האָט אַלעמאָל באַ־שטראָפט דעם אַלטן בריטשעוואַנעץ, מיט דעם, וואָס זי האָט זיך אים ניט אָפּעגעבן, אָט־די שטראָף איז שוין בײַם פריץ גאָרניט ווערט.

דאַרף זי צוטראַכטן עפּעס אַן אַנדערע שטראָף.

דערווײַל האָט דער פריץ בריטשעוואַן גענומען זיך אַליין דעם כבוד פון צעטעכערן דאָס פלייש מיט אַ לאַנגן מעסער, וואָס ער האָט טאַקע געשאַרפט אַלע ווײַלע אין אַ שטיק שטאָל. און פּאַטאַ מאַריאַ מיט שאַרמאַנטיען האָבן געטיילט דאָס פלייש אין גרויסע טעלער פון פּאָר־צעליי, מיט גאָלדענע רעמלעך און מיט רויטע קווייטעלעך.

און די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן. ווײַן האָט מען געטרונקען ווי־פיל מען האָט נאָר געוואָלט, און דאָס פלייש איז זאַפטיק, געפעפערט, געקנאָבלט און דער קוילעטש איז געשמאַק און פריש.

און מען האָט געגעסן און געטרונקען ביז האַלבער נאַכט. און ווען אַלע זײַנען שוין געווען זאַט און אָנגעטרונקען און מען האָט ניט גע־וואוסט דעם חילוק צווישן שקלאַף און פריץ, האָבן זיך די פּאַסטוכער מיט זייערע דודקעס אויסגעזעצט אויף דער ערד אין אַ גרויסן ראָד און גענומען שפּילן פּאַרניאַלעס און וואָלאַכישן, און בײַ אַלעמען האָבן זיך גענומען הויבן די פיס און מען האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן.

אַז מען האָט געטאַנצט אַ וואָלאַכיש, האָט מען זיך אָנגענומען האַנט אין האַנט אין אַ גרויסן ראָד און געוואָרפן מיט די פיס אין דער לופטן און דער ראָד האָט זיך געדרייט און געדרייט, גיך, גיך, ביז אַלע זײַנען געפאַלן אין אַ קופּע אויף דער ערד און פיל געלאַכט און געשריען און זיך געקושט און ווידער זיך אויפגעהויבן און געטאַנצט אַ קאַדריל.

און אַזוי ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן.

צוויי־און־דרײַסיקסטער קאַפּיטל

פרייד, פּונקט ווי טרויער, איז ניט אומעטום צעטיילט גלײַך אויף גלײַך. אין איין אָרט איז פרייד, ווען אין אַ צווייטן אָרט טרויערט מען — און אַמאָל פאַרקערט.

בשעת מען האָט זיך אַזוי טייער געפרייט בײַ בריטשעוואַנען אין הויף, איז אין דעם זעלבן אָוונט געווען זייער טרויעריק בײַ די קליינע יידעלעך אין די בורדעיען.

דער יידישער פּסח איז היינטיקס יאָר אויסגעפאַלן אין איין צײַט מיט דער גויאישער פּאַסכאַ. און די קליינע יידעלעך, וואָס זײַנען פּאַר־

וואָרפן געוואָרן אַהער צו דעם פריץ בריטשעוואַנען אויף די בעסאַראַ־בער פעלדער, האָבן געהאַט צווישן זיך איין פרומען לערנער, וואָס האָט געוואוסט אַ סך יידישע דינים. דאָס איז געווען דאָדל אָדער ווי זיי האָבן אים גערופן דאָדל דער רב. ער האָט געהאַלטן דעם חשבון פון שבתים און יום־טובים. געפירט האָט ער דעם דאָזיקן חשבון אויף זייער אַ פריי־מיטיוון שטייגער. ער האָט געציילט די וואָכן לויט דער פּראָפּאָרציע פון זיבן טעג אַ וואָך. און די יאָרן לויט 52 וואָכן אין אַ יאָר. און די חדשים לויט פיר וואָכן אַ חודש. צוליב דעם צוועק האָט ער אויף איין וואַנט ביי זיך אין בורדעי געמאַכט מיט אַ שטעקעלע זיבן צייכנס און עס איז געווען שבת. און אַז ער האָט געהאַט 28 צייכנס איז עס געווען ראש־חודש און אַזוי האָט ער געוואוסט אַלע יום־טובים און תעניתים. און ווען ער האָט אויף אַט דעם שטייגער זיך דערוואוסט וועגן עפּעס אַ יום־טוב אָדער אַ תענית, האָט דאָדל באַלד געלאָזט וויסן זיינע שכנים, אַז עס איז שבת אָדער יום־טוב. אַז דאָדל האָט אָפּגעציילט צוויי וואָכן אין זיבעטן חודש ניסן, האָט ער באַלד געלאָזט וויסן זיין עדה יידעלעך, אַז עס דאַרף זיין פּסח.

— פּסח!... אָבער וואָס וועלן מיר עסן?

— פּאַפּשויע מעל.

— נישטאָ קיין מצה, נישטאָ קיין פּסח... — האָט באַסיע געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. זי איז איצט געווען אַ שטיקל מיוחסת דאָ אין דער קאַ־לאָניע. ערשטנס, האָט זי געהאַט אַ געבויעטע שטוב מיט אַ דאַך, און צווייטנס, האָט זי שוין געטראָגן און איז געווען גליקלעך מיט איר מאַן רחמיאל, וועלכער איז געווען געזונט ווי אַ פערד. און דריטנס, האָט זי זיך ניט געפילט אַזוי איינזאַם ווי די איבעריקע, ווייל זי האָט דאָ געהאַט צוויי ברידער. זי האָט דערפאַר געפילט ווי צו טאָן אַ בריק, כאַטש מיט אַ וואָרט, קעגן דעם וואָס דאָדל האַלט אַזוי פּינקטלעך איינזינען אַלע יידישע יום־טובים.

פונדעסטוועגן האָבן אַלע יידעלעך זיך צוזאַמענגענומען צום ערשטן סדר ביי באַסיען אין שטוב. אויב יום־טוב, זאָל עס כאַטש זיין אין אַ שטוב און ניט אין אַ גרוב טיף אין דער ערד.

און מען קאָן זיך פאָרשטעלן, אַז אפילו אַט־די שטוב איז אויך ניט געווען אַזוי אי, אי... קיין מעבל איז דאָ ניט געווען און מען האָט נאָך אַלץ געמוזט זיצן אויף דער ערד אויב מען האָט ניט געוואָלט שטיין אויף די פיס. עס איז שוין אָבער דאָ געווען איין גרויסע באַקוועמלעכקייט — אַ טיש.

רחמיאל האָט מיט זיינע געזונטע הענט אַליין אויסגעסטרויעט אַ לאַנגן טיש פון ווערבע־דרענגלעך און צווייגן.

און באַסיע האָט געזאָגט, אַז מען קאָן אויף דעם טיש אויך זאַלצן פלייש, ווייל ער זעט אויס ווי אַ ליסקעלע. אָבער אַזוי ווי קיין פלייש איז נאָך דערווייל נישטאָ ווער עס זאָל קוילן, איז באַסיעס טיש דערווייל נאָר אַ טיש. עס וועט אַמאָל אויך זיין אַ באַנק אויך. רחמיאל גרייט שוין צו דרענגלעך און פּרוטיעס.

די אַלע שכנים פון דער עדה יידעלעך האָבן שוין אָנגעהויבן זייער שווערע אַרבעט אין פעלד. עס קומען רייטער אַלע טאָג און מען טרייבט די יידעלעך אַרויס אין פעלד אַריין אַלע טאָג. מען דאַרף שוין צוגרייטן די ערד צום טאַבאַק פאַרפלאַנצן. און מען צווינגט די קינדער, אַז זיי זאָלן מיט די הוילע הענט צעמאָלן די הרודעס ערד אין דינעם שטויב. און זיי זיינען מיד און צעבראָכן פון גאַנצע טעג זיך בויגן איבער דער ערד. און זיי זיינען זייער אָפּגעשוואַכט פון דעם לאַנגן, קאַלטן ווינטער, וואָס זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַלערליי קרענק און זיי הוסטן, כמעט אַלע זיינען אויסגעדאַרט. און זיי פילן גאָרניט אַזוי גוט, אַז זיי זאָלן פּראַווען יום־טובים.

אָבער זיי זיינען זיך אַלע צונויפגעקומען צום ערשטן סדר, ניט צו־ליב דעם, אַז מען זאָל זיך פרייען, נאָר צוליב דעם, אַז מען זאָל אינאיי־נעם זיין טרויעריק אויף זייער ביטערער דאָליע. קיין מצה איז נישטאָ, כשרן די כלים האָט מען ניט געדאַרפט ווייל מען האָט אַ גאַנץ יאָר גע־געסן מאַמעליגע און איצט וועט מען דאָך אויך עסן מאַמעליגע. ביטער איז — אָבער קיין מרור איז נישטאָ אויף פסח, די שיינע ליכט מיט דעם שיינעם טיש זיינען נישטאָ. טאַטע־מאַמע זיינען ווייט, ווייט און עס איז גאָר נישטאָ קיין האָפענונג ווען־עס־איז זיך אומצוקערן אַהיים.

זיינען אַלע געקומען אָפּגעגעסענע פון דער היים, יעדער זיין שטיקל מאַמעליגע מיט דעם ביסל ברינדזע. און ביי באַסיען אין שטוב האָט גע־ברענט אַ קאָניצל, וואָס האָט געלויכטן ווי די לבנה אין אַ כמאַרנע נאַכט. און מען האָט זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, ווי יידן תשעה־באב אין קלויז און דאָדל דער רב האָט געזאָגט די הגדה. ער האָט נאָך ניט פאַר־געסן דעם אַלטן יידישן ניגון פון דער הגדה. דאָס דינע ביכעלע איז שוין באַלד צעפאַלן פון אַלטקייט. די בלעטלעך זיינען געל און ערטער־ווייז צעריסן.

גיט ווער פון זיי אַ טראַכט, וואָס עס וועט זיין ווען די דאָזיקע הגדה וועט זיך צעפאַלן אין פּיץ־פּיצלעך?...

אָ, ניין, זיי זיינען אַלע אַזוי יונג און אַזוי געפאַלן ביי זיך, אַז עס

גייט זיי ניט אָן קיין הגדה... מעג די מעשה זיין אזוי שיין און אַזוי וואונדערלעך, אַז זייער איצטיקע דאָליע איז אַזוי פינצטער. ווער ווייסט זיי קומען אַרויסציען פון זייער קנעכטשאַפט? איז דען דער פּריץ בריטשעוואַן ניט אַזאַ מין פּרעה? אפשר נאָך אַן ערגערער פּרעה ווי אין מצרים? דאָרטן האָבן כאָטש די יידן געהאַט וואו צו וואוינען. עס שטייט דאָך אין דער הגדה, אַז זיי האָבן געהאַט שטיבער. און דאָרטן זיינען כאָטש די יידן געווען אַלע אינאיינעם מיט די ווייבער, מענער און קינדער. און דאָ האָט דער פּריץ בריטשעוואַן גענומען קינדער און זיי געמאַכט פאַר קנעכט.

— זעט גאָר גאָט אין הימל ניט אונדזער קנעכטשאַפט? — פרעגט איציק שניידער.

— ער זעט — ענטפערט דאָדל — ער זעט...

— ווען וועט ער אונדז אויסלייזן?

— ווען די צייט וועט קומען...

— שווער צו וואַרטן...

— בעסער ווי צו גיין דינען ניקאָלאַיען — זאָגט עליע, וועמען מען רופט עליע סטאַראָסטע.

— דיר איז גוט — ביסט אַ סטאַראָסטע — רופט זיך אָן פּנחס סטאָליער.

— וואָס האָב איך דען דערפון? — פרעגט עליע.

— ביסט אַ סטאַראָסטע.

— זיי דו דער סטאַראָסטע און טשעפּע זיך אָפּ פון מיר.

— מוחל, מוחל... גיב מיר בעסער ברעטער צו הובליענען...

— וואו זאָל איך דיר נעמען ברעטער?

— שווייג־זשע...

— גיב אים ברעטער, גיב אים... ווען איך האָב ברעטער... וואָלט איך דיר געמאַכט אַ ספּאָדיק...

— דו וואָלסט געמאַכט?... לאָם איך זען, אַז דו ביסט יאָ אַזאַ מאַכער, פועל ביים פּריץ, אַז מיר זאָלן ניט אַרבעטן אַזוי ביטער שווער. מירן דאָך דאָ אומקומען. גיב אַ קוק ווי אונדזערע הענט זיינען אָנגעדראָלעט — ווייזט פּנחס סטאָליער זיינע הענט.

— קינדער, לאָזט מיך זאָגן די הגדה... — בעט זיך דאָדל — עס איז אַ מצווה היינטיקע נאַכט צו דערציילן די ניסים פון מצרים...

— טראַזשע ווייטער... — זאָגט רחמיאל.

און דאָדל נעמט זיך אויף אַ קול. ער האָלט שוין ביי די צען מכות.

— טפרו!... — גיט רחמיאל אַ געשריי, ווי ער וואָלט געוואָלט

אָפּשטעלן אַ לויפנדיק פערד — וואָס לויפסטו אַזוי? זאָל זיך דיר דאַכטן אַז דו גייסט באַרג־אַרויף...

דאָדל פאַרשטייט, אַז ער איז אַביסל צו־גיך איבערגעלאָפן מיט די צען מכות. און ער הויבט זיי אָן נאָכאַמאָל איבערצוציילן; דאָס מאָל שוין פּאַמעלעכער.

דערווייל איז דער קאַניץ אויסגעגאַנגען און עס איז געוואָרן פינצ־טער אין שטוב. דאָדל האָט שוין ניט געקאָנט פאַרענדיקן די הגדה. די עדה קליינע יידעלעך זיינען אַזוי ווי קליינע קינדער צוביסלעך איינגע־שלאָפן און באַסיע האָט געמוזט זיי אויפוועקן. און מען איז געגאַנגען אין די בורדעיען שלאָפן. און עס האָט זיך געפילט עפּעס אַזוי סמוטנע אַרום און אַרום. די נאַכט איז געווען אַ לבנה־נאַכט. דער הימל אַ ליכטיקער און די לבנה האָט געשוועבט גיך און עס איז געווען קיל און ציטעריק.

און די יידעלעך האָבן זיך אַריינגענורעט אין זייערע בורדעיען און זיינען איינגעשלאָפן מיט דעם זיסן שווערן שלאָף.

און ווען עס איז נאָר געוואָרן גרוי אויף טאָג, האָט מען שוין גע־דאַרפט אויפשטיין. די רייטערס זיינען שוין אַרומגעפאָרן ווי די שדים און געשריגן און געוועקט, אַז מען זאָל אַרויסגיין אין פעלד אַריין.

— אויב עס איז פּסח — האָט באַסיע געזאָגט — טאָר מען דאָך ניט אַרבעטן.

אָבער די רייטער האָבן ניט געוואָלט וויסן צי עס איז פּסח צי ניט זיי האָבן געפּאָכעט מיט די אַראַפּניקעס אין דער לופטן און זייער קנאַל האָט אויסגעשאָסן אין דער מאָרגן־לופט.

עס איז געווען עפּעס נייעס. אויפזועער האָבן מער ניט געלאָזט פאַלן זייערע אַראַפּניקעס אויף די קינדערס פּלייצעלעך.

— וואָס איז דאָס? אַ נייע ישועה?... פון וואַנען קומט זי? ביי יידן, ווי קליין זיי זאָלן ניט זיין און ווי גוט עס זאָל ניט זיין דאָס, וואָס מען גיט זיי, מוזן זיי אָבער וויסן פון וואַנען עס קומט...

— מען שלאָגט מערער ניט...

— וואַרט, וואַרט, מען וועט נאָך שלאָגן...

— בייס דיר אָפּ די צונג...

— הע, כ'וואָלט געווען אַ בעלן וויסן פאַרוואָס מען שלאָגט מער ניט...

— לעקעש, וואָס טויג דיר צו וויסן. מען שלאָגט ניט, איז דאָך עס גוט...

— אָבער עס מוז עפּעס זיין אַ פאַרבאַהאַלטענער מיין...

— מיינסט, אַז מען וועט דערנאָך אָפּצאָלן מיט פּראָצענט...

— וואָס דען, מען וועט אונדז גלאַט אַזוי שענקען?...

— איך מיין שוין גאָרניט...

— און אפשר...

— עס וואָלט דאָך געווען אַזוי גוט, ווען מען הערט אונדז טאַקע אויף צו שלאָגן...

— גוט?!... מיר וואָלטן דאָך אין גאַט פאַרגעסן...

— גיי שוין גיי, שוטה בן פיקהאָלץ — זאָגט דאָדל — גאָט האָט זיך שוין אויף אונדז דערבאַרעמט...

— פריער שלאָגט ער און דערנאָך דערבאַרעמט ער זיך. עס איז אַקוראַט ווי מיט מיין שטיף־מאַמע — זאָגט לייזער קאָוויץ — מיין שטיף־מאַמע האָט ליב געהאַט מיר פריער אויסצודרייען אַ האַנט און דערנאָך האָט זי אויף מיר רחמנות געהאַט...

דריי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

די קליינע יידעלעך האָבן היינטיקס יאָר געאַרבעט אום פסח, דער־פאַר, וואָס עליע דער סטאַראָסטע האָט זיי פאַרראַטן ביים פריץ. און פאַרוואָס האָט זיי עליע פאַרראַטן? ער האָט געוואָלט נושא־חן זיין ביים פריץ, אפשר וועט אים דער פריץ מאַכן פאַר אַן אויפזעער און אים געבן אַ פערד מיט אַ זאָטל. און צוליב דעם האָט ער מקריב געווען זיין איי־גענעם יום־טוב אויך.

די יידעלעך האָבן זיך געוואונדערט פאַרוואָס מען טרייבט זיי אום יום־טוב צו דער אַרבעט. דאָדל דער רב האָט אפילו געלאָזט הערן זיין שטים, אַז עס איז קעגן דין צו אַרבעטן פסח.

אָבער עליע האָט געטענהט, אַז מען מוז פאַרזייען אין צייט, אַניט וועט ניט וואַקסן...

— וואַקסן זאָל אים אַ מכה אויף די קישקעס, — האָט באַסיע עליען געוואונטשן הינטער די אויגן. און אין די אויגן האָט באַסיע ניט מורא געהאַט און געזאָגט עליען, אַז זי וועט ניט שווייגן און אַז זי וועט גיין צום פריץ.

— ווער וויל גיין מיט מיר? — האָט באַסיע געפרעגט.

— קאָנסט דען ריידן מיטן פריץ? — האָט זיך עליע מיט איר גערייצט.

— איך קאָן ניט קיין וואָלעכיש, אָבער איך קאָן וויינען...

עליע האָט געלאַכט פון באַסיען: — אַ סך וועסטו אויספירן מיטן

וויינען . . . — נאָר באַסיע איז בײַ זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. בשעת זי איז אַרומגעקראָכן אויף דער צעאַקערטער ערד אײנאײנעם מיט די איבעריקע יידעלעך, האָט זי זיך דערוויל צונויפגערעדט מיט זיי, אַז עס איז אַ גרויסע רציחה צו אַרבעטן אום פּסח. און אַז מען וועט גיין צום פּריץ, וועט ער זיכער אויסהערן און וועט לאָזן די יידן רוען אום יום־טוב.

דאָדל דער רב האָט געהאַלטן מיט באַסיען. אויך דער מאַן רחמיאל און אירע צוויי ברידער יאָסל און ישראל זיינען געווען אויף איר זייט. איציק שניידער, לייזער קאָוואַל, פּנחס סטאָליער, משה זיינען אויך מסכים געווען מיט באַסיען; נאָר עליע האָט געהאַט אויף זיין זייט שלמהן, גבריאלן און עזריאלן. חוץ אַט־די דריי מיט זייערע ווייבער, האָט ער אויך געהאַט אויף זיין זייט זיין אייגענע ווייב, חיהלע.

נאָר אַזוי ווי בשעת דער אַרבעט האָט מען ניט געקאָנט זיך אויס־טענהן, איז מען אין אָוונט זיך צונויפגעקומען אין באַסיעס שטוב און אַנשטאָט דעם צווייטן סדר אָפּריכטן, האָט מען זיך געגרייט צו גיין צום פּריץ בעטן, אַז מען זאָל זיי געבן רו אום פּסח.

עליע איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט רעדן צום פּריץ. האָט מען אים געדאַרפט איבעררײדן, אַז ער זאָל גיין.

— גיכער וועל איך שטאַרבן, איידער גיין בײַ אים בעטן, — זאָגט עליע.

— זע נאָר, ווי ער מאַכט עס אַזוי שווער, — זאָגט באַסיע, — וואָס גייען מיר בײַ אים בעטן, עפּעס אַ מאַיאָנטעק?

— ווער לאָזט אײַך ניט? גייט מיטן רעכטן פוס... נאָר אָן מיר... בײַ ניקאָלאַיקען וואָלט איך געווען בעסער? דאָ טוט מען אײַך כאָטש ניט אָן קיין צלם אויפן האַלדז און מען לאָזט אײַך ריידן יידיש און דאַוונען . . .

— אָבער, גזלן, פּסח! . . . — גלאָצט־אויס דאָדל אַ פּאָר אויגן אויף עליען, — דו שפּילסט זיך עפּעס מיטן פּסח! . . .

— גוט. איך וועל גיין צום פּריץ, אָבער איינער אַליין, אָן אײַך . . . — זאָגט עליע.

— שעמסט זיך מיט דיינע יידעלעך! . . . — וואַרפט אים אויס לייזער קאָוואַל.

— דו שוויג, דו קאָוואַדלע! . . .

— זאָל ער אַליין גיין! — מישט זיך אַרײַן פּנחס סטאָליער.

— און פון וואַנען וועלן מיר וויסן, אַז ער וועט ריידן מיטן פּריץ?

— פרעגט באַסיע.

— דו, דו... — האָט עליע זיך אויף איר צעשריען, — בסך־הכל

ביסטו דאָך געקומען צו מיר אין בורדעי, און איך האָב דיר געגעבן דעם ערשטן אָנבייסן... און דערפאַר צאָלסטו מיר אָפּ... וואָס הייסט איך וועל ניט ריידן? בין איך דען ניט קיין יידיש קינד?? און ווי אַזוי זאָל דער פּריץ ניט קוקן אויף מיר קרום, ווען מיינע אייגענע ברידער גלויבן מיר ניט?...

— טאַקע, טאַקע... — האָבן אונטערגעבאָמקעט אי גבריאל און אויך עזריאל, ביידע נאָך גאָר ייִנגלעך, כאָטש שוין מיט ווייבער.

הכלל, עס איז געבליבן, אַז עליע זאָל אַליין גיין צום פּריץ נאָך היינט אויפדערנאַכט. און ער איז אַוועקגעגאַנגען און אַהין געקומען.

דער פּריץ בריטשעוואַן איז געזעסן מיט זיינע קינדער, ווען עליע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, אין דער סטאָלאָווע. פּאַטאַ מאַריאַ האָט גע־לערנט שאַרמאַנטיע ווי אַזוי צו ריידן וואַלעכיש. זיי, די צוויי קינדער, האָבן זיך שוין גוט געקאָנט צונויפריידן אין רוסיש. דער אַלטער ברי־טשעוואַן האָט אָבער נאָך ניט געקאָנט די רוסישע שפּראַך. האָט פּאַטאַ מאַריאַ זייער געוואָלט, אַז שאַרמאַנטיע זאָל זיך קאָנען צונויפריידן מיטן אַלטן. אָט אין יענעם מאָמענט האָט טעאָדעסאַ געעפנט די טיר און אַריינ־געלאָזט עליען אין שטוב אַריין.

— בונע סעראַ! — האָט עליע געזאָגט.

— פּאָלוטימע! (קומט אַריין!).

עליע האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און איז געבליבן שטיין אַביסל פון דער ווייטנס און געקוקט מיט זיינע אויגן צום דיל.

שאַרמאַנטיע האָט דערקענט עליען און ער האָט זיך אַ ביסל ווי דער־שראָקן, טאָמער וועט אים עליע דערקענען. ער האָט דערפאַר געטאָן אַ וואונק צו פּאַטאַ מאַריאַן, אַז זי זאָל מיט אים אַוועקגיין אין אַן אַנדערן צימער. דאָס מיידל האָט אָבער געוואָלט הערן, וואָס דער דאָזיקער פּרעמ־דער וויל. זי זעט אים דאָ צום ערשטן מאָל. זי ווייסט, אַז ער איז פון איר פּאַטערס „זשידאַנעס" דאָרטן אין די בורדעיען. האָט זי געוואָלט הערן צי ער קאָן ריידן, ווייל זי האָט געהאַט וועגן די זשידאַנעס אַ באַגריף, אַז זיי זיינען גאָר אַנדערע מענטשן... (איר שאַרמאַנטיע איז ביי איר גע־ווען אַן אויסנאָם...).

עס איז געווען אַ גליק, וואָס עליע האָט ניט אויפגעהויבן זיינע אויגן פון דער פּאָדלאָגע און ער האָט ניט געקאָנט דערקאָנען שייען...

— טשי וורעי? (וואָס ווילסטו) — פרעגט בריטשעוואַן.

און עליע שטעלט זיך אַוועק און הויבט אָן מסרן אויף זיינע יידעלעך, אַז זיי ווילן ניט אַרבעטן... אַז עפּעס טראַכטן זיי אויס אַ יום־טוב

פּסח... כּדי זיי זאָלן רוען... און ער איז געקומען צום פּריץ דערציילן, ווייל ער איז געטריי דעם פּריץ...

— שייע (שאַרמאַנטיע) הערט אַלץ אויס, ווייל פּאַטאַ מאַריאַ זעצט פאַר אים איבער יעדעס וואָרט. עס נעמט שאַרמאַנטיען אָן אַן עקל צו אָט דעם מסור... און שאַרמאַנטיע גייט אַרויס פון אָט דעם צימער און ער רופט־צו צו זיך דעם אַלטן און פּאַטאַ מאַריאַן.

עליע בלייבט שטיין אַליין און ער וואַרט וואָס דער פּריץ וועט זאָגן.

אין אַ פּאָר מינוט האָט שאַרמאַנטיע אויפגעקלערט דעם אַלטן וואָס עס איז דאָ. אַז עס איז אַ ליגן, אַז די יידעלעך ווילן ניט אַרבעטן... עס איז פּסח גאַנצע אַכט טעג. און פּסח טאָרן יידן ניט אַרבעטן... און אַז אָט דער בחור, אָט דער עליע, איז אַ „קאַפּניבון" (גראָבער קאָפּ...) און ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט... און אַז שאַרמאַנטיע בעט דעם אַלטן, אַז ער זאָל הייסן די יידן רוען גאַנצע אַכט טעג...

ווען דער פּריץ בריטשעוואַן איז אַרויס צו עליען און אים געהייסן גיין צו זיינע יידן און זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן רוען אַלע אַכט טעג פּסח, האָט עליע זיך ניט געוואָלט גלויבן זיינע אייגענע אויערן; אפשר הערט ער ניט גוט?

נאָר ברדיטשעוואַן האָט ווי אויף אים אָנגעשריען. און עליע האָט זיך פאַרנויגט און איז אַוועקגעגאַנגען, ווי איינער, וואָס האָט פאַרלוירן.

ער איז צוריקגעקומען צו זיינע יידעלעך און זיי זיינען נאָך אַלע געווען אין באַסיעס שטוב, וואו זיי האָבן געוואַרט אויף עליען.

ער איז אַריין און געטאָן אַ געשריי:

— יידן, איך האָב געפּועלט ביים פּריץ, אַז מיר זאָלן ניט אַרבעטן אום יום־טוב!...

עס איז געוואָרן צווישן די יידן אַ גרויסע שמחה. און זיי האָבן דאָך ניט געוואוסט, ווי אַזוי עס איז פאַרגעקומען, און אַז עליע האָט זיי גע־מלשינט... זיי האָבן געמיינט, אַז עליע האָט טאַקע פאַר זיי זיך משתדל געווען און פאַר זיי געבעטן...

דאָדל דער רב איז אַזש צוגעלאָפן צו עליען און אים אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַלדז און אים געוואָלט קושן.

— דו ווייסט, וואָס דו האָסט געטאָן? — האָט ער אויסגעשריען אין דער הויך, אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן, — דו האָסט געראַטעוועט אַזוי פיל יידישע נשמות!...

— האָב איך אייך ניט געזאָגט, אַז איך אַליין וועל גיין און וועל פּועלן? — האָט עליע זיך אפילו ניט געטאָן קיין קרום מיטן ליגן, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געזאָגט.

— קינדער, לאָמיר איצט פּראַווען דעם סדר... — האָט אויסגע־שריען פּנחס דער סטאָליער.

באַסיעס מאַמעליגע איז שוין פון לאַנג געווען פאַרטיק. זי איז איצט געשטאַנען אויף דער טריביזשקע און איז שוין פאַרסטיניעט געוואָרן. דער קאַניץ איז שוין אויך באַלד געווען אויס. אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אויף דער ערד און באַסיע האָט געטאָן אַ וואָרף אַרויס די מאַמעליגע אויף אַ שטיק גראָבע לייוונט. און מיט פאָדעם צעשניטן די מאַמעליגע אין רעפטלעך און יעדן איינעם געגעבן אַ רעפטל מאַמעליגע און אַביסעלע ברינדזע.

דאָדל דער רב האָט נאָך נעכטן אויפדערנאַכט אָנגעהויבן צו דער־ציילן די מעשה פון יציאת מצרים. ער האָט געמוזט בלייבן אין דער מיט, ווייל אַלע זיינען איינגעשלאָפן. האָט ער זיך איצט געקליבן אָנ־הויבן, וואו ער האָט נעכטן זיך אָפּגעשטעלט.

— וואו זיינען מיר געבליבן שטיין? — האָט ער געפרעגט.

— ביי דער מעשה, ווי אַזוי ער איז געפאָרן אויף אַ פערד און גע־קלאַפּט מיט דער בייטש...

— ניין, ניט דאָרטן... מיר האָבן שוין געהאַלטן ווייטער, ווען פאַר־טאָג איז מען אַנטלאָפן פון מצרים...

— ניין, ניט דאָרטן... מיר האָבן שוין געהאַלטן ווייטער, ווען מען איז שוין געווען אין מיטן וועג און עס איז געוואָרן טאָג...

דאָס האָבן באַזונדערע יידעלעך געדענקט באַזונדערע שטעלן פון דער מעשה, ווייל עס האָט זיך געווענדט וועך עס איז פריער איינגע־שלאָפן. די דאָזיקע, וועלכע זיינען ביינאַכט פריער איינגעשלאָפן, האָבן געדענקט די מעשה פון פריער. און די דאָזיקע, וועלכע זיינען שפּעטער איינגעשלאָפן, האָבן שוין געדענקט די מעשה, ווי זי איז פאָרגעקומען שפּעטער.

הכלל, דאָדל דער רב האָט ניט געוואוסט וואו אָנצוהויבן היינטי־קע נאַכט.

סיי־ווי איז די מעשה אַ שיינע, — האָט באַסיע געזאָגט. זי וואָלט עס אַ בעלן געווען צו הערן נאָכאַמאָל פונעם אָנהויב — אַזאַ יאָר אויף איר, ווי זי וואָלט געקאָנט היינט אויך אַנטלויפן פון מצרים...

דאָדל האָט טאַקע דערפאַר אָנגעהויבן פון דעם, ווי אַזוי די יידן זיינען ביינאַכט אַנטלאָפן פון מצרים:

„עס איז געווען זייער פינצטער, נאָר די יידן האָבן געוואוסט דעם וועג, ווייל עס איז פּלוצים פאַר זיי אויפגעגאַנגען דער עמוד־האש, אַזאַ פייערדיקע זייל, און זיי באַלויכטן דעם וועג. און הינטער דער מחנה

מיט יידן פון זעכציק טויזנט נפשות האָט גאָט אַוועקגעשטעלט דעם עמוד־הענן, אַזאַ זייל פון אַ פינצטערער כמאַרע, כדי טאָמער לויפן נאָך די מצריים, זאָלן זיי ניט קאָנען זען די יידן״...

פיר־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

גאַנצע אַכט טעג האָבן אונדזערע יידעלעך ניט געאַרבעט אויף די פעלדער. און נאָך יום־טוב האָבן זיי זיך צוריק איינגעשפּאַנט אין יאָך. זיי האָבן אָנגעהויבן פלאַנצן טאַבאַק. איצט האָט מען שוין ניט געשלאָגן מיטן אַראַפּניק, אָבער די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען אַרבעט מיט זיי אַזוי שווער און זיי האָבן ניט געזען אין דער דאָזיקער אַרבעט קיין שום תכלית.

ווי קליין זיי זיינען געווען, האָבן זיי שוין געהאַט אין זיך דאָס יידישע געפיל פון תכלית.

— טאַקע, וואָס איז דער תכלית פון טוטין?

— וואָס הייסט? מען דאַרף דאָך רויכערן?

— אָבער תכלית?

— גיי דערצייל אַ יידענע וואָס הייסט רויכערן...

— טאַקע, גיט מיר, יידישע קינדער, צו פאַרשטיין, וואָס עס הייסט רויכערן? מילא, אַז מען האָט פּרנסה און מען איז ניט פאַרטריבן פון דער היים, פאַרשטיי איך, אַז מען דאַרף אָנפילן דעם לולקעציביק און מען האָט תענוג...

— טאַקע גערעכט, אין דער היים האָט טוטין עפּעס אַ ווערט. אומזיסט וועסטו ניט קריגן קיין טוטין.

— דאָס וואָס איך זאָג, וואָס איז דער תכלית? מען לייגט אַוועק די כוחות, כדי וואָס? כדי עס זאָל זיין וואָס צו רויכערן... אָ, ווען למשל, איך וואָלט געזען, אַז מען קאָן דעם טוטין פאַרקויפן... אָ, דאָס וואָלט ביי מיר געהייסן אַ תכלית...

— פאַרקויפן? וועמען וועסטו פאַרקויפן? די בערג און טאָלן וועלן קויפן?...

— אוי, ס'איז ניט גוט!...

— ס'איז נאָך ערגער ווי ניט גוט...

— ס'איז אַ גזירה...

אַזוי האָבן זיך די יידעלעך דורכגעשמועסט צווישן זיך און געקרעכצט און געאויקעט און געאַרבעט פון זונען־אויפגאַנג ביז זונפאַרגיין.

כמעט מיט די הוילע הענט צעדריבלט די גרויסע הרודעס אויפגע־אַקערטע ערד. דאָ איז געווען אַ שוואַרצע, קלעפּיקע ערד ווי קליי, ווי סמאָלע. קיין מאַשינען איז נאָך דעמאָלט ניט געווען, חוץ אַזאַ מין פּרי־מיטיווער באָראָנע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי קלעצער צוזאַמענגע־העפט מיט אַ פלאָקן אין דער פאָרמע פון אַ „V". נאָכדעם ווי מען האָט אויסגעאַקערט האָט מען אָט־די „V" צוגעשפּאַנט צו אַ פּאָר אָקסן און מען איז איבערגעגאַנגען דאָס צעאַקערטע פעלד. די „V" האָט עס גע־זאָלט צעדריבלען די באָראָזדעס און מאַכן פון זיי שטויב. אָבער זי האָט, ליידער, ניט געקאָנט מערער ווי עס איז געלעגן אין אירע פּרימיטיווע כוחות. און אַזוי ווי מען האָט צוליב דעם טאַבאַק געמוזט האָבן אַ ווייך־פּולווערדיקע ערד, האָט מען די קליינע יידעלעך מכבד געווען מיט אָט דער אַרבעט, אַז זיי זאָלן מיט זייערע פינגערלעך צעדריבלען די הרודעס.

זיי האָבן געמוזט אַרומקריכן אַזוי ווי ווערים אויף דער צעאַקער־טער ערד, און די זון האָט געוואַרעמט און מען איז פאַרשוויצט געוואָרן און דער שטויב האָט זיך צוגעקלעפּט צום לייב. און נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט האָט מען אויסגעקוקט אַזוי ווי רוחות אויסגעשמירטע.

און מען האָט ניט געפילט קיין שום גלידער. און אין האַלדז און אין מויל איז געווען פול מיט שטויב. און די הענט מיט די פינגער זיי־נען געווען געשוואָלן און פאַרקלעפּט מיט דער קלייעוואַטער ערד.

און די קינדער האָבן געוויינט און געשריגן צו גאָט פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ שטראָף? וואָס פאַר אַ זינד האָבן זיי געזינדיקט?

— איז דען ניט בעסער געווען פאַר שייען, וואָס ער איז שוין טויט, — האָט געפרעגט באַסיע.

— טאַקע בעסער!... — האָט געענטפערט שלמה.

— אַוועקגעגאַן און איז אומגעקומען...

— וועלף האָבן אים אויפגעגעסן...

— וועט ער זיך פאַרשפּאָרן מוטשען...

— שאַט, שאַט, וואָס האָט איר זיך אַזוי צעקלאָגט ווי די קלאָג־מוטערס?! — האָט רחמיאל זיך אויף זיי צעשריגן — איך וויל בעסער לעבן איידער איך זאָל ווערן אויפגעפרעסן פון וועלף.

— דיר איז גוט וואָס דו האָסט כוח פון אַ פערד...

— כ'האָב עס ביי קיינעם ניט צוגענומען...

— ווער זאָגט דען ווער?

— הערט אויף צו וויינען... עס וועט גאָרניט העלפן... ווען שייע זאָל לעבן, וואָלט ער זיך זיכער געפרייט און ניט געוויינט...

— שייע?! אוי איז דאָס געווען אַ כוואַט! — זאָגט באַסיע.

אין דער מינוט האָט געטאָן אַ קום־אָן אַ לייכטע ברישקע מיט צוויי מוזיקעס געשפּאַנט. אין דער ברישקע זיינען געזעסן צוויי, פּאַטאַ מאַריאַ און אויך שאַרמאַנטיע (שייע). זיי זיינען צוגעפאָרן מיט דער ברישקע ביז צום ברעג פון דעם צעאַקערטן פעלד.

די קליינע יידעלעך האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָ זיינען צוגעפאָרן פּריצים. אָבער אַז דאָרטן אין ברישקע זאָל גאָר זיצן שייע וועגן וועמען זיי האָבן ערשט פריער גערעדט ווי וועגן איינעם, וואָס איז שוין לאַנג אויפגעגעסן געוואָרן פון וועלף — דאָס איז זיי גאָרניט איינגעפאַלן.

עליע, וועלכער האָט זיך נאָך אַלץ גענומען די פּריווילעגיע פון צו זיין דער עלטסטער פון אַלע יידעלעך, איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד און צוגעלאָפן צו דער ברישקע, אַראָפּגענומען זיין היטל.

אָבער שאַרמאַנטיע האָט צו אים געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, אַז ער זאָל צוריקגיין צו דער אַרבעט.

עליע האָט, נעבעך, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ זיך צוריק אומגעקערט צו זיין אַרבעט.

— ווער זיינען זיי?

— דעם פּריצס קינדער.

— זעט, זעט נאָר ווי זיי זיינען אויסגעפּוצט!

— וואָס פעלט זיי?

עס איז צוגעריטן צו דער ברישקע אַ רייטער.

— בוני דימנאַצי! (גוט מאָרגן!)

און שאַרמאַנטיע האָט זיך געהייסן צושיקן באַסיען. דער רייטער איז אַרויפגעריטן מיט זיין פערד אויפן שטויביקן פעלד.

— באַסיע! באַסיע! — האָט דער רייטער אויסגערופן און דאָס פערד זיינס האָט זיך געשטעלט דיבאָם און אויפגעטריבן אַ זייל מיט שטויב אין דער הויך.

— נאַדיר אַזאַ אַנשיקעניש!... — האָט באַסיע געבורטשעט — צו וואָס דאַרפן זיי מיך?...

זי האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון דער ערד. זי האָט איצט אויסגעוויזן נאָך נידעריקער ווי תמיד. און איר פּנים שוואַרץ פון שטויב און מיט צוויי גרויסע געשוואָלענע הענט, ווי צוויי לאַפּעטעס. זי האָט קוים געבראָדיעט מיט אירע פיס אין דער ווייכער ערד. עס האָט איר געשווינדלט אין קאָפּ. נאָר אַז דער פּריץ רופט, מוז מען גיין.

זי איז צוגעגאַנגען און געבליבן שטיין אָנהאַלטנדיק זיך ביי דער ברישקע. די זון האָט געברענט אין די אויגן און באַסיע האָט דאָך גע־

ליטן מיט קאַליע אויגן, האָט זי ניט געקאָנט קוקן פריי אין דער זון און אויך אויף די צוויי פּריצים.

שייע (שאַרמאַנטיע) האָט זי דערקאָנט, נאָר באַסיע האָט אים ניט דערקאָנט. ער איז איצט געווען אָנגעטאָן אין אַ שיינעם גאַרניטור מיט אַ געקרוזשעוועט העמד אַרום זיין האַלדז און מיט אַ שייך, שוואַרץ קאַ־פּעליושל, וואָס איז אויף זיין שיינעם קאָפּ געלעגן אַביסל אויף אַ זייט. ער האָט געהאַלטן די גרינע, וואָלענע לייצעס אין זיינע ווייסינקע הענ־טעלעך. לעבן אים איז געזעסן פּאַטאַ מאַריאַ אין אַ פּרינצעסקע פון סיץ מיט רויטע קווייטעלעך, אויך אין אַזאַ הוט ווי שייעס מיט אַ לעדערל אַרום איר מאָרדעלע. דאָס רימענטל האָט געהאַלטן דעם הוט. די צוויי מוציקעס האָבן געפּלאָמט אין דער זון מיט זייער רויטקייט. זיי האָבן ניט געוואָלט שטיין שטיל, ווי די ערד וואָלט זיך געריסן פון אונטער זייערע פיס.

— באַסיע — האָט שאַרמאַנטיע געטאָן אַ זאָג אויף פּראָסט מאַמע־לשון — דו דערקענסט מיך ניט?

שוין פון דעם אַליין, וואָס באַסיע האָט דערהערט דעם פּריץ ריידן יידיש, איז ביי איר אַנטפאַלן דער מאַמעס מילך. זי איז שיער ניט אומ־געפאַלן און זי האָט זיך געטאָן אַ שטאַרקערן כאַפּ־אָן אין דער בריטשקע.

— שרעק זיך ניט, באַסיע, איך בין שייע.

— אוי, געוואַלד! — האָט באַסיע אָנגעהויבן צו שרייען. זי האָט געטאָן אַ פאַל צו דער ערד. פון איר פאַל האָבן זיך די צוויי מוציקעס דערשראָקן, און זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף זייערע הינטערשטע פיס און שאַרמאַנטיע האָט געמוזט אָנציען שטייף די לייצעס, כדי צו באַ־רואיקן די פערד.

עס זיינען באַלד צוגעריטן צוויי רייטער און אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע זאָטלען און שאַרמאַנטיע האָט זיי געהייסן האַלטן די צוויי מוצי־קעס ביי די פּיסקעס. אַליין איז שאַרמאַנטיע אַרויס פון דער בריטשקע מיט אַ לייכטן שפּרונג און איז צוגעלאָפן צו באַסיען און זי אויפגעהויבן פון דער ערד. זי איז געווען אַ געחלשטע און געל ווי וואַקס. פּאַטאַ מאַ־ריאַ איז אויך אַראָפּגעקראָכן פון דער בריטשקע און עס זיינען באַלד זיך צונויפגעלאָפן אַלע יידעלעך מיט זייערע ווייבער און אַ סך פון די מאַל־דאַוואַנעס שקלאַפן.

— געוואַלד! יידן, ראַטעוועט! — האָט רחמיאל געשריגן ווי אַ לייב. שאַרמאַנטיע האָט באַסיען געקוועטשט ביי דער נאָז און זי, באַסיע, האָט שוין געהאַט געעפנט אירע אויגן און ווידער געחלשט און פאַרוואָרפן מיט איר קאָפּ. זי איז שוין געלעגן אין די אָרעמס פון שאַרמאַנטיען.

עמיצער האָט געבראַכט אַ באַנקע מיט וואַסער און מען האָט באַסיעס פּנים באַשפּריצט מיט אַביסל וואַסער. און באַסיע איז געקומען צו זיך און געעפנט אירע קליינע, קאַליע אויגעלעך.

— באַסיע, דו דערקאָנסט מיך ניט? האָט שאַרמאַנטיע צו איר גע־רעדט, ווי צו אַ שוועסטערל.

דער גאַנצער עולם קליינע יידעלעך האָט זיך געוואונדערט ווי עס קומט צו אַזאַ פּריץ, אַז ער זאָל ריידן יידיש. און וואָס עפּעס פרעגט ער באַסיען צי זי דערקענט אים ניט?

— קינדערלעך! — האָט באַסיע געטאָן אַ פּאַטש מיט אירע צע־לאַבטשעטע הענט.

— נו, נו, באַרואיק זיך, באַסיע, איך בין עס טאַקע שייע — האָט שאַרמאַנטיע געזאָגט און זיך איבערגעקוקט מיט פּאַטאַ מאַריאַן מיט אַ שמייכעלע.

— שייע! אוי גוואַלד, איך שטאַרב! — האָט באַסיע געטאָן אַ קוויטש ניט מיט אירע כוחות — ווי קאָן עס זיין? קינדער, וואָס שטייט איר?! עס איז דאָך שייע!

— שייע?! — האָבן אַלע אינאיינעם געטאָן אַ ברום.

— שייע! יאָ איך בין עס שייע!

— אוי, איך האַלט עס ניט אויס!

— ווי קאָן עס געמאָלט זיין!

— שייע!

— שייע!

פינף־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

פאַרשטענדלעך, אַז נאָכדעם ווי שייע האָט זיך געלאָזט דערקענען, האָבן אַלע יידעלעך מיט זייערע ווייבער אַרומגעסטאָמפּעוועט שייען און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד אַ „שלום עליכם, שייע״...

און שייע האָט זיי אַלע געקוועטשט די הענט און געוויזן זיינע גע־זונטע ציין.

— וואָס מאַכן עפּעס מיינע יידעלעך? — האָט שייע געפרעגט.

— וואָס זאָלן מיר מאַכן? — האָבן אַלע געענטפערט אין כאָר.

— מיר זיינען גוט אויף צרות.

— מען אַרבעט מיט אונדז ווי מיט אייזלען.

— רעדט ניט אַלע מיטאַמאָל, — האָט זיך שייע געבעטן, — זאָל איינער ריידן.

— איך וויל ריידן צום פּריץ, — שרייט אויס עליע, ווי ער וואָלט זיך געמאַכט, אַז ער וויל ניט דערלאָזן צום געדאַנק, אַז דאָס איז שייע.

אָבער שייע האָט דאָך שוין געוואוסט ווער אָט דער עליע איז, האָט שייע דערפאַר געזאָגט:

— איך בין דיר ניט קיין פּריץ און איך וויל דיך ניט הערן. זאָל באַסיע ריידן פאַר אַלעמוועגן. דערציייל, באַסיע.

באַסיע האָט אויף שייען אָנגעשטעלט אירע קליינע אויגעלעך און זי האָט ווידער געטאָן אַ פּאַטש מיט אירע צווײ געשוואָלענע הענט:

— גאַטעניו, איז עס אַ חלום, צי איז עס וואָר?

— עס איז וואָר! איך האָב דיר דעמאָלט געזאָגט, אַז איך האָב געהערט אַ קול פון הימל און איך בין אַוועקגעגאַנגען אויף דריי טעג און גאָט האָט צו מיר געשיקט אָט דעם מלאך, — ווייזט שייע אויף פּאַטאַמאַריאַן — און זי האָט מיך גענומען אין איר טאַטנס הויז. און אַ קול פון הימל האָט צו מיר געזאָגט: „גיי אין איר הויז און דו וועסט אויס־וואַקסן צו זיין אַ פּריץ און דו וועסט ניט פאַרגעסן אין דיינע ברידער. און דו וועסט זיי העלפן אין זייער נויט״... דערציייל, באַסיע, פון דיי־נע און דיינע ברידערס צרות.

— אונדזערע צרות זיינען אַזוי גרויס ווי די ערד וואָס דאָ אַרום, — האָט באַסיע אָנגעהויבן, — אונדזער ווייטיק איז אַזוי טיף ווי אַן אָפּ־גרונט...

— זאָרג זיך ניט, באַסיע, עס וועט זיין גוט, — רופט זיך אָן שייע, — איך וועל אַלץ גרינגער מאַכן. האָט איר שוין שטיבער צום וואוינען?

— נאָך ניט, — ענטפערט באַסיע, — איך איינע האָב אַ שטוב. די איבעריקע נאָך ניט.

— עס וועט זיין שטיבער.

— אוי, שייע, ביסטו עס טאַקע שייע?! — האָט נאָך אַלץ באַסיע ניט געוואָלט גלויבן אירע אויגן. די איבעריקע יידעלעך מיט זייערע ווייבער זיינען געשטאַנען אין אַ האַלבן קרייז, אַזוי ווי אין אַ שטומער וואַנט פון פאַרשטיינערטע הענט און פּנימער. מען האָט אפילו ניט גע־קאָנט באַמערקן קיין איין פּינטל פון זייערס אַן אויג און קיין איין קנייטש אויף זייערס אַ שטערן.

— באַסיע, איך בין עס. איך האָב געדאַרפט צוריקקומען צו דיר אין דריי טעג, אָבער גאָט איז שולדיק, וואָס איך בין ניט געקומען, —

זאָגט שייע און אויף זיין ליכטיק פּנים באַווייזט זיך אַ שאָטן פון אַ ציטער.

— זאָרג זיך ניט וועגן באַסיען, זי האָט שוין אַ מאַן דאַנקען גאָט, — זאָגט באַסיע מיט אַזאַ מין אונטערטאָן אין איר שטים, ווי עס וואָלט איצט גערעדט אין איר אַ צווייטע באַסיע, ניט די דאָזיקע, וועלכע שטייט דאָ, — און באַסיע איז שוין דאַנקען גאָט טראָגעדיק געוואָרן...

— און דו אַרבעטסט אין פעלד מיט אַ שווער לייב? — פרעגט זי שייע.

— אַז מען טרייבט צו דער אַרבעט! וואָס זאָל איך טאָן? עס איז נאָך גוט, וואָס מען האָט אויפגעהערט שלאָגן מיט די אַראַפּניקעס. וואָס וואָלט איך געטאָן ווען מען גיט מיר אַ שניט מיטן אַראַפּניק און מען דער־הרגעט דאָס קינד אין מיין אינגעווייד?

— מען וועט שוין מער ניט שלאָגן ווי לאַנג איך וועל דאָ זיין, — זאָגט שייע.

— און אונדז פעלט אַ סך זאַכן, — דערמאָנט זיך באַסיע. — מיר האָבן ניט קיין שוחט און טאָמער גיט מיר גאָט אַ זון — ווער וועט אים מל זיין? און אונדז פעלט נאָך אַ סך זאַכן.

— איך ווייס, איך ווייס, — שאָקלט שייע טרויעריק מיט זיין שיינעם קאָפּ, — וואָס מיינסטו, אַז איך האָב זיך חלילה געשמדט? איך וועל קיינ־מאָל ניט פאַרביטן מיין גאָט... איך פיר נאָר אויס גאָטס וואָרט און זיין ווילן, כדי איך, מיינע ברידער, אויפצוהייבן פון דער ערד און איך מאַכן צו לייטן גלייך.

— און דו וועסט זיין דאָ מיט אונדז?

— איך וועל זיך נאָך מיין חתונה דאָ באַזעצן.

— דיין כלה איז שיין ווי די זון! — זאָגט באַסיע.

— זי איז אַזוי גוט ווי זי איז שיין! — זאָגט מיט שטאָלץ שייע, — און וועלכער, באַסיע, איז דיין מאַן?

— אָט איז ער, — ווייזט־אָן באַסיע אויף רחמיאלן.

— קום אַהער, — זאָגט שייע צו רחמיאלן. רחמיאל גייט צו מיט שווערע טריט.

— דו ביסט אַ געזונטער בחור. ווי הייסטו?

— רחמיאל.

— ווילסט ווערן דער סטאַראָסטע איבער אַלע יידעלעך?

— אַ סטאַראָסטע? — קראַצט זיך רחמיאל אין קאָפּ.

— האָב ניט מורא. איך הייס אַזוי.

— זאָל זיין עליע סטאַראָסטע, — זאָגט רחמיאל.

— עליע טויג ניט.

— כ׳בין געווען ביז איצט, פריץ, — מישט זיך אַריין עליע.

— דיר הייסט מען שוויגן! — שרייט אויף אים אָן שייע, — און איך בין דיר ניט קיין פּריץ... איך בין איינער פון אייך... און רחמיאל וועט זיין סטאַראָסטע.

— איך קאָן ניט קיין וואָלעכיש.

— אָבער יידיש קאָנסטו?

— נאָך דאָס זאָל׳ך ניט קאָנען?

— איצט, מיינע ליבע ברידער, מוז איך אייך פאַרלאָזן. גייט און נעמט זיך צוריק צו דער אַרבעט. איך וועל אייך ניט פאַרלאָזן.

און שייע (שאַרמאַנטיע) האָט זיך אויפגעזעצט מיט פּאַטאַ מאַריאַן אויף דער בריטשקע און די צוויי מוציקעס האָבן זיי אַוועקגעטראָגן ווי אויף פליגלען.

און ערשט איצט האָבן די יידעלעך מיט זייערע ווייבער זיך אויסגע־ריבן זייערע אויגן ווי פון אַ שיינעם לאַנגן חלום.

— געוואַלד, איך וועל עס ניט אויסהאַלטן! — האָט באַסיע די ערשטע אויסגעשריען.

— שייע, ווען מען מיר האָבן באַווינט, — זאָגט דאָדל דער רב. — איך האָב אָבער געזאָגט, אַז ער מוז ערגעץ לעבן...

— איך גלויב עס איצטער אויך ניט, — רופט זיך אָן עליע, — זאָגט וואָס איר ווילט, עס איז ניט שייע...

— וואָדען, עס איז שייע? — האַלט אים אונטער חיהלע זיין ווייב, — עס זאָל מיך אַזוי ניט ווי טאָן דער קאָפּ ווי עס איז עפּעס אַ לץ...

— איך דערקען אים אין זיין קול, — רופט זיך אָן באַסיע, — עס איז שייע...

— אַוואַדע לוינט זיך איר, וואָרען ער האָט געמאַכט איר מאַן פאַר אַ סטאַראָסטע...

— און דיר לוינט זיך ניט, ווייל ער האָט געמאַכט דיין מאַן אויס...

— בלייבט איר ניט שולדיק באַסיע קיין ענטפער, — לאָמיר הערן יאַקערשט וואָס אַנדערע האָבן צו זאָגן.

— איך זאָג, אַז עס איז שייע מיט די פּאָדקאָוועס! — רופט זיך אָן לייזער קאָוואַל.

— און איך זאָג, אַז ער איז דער זעלבער פאַסטריגע... — זאָגט אי־ציק שניידער.

— און איך זאָג, אַז ער איז אַביסעלע מערער אָפּגעהובליעוועט, אָבער דער אייגענער שייע, — זאָגט פּנחס סטאָליאַר.

— נאַ, אָט האָסטו דיר! — אַלע זאָגן אַז עס איז שייע! — רייצט זיך באַסיע מיט עליען און זי שטעקט אים אַרויס אַ צונג.

— מעג די גאַנצע וועלט זאָגן, אַז עס איז שייע, וועל איך ניט גלויבן, — רופט זיך אָן עליע, — איך וועל גיין צום אַלטן פריץ און אים דערציילן. איך בין דערוויילן סטאַראָסטע...

— אַ מכה! — שרייט אויס רחמיאל און טרעט באַלד צו נאָענט צו עליען און מען קאָן זען, אַז ביי אים ביילן זיך פויסטן.

— פערד! — גיט אַ געשריי עליע.

אַזאַ וואָרט קאָן רחמיאל ניט ליידן און ער גיט עליען אַ זעץ מיט איין קולאַק אין פּנים אַריין. עליע גיט זיך באַלד אַ קער־איבער מיט די פיס אַרויף.

דאָדל לויפט־צו צו רחמיאלן און האַלט אים צו. אין רחמיאלן זיצט שוין די רציחה, אַז מען קאָן הערן אויף אַ מייל ווייט. עס איז ווי דאָס זידן פון אַ פּאַראָוויק.

באַסיע גייט־צו צו איר מאַן רחמיאל און זי זאָגט:

— רחמיאל, שטיל זיך איין! צי דו ווילסט, אַז איך זאָל מפּיל זיין?

דערהערט רחמיאל אַזוינע ווערטער, גיט ער אַ וואָרף מיט זיינע לאָ־בעס אין דער לופטן און גייט אַוועק.

חיהלע האָט אויפגעהויבן איר מאַן עליען פון דער ערד און אים אָפּ־געווישט דאָס פּנים.

און דערנאָך זיינען אַלע געגאַנגען צוריק צו דער אַרבעט.

און שאַרמאַנטיע איז געפאָרן מיט פּאַטאַ מאַריאַן אין דער בריטשקע איבער די יונגע גראָזיקע פעלדער. דאָס בריטשקעלע האָט זיך לייכט גע־העצקעט פון דער ווייכקייט פון די פעלדער. עס איז געווען אַ וואונדערלעך שיינער טאָג, אַ בעסאַראַבער פרילינגטאָג. פון ווייטן האָבן געהויערט בערג, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט גרין גראָז און זיי האָבן גאָר אויסגעוויזן ניט גרין, נאָר בלאָ. די פעלדער האָבן זיך געשטרעקט אין טאָלן פלאַכע. און עס האָט געשמעקט אַזוי זיס און גוט. און שייע האָט אַרומגענומען מיט איין האַנט פּאַטאַ מאַריאַס דינע טאַליע. און זיי האָבן ווי געפילט, אַז זיי פליען ביידע.

— ווי געפעלן דיר מיינע ברידער? — פרעגט ער ביי איר.

— איך האָב זיי ליב.

— דו מיינסט עס?

— וואָס איך זאָג, איז אַזוי.

— ווען דו וואָלסט פאַרשטאַנען זייער שפּראַך!

— טאַקע שלעכט, ווייל איך פאַרשטיי ניט.

— אַזוינע קליינע אָרימע מענטשעלעך.
— פון וואַנען קומען זיי?
— פון דער גאַנצער וועלט.
— זיי זיינען ניט קיין שקלאַפן...
— נאָך ערגער ווי שקלאַפן... שטעל דיר פאָר, אַז מען קומט צו מיין טאַטן און מען נעמט מיך צו, ווען איך בין נאָך אַ קינד...
— וואָס הייסט, מען נעמט? ווער נעמט?
— אַזוינע כאַפּערס...
— און וואָס טוען זיי מיט די קינדער?
— מען פירט זיי אַוועק וווּיט, וווּיט פון דער היים און מען מוטשעט זיי, אַז אַ סך פון זיי שטאַרבן און די וואָס בלייבן לעבן ווערן סאָלדאַטן און דינען דעם קייסער ניקאָלאַי דעם ערשטן, ביז זיי ווערן איין־און־צוואַנציק יאָר אַלט. און דאַן האָבן שוין די אַמאָליקע קינדער פאַרגעסן אין זייערע היימען און זייערע עלטערן און זייער פאָלק.
— וואָס עפּעס נאָר אויף אייער פאָלק אַזאַ צרה?
— ווייל דער קייסער ניקאָלאַי וויל אונדז יידן אינגאַנצן אומברענגען.
— וואָס האָט ער צו אייך?
— ווייל ער האָט אונדז פיינט.
— אָ, דאָס איז זייער ניט גוט.
— אָבער דו האָסט ליב יידן?
— באַליידיקסט מיך מיט אַזאַ פראַגע... איך האָב ליב אַלע מענטשן...
— און וועסט מיר העלפן ראַטעווען כאָטש אונדזערע עטלעכע יידן?
— איך בין גרייט.
— ווי שיין דו ביסט, פּאַטאַ מאַריאַ! איך וויל דיך קושן...
שאַרמאַנטיע האָט זי צוגעצויגן צו זיך.

זעקס־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

שייע־שאַרמאַנטיע מיט פּאַטאַ מאַריאַן האָבן געפּועלט ביים אַלטן ברי־טשעוואַנען, אַז ער זאָל העלפן די יידעלעך בויען שטיבער און זיך ניט פאַר־לאָזן אויף זיי אַליין. און שייע־שאַרמאַנטיע איז אַלע טאָג געקומען צו זיינע ברידער־יידן מיט פּאַטאַ מאַריאַן און זיי געהאָלפן איינשטעלן אַ קהלשע סטאַדע מיט שאָף. די יידעלעך האָבן ביז דעמאָלט געפּאַשעט יעדער זיינע שאָף ביי זיך אַרום דעם בורדעי. האָט שייע זיי געהייסן צונויפנעמען אַלע

שאָף איין איין סטאַדע און געמאַכט באַסיעס ברידער, יאָסל מיט ישראלן, היטן די שאָף און מיט זיי אַוועקגיין ווייט, ווייט איבער די פעלדער ביז צום טייך.

— ווי אַזוי וועלן מיר דערקענען וועלכע שאָף זיינען דעמס אָדער יענעמס?

— די שאָף אַליין וועלן שוין קומען, יעדער צו איר בעל־הבית, — האָט שייע זיי פאַרזיכערט. — ווי אַזוי דערקענט איר אַליין, יעדער איינער, אייער בורדעי?

— ס'אַ משל! מיר זיינען דאָך מענטשן...

— שאָף וויסן אויך עפּעס וועגן אַן אייגענער היים...

דאָס יאָר האָבן זיך די שאָף אָפּגעקאָטעט זייער פרי, ווייל עס איז געווען אַ וואַרעמער פרילינג. און די דאָזיקע יידעלעך, וואָס האָבן געהאַט צו צוויי לעמעלעך פון אַ שאָף, האָבן געוואָלט אַוועקטראָגן צו איינציקע לעמעלעך צום פּריץ.

שייע האָט דערהערט וועגן דעם און גערעדט צום אַלטן. און בריטשעוואַן האָט געזאָגט שייען, אַז ער האָט גענוג שאָף אייגענע...

— טראָגט ניט קיין לעמעלעך צום פּריץ! — האָט שייע צו זיי געזאָגט.

— אַ לעבן אויף דיר, דו הייסט ניט טראָגן, וועלן מיר דיך פאָלגן.

— איך הייס ניט!

— אָבער פאַראַיאָרן האָבן מיר אַוועקגעגעבן די לעמעלעך.

— דער אַלטער האָט גענוג.

— איז זאָלן מיר ניט טראָגן?

— ניין!

עליע איז שיער ניט צעפּיקעט געוואָרן. וואָס הייסט ניט טראָגן צום פּריץ די לעמעלעך?! וועלן דאָך יידן פון היינט־אָן האָבן מער שאָף... איז וואָס־זשע איז די פּעולה?... וועלן זיי דאָך ווערן מיט דער צייט אַליין פּריצים!...

עס איז געוואָרן גאַנץ לעבעדיק אויפן פּלאַץ, וואו די בורדעיען שטייען. דעם פּריצס שקלאַפן האָבן געהאָלפן גראָבן גריבער און קנעטן ליים און מאַכן ציגל. און עס האָבן מיטאַמאָל זיך גענומען אויפהויבן פון דער ערד עטלעכע שטיבער...

באַסיע האָט שוין איצט ניט געוואָלט עליען פאַר אַ שכן, נאָר זי האָט געוואָלט דאָדלען דעם רב פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט האָט זי געוואָלט די דריי שיינע בעל־מלאכות — איציק שניידער, לייזער קאַוואַל

און פנחס סטאָליאַר. און די אייגענע צוויי ברידערלעך האָט באַסיע גּעהייסן בויען שטיבער אַביסל ווייטער.

— איצט זיינען זיי נאָך יינגלעך, אָבער אַז זיי וועלן חתונה האָבן, ווער קאָן וויסן, וואָס פאַר אַ כאַליערעס זיי וועלן קריגן פאַר ווייבער, איז בעסער אַז זיי זאָלן זיין פון דער ווייטנס...

האָבן זיך אַלע פאַרקוקט אויף באַסיען און קיינער האָט ניט געוואָלט האָבן עליען פאַר אַ שכן. און עליע איז אַוועק צום פריץ בריטשעוואַן און געמסרט די יידעלעך, אַז זיי לאַכן פונעם פריץ און אַז דער יידישער בחור, וואָס וואוינט ביי אים אין שטוב, מאַכט אויך חוזק פונעם פריץ און איז אים אַ שונא...

פאַרשטענדלעך אַז בריטשעוואַן האָט אַלץ איבערדערציילט שאַרמאַנטיען און זיין טאָכטער פאַטאַ מאַריאַן.

און שייע־שאַרמאַנטיע האָט גערעדט צו זיינע „ברידער", די קליינע יידעלעך און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— ווי לאַנג וועט איר שווייגן וועגן אָט דעם מסור, וואָס וואוינט צווישן אייך?

— עליע? וואָס איז שוין ווידער?

— ער האָט אָנגעמלשינט אויף אייך פאַרן פריץ... דער פריץ האָט מיר אַלץ דערציילט...

— וואָס קאָנען מיר טאָן צו אַזאַ איינעם?

— עס קומט אים צו פאַרשטיינען... — פסקנט דאָדל דער רב.

— מ'וועט אים נאָך חלילה דערהרגענען...

— און אַז ער וויל דערדישען אַזויפיל יידן?... — פרעגט איציק שניידער.

— איינמאָל פאַר אַלעמאָל דאַרף מען אויסראַמען אַזאַ שלעכטס פון אונדזער מיט...

— איך האָב אים געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך האַלטן שטיל, — זאָגט שייע־שאַרמאַנטיע.

— איז וואָס־זשע זאָגט דאָדל דער רב, — פאַרשטייענען?

— דאָס קומט אים פאַדליג דער תורה, — זאָגט דאָדל.

— איך בין דער סטאַראָסטע, — גיט זיך רחמיאל אַ באַך אין האַרצן, — און איך וועל אים באַלד ברעננגען צושלעפּן.

רחמיאל איז אַוועקגעגאַנגען און באַלד געבראַכט צושלעפּן עליען. אַנטקעגן רחמיאלן איז עליע געווען ווי אַ פליג קעגן אַן עלפאַנט. עליע האָט זיך געוואָלט ווערן, אָבער רחמיאל האָט אים געטאָן אַ כאַפּ מיט איין לאַפּע ביים הינטערשטן קאַרק און עליע האָט שוין געמוזט נאָכגיין. ער האָט אים

צוגעבראַכט דאָרט, וואו עס זיינען געשטאַנען שייע־שאַרמאַנטיע, דאָדל דער רב, באַסיע, איציק שניידער, לייזער קאָוואַל, פּנחס סטאָליאַר און נאָך עט־לעכע.

— זיי זיך מודה, — האָט דאָדל צו אים געזאָגט שטרענג.

— איך האָב גאָרניט געגנבעט, — זאָגט עליע.

זיין ווייב חיהלע איז געקומען צולויפן און אָנגעמאַכט אַ געוואַלד:

— וואָס האָט מען זיך אָנגעטשעפּעט אויף מיין מאַן?

— שוויג, יידענע! — באַפעלט רחמיאל סטאַראָסטע, — דיין מאַן איז אַ מסור!...

— אַ מסור?! — פרעגט דערשראָקן חיהלע — איך וועל לייגן מיין קאָפּ, אַז ער איז אַן ערלעכער.

— וועסט באַלד הערן, יידענע. ער וועט אַליין דערציילן דעם אמת. אַניט וועט אים קומען אַ האַרבערע שטראָף, — זאָגט דאָדל דער רב.

— וואָס האָב איך דען געטאָן? איך האָב גערעדט מיטן פּריץ גלאַט אַזוי.

— האָסט גערעדט? —

— גלאַט אַזוי...

— ער האָט אויך געוואָלט אַלע לייגן אויפן פייער, — זאָגט שייע, — דער פּריץ האָט אונז געגאַפט: עס זאָל אַזוינס אויסוואַקסן צווישן אייגענע ברידער!...

— ס'אַ ליגן! — שרייט אויס עליע.

— ציט!... — גיט אויף אים אַ טיפּקע רחמיאל, — דו טיטשעסט נאָך אין די אויגן!... אַז שייע זאָגט, גלויבט מען אים...

— זיי זיך מודה! — באַפעלט דער „רב" דאָדל — אַניט וועט דיר קו־מען שרפה...

— ווי איז מיר און ווינד... — קלאָגט חיהלע און ברעכט די הענט — איך וועל נאָך בלייבן אַ וויסטע אלמנה...

עליע איז געשטאַנען מיט די אויגן אַריינגעגראָבן אין דער ערד. עס איז אים געוועזן שלעכט. מען האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט...

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט ער געזאָגט מיט געבעט, — מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס איר האָט מיך געמאַכט אויס סטאַראָסטע, האָב איך זיך באַקלאָגט פאַרן פּריץ...

— און ווער האָט געזאָגט דעם פּריץ, אַז אַלע יידעלעך וואָס שטייען דאָ האָבן אים פיינט און לאַכן פון אים? ווער...

— איך האָב אַזוי ניט געזאָגט.

— און ווער האָט געזאָגט דעם פּריץ, אַז דאָס יידישע ייִנגל, וואָס איז ביי אים אין שטוב, איז זיין שונא? ווער?

— איך האָב אַזוי ניט געזאָגט.

— לאָמיר אים פאַרטיליקן!...

— אַרויסטרייבן!...

— אויסראָמען!...

עליע האָט געפּרוואווט זיך אויסרייסן און אַנטלויפן. אָבער רחמיאל האָט אַראָפּגענומען דעם שטריק פון זיינע לענדן און אים פאַרוואָרפן אַרום עליעס האַלדז און פאַרצויגן אַ שלייף.

— זאָל יעדער איינער נעמען אַ שטיין אין זיין האַנט! — האָט דאָדל דער רב געזאָגט.

און באַלד האָט זיך געזען, ווי יעדער איינער לויפט אַרום זוכן אַ שטיין. די בעסאַראַבער ערד האָט ניט קיין שטיינער זיך וואַלגערן איבער איר. מען קאָן אַזוי אַרומלויפן אַ שיין ביסל צייט, ביז מען קאָן געפינען אַ שטיין.

זיינען זיך אַלע צעלאָפן איבער די פעלדער אַרום און גענומען זוכן שטיינער. און אַז אַלע האָבן שוין יאַקאָש געפונען אַ שטיין און שוין אים געהאַלטן פאַרטיק אין די הענט, האָט דאָדל געהייסן רחמיאלן, אַז ער זאָל לאָזן עליען פריי פונעם שטריק.

עליע האָט גענומען לויפן פון די בורדעיען אויפן פעלד.

— לויפט אים נאָך און פאַרשטיינט אים!... — האָט דאָדל געזאָגט.

נאָך אַלעמען זיינען זיי אַלע נאָך געוועזן, כמעט ווי קינדער. און אַז דאָדל האָט זיי געהייסן באַוואַרפן עליען מיט שטיינער, האָבן זיי געפאָלגט. עס איז מערער געוועזן אַ שפּיל ווי אַן ערנסטע זאַך.

עליע איז געלאָפן און די גאַנצע עדה ווייבער און מענער זיינען אים נאָך, און אַזוי גיך ווי איינער האָט אים אָנגעיאָגט, האָט ער, אָדער זי אויף עליען געטאָן אַ וואַרף דעם שטיין. אַ סך האָבן אים געטראָפן אין קאָפּ אַריין און אַזוי ווי די שטיינער זיינען געוועזן פלאַכע, שאַרפע, האָבן זיי ביי עליען געמאַכט שניטן אין קאָפּ, אין פּאַטילניצע. און די קליינע יידעלעך האָבן זיך געצילט אין אים און אים באַוואָרפן איין מאָל און אויפגעהויבן די שטיינער און אים באַוואָרפן אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל...

דאָדל דער רב איז אויך נאָכגעלאָפן עליען און אַז ער האָט געזען, ווי אַזוי אַנדערע וואַרפן אויף עליען צו צוויי און צו דריי מאָל זייערע שטיינער, האָט ער צו זיי געזאָגט: — ניין, ניט אַזוי שטייט אין דער תורה!... מען דאַרף אויף דעם זינדיקן וואַרפן איין שטיין און ניט מערער!...

אָט אַזוי האָט מען פאַרשטיינערט עליען און דאָך אים ניט געהרגעט

צום טויט . . . נאָר אים געטריבן העט, העט ווייט אין פעלד אַריין. און דער־נאָך האָבן זיך אַלע יידעלעך אומגעקערט אַהיים צו זייערע בורדעיען.

חיהלע איז געזעסן אויף דער טיר פון איר בורדעי און געקלאָגט און געוויינט. זי האָט געמיינט, אַז זי איז שוין אַן אלמנה...

אָבער אַרום פאַרנאַכט־צו, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און עס איז געוואָרן טונקל, איז עליע געקומען צוריק פון פעלד אַ צעבלוטיקטער און אַ מידער. ער האָט זיך קוים געשלעפּט אויף זיינע פיס. די בלוט־וואונדן זיינען שוין געווען פאַרטריקנט.

חיהלע איז געווען אַן ערלעך, קליין ווייבעלע. זי איז געווען פריטש־מעליעט בשעת זי האָט דערזען עליען כאַטש אַ לעבעדיקן. אָבער אין האַרצן האָט זי געפילט, אַז עפּעס האָט זיך דאָרטן אָפּגעריסן און זי האָט שוין ניט געפילט אַזוי ווי אַ כשר ייִדיש ווייבעלע דאַרף פילן צו איר מאַן. זי האָט מורא געהאַט צו טראַכטן, אַז זי האָט אים שוין פיינט. זי האָט זיך אויפגע־הויבן פון דער ערד און איז אַריינגעגאַנגען אין בורדעי און געלייגט פייער און געשוויגן און פאַרביסן מיט די ליפּן...

זיבן־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

נאָכדעם ווי מען האָט פאַרשטיינערט עליען האָט ער חרטה געהאַט אויף זיינע זינד, און איז געוואָרן אַזוי שטיל ווי וואַסער און אַזוי קליין און נידעריק ווי גראָז. ער האָט זיך ניט געמישט אין קיין שום קהלשע זאַכן און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט זיין אַרבעט מיט לייב און לעבן. זיין שטוב איז איצט געבויט געוואָרן מחוץ למחנה, די לעצטע אין דער ריי שטיבער. און רחמיאל סטאַראָסטע האָט אָפּגעמאָסטן צוויי לייִדיקע ערטער און אויפן דריטן געהייסן שטעלן עליעס שטוב.

עס האָבן זיך געבויט זייערע שטיבער אין אַ גלייכער ריי אַזוי ווי אַ ליטישע גאַס ערגעץ אין אַ שטאָט.

און די יידעלעך האָבן פאַרזעצט טוטין אַזוי ווי פאַראַיאָרן. און זיי האָבן פאַרזעצט קוקורוזע. און נאָך איין חילוק איז געווען היינטיקס יאָר, וואָס זיי האָבן געזעצט אויך קאַרטאָפליעס, בוראַקעס און ציבעלעס.

די ציבעלעס זיינען אַרויס מיט זייערע גרינע בלאָז־זעקעלעך און די בוראַקעס זיינען ארויס מיט זייערע רויט־האַריקע בלעטער און די קאַר־טאָפליעס זיינען אַרויס מיט זייערע קיילעכיקע טונקל־גרינע בלעטלעך.

און דעם טוטין האָט מען פון אָנהויב איינגעדעקט אויף ביינאַכט מיט אַזוינע גאַרדינען, וואָס זיינען געווען געמאַכט פון ווייצן־שטרוי. נאָר אַז

עס האָבן זיך אַנידערגעשטעלט וואַרעמע נעכט, האָט מען דעם טוטין שוין ניט געדאַרפט איינדעקן.

די קליינע יידעלעך האָבן היינטיקס יאָר געאַרבעט מיט מער חשק. ערשטנס, דערפאַר וואָס מען האָט מערער ניט געשלאָגן מיטן אַראַפּניק; צווייטנס, האָבן זיי געקראָגן מוט צו דער אַרבעט דערפאַר, וואָס מען האָט געבויט אָדער זיי געהאָלפן בויען שטיבער און זיי וועלן שוין ניט דאַרפן פינצטערן אין גריבער.

עס איז פאַר זיי איצט גאָרניט געווען קיין שום שווערע אַרבעט. זיי פלעגן אַליין אויפשטיין פאַרטאָג און פראַטעווען זייערע פעלדער. די דאָזיקע פעלדער זיינען געווען אויסגעווירעט אַזוי ווי טייערע שטיקער קולימעס. יעדער יידישער נפש האָט פאַרמאָגט אַנדערהאַלבן פאַלשעס ערד.

און יעדנס חלק ערד איז געווען צעטיילט אין עטלעכע פאַסן, איין פאַס פאַר טוטין, אַ צווייטער פאַס פאַר קוקורוזע, אַ דריטער פאַס פאַר קאַרטאָפ־ליעס און פאַסן פאַר ציבעלעס און בוראַקעס.

און אַזוי ווי יעדע איינע פון די פלאַנצן האָט געהאַט איר אייגענעם כאַראַקטער און וואוקס און קאָליר, אין דער ברייטקייט און אין דער הויך, פלעגט דערפאַר זיין יעדן יידנס חלק ערד זייער שיין פאַרן אויג צו באַ־טראַכטן.

און אַז אַלע יידעלעך האָבן געטאָן אַ פּראַזשעע אויס זייערע חלקים ערד און האָבן אַרומגעשאַרט קופּקעלעך ערד אַרום יעדער פלאַנץ, איז פּשוט גע־ווען אַ מחיה צו קוקן אויף אַט־די פאַסן ערד ווי זיי לעבן ממש און ווי זיי זינגען אַזש פון דער פרייד פון וואַקסן.

אַז אַנדערע קליינע יידעלעך האָבן געטאָן אַ שטיי־אויף קאַיאָר און האָבן זיך געמאַכט אַ קליאַקע צו פּראַשעווען, האָבן זיי געמאַכט שותפות און זיך געהאָלפן איינער דעם אַנדערן. היינט האָט מען געפּראַשעוועט באַסיעס ערד און מאָרגן דאָדל דעם רבס ערד.

סאָפּעס האָבן זיי געהאַט, יעדער איינער זיין סאָפּע. און איידער די זון איז נאָך אויפגעגאַנגען האָבן שוין סאָפּעס זיך געהויבן און געריייניקט די ווילדע קרייטעכער פון צווישן דעם גאָרטנוואַרג. און אויפגעגראָבן מיט די סאָפּעס די פאַרטרוקנטע ערד און זי אָפּגעפרישט און איבערגעקערט מיט דער לינקער זייט אַרויף. די ערד איז אויף דער לינקער זייט אַלעמאָל פייכט און קרוכלע און אַז מען שאַרט זי צו צו דעם וואָרצל פון אַ קוקורוזע, אָדער קאַרטאָפליע און מען לייגט זי אַרום אין אַ קליין בערגעלע אַרום דעם וואָרצל, טוליעט זיך די פייכטע ערד צו צו דער פלאַנץ און מען קאָן באַלד זען באַשיינפערלעך, ווי אַזוי די קוקורוזע גיט זיך אַ פריש־אָפּ און די בלע־טער ווערן מונטערער און שטרעקן זיך פאַנאַנדער אין אַלע זייטן.

און אַז די זון גייט־אויף און גיט אַ קוק, אַז די קליינע יידעלעך האָבן שוין אויסגעפּראַשעוועט אַזוי פיל רייען ווערט איר ליכטיק אין די אויגן און זי איז זיך מישב, אַז מען דאַרף זיך גיין אַנידערלייגן און צעשפּרייטן איבער אַט די פרישע אויסגעיעטעטע רייען.

און די זון גיט זיך טאַקע באַלד אַ צעשטרעק און עס ווערן באַלד פאַר־טריבן די מרה־שחורה שאָטנס פון די דאָזיקע גערטנער. איבעראַל פינקלט די זון און די פלאַנצן שטרעקן־אויס זייערע גלידער־צווייגעלעך און בלעטעלעך. און עס דאַכט זיך אונדזערע קליינע יידעלעך, אַז זיי הערן, ווי דער טוטין און די קוקורוזע זינגען אַזש פון פרייד...

און די טעג זיינען עפּעס געוואָרן אַזוינע גרויסע און זיי האָבן געשלונגען אַרבעט ווי אַ ייד שלינגט באָב. אָט איז מען פאַרטיק געוואָרן מיטן פּראַשעווען די אייגענע פעלדער און מען האָט געפּראַשעוועט דעם פּריצס פעלדער.

גרויסע פעלדער מיט קוקורוזע זיינען געלאָפן איבער טאָלעלעך און בערגלעך און גרויסע פעלדער מיט טוטין. און מיט קאַרטאָפליעס און בוראַקעס און ציבעלעס און קרויט. און אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פּראַזשעווען האָבן זיך די יידעלעך גענומען צום בויען פון זייערע שטיבער.

אומעטום איז געוואַקסן אי די קוקורוזע אי די שטיבעלעך. און עס איז אויסגעוואַקסן אַ שורה שטיבעלעך פון געלן ליים. און מיט שטרויענע דעכער און מיט פענצטערלעך.

און פּנחס סטאָליאַר האָט געמאַכט די פענצטערלעך און די טירן. פּנחס איז נאָך אויך ניט געווען מערער ווי אַ יינגל. און ער וואָלט זיך נאָך אפשר געדאַרפט שפּילן אָדער לערנען ביי אַ מלמד גאָר...

האָט ער זיך געמאַכט אַ וואַרשטאַט אינדרויסן און דער פּריץ האָט אים געגעבן אַ זעג, אַ האַמער און אַ הובל. און וועגן מיט האלץ האָט מען געבראַכט אַזש פון מאָלעוו ביים דניעסטער. און פּנחס האט זיך געמאַכט אַ שפּילעכל און געזעגט מיט דער זעג און געהובליעוועט און געקלאַפּט מיטן האַמער. און עס איז געוואָרן פענצטערלעך מיט שאָלעוואַניעס, מיט טירן, מיט שוועלן און מיט קליאַמקעס און מיט זאַוויעסעס.

די קליאַמקעס מיט די זאַוויעסעס האָט שוין געמאַכט לייזער קאָוואַל. אָט דער לייזער איז ניט געווען גרעסער פון פּנחסן. און ער האָט זיך אויפגעשטעלט אַ פייער־פאַן אינדרויסן און ד׳ער פּריץ האָט אים געגעבן אַ קאָוואַדלע מיט אַ צוועגגל און מיט אַ האַמערל. און לייזער האָט אויסגעשמידט זאַוויעסעס און קליאַמקעס און צוועקעס. עס איז אויך ביי אים געווען אַזאַ שפּילעכל.

נאָר איציק שניידער האָט זיך, נעבעך, געזאָרגט. אַלע אַנדערע באַל־

מעלאָכעס האָבן שוין אַרבעט, נאָר ער איינער האָט נאָך ניט קיין אַרבעט. ער האָט שוין באַלד פאַרגעסן ווי אַזוי אַריינצוציליעווען אַ באַנוועלע אין אַ נאָדל.

אַז די יידעלעך, זאָלן לעבן, שערן די שאָף און נעמען די וואָל און מאַכן זיך פון זיי וואָס מען דאַרף — אי הויזן, אי העמדער, אי זאָקן ... וואָס־זשע טויג שוין דאָ אַ שניידער אויף דער וועלט ?

יאָ, אַזוי האָבן די יידעלעך געטאָן. היינטיקן זומער האָט מען אָפּגע־שוירן די שאָף און מען האָט זיך שוין ניט געטיילט מיט דער וואָל האַלב אויף האַלב מיטן פריץ, ווי פאַראַיאָרן.

און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז היינטיקס יאָר איז יעדן יידן צוגע־קומען נאָך אַ שאָף אָדער צוויי. און אמת, אַז איציק שניידער האָט מיט זיין שער געשוירן די שאָף, וואָס דאָס איז אויך אַ גרויסע אַרבעט. אָבער עס איז אויך אמת, אַז איציק שניידער האָט זיך אַליין „געקוילעט" מיט זיין איי־גענער שער. ווען ער זאָל ניט געווען קאָנען שערן די שאָף וואָלט דאָך קיין וואָל ניט געווען און די יידעלעך וואָלטן געדאַרפט האָבן ווער אַ פּאָר תח־תונים און ווער אַ קאַפּטאָן. און מען וואָלט געמוזט אָנקומען אויך צו זיין פּאַד.

נאָר איציק שניידער איז געווען אַ וואויל ייִנגל־יידעלע. גראָד אויס־געוואַקסן אין אָרימשאַפּט ביי אַ טאַטן אַ שניידער. אָבער אַז עס איז באַ־שערט צו זיין אַן איידל קינד מעג מען אפילו אויסוואַקסן אין אַ וואַלד ...

איז איציק שניידער געווען זייער איידל און קאָנטענטנע. ער האָט זיך געטראַכט, אַז עס וועט מסתם קומען די צייט אויך אויף אים.

און איציק שניידער האָט געשוירן די שאָף און אונדזערע יידע־לעך האָבן געהאַט אַ סך וואָל. און די ווייבעלעך זיינען געגאַנגען מיטן וואָל צום טייך, העט, העט ווייט און געוואַשן די וואָל און זי געטריקנט אויף דער זון, ביז עס איז געוואָרן יעדער פעדעמל וואָל ריין און זיידיק.

און די יידישע טעכטער האָבן געקעמט דאָס וואָל מיט זייערע פינגער און געוואָרפן און געפּאַכעט מיט דעם וואָל אין דער לופטן ביז עס איז שוין געווען אַזוי ווי ריינער פּוך ...

און ביי דעם ברעג פון טייך זיינען יידישע טעכטער געזעסן און זיך דערציילט מעשות, וואָס זייערע באָבעס האָבן דערציילט.

איינע האָט געהאַט אַ באָבע, איז זי געווען נאָך אַ קינד צו איר חתונה. האָט מען זי געדאַרפט נעמען אויף די הענט בשעת מען האָט זי געפירט צו דער חופּה ...

אַ צווייטע האָט געהאַט אַ באָבע, האָט זי שוין נאָך דעמאָלט געפירט אַ „ליובקע" מיט אַ ייִנגל פון שטעטל. נאָר חתונה געמאַכט האָט מען זי פאַר

אַן אַנדערן, וועמען זי האָט ניט געקענט. האָט די באָבע געוויינט און גע־קלאָגט און מען האָט איר ארייגעצימבלט עטלעכע פעטש און זי איז פאַר מורא געגאַנגען צו דער חופה...

אַ דריטע האָט געהאַט אַ באָבע, אַ פּשוטע, אַ פרומע און זי האָט געלעבט ביז הונדערט און צען יאָר און אויף דער עלטער האָט זיך איר ערשט גע־פיקט ציינדעלעך...

אַ פערטע האָט געהאַט אַ באָבע, איז זי געווען אַלע אירע יאָר אַ קרע־מערקע און דער זיידע האָט געלערנט און ווען עס פלעגט קומען דער מלאך־המוות פלעג זי צו אים זאָגן — גיי שוין גיי, עד האָב קיין צייט ניט...

— אָבער זי איז געשטאָרבן?

— וואָדען...

— ווי אַזוי?

— זי האָט זיך איינמאָל אין איר לעבן פאַרגינען זיך אַנידערצולייגן אין בעט אַביסל קראַנק... דעמאָלט האָט זי דער מלאך־המוות געפּאַקט...

אַזוי ווי קליינע קינדער זיינען געווען אַלע יידישע ווייבעלעך דאָ...

אָבער זיי האָבן שוין געטראָגן דעם שווערן יאָך אַזוי ווי דערוואַקסע־נע יידישע ווייבער. טייל פון זיי האָבן שוין געהאַט אַ קינד און אַנדערע, ווי למשל באַסיע, האָבן ערשט געטראָגן...

באַסיע איז שוין געווען אין זעקסטן חודש און זי האָט זיך זייער גע־זאָרגט, טאָמער וועט זי האָבן אַ יינגל.

דאָס הייסט, זי האָט געוואָלט זייער האָבן אַ יינגל, אָבער אַזוי ווי עס איז נאָך דאָ ניט געווען קיין מוהל, האָט זי זיך געזאָרגט טאָג ווי נאַכט.

(סוף פון ערשטן בוך)

אַ דאָרף פון קינדער

(צווייטער בוך)

ערשטער קאַפּיטל

באַסיע האָט געבעטן גאָט, אַז עס זאָל זיין אַ מיידל.

באַסיעס מאַן, רחמיאל, האָט געטרייסט זיין ווייב:

— זאָל בעסער זיין אַ בחורעץ... איך וועל שוין ברענגען צוטאַש־טשען אַ מוהל... איך זאָל אפילו דאַרפן אויסגראָבן פון דער ערד...

— אפשר וואָלט מען געמעגט מיטן יונגן פריץ, מיט שייען, — האָט באַסיע געזאָגט און האָט חרטה געהאַט, — אָבער מען דאַרף ניט...

— וואָסי, דו שעמסט זיך? — האָט רחמיאל איר באַלד געענטפערט, — אים אויף צעפּיקעניש וועל'ך ביי אים פרעגן, צי ער ווייסט ניט וואו עס איז דאָ נאָענט אַ שטאָט.

אַזוי איז עס געבליבן. און ווען שייע־שאַרמאַנטיע האָט זיך נאָר באַ־וויזן אין דאָרף, איז רחמיאל, וואָס איז געוועזן דער סטאַראָסטע, צו אים באַלד צוגעגאַנגען און אויפגעהויבן זיין היטל פאַרן יונגן פריץ.

— איך בין טאַקע אַ פריץ, אָבער איך וויל ניט, אַז מען זאָל פאַר מיר אויפהויבן דאָס היטל, — האָט געזאָגט שאַרמאַנטיע, — רחמיאל, טו־אָן צוריק דאָס היטל.

רחמיאל האָט אָנגעטאָן דאָס היטל, ניט זייער מיט קיין גרויס חשק.

— פריץ, איך וויל פון אייך אַ טובה, — האָט ער געזאָגט אַביסל אַ פאַרשעמטער.

— אַ טובה? וואָסי?

— מאַן וואַב איז אויף דער צאַט. זי קאָן מיר נאָך האָבן אַ בחורעץ און מען וועט דאַרפן אַ מוהל...

— זאָרג זיך ניט, רחמיאל, עס וועט זאָן אַ מוהל, — ענטפערט שאַר־מאַנטיע מיט אַ שמייכל.

— באַסיע זאָרגט זיך...

— זאָג איר, אַז איך האָב געזאָגט, אַז זי זאָל זיך ניט זאָרגן... מיר וועלן שפּאַנען פערד און בריטשקע און ברענגען אַ מוהל פון רישקאָן.

שאַרמאַנטיע האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר־טוטין, אַריינגעצויגן דעם רויך און אים אַרויסגעלאָזט דורך די נאָזלעכער און געזאָגט צו רחמיאלן:

— נאָר דאָס איז ניט אַלץ וואָס איך בין געקומען צו באַזאָרגן... איך וויל, אַז יעדער באַלעבאָס זאָל האָבן אַ פערד מיט אַ וועגעלע.

— אַ פערד און וועגעלע!... — האָט זיך רחמיאל דערפרייט ווי אַ קינד, ווען מען ברענגט אים אַ שפילעכל.

— יאָ, זאָג־אָן אַלע באַלעבאַטים, אַז איך האָב געפּועלט ביי בריטשוואַנען צו געבן יעדן איינעם פון זיי אַ פערד און וועגעלע. וויפיל באַלעבאַטים האָבן מיר דאָ אין דאָרף?

רחמיאל האָט גענומען ציילן אויף די פינגער פון זיינע שווערע, פאַרמאַזאָליעטע הענט.

— צען! — שרייט אויס רחמיאל.

— און זיך האָסטו גערעכנט?

— יאָ, כ׳האָב ניט פאַרגעסן אין זיך. כ׳האָב ניט גערעכנט מאַנע שוואָגערלעך יאָסל און ישראלן, ווייל זיי זיינען נאָך יינגלעך.

— זיי זיינען דאָך די פּאַסטעכער און אַז זיי וועלן חתונה האָבן וועט מען זיי אויך געבן פערד און וועגעלעך. און דערוואָל גיי זאָג־אָן אונדזערע ברידער, אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועלן מיר יעדן איינעם איינטיילן אַ וועגעלע מיט אַ גוטער שקאַפּע. בריטשוואַן האָט געגוג פערד. און איר וועט דאַרפן האָבן פערד און וועגעלעך. איך וויל, אַז איר זאָלט אַרויספאָרן אויף דער וועלט כאָטש איין מאָל אַ חודש.

— פריילעך, מיר אַלע וועלן זיך זייער פרייען מיט דער מתנה. — זאָגט רחמיאל, — אָבער מיר האָבן ניט קיין שטאַלן וואו צו האַלטן די פערד.

— טאָקע אַ זאָרג!... בריטשוואַן וועט געבן ברעטער פאַר שטאַלן.

— איך לויף שוין אָנזאָגן די בשורה צו אַלע יידן.

— אַ גוטן טאָג, רחמיאל, לויף און זאָג זיי אָן די גוטע בשורה.

רחמיאל איז אַוועקגעלאָפן און שאַרמאַנטיע האָט אַ צופרידענער געגעבן אַ טרייב די מוציקלעך און זיי זיינען אַוועקגעפלויגן. ער איז געפאָרן זיך זען מיט זיין חבר, מיט וועמען ער איז געשטאַנען אין איין צימער אין קעשענעווער אינסטיטוט, פעטיאַ רישקאָן.

פעטיאַ איז געווען דער אמתער זון פון דעם זייער רייכן פריץ רישקאָן, ניט אַזוי ווי ער, שאַרמאַנטיע, וועמען דער פריץ בריטשוואַן האָט צוגעשריבן צו זיך.

פונדעסטוועגן האָבן זיך דאָס יידישע בחורל שייע און דער רוסיפיצירטער מאָלדאַוואַנישער פעטיאַ זייער ליב געהאַט, כמעט ווי צוויי ברידערלעך, און זיי זיינען ביידע געווען מיטגלידער פונעם „גרינעם לאָמפּ״־קרוזשאָק אין קעשענעוו. דער דאָזיקער קרוזשאָק האָט געפּריידיקט די באַפרייאונג פון שקלאַפעריי און דאָס אַראָפּזעצן פונעם „צאַר.״

פעטיאַ און שאַרמאַנטיע האָבן זייער פיל גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף אָנהויבן די באַפרייאונג פריער ביי זיך אויפן גוט. פעטיאַ האָט עס געדאַרפט רעדן מיט זיין טאַטן רישקאָן, אַז עס איז שוין צייט צו באַפרייען די פויערים פון שקלאַפעריי. און שאַרמאַנטיע האָט געדאַרפט שמועסן מיט ברישעוואַנען אויך וועגן אַט דעם ענין.

פעטיאַ האָט געהאַט נאָך אַ ברודער, אַן עלטערן פון זיך און צוויי שוועסטער עלטערע פון אים. אין רישקאַנס הויף, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, איז תמיד געווען שמחות און בעלער און כמעט אַלעמאָל ווען פע־טיאַ איז שוין געווען פאַרטיק צו שמועסן מיט זיין טאַטן, איז דער אַלטער רישקאָן געווען פאַרנומען מיט זיינע געסט.

סיי־ווי האָט מען פעטיאַן אין הויף ניט אַזוי ליב געהאַט. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ צעלאָזן, משוגען קינד און אים ניט צוגעלאָזן צו די געסט. אָבער ביי זיין פאָטער איז פעטיאַ געווען באַליבט.

ווען שאַרמאַנטיע, פעטיאַס חבר, פלעגט קומען, האָט מען די צוויי בחורימלעך תמיד געזען אַרומשפּאַצירן אין גאָרטן, אָדער זיי האָבן זיך גע־שיפט איבערן שיינעם רישקאַנער טייך.

דאָ, אין דעם גרויסן גאָרטן האָבן די צוויי חברים געקאָנט רעדן וועגן וואָס זיי האָבן געוואָלט און זיך ניט געדאַרפט היטן פאַר די שוועסטער אָדער פאַר דער דינערשאַפט.

דאָס איצטיקע מאָל ווען שאַרמאַנטיע איז געקומען צו־גאַסט צו פע־טיאַן, איז פעטיאַ אַרויפגעקראָכן אין שאַרמאַנטיעס בריטשקע און זיי זיינען זיך דורכגעפאָרן איבערן שטעטעלע רישקאַן.

עס איז געווען אינגאַנצן צוויי געסעלעך אין רישקאַן. די געסעלעך גלייכע און שיטערע, דערפאַר ווייל יעדע שטוב איז געווען זייער ווייט אָפּגעטיילט פון דער אַנדערער שטוב.

די שטיבער פון ליימענע ווענט מיט שינדעלנע דעכער און מיט פענצ־טער און גאַניקעס. ביי די גאַניקעס האָבן געוואַקסן אַקאַציע ביימער און ווילדע גראָזן. און יעדע שטוב האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן טויער מיט אַן אַריינפאָר אין הויף אַריין. קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט אין די הויפן און זיך געפרייט מיט דעם שיינעם האַרבסטיקן טאָג, וואָס האָט אַזוי ליכ־טיק געוואַרעמט דאָס שטעטעלע. הינער און הענער זיינען געווען פאַרנו־מען מיט פּיקן ווערימלעך פון דער ערד. און די באַלעבאַטים זיינען געזעסן אויף די גאַניקעס אין די העמדער און מיט צעעפנטע קאָלנערס.

פונעם פּריצס הויף איז געלאָפן אַ באַרג אַראָפּ; דערנאָך אַ לאַנגע גרעבליע איבערן שיינעם טייך; און פון דער בריק איז מען אַריינגעפאָרן אין אַ גרויסן פּלאַץ וואו עס איז געשטאַנען די ערשטע שטוב: אַ ווייס־גע־

פֿאַרבטע, מיט אָפֿענע גרויסע פֿענצטער און מיט אַ רויטן דאַך. עס האָט געשמעקט פֿון דער דאַזיקער שטוב מיט כלאָראָפֿאָרם. און אין הויף האָט מען געקאָנט זען ווי עס שלייען זיך איינגעבויגענע געשטאַלטן אין אַזוינע גראָע כאַלאַטן. דאָס איז געווען דער שפּיטאָל פֿון שטעטל.

שאַרמאַנטיע האָט אינזינען געהאַט אָט דעם שפּיטאָל, כדי ער זאָל אויך ביי זיך אין דאָרף קאָנען אויפֿבויען אַזאַ מין שפּיטאָל.

אַז ער האָט געטראַכט וועגן אָט דעם שפּיטאָל, האָט ער זיך דערמאָנט אין באַסיען, ווי זי איז אויף דער צייט און טאָמער וועט זי האָבן אַ ייִנגל...

— פּעטיאַ, — האָט געזאָגט שאַרמאַנטיע צו זיין חבר, — איז דאָ אין שטאָט פֿאַראַן אַ שוחט?

עס איז פּעטיאַן אָנגעקומען שווער צו פֿאַרשטיין וואָס שאַרמאַנטיע מיינט.

— אָ, זיכער איז פֿאַראַן, — האָט פּעטיאַ געזאָגט. און טאַקע באַלד אָנגעוויזן אויף איינער פֿון די שטיבער אין דער מיט גאַס.

שאַרמאַנטיע איז צוגעפֿאָרן מיט דער בריטשקע גלייך צום גאַניק פֿון דער שטוב. עס איז גלייך אַרויסגעקומען אַ רויטער ייִד, אַ הויכער, אַ געזונטער, מיט אַ יאַרמעלקע אויפֿן קאָפּ און מיט אַ טלית־קטן פֿון וועלכן עס האָבן זיך געבאַמבלט פֿיר געקניפּטע פֿרענזעלעך פֿון די ציצות. די ציצות זיינען געווען כמעט לאַנג ביז צו דער ערד.

— אָט דאָס איז ער! — האָט פּעטיאַ געזאָגט.

— גאָט העלף! — האָט שאַרמאַנטיע אויסגערופֿן.

— אַ גוט יאָר! — האָט דער שוחט, ר׳ יעקב, געענטפֿערט און זיך געוואונדערט, וואָס דער פּריץ רעדט ייִדיש. ער האָט אפֿילו מורא געהאַט צו געבן דעם יונגן פּריץ שלום עליכם.

— איר זיינט דער שוחט?

— יאָ.

— איך בין פֿון אַ דאָרף דאָ ניט ווייט. און מיר האָבן דאָרטן אַ סך ייִדן. און מיר האָבן ניט קיין שוחט.

— טי־טי... — האָט ר׳ יעקב אַרויסגעלאָזט אַזאַ מין רחמנות־אויסדרוק אויף די פֿאַרוואָרפֿענע ייִדן.

— זייט איר אַ מוהל אויך?

— וואָדען?

— און אַז איך וועל קומען נאָך אייך, וועט איר פֿאָרן צו אונדז?

— עס איז דאָך אַ מצווה. קומט נאָך מיר און איך וועל פֿאָרן.

— גוט. דערווייל האָט מיר אַ גוטן טאָג.

— אַ גוט יאָר און פאַרט געזונט, — האָט ר׳ יעקב געזאָגט און אויף זיין רויט פנים האָט גערוט אַ מין צופרידנקייט און אויך אַ פאַרווירונג.

די ברישקע איז אַוועקגעפאָרן און ר׳ יעקב האָט איר לאַנג נאָכגע־קוקט און ער האָט ניט פאַרשטאַנען די גאַנצע מעשה: דאַכט זיך, צוויי שקאָצים, אָדער צוויי פריצים און זיי זוכן אַ מוהל... איז עס ניט אַמאָל אַ לצנות....

צווייטער קאַפּיטל

אַז ר׳ יעקב שוחט איז צוריק אַריין צו זיך אין שטוב און דערציילט זיין ווייב רחלען די מעשה מיט די צוויי יונגע פריצים און ווי איינער פון זיי האָט צו אים גערעדט יידיש, ווי אַ יידיש קינד, האָט רחל צו אים מיט גרויס פרומקייט און מיטן לשון פון טייטש־חומש געזאָגט:

— יעקב, דו האָסט אַ אירטום... איינער פון זיי איז אונדזער פריצס זינדל און דער צווייטער איז מסתם אַ קינד פון אַ פריץ. טאָ ווי קאָן עס זיין, אַז ער זאָל ריידן אונדזער לשון?

— כ׳בין דאָך ניט טויב, רחלע, — ענטפערט ר׳ יעקב.

— וואָס האָבן זיי פאַרלאַנגט?

— צי כ׳בין אַ מוהל.

— האָסצעך מסתם דערשראָקן?

— דווקא ניט.

— גאָט איז אַ פאָטער... — האָט רחלע פאַרענדיקט, — עס זאָל כאָטש זיין צום גוטן...

— כ׳רעכן, אפשר זיינען עס גלאַט געווען צוויי לצים.

— בייטאָג זיינען נישטאָ קיין לצים... נעם און טרינק אַ גלאָז אָקרופּ און פאַרגעס אין דער גאַנצער מעשה.

פונדעסטוועגן איז די דאָזיקע מעשה באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן אי־בערן גאַנצן שטעטעלע. און עס האָט זיך אַביסל גערודערט דערמיט וואָס צוויי יונגע פריצים זיינען אין מיט העלן טאָג געפאָרן צו ר׳ יעקב שוחט, און אַז איינער פון זיי האָט גערעדט יידיש.

— וואָס הייסט, ר׳ יעקב, ווי פרעגט מען ניט דעם בחור, ווער ער איז און פון וואַנען ער איז? — האָט מען געגעסן דעם שוחט ביי דעם לעבער.

— כ׳האָב פאַרגעסן...

— אַ מוהל גאָר... ווער? וואָס?

— איך בין ניט קלוג צו אַזוינע זאַכן, — האָט זיך ר׳ יעקב פאַר־טיידיקט.

— ס'קאָן דאָך אַמאָל זיין עפּעס אַ צרה אויף יידן . . .

— יאָלדן, מען דאַרף אַ מוהל, זאָגן זיי גאָר, אַז עס וועט זיין דערפון אַ צרה אויף יידן.

אָבער אינגיכן האָט מען די גאַנצע מעשה געגומען פאַרגעסן.

נאָר שייע־שאַרמאַנטיע האָט ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס אָט דער רישקאָנער שוחט האָט אויף אים געמאַכט מיט זיין פשטות און תמי־מות. . . נאָך אַ זאַך האָט שאַרמאַנטיע ניט פאַרגעסן: אַז ביי זיי אין דאַרף וועט אויך מוזן זיין אַ שוחט. ער אַליין דאַרף עס ניט, אָבער די יידעלעך וועלן עס האָבן כל־זמן ער לעבט.

שאַרמאַנטיע האָט מיט זיין חבר פּעטיאַן אָפּגעמאַכט, אַז זיי מוזן רעדן מיט די עלטערן און זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז בעסער פאַר דער עקאָנאָמיע צו באַפרייען די פּויערים־שקלאַפן.

ערשטנס, וועט מען די שקלאַפן ניט דאַרפן האָדעווען און קליידן; צווייטנס, וועט מען זיי באַזעצן אויף שטיקער ערד, פאַר וועלכער זיי וועלן באַצאָלן מיט אַרבעט; דריטנס, וועלן די באַפרייטע פּויערים אויפבויען פאַר זיך דערפער, פון וואַנען דער הויף וועט ציען צינזען; און פערטנס, ווען מען וועט זיי דאַרפן, וועט מען זיי דינגען צו דער אַרבעט און עס וועט דעם הויף נאָך אפשר קאָסטן ביליקער.

די צוויי פריינט האָבן זיך באַזאָרגט מיט גענוג אַרגומענטן, וואָס זאָלן איבערוועגן די עלטערן אויף זייער זייט.

שאַרמאַנטיע און פּעטיאַ האָבן געוואָלט זיין פון די ערשטע צו העלפן באַפרייען די פּוערים. און אַז די פּויערים־שקלאַפן פון די איבעריקע פּריי־צים וועלן געוואויר ווערן, אַז מען הויבט זיי אָן צו באַפרייען, וועלן זיי אויפ־שטיין און רעוואָלטירן קעגן זייערע פּריצים.

אָבער אויב פּעטיאַן איז ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט צו רעדן מיט זיין פאָטער, איז עס דערפאַר שאַרמאַנטיען אָנגעקומען זייער גרינג.

— טאַטוקע, איך וויל מיט דיר ריידן וועגן מיינע פּויערים, — האָט ער זיך אָנידערגעזעצט ביים אַלטן בריטשעוואַנען אויף די דאַרע קני.

— וואָס, קינד, האָסטו צו ריידן?

— דו ווייסט, אַז איך האָב געלערנט אַריפמעטיקע, — האָט שאַרמאַנ־טיע אָנגעהויבן פון לערנען, כדי צו געפינען חן ביים אַלטן, — עס איז דאָ אַ רעכענונג, אַז אויב אַן עקאָנאָמיע גיט אויס אַזוי פיל און אַזוי פיל אַ יאָר, דאַרף די עקאָנאָמיע צוריקקריגן אויב ניט קיין פּראָפיט, איז כאָטש די זעל־בע סומע, וואָס זי האָט אויסגעגעבן. האָסטו, טאַטוקע, באַרעכנט צי דו קריגסט צוריק דיינע הוצאות, וואָס דו גיסט אויס אויף דיינע שקלאַפן?

— ניין.

— און איך האָב יאָ באַרעכנט! — זאָגט שאַרמאַנטיע, — און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דו דערלייגסט געלט צו דיינע שקלאַפן.

— אָבער וואָס קאָן איך טאָן?

— איך וועל דיר זאָגן וואָס דו קאָנסט טאָן.

— וואָס?

— באַפריי זיי!

— וועלן זיי דאָך אויסשטאַרבן פון הונגער.

— גיב זיי ערד און זאָלן זיי זיך באַזעצן אויף זייער ערד און בויען אַ גרויס דאָרף. האָסט געזען וואָס פאַר אַ שטאָט רישקאָן האָט?

— געזען. אָבער וואָס וועלן זיי עסן דאָס ערשטע יאָר?

— דו וועסט זיי געבן עסן דאָס ערשטע יאָר און דערנאָך וועלן זיי זיך שטעלן אויף זייערע אייגענע פיס.

— ביסט זייער קלוג, מיין יינגל, מיר געפעלט זייער, אַז איך זאָל בויען דערפער און זאָל מיין נאָמען בלייבן אויף דער ערד. אָבער איך האָב מורא, אַז די שקלאַפן וועלן ניט וועלן די באַפרייאונג.

— גיב זיי נאָר די ערד, וועסטו זען ווי זיי וועלן זיך פרייען.

— מיין קינד, איך גיב דיר נאָך דיין פאַרלאַנג. גיי און זאָג די פּוי־ערים, אַז איך וויל מיט זיי ריידן.

— איך וועל, טאַטוקע, גיין צו זיי און זיי אָנזאָגן די בשורה.

— יאָ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן, מיין קינד, — אָבער וואָס וועט זאָגן דער קייסער?

— איידער עס וועט צו אים דערגיין, וועט דער צאַר שוין זיין טויט.

— וואָס רעדסטו, מיין קינד?!

— פאַרלאָז זיך אויף מיין וואָרט... חוץ דעם, וואָס קאָן דער צאַר טאָן? עס איז דיין לאַנד און דו קאָנסט דערמיט טאָן וואָס דו ווילסט.

— עס איז שוין דיין לאַנד, מיין קינד, ניט מיינס.

— איך האָב ניט מורא פאַרן צאַר. זאָל ער קומען מיט מיר זיך אויס־טענהן... איך וועל אויף אים אָנרייצן די פּויערים, וועלן זיי אים פאַר־טיליקן.

— ביסט אַזוי קלוג, מיין זון.

נאָך אין יענעם טאָג האָט שאַרמאַנטיע אָנגעזאָגט די פּויערים און די פּויערטעס און זייערע דערוואַקסענע קינדער, אַז זיי וועלן ווערן באַפרייט פון שקלאַפעריי און אַז בריטשעוואַן וועט זיי געבן ערד צו באַאַרבעטן און זיי וועלן בויען אַ דאָרף.

טייל פּויערים האָבן זיך געקראַצט אין די פּאַטילניצעס און ניט פאַר־שטאַנען וואָס עס מיינט, אַז מען וועט זיי באַפרייען. אָבער די מערהייט פון

די פויערים האָבן פאַרשטאַנען דעם יונגן פריץ און זיי האָבן זיך געפרייט.

קומענדיקן זונטיק האָבן זיי זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען אין הויף און הערן וואָס דער אַלטער בריטשעוואַן וויל זיי זאָגן.

אָבער טעאָדעסאַ, די האַלב־שקלאַפין און האַלב־פריצטע, האָט ניט געוואָלט, אַז בריטשעוואַן זאָל באַפרייען די פויערים און זיי נאָך צוצאָלן מיט שטיקער ערד; זי האָט נאָך אַלץ געטרוימט צו ווערן אַ גאַנצע פריצטע און די באַלעבאָסטע פון בריטשעוואַנס פאַרמעגן. זי איז געווען די פולע באַלעבאָסטע אין הויף און אין קיך. און אַז זי האָט געהערט, אַז בריטשע־וואַן וועט קומענדיקן זונטיק ריידן מיט די פויערים, האָט זי פאַרטראַכט אומצוברענגען בריטשעוואַנען. קיינער וועט ניט וויסן פון וואָס דער אַלטער איז געשטאָרבן. און נאָך זיין טויט וועט זי איבערנעמען די ירושה, און די צוויי קינדער, שאַרמאַנטיען מיט פּאַטאַ מאַריאַן, אַרויסטרייבן פון דאַנען. זי האָט ניט געוואוסט, אַז שאַרמאַנטיע איז שוין איצט דער גאַנצער באַלע־באָס, אַז בריטשעוואַן האָט אויף זיין נאָמען איבערגעשריבן דאָס גענצע פאַר־מעגן.

און טאַקע שוין אין יענעם אָוונט האָט זי דורכגעפירט איר פּלאַן. זי האָט אָפּגעקאָכט באַלאָבעשקעס פון רעטשן־מעל. בריטשעוואַן האָט זייער ליב געהאַט באַלאָבעשקעס מיט קנאָבל און מיט קעז.

טעאָדעסאַ האָט צעבראָכן אַ שטיקל דין גלאָז אויף פּיצלעך, אויסגע־מישט דאָס דין צעקלאַפּטע גלאָז מיט דעם רעטשענעם מעל, אָנגעגאָסן וואַ־סער, פאַרקנאָטן דאָס טייגל און אויסגעוואַלגערט די באַלאָבעשקעס. זי האָט צעריבן אַ סך קנאָבל און איינגעטונקען די באַלאָבעשקעס אין דעם קנאָבל־זאַפט. דערנאָך זיי איינגעטונקען אין קעז און זיי געפּרעגלט אין פּוטער. דאָס מאכל האָט פאַרשמעקט דאָס גאַנצע הויז און בריטשעוואַן האָט זיך שוין קוים דערוואַרט ווען די באַלאָבעשקעס זיינען פאַרטיק געוואָרן. און ער האָט זיי געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט און פאַרטרונקען מיט וויין.

די קינדער זיינען ניט געווען אין דער היים. שאַרמאַנטיע און פּאַטאַ מאַריאַ האָבן אָפּגעפירט די פערד און וועגעלעך צו די קליינע יידעלעך אין דאָרף אַריין. דאָס הייסט, ניט זיי אַליין האָבן געפירט די פערד און וועגע־לעך, נאָר זיי האָבן אויפגעפּאַסט אויפן אָפּפירן. און אַלע קליינע יידעלעך מיט זייערע ווייבעלעך און קינדערלעך זיינען אַרויס פון זייערע שטיבעלעך און עס איז געוואָרן אַ געוויין פון פרייד.

די וועגעלעך, נייע מיט געזונטע ברייטע רעדלעך און מיט געזעסן פאַר צוויי מענטשן, זיינען געווען געפאַרבט מיט גרינער פאַרב. און די שקאַפּעס זיינען געווען איינציקע טונקל־רויטע מיט ווייסע פלעקן אויף זייערע בעזער און אַנדערע — בולאַנע, גרויע און שוואַרצע מיט ווייסע פלעקן אויף די

פיס און אין נייע כאָמוטן. זיי זיינען אַלע אָנגעקומען אין אַ שורה אַזוי ווי אַ פּאָלק סאָלדאַטן און מען האָט געקאָנט הערן פון ווייטנס דאָס קלאַפּן פון די פערדס קאָפּיטעס און דאָס געקלאַנג פון די רעדער איבער דער ערד.

שייע־שאַרמאַנטיע האָט מיט טרערן אין זיינע אויגן אָנגעהויבן אויס־טיילן יעדן באַלעבאָס זיין פערד און וועגעלע. אים האָט זיך דערמאָנט זיין קומען אַהער און ער האָט זייער חשק געהאַט זיך גוט אויסצוואוויינען. אָבער אַזוי ווי עס האָט ניט געפּאַסט, אַז ער זאָל וויינען, האָט ער אין זיך איינגע־האַלטן די טרערן.

דריטער קאַפּיטל

דאָס ערשטע פערד און וועגעלע האָט שאַרמאַנטיע געגעבן באַסיען מיט איר מאַן רחמיאל. עס איז געווען אַ מיטל־וואוקסיק רויט פערד מיט אַ ווייסן פלעק אויפן שטערן, מיט אַ ברייטער קאָדע און מיט אַ געדיכטער גריוועַ האָר אויפן האַלדז; דאָס פערד האָט פאַרמאָגט צוויי קלוגע, שוואַר־צע אויגן און צוויי קליינע, זייער פילבאַרע אויערן.

רחמיאל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן וועגעלע, גענומען די לייצעס און זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער לענג פונעם געסעלע, אַזש אַ שטויב איז אויפגעגאַנגען הינטער אים.

באַסיע האָט פאַרשטעלט אירע אויגן פון דער זון און האָט אים נאָכ־געקוקט און געפילט זייער שטאָלץ, וואָס איר מאַן רחמיאל קאָן אַזוי גוט טרייבן אַ פערד.

באַלד איז רחמיאל צוריק צוגעפאָרן צו זיין שטיבעלע און געגעבן אַ געשריי: — טפּרו!... דאָס פערד האָט אים געפאָלגט און געבליבן שטיין.

— נו, רחמיאל, עפּעס אַ גוט פערד? — האָט שייע געפרעגט.

— עס קאָן גאָר בעסער ניט זיין. עס גייט ווי אַ שד... — האָט רחמיאל געזאָגט און אַראָפּגעשפּרונגען פון וועגעלע, אַזש די ערד האָט גע־טאָן אַ קלונג אונטער זיינע פיס.

דאָס צווייטע פערד און וועגעלע האָט באַקומען דאָדל דער רב.

דאָדל איז ניט געווען אַזוי רירעוודיק מיטן פערד ווי רחמיאל. ער האָט זיך אַביסל דערשראָקן, ווען מען האָט אים אין די הענט דערלאַנגט די לייי־צעס. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס שוואַרצע פערדל מיט די ווייסע פלעקן אויף די פיס וועט אים באַלד דורס זיין. דאָדל איז געווען זייער קליין־וואוקסיק און האָט קוים דערלאַנגט מיט זיין קאָפּ צום פערדס מויל. עס איז פאַר אים געווען זייער אַ פיינלע־כער מאָמענט. אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט צו אים און ער קאָן ניט

באַווייזן אפילו אָנצורירן דאָס פערד מיט אַ פינגער. צוליב וואָס טויג עס אים? וואָס וועט ער טאָן מיט אַ פערד און וועגעלע, ווען ער קאָן אפילו ניט איינשפּאַנען און אויסשפּאַנען אַ פערד?

— נו, דאָדל, ווייסט כאָטש וואו עס איז דעם פערדס פּאָרנט? — האָט רחמיאל פון אים געחוזקט, און אין דער אייגענער צייט צוגעגאַנגען צו דאָד־לען און אים געוויזן ווי מען שפּאַנט אויס אַ פערד.

דאָדל דער רב האָט, דאַכט זיך, געקוקט, אָבער ער האָט ניט געקאָנט באַנעמען די דאָזיקע שווערע תורה... דאַכט זיך, אַ שטיקל גמרא וואָלט ער בעסער געקאָנט פאַרשטיין...

— פריער שפּילעט מען אָפּ די פּאָסטראָנקעס. דערנאָך בינדט מען אָפּ די דעהע — האָט רחמיאל געלערנט דאָדלען וואָס צו טאָן — און אַז מען בינדט־אָפּ די דעהע, זעסט, נעמט מען אָן דאָס פערד און מען פירט עס אַרויס פון די האָלאָבליעס. כ׳על נאָך מאַכן פון דיר אַ לייט... וועסט נאָך ביי מיר פאָרן רייטנדיק אָן אַ זאָטל...

— אַז דו וועסט דאָס דערלעבן, וועסטו דערלעבן משיחן אויך — זאָגט דאָדל דער רב.

— נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס אַ מענטש זאָל ניט קאָנען טאָן, אויב ער וויל נאָר קאָנען — זאָגט רחמיאל — נאַ, נעם איבער דיין פערד. אָט אַ־דאָ־אָ ביים צוימל האַלט עס.

דאָדל דער רב האָט אָנגענומען, ניט מיט גרויס חשק, מיט זיין דין, קליין הענטעלע דאָס צוימל. דאָס פערד האָט „געקייעט" דאָס אייזערנע צוימל און געשפּיגן מיט שוים אויף דאָדלס הענטעלע. נאָר דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי שרעקלעך, ווען ניט דאָס, וואָס דאָדלען האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט דאָס פערד אַריינכאַפּן זיין האַנט.

דער עולם האָט ניט געהאַט קיין צייט צוצוזען ווי דאָדל ציטערט לעבן זיין פערד, ווייל שייע־שאַרמאַנטיע האָט דערווייל געהאַלטן אין אויסרופן די נעמען פון די איבעריקע קליינע יידעלעך, און יעדן איינעם געגעבן אַ פערד און וועגעלע.

עליע האָט אויך באַקומען אַ פערד און וועגעלע. ווען זיין נאָמען איז אויסגערופן געוואָרן, איז ער צוגעגאַנגען מיט אַ פאַרשעמטן פּנים:

— עליע, נעם אָט דאָס פערד און וועגעלע און פאַרגעס וואָס עס איז געווען!... — האָט שייע געזאָגט — מיר וועלן אויך פאַרגעסן.

עליע האָט ניט געקאָנט קוקן גלייך אין שייעס אויגן. ער האָט אָנגענומען זיין טרעקאָטע פערד ביים צוימל און עס אַוועקגעפירט צו זיין שטי־בעלע, וואָס איז געשטאַנען ביים עק פון געסל.

עס איז שוין באַלד צוגעפאַלן דער אָוונט און די זון האָט זיך געזעצט

אַ רויטע. יאָסל מיט ישראלן האָבן געבראַכט די טשערעדע שאָף. עס איז פון זיי אויפגעגאַנגען אַ רויטער שטויב און אַ מעקעריי און גלעקעריי אינאיינעם מיט דעם זעטיקן ריח, וואָס שאָף גיבן פון זיך אַרויס.

— וואָסי דאָס? — האָבן יאָסל און ישראל געפרעגט אין איין אָטעם. זיי האָבן זיך דערשראָקן, ווען זיי האָבן דערזען אַזוי פיל פערד און וועגעלעך און שייען...

— מען טיילט אונדז פערד און וועגעלעך — האָט מען די צוויי ייִנגלעך געלאָזט הערן פון אַ זייט.

סיי ישראל און אויך יאָסל זיינען שוין איצט אַביסעלע אונטערגעוואַקסן, זינט זיי זיינען געוואָרן פּאַסטוכער. זיי האָבן ביידע געטראָגן לאַנגע שטעקענער מיט פאַרדרייטע האַטשעקעס און זיינען אָפּגעבערענט פון דער זון און פאַרפּאַראָשעט מיט שטויב.

— און אונדז גיט מען גאָרניט קיין פערד? — האָבן זיי ביידע זיך נאָכגעפרעגט פון דער זייט, כדי ניט צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון שייען.

אָבער אַזוי גיך ווי שייע האָט זיי דערזען, האָט ער זיי ביידע צוגערופן און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— אייך, פּאַסטוכער, וועלן מיר געבן צוויי פערדלעך מיט זאָטלען.

ביידע ייִנגלעך האָבן אַזש אונטערגעטאַנצט פון פרייד.

באַלד האָט מען זיי געבראַכט די מוציקעס מיט די זאָטלען. דאָס זיינען געווען גרויע פערדלעך מיט שיינע אויסגעטאָקטע פיסעלעך און מיט גריוועס און קאָדעס אויך גראָע, אָבער היפּשע און אַביסל צעפּאַטלט פונעם ווינטל. די זאָטלען פון האָלץ מיט לעדערנע סטרעמעניעס און מיט בראַנזענע קנעפּ.

די צוויי ייִנגלעך האָבן אין זייער לעבן ניט געחלומט פון אַזאַ גליק. זיי זיינען געווען איבערגעפילט מיט פרייד און אַזש געשוויצט מיט ריטשקעס שוויס איבער זייערע פאַרשמירטע פּנימער. אָבער אין דער צייט, וואָס זיי זיינען געווען פּאַסטוכער און איבערגעלעגן אין פעלד, האָט די זון מיט די בעסאַראַבער ווינטן זיי געטריבן אין דער הויך, ווי די אייגענע זון און ווינטן טרייבן אַרויף ווייצענע זאַנגען.

— נו, ווייזט צי איר קאָנט פאָרן רייטנדיק—האָט שייע צו זיי געזאָגט.

די צוויי ייִנגלעך האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. זיי זיינען גיך אַרויף אויף די זאָטלען און די גרויע פערדלעך האָבן זיך מיט זיי אַוועקגעטראָגן און איבערגעלאָזט הינטער זיך אַ זייל מיט שטויב.

שייע האָט געלאַכט און פּאַטאַ מאַריאַ האָט אים פון פרייד געטאָן אַ קניפּ אין זייט. עס איז באמת געווען אַ פרייד צוצוקוקן ווי די צוויי ייִנגלעך זיינען אָן שום פּחד אַרויף אויף די זאָטלען און ווי די צוויי גרויע מוציקעס

זיינען אַוועקגעפלויגן מיט זיי, אויספליקנדיק מיט זייערע געטאָקטע פיס אויף דער ערד אַ שיינע, ריטמישע מעלאָדיע...

ביידע יינגלעך האָבן געפילט ווי זיי שוועבן אין דער לופט; זייערע לאַנגע צעוואָרפענע האָר האָבן געפלאַטערט ווי די גריוועס און די קאָדעס פון די גרויע מוציקעס. און עס איז ניט געווען אויף דער וועלט קיין איין מענטש, וואָס זאָל וויסן דעם זיסן טעם פון אָט דעם מאָמענט, וועלכן ישראל און יאָסל האָבן איצט איבערגעלעבט... אַ מאָמענט, ווען מען פילט, אַז מען איז אויפגעהויבן העט, העט הויך פון דער ערד און מען פליט ווי אַ פויגל אין הימל אַריין...

ווען די יינגלעך האָבן זיך אומגעקערט צוריק, מיט דעם אייגענעם אימפעט, מיט וועלכן זיי זיינען אַוועק, האָט דער גאַנצער עולם אַביסל אָפּגעטראָטן אין אַ זייט. יאָסל און ישראל זיינען אַראָפּגעקראָכן פון די הילצערנע זאָטלען און די מוציקעס זיינען געבליבן שטיין מיט די צעשפּרייטע פיס און געוואָרפן מיט זייערע זייטן און אַ פּאַרע איז אויפגעגאַנגען פון זיי.

שייע-שאַרמאַנטיע און פּאַטאַ מאַריאַ האָבן זיך דערמאָנט, אַז עס איז שוין צייט צו פאָרן אַהיים. די אָוונט-שאָטנס האָבן זיך שוין געשפּרייט און עס האָט געשמעקט מיט דער בעסאַראַבער ראָסע, וואָס האָט זיך שוין געשפּרייט איבער באַרג און טאָל.

זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום אַנונג פון דעם אומגליק, וואָס דערוואַרט זיי אין דער היים, און זיי האָבן זיך געזעגנט מיט די קליינע יידעלעך. און ווען זיי זיינען שוין געזעסן אין זייער בריטשקע און כמעט ווי גערירט פון אָרט, זיינען די יידעלעך זיי נאָכגעגאַנגען אַ שטיק וועג, כדי דערמיט אויסצודריקן זייער ליבע און דאַנקבאַרקייט צו די צוויי יונגע מענטשן.

ענדלעך האָט שייע געטאָן אַ פּאָך מיט זיין האַנט, אַז עס איז גענוג און די בריטשקע איז פאַרשוואונדן אין אַ זייל מיט שטויב. מען האָט נאָר געקאָנט הערן דאָס ריטמישע געזאַנג פון די רעדלעך און פערדישע פיס.

פערטער קאַפּיטל

ווען שאַרמאַנטיע מיט פּאַטאַ מאַריאַן זיינען געקומען אַהיים און צוגעפאָרן צום פּראַנט פון הויז, איז זיי אַנטקעגנגעקומען די דינסט-באַלעבאָסטע טעאָדעסאַ מיט פאַרוויינטע אויגן.

— האַ, דאָמנילי! (האַ, האַרן!).

— וואָס איז געשען?

— דאָמנילי בריטשעוואַן איז זייער קראַנק.

די קינדער זיינען אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין, ניט פאַרמאַכנדיק הינטער זיך קיין טירן, אַזוי האָבן זיי זיךביידע דערשראָקן.

אין זיין שלאָף־צימער אויף דעם הויכן אָנגעבעטן בעט מיט די פּילע קישנס, איז בריטשעוואַן געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָט געקרעכצט. זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן. דערהערט דאָס קול פון זיינע קינדער, האָט ער אָנגעהויבן זיך קאַרטשען און שרייען מיט באַנומענע קולות.

די קינדער האָבן זיך אַריבערגעבויגן איבער זיין בעט און אים געגלעט איבער די געל־געוואָרענע הענט און פּנים.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט אָנגעהויבן וויינען, ווייל דער פאָטער האָט שוין ניט געקאָנט עפענען זיינע אויגן צו טאָן כאָטש איין בליק אויף איר.

שייע־שאַרמאַנטיע האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן. ער איז אַרויס אין הויף און געהייסן שפּאַנען פערד און בריטשקעס און מען זאָל לויפן קיין מאָ־לעוו אין איין זייט און קיין רישהאָן אין דער צווייטער זייט און וואָס־גיכער ברענגען צוויי דאָקטוירים. די באַפעלן זיינע זיינען דערפילט געוואָרן. די טרייבער האָבן זיך ווי אָנגעשטעקט מיט זיין אימפּעט און די פערד זיי־נען אַוועקגעפלויגן אין די צוויי באַזונדערע ריכטונגען.

שייע־שאַרמאַנטיע האָט זיך צוריק אומגעקערט אין בריטשעוואַנס צימער. ער האָט געזען, אַז דער אַלטער האַלט ביים שטאַרבן. בריטשע־וואַן איז שוין געל ווי וואַקס און זיין פּנים איז עפּעס אַזוי קליין געוואָרן, פול מיט קנייטשן פון די יסורים, וואָס ער האָט קוים איבערגעטראָגן. ביי שאַר־מאַנטיען איז געווען אַ געפיל, אַז ער וועט באַלד פאַרלירן אַ גוטן זיידן און אים האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ. ער האָט געגלעט זיין געליבטע פּאַטאַ מאַריאַס קאָפּ און זי געטרייסט, אַז באַלד וועלן קומען צוויי דאָקטוירים און זיי וועלן זיכער ראַטעווען דעם פאָטער. פאַר זיך האָט ער געוואוסט, אַז עס רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז ניט איינגיכן וועלן די דאָקטוירים קומען. עס איז דאָך אַזוי ווייט פון ביידע שטעט, וואוהין מען איז געפאָרן ברענגען די דאָק־טוירים. און ווי גיך די פערד זאָלן ניט לויפן, וועט עס אויך געדויערן אַ היפּשע צייט. און די צייט קריכט עפּעס אַזוי פּאַמעלעך. יעדע מינוט איז אַ שעה. און דער קראַנקער האַלט זיינע אויגן פאַרמאַכט און דאָס מויל פאַר־שלאָסן. וואָלט ער כאָטש געזאָגט וואו עס טוט אים וויי!

טעאָדעסאַ האָט אַריינגעבראַכט ליכט, אַריינגעשטעלט זיי אין די צוויי לייכטער אויפן טיש, צוקאָפּנס פונעם קראַנקן, און האָט די ליכט אָנגעצונדן.

— ווי איז ער קראַנק געוואָרן?—פרעגט ביי איר שאַרמאַנטיע.

— פּלוצים...

— האָט ער געגעסן וועטשערע?

— יאָ, ער האָט געגעסן באַלאַבעשקעס.

— און דערנאָך אָנגעהויבן פּילן שלעכט?
— יאָ.
— וואָס האָסטו געטאָן?
— איך האָב אים צוגעלייגט הייסע קאָמפּרעסן צום בויך.
— די וויטיקן זיינען געווען אין בויך?
— יאָ, ער האָט געהאַט קראַמפּן אין בויך.
— שוין לאַנג אַז ער פילט ניט גוט?
— אַ פּאָר שעה.
— פאַרוואָס האָסטו ניט געשיקט אונדז רופן? דו האָסט גע־וואוסט, וואו מיר זיינען!
— איך האָב געמיינט, אַז אַט, אַט און אים וועט ווערן בעסער.
— ביסטו זיכער, אַז ער האָט נאָר געגעסן באַלאַבעשקעס?
— קיין שום אַנדערע זאַך ניט.
— דו האָסט אַליין געמאַכט די באַלאַבעשקעס?
— יאָ.
— גוט. גיי אַרויס פון צימער. ווען מיר וועלן דיך דאַרפן, וועלן מיר דיך רופן — זאָגט שאַרמאַנטיע צו טעאָדעסאַן.
טעאָדעסאַ האָט זיך אַפילו דערפילט ניט אַזוי באַקוועם פון דעם, וואָס דאָס יינגל הייסט איר אַרויסגיין. וואָס איז זי דאָ, אַ דינסט? צי איז זי ניט געווען ווי אַ אמת ווייב צו דעם אַלטן?! אָבער זי האָט זיך ניט געוואָלט איצט קעגנשטעלן אַט דעם נאַרישן יינגל. איז זי שטי־לערהייט אַרויס פון צימער. — זאָל נאָר דער אַלטער פאַרמאַכן די אויגן, — האָט זי געטראַכט, — וועל איך זיי וויזן ווער עס איז דאָ די באַלע־באָסטע.
ווען זי איז אַרויס פון צימער, האָט שאַרמאַנטיע געזאָגט צו פּאַ־טאַ מאַריאַן:
— כ'האָב אַ פאַרדאַכט אַז זי האָט עפּעס שלעכטס געטאָן אונדזער פאָטער.
— ווער, טעאָדעסאַ?
— יאָ. ווער ווייסט וואָס זי האָט אים געגעבן צום עסן!
— וועלן די דאָקטוירים עפּעס קאָנען טאָן?
— זיי זיינען דאָך געלערנט אויף דעם. איך האָף, אַז זיי קומען באַלד.
— שאַרמאַנטיע, לאָמיר עפּעס טאָן איידער די דאָקטוירים קומען.
—וואָס קאָנען מיר טאָן? אפשר אים מאַכן אַ קאַנע?
— לאָמיר פּרואוון — האָט זיך פּאַטאַ מאַריאַ ווי אָנגעכאַפּט אין

אַט דער לעצטער האָפענונג. זי איז אַוועק אין קיך צוצוגרייטן די קאַנע.

דער אַלטער בריטשעוואַן איז געווען שוין אַ האַלב טויטער און בשעת די קינדער האָבן אים געמאַכט אַ קאַנע האָט ער זיך געקאָר־טשעט פון די קראַמפּן, וואָס דאָס הייסע וואַסער האָט נאָך מערער אים פאַרשאַפט. אָבער, ער האָט זיך שוין ניט געקאָנט ווערן קעגן דעם, וואָס די קינדער האָבן מיט אים געטאָן. ער האָט מסתמא אפילו ניט געוואוסט, וואָס די קינדער טוען מיט אים. יעדעס מאָל ווען עס האָט אים געטאָן אַ כאַפּ־אָן די ווייען, איז ער געוואָרן בלוי אויפן פּנים, ברייט צעעפנט זיין מויל, כדי צו קאָנען אָפּכאַפּן זיין אָטעם, און גע־שריען מיט די לעצטע כוחות.

וואָס ער האָט געשריען, האָט מען ניט געקאָנט קלאָר וויסן. עס איז געווען זייער פּיינלעך צו שטיין אַרום זיין בעט, צו הערן אים שריי־ען און צו זען זיין בלוי פּנים, און גאָרניט קאָנען טאָן כדי אים צו פאַר־לייכטערן זיינע לעצטע מינוטן.

אַז עס זיינען געקומען זיינע לעצטע מינוטן, האָט שוין אפילו דאָס מיידל פּאַטאַ מאַריאַ געזען. זי האָט געבראָכן אירע ווייסע, שיינע הענט און אַרומגעגאַנגען איבערן צימער מיט צעלאָזענע האָר ווי אַ נאַכט־וואַנדלערקע.

שאַרמאַנטיע האָט זיך עפּעס געפּאָרעט אַרום אַלטן.

— איך וועל האַלטן זיין וואַסער ביז די דאָקטוירים וועלן קומען, כדי זיי זאָלן עס אונטערזוכן — האָט געזאָגט שאַרמאַנטיע. — זע, עס איז פול מיט בלוט... אונדזער פאָטער בלוטיקט אינערלעך...

עס האָט אויסגעוויזן, אַז עס האָט געדויערט אַ יאָר, איידער די דאָקטוירים זיינען געקומען. אָבער ענדלעך זיינען זיי שוין דאָ. דער מאָלעוועך איז געווען אַן אַלטיטשקער, אַ קליינער און אַן אויסגעדאָרטער, מיט אַ קליין שפּיציק בערדל. און דער רישקאָנער איז געווען אַ הויכער יונגערמאַן מיט זייער איידעלע מאַניערן. דער אַלטיטשקער איז אַ גרעסערער דאָקטאָר. דער יונגער דאָקטאָר האָט זיך גערן צוגעהערט וואָס דער אַל־טיטשקער זאָגט.

די צוויי דאָקטוירים האָבן אָנגעקוקט דעם שטולגאַנג. זיי האָבן אין אַ שמאָל פלעשעלע אַריינגענומען אַביסל און עס באַטראַכט נאָ־ענט ביים ליכט.

— זעסט! — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט צום יונגן דאָקטאָר. — עס האָט אין זיך אַזוינע גלאַנציקע פליטערלעך... וואָס קאָן עס זיין?

— קרישטאָלן! — האָט דער יונגער דאָקטאָר געזאָגט.

זיי האָבן זיך גענומען אַרומטאַפּן דעם קראַנקן.

— די סימפּטאָמען ווייזן אויף אינערלעכע וואונדן — זאָגט דער אַלטער דאָקטאָר.

— דערפון קומט דאָס בלוט.

— יאָ, אָבער וואָס קאָן מען טאָן?

— אין אַזאַ פאַל גיב איך בוימל און מילך.

— ניט קיין שלעכטער געדאַנק, בוימל. איז אין שטוב פאַראַן בוימל? מילך?

— זיכער! — האָט פּאַטאַ מאַריאַ זיך געטאָן אַ וואָרף אין קיך אַריין. זי האָט געבראַכט אַ פלאַש מיט בוימל און אויך אַ קרוג מיט מילך.

— וואָס האָט אייער פאָטער געגעסן?

— באַלאַבעשקעס...

— וואָס איז דאָס? — האָט דער אַלטער דאָקטאָר געלאַכט. ער איז געקומען פון מאָלעוו און ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מאכל.

— עס איז אַזוינע קוילן פון רעטשענע מעל מיט פּוטער און מיט קנאָבל.

— דאָס אַלץ וואָס ער האָט געגעסן?

— מיר זיינען ניט געווען אין דער היים, דאָקטאָר, און די דינסט האָט מיין פאָטער געגעבן באַלאַבעשקעס.

— וואו איז זי? שיקט זי רופן. איך וויל זי עפּעס פרעגן.

באַלד איז טעאָדעסאַ געקומען אַ דערשראָקענע, אַ בלאַסע.

— זייט איר זיכער, אַז דער אַלטער האָט נאָר געגעסן רעטשן־מעל און ניט עפּעס אַנדערש? — האָט דער אַלטער דאָקטאָר שטרענג געקוקט אויף טעאָדעסאַן.

— יאָ, זיכער ניט קיין אַנדער זאַך — האָט טעאָדעסאַ געזאָגט.

— ווי־זשע קומען צו אים אין מאָגן שטיקלעך גלאָז?!

— וואָס ווייס איך?

— איר זייט די באַלעבאָסטע?

— איך ווייס גאָרניט.

דער אַלטער דאָקטאָר האָט געהייסן די קינדער, אַז זיי זאָלן פאַר־שפּאַרן טעאָדעסאַן אין אַ קאַמער, כדי זי זאָל ווערן געהאַלטן אַלס דער הויפּט־עדות.

שאַרמאַנטיע האָט גערופן צוויי לאַקייען און זיי געהייסן פאַר־שפּאַרן טעאָדעסאַן אין אַ קאַמער און זי האַלטן דאָרטן פאַרשלאָסן. טעאָדעסאַ האָט זיך געוועהרט, אָבער מען האָט זי פאַרשפּאַרט.

און די צוויי דאָקטוירים האָבן זיך גענומען אַרבעטן איבער דעם אַלטן בריטשעוואַנען. מען האָט אין אים געגאָסן מילך, בוימל און ווידער מילך און אויך אַריינגעלאָזט אַ קאַנע פון מילך מיט בוימל.

פינפטער קאַפּיטל

עס האָט גאָרניט געהאָלפן, כאָטש די צוויי דאָקטוירים האָבן געאַרבעט איבער דעם אַלטן בריטשעוואַן כמעט אַ גאַנצע נאַכט. און ער איז אַרום פאַרטאָג אויסגעגאַנגען אין גרויסע יסורים.

די דאָקטוירים זיינען געפאָרן אַהיים און זיינען אינמיטן טאָג געקומען צוריק כדי צו פאַלמעסן בריטשעוואַנען און קאָנען פעסטשטעלן פון וואָס ער איז געשטאָרבן. עס איז אויך געבראַכט געוואָרן פון בעלץ דער סליעדאָוואַטעל (געריכט־אונטערזוכער).

עס איז באַלד דערוויזן געוואָרן, אַז בריטשעוואַן האָט באַקומען מיט די באַלאָבעשקעס שטיקלעך גלאָז און אָט־די שטיקלעך גלאָז האָבן צעפּאַסעוועט זיינע קישקעס.

דער סליעדאָוואַטעל האָט געהייסן אַוועקפירן טעאָדעסאַן אין דעם בעלצער אָסטראָג ביז זי וועט געמשפּט ווערן פאַרן מאָרד.

בריטשעוואַן איז באַגראָבן געוואָרן לעבן זיין ווייב און זון, טאַקע דאָ ניט ווייט אויפן פעלד. מען האָט אים געגעבן מיליטערישע ערע, ווייל ער האָט געהאַט אַ הויכן מיליטערישן ראַנג. עס זיינען אויך אָנגעפאָרן מיליטער־לייט פון די הויכע ראַנגען פון קעשענעוו און פון גאַנץ בעסאַראַביע.

דאָס מיידל פאַטאַ מאַריאַ און אויך שאַרמאַנטיע האָבן אַ סך טרערן פאַרגאָסן ביים פרישן קבר. מען האָט בריטשעוואַנען אָנגעטאָן אין זיינע מיליטער־קליידער און אים צוגעדעקט מיט דער שוואַרצער בעסאַראַבער ערד. די גלחים מיט די דיאַקאָנען האָבן געפּרייפלט און געשאָקלט מיט די ווירויך־רויכעריקע לעמפּעלעך. דער טאָג איז געווען אַן אָסיענדיקער, אַ קלאָרער און אַ שמעקעדיקער; איינער פון די דאָזיקע טעג, ווען עס ווילט זיך ערגעץ אַנטלויפן אין דער ווייטקייט און פּרואוון דערגרייכן דעם ברעג פון האָריזאָנט.

נאָך דער קבורה איז אין הויף געגעבן געוואָרן אַ סעודה. און נאָכדעם זיינען זיך אַלע צעפאָרן. שאַרמאַנטיע איז געבליבן מיט פאַטאַ מאַריאַן אין הויף. דאָס מיידל האָט ניט געקאָנט שלאָפן יענע נאַכט און שאַרמאַנטיע איז געזעסן נעבן איר בעט און געהאַלטן אירע הענט.

— פאַרוואָס האָט זי אים אַזוינס געטאָן?
— זי האָט געהאַט אַ צוועק, אַ פינצטערן, — זאָגט שאַרמאַנטיע,
— פטור צו ווערן פון אונדזער פאָטער און ווערן דאָ די באַלעבאָסטע.
— און מיר ביידע? — פרעגט נאַאיוו פאַטאַ מאַריאַ.
— אונדז וואָלט זי מסתמא אַרויסגעטריבן פון שטוב, — אַזוי האָט זי געפּלאַנעוועט. אָבער זי האָט ניט געוואוסט, אַז זי האָט צו טאָן מיט שאַרמאַנטיען.
— דו האָסט באַלד דערקענט, אַז עס איז א י ר אַרבעט.
— די ערשטע מינוט, ווי איך בין אַריין אין הויז האָב איך געוואוסט אַז עס איז איר אַרבעט... זי וועט טייער באַצאָלן...
— אָבער אונדזער פאָטער איז שוין מער נישטאָ מיט אונדז... וואָס וועט אונדז אַרויסקומען, אַז מען וועט טעאָדעסאַן באַשטראָפן?
— וואָס דען? לאָזן זי אומבאַשטראָפט, כדי זי זאָל קאָנען באַגיין נאָך אַ פאַרברעכן?
— זי וואָלט אפשר אונדז ביידע אויך אומגעבראַכט, ווען מען לאָזט זי פריי?
— זיכער! זי וואָלט אונדז אויך געקאָנט גיבן עסן גלאָז...
— און זי האָט געשפּילט איר ראָלע אַזוי פרום און גוט, גלייך ווי זי וואָלט געווען זיין אמתע ווייב און אונדזער מוטער.
— ווייסט וואָס איך טראַכט? טעאָדעסאַן האָט זיך זייער געוואָלט זיין אַ פּריצטע. אַליין אַ שקלאַפין, האָט זי געוואָלט זיין אַ שקלאַפין־טרייבערין. ווען זי וואָלט ניט געווען קיין שקלאַפין וואָלט איר אפשר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן צו דערמאָרדן אַ מענטשן.
— איך פאַרשטיי דיך. מען דאַרף באַפרייען די שקלאַפן און זיי געבן אַ געלעגנהייט צו לעבן ווי פרייע מענטשן.
— טייערע, ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן?
— וואָס?
— מיר זאָלן צעטיילן די ערד אונדזערע צווישן פאָלק און פאַר אונדז אויך איבערלאָזן אַ שטיקל לאַנד און מיר זאָלן אָנהויבן פירן אַן אַנדער לעבן.
— וואָס מיינסטו?
— כ׳מיין, אַז מיר אַליין זאָלן באַאַרבעטן אונדזער ערד, פונקט ווי אַלע און פירן אַן ערלעך לעבן — זאָגט שאַרמאַנטיע.
— כ׳האָב מורא, אַז מיר וועלן דאָס ניט קאָנען.
— מיר וועלן עס קאָנען, אויב מיר וועלן עס ערנסט וועלן. עס איז גאָרניט אַזוי שווער צו באַאַרבעטן די ערד. איז דאָך דאָס פאָלק

געזונט, כאָטש עס אַרבעט שווער אויף דער ערד. פאַרוואָס זאָלן מיר אויך ניט זיין געזונט און אַרבעטן אויף אונדזער ערד? מיר וועלן אַקערן און זייען און שניידן...

— וואָס דיר איז ליב און טייער, איז מיר אויך ליב און טייער — זאָגט פּאַטאַ מאַריאַ.

— מיר וועלן חתונה האָבן און אויסטאָן די פּריצישע קליידער און אָנטאָן פּויערשע. איך וועל אַרבעטן אין פעלד און דו וועסט פירן די באַלעבאַטישקייט אַרום הויז. מיר וועלן האָבן קינדער און לעבן אַ פריי און אַ זאַט לעבן...

— איך וועל אַלץ טאָן, ווי דו ווילסט, — זאָגט פּאַטאַ מאַריאַ — איך וועל ווערן אַ פּויערטע און טרייבן די גענדז צו דעם טייך און מעלקן די קי און דיר אויך העלפן אין פעלד.

— מאָרגן גיי איך אַרויס באַפרייען די שקלאַפן אונדזערע. מיר וועלן זיך מיט זיי צעטיילן מיט דער ערד און מיט אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן. עס איז זייערס, נאָך מער ווי אונדזערס. איך וועל זיי באַזעצן אין אַ דאָרף. זאָלן זיי האָבן זייער אייגן דאָרף מיט אַלץ וואָס זיי וועלן נאָר דאַרפן. יאָ, מאָרגן וועט זיין אַ גרויסער טאָג מיט אַ סך אַרבעט. אַ גוטע נאַכט. פּרואוו איינשלאָפן.

שאַרמאַנטיע האָט איר געגעבן אַ קוש און איז אַוועק צו זיך אין צי־מער. עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. די הענער האָבן געקרייעט און אין דרויסן איז געווען אַ טומאַן — דער אָסיענדיקער טומאַן פון בעס־סאַראַבער פעלדער. דער דאָזיקער טומאַן האָט אַביסל ליכטיקער געמאַכט די שוואַרצע נאַכט. שאַרמאַנטיע האָט זיך אויסגעטאָן, פאַרלאָשן דאָס ליכט און אַריינגעשפּרונגען אין בעט, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך געווען אַ קליין יינגל און ניט אַ יונגערמאַן מיט אַזוי פיל פּראָבלעמען פאַר זיך. ער האָט צוליב אָט־די פּראָבלעמען ניט געקאָנט אַזוי גיך איינשלאָפן. ווי אַזוי וועלן די שקלאַפן אויפנעמען זייער באַפרייאונג? און ווי וועלן מענטשן אויפנעמען זיין און פּאַטאַ מאַריאַס פאַרוואַנדלען זיך פון פּריצים אין פּשוטע פּויערים? און ווי וועלן זיי אַליין אַזאַ נײַ לעבן דורכפירן? צי וועט עס ניט זיין צו שווער פאַר זיי?

שאַרמאַנטיע האָט גערעדט מיט זיך אַליין און אויף יעדער פראַגע גע־וואָלט געבן אַן ענטפער, נאָר ער האָט ניט אויף אַלץ געקאָנט ענטפערן.

ער אַליין איז געווען גרייט אויף אַלע שוועריקייטן. נאָך אַלעמען קומט ער דאָך ניט אַרויס פון פּריצים. ער געדענקט נאָך גוט זיין קינד־הייט אין קאָמענעץ ביי זיין פאָטער, דעם קליינעם קרעמערל; עס איז ניט געווען געבנוג צום עסן פאַר אַלעמען. און מען האָט געוואוינט אין אַ קעלער

אין איין צימער דאָס גאַנצע הויז־געזינד; קיין פּאַדלאָגע פון ברעטער איז ניט געווען, און ווינטער האָט מען גוט געפרוירן. די שטיוועלעך האָבן גע־האָט לעכער אין די פּאָדעשוועס און קיין זאָקן האָט ער קיינמאָל ניט פאַר־מאָגט; און די קליידער זיינען געווען צעריסענע, פאַרלאַטעטע... איצט איז ער אַ פּריץ!... שוין אַ פּאָר יאָר אַז ער האָט אַלץ פונעם בעסטן און שענסטן. ער איז שוין צוגעוואוינט צום גוטן. אָבער ער קאָן זיך זייער גרינג פון דעם אַלעמען אָפּזאָגן!

און ווער וועט עס אונדז ניט לאָזן וואוינען און גיין אָנגעטאָן שיין, אַפילו ווען מיר וועלן זיין פּשוטע פּויערים?

אמת, אַז די איבעריקע פּויערים וועלן עס אַזוי גיך ניט קאָנען באַוויזן צו גיין אָנגעטאָן שיין און וואוינען אין שיינע הייזער, אָבער זיי וועלן מוזן קומען דערצו אין אַ פּאָר יאָר.

אַז שאַרמאַנטיע האָט זיך דערמאָנט אין קאָמענעץ, איז פאַר אים אויפ־געקומען אַ נייע פּראָבלעם: וואָס טוט מען מיט די קליינע יידעלעך? צי זאָל ער זיי אויך געבן נייע חלקים ערד? וואָס זיינען זיי ערגער פון די גוי־אישע שקלאַפן? אמת, זיי זיינען ניט קיין ריכטיקע שקלאַפן, אָבער דאָס האָבן זיי אים, שייען, צו פאַרדאַנקען. דאָס האָט ער זיי געהאָלפן מיט זיין איינפלוס איבער בריטשעוואַנען.

— איז וואָס טוט מען מיט זיי?

— איך וועל זיי אויך געבן חלקים ערד. זאָלן זיי געדענקען, אַז עס איז געווען אַ ש י י ע אויף דער וועלט.

שייע האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז די קליינע יידעלעך האָבן שוין אָפּגע־מאַכט, אַז זיי זאָלן רופן דאָס דאָרף זייערס: „שייעווקע"...

די קליינע יידעלעך האָבן דאָס אָפּגעמאַכט יענעם אָוונט ווען שייע האָט זיי אַלעמען איינגעטיילט פערד און וועגעלעך.

זיי האָבן זיך אין אָוונט צונויפגעזאַמלט אין באַסיעס שטוב.

די פערד, וואָס מען האָט זיי געגעבן, האָבן זיי אָפּגעלאָזט אויף פּאַשע אויף די פעלדער אַרום דאָרף. יאָסלען און ישראלן האָט מען אַוועקגע־שטעלט היטן די פערד. כאָטש די פערד האָבן סיי־ווי ניט געקאָנט אַנט־לויפן, ווייל רחמיאל האָט זיי פאַרבונדן די פאָדערשטע פיס מיט אַ וויאַשקע. רחמיאל האָט עס געזען ביי די פּויערים פון דעם שטעטל, פון וואַנען ער איז געקומען.

די גאַנצע עדה האָט ערנסט געטראַכט וועגן אַ נאָמען פאַרן דאָרף.

— נו, איצטער־אָ זיינען מיר נאָך קליין, אָבער מיט גאָטס־הילף, אַז אונדזערע וואַבעלעך וועלן אָנהויבן קינדלען, וועט אָך אונדזער דאָרף וואַקסן ווי גראָז, און מיר האָבן נאָך ניט קיין נאָמען...

אַזוי האָט געזאָגט רחמיאל דער סטאַראָסטע.

— טאַקע, טאַקע! — האָבן אַלע צוגעשטימט.

— איז אַזוי ווי שייע איז געווען איינער פון אונדז און גאָט האָט אים באַגליקט, אַז ער זאָל אונדז העלפן, זאָג איך, אַז מיר דאַרפן אונדזער דאָרף אַ נאָמען גיבן נאָך שייען — האָט דאָדל דער רב געזאָגט.

— ריכטיק! זייער קלוג גערעדט! מיר ווילן אונדזער דאָרף אַ נאָמען געבן שייעווקע. — האָ, וואָס זאָגט איר?

— שייעווקע! מיט מזל און מיט ברכה, שייעווקע!

זעקסטער קאַפּיטל

דאָס דאָרף שייעווקע איז געווען אין טרויער עטלעכע טעג נאָך דעם טויט פון בריטשעוואַן און דערנאָך לאַנג, לאַנג ניט געקאָנט פאַרגעסן וועגן אָט דער פּאַסירונג, ווען עס איז נאָר געקומען די געלעגנהייט צו ריידן וועגן דעם.

זינט שייעווקע איז געוואָרן אַן אמת דאָרף, האָט עס באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען. די קליינע יידעלעך האָבן גאָר פריער ניט באַמערקט, ווי זייערע שטיבעלעך שטייען אין אַ לאַנגער שורה און ווי שיין זיי שפּיגלען זיך אין דער זון! און די גרין־געפאַרבטע ווענטלעך, וואָס זייבן געשטאַנען מיט די דישעליעס אַרויף צום הימל ביי יעדער שטוב, האָבן צוגעגעבן דעם דאָרף פיל חן און וואַרעמקייט.

שייעווקע האָט זיך געגרייט אַראָפּצונעמען דעם טאַבאַק פון די פעלדער. די קוקורוזע האָט זיך שוין אויך געפּאַרטיקט און מען האָט שוין געקאָנט רייסן סטראָגעס קוקורוזע אויף אָפּצוקאָכן און צו עסן. די קוקורוזע איז געווען זיס ווי צוקער און אַזוי זעטיק און גוט, אַז מען האָט עס געקאָנט עסן און עסן. עס איז אויך שוין געווען אַ קאַרטאָפל צום אָפּקאָכן. און די נייע בעסאַראַבער קאַרטאָפליע איז דאָ אין נייעם דאָרף אַרויסגעקומען אַזוי מעליק און זיס ווי אַ גוטער קוכן.

דאָס דאָרף שייעווקע האָט נאָך ניט געהאַט קיין אויוונס. עס גייט צו ווינטער און אַלע יידעלעך ווילן שוין האָבן אויוונס פאַרן קומענדיקן ווינטער...

רחמיאל דער סטאַראָסטע האָט איינמאָל אַנטדעקט ווייט אין די האַרטאָפּעס (בערג) איינעם אַזאַ באַרג, וואָס איז געווען פול מיט פלאַטשיקע שטיינדלעך, פון וועלכע מען קאָן מאַכן אויוונס. אָט־די שטיינדלעך ווערן זייער גיך אָנגעהיצט און קאָנען אויך האַלטן אין זיך וואַרעמקייט. אַזוי האָט

רחמיאל געזאָגט: ווען די זון וואַרעמט אָן דעם באַרג, ווערן די דאָזיקע שטיינדלעך הייס ווי פייער און מען קאָן זיך אין זיי אָפּבריען די הענט.

— אָבער ווער וועט מאַכן די אויוונס?

— וואָס הייסט, ווער? — ענטפערט רחמיאל, — איך בין דאָך סטאַראָסטע, וועל איך אַלע יידן הייסן מאַכן אויוונס. שפּאַנט איין פערד און וועגעלע און היידאַ! פאָרט אַלע אַרויס צום באַרג און ברענגט שטיינער. אַזוי הייסט רחמיאל!...

— אַז רחמיאל הייסט מוז מען פאָלגן — זאָגט לייזער קאָוואַל. — און מיר דאַכט זיך, אַז איך ווייס ווי אַן אויוון ווערט געמאַכט פון שטיינער און ליים. איך האָב זיך צוגעקוקט ווי אַ מוליאַר האָט עס געטאָן אין דער היים.

הכלל, מען האָט איינגעשפּאַנט פערד און וועגעלעך און מען איז אַרויסגעפאָרן צום באַרג. פריער איז געפאָרן רחמיאל סטאַראָסטע און נאָך אים די דאָרפישע יידעלעך.

דער באַרג איז געווען אַ רונדער, ווי אַ סטויג היי, מיט גראָז באַדעקט. און די יידעלעך האָבן זיך נאָר געדאַרפט אַנבויגן און טאָן אַ גראַב מיט די פינגער און באַלד האָבן זיך אַנטפּלעקט אוצרות מיט פּלאַכע שטיינדלעך, אַזוי ווי געבאַקענע קאָרזשעקעס.

עס איז געווען אמת, וואָס רחמיאל האָט געזאָגט: אַז די דאָזיקע שטיינדלעך ווערן אָנגעהיצט פון דער זון, זיינען זיי הייס ווי פייער.

באַלד האָבן זיך די וועגעלעך גענומען אָנפילן מיט אָט־די שטיינדלעך און די יידעלעך האָבן זיך פאַרוועט ווער עס וועט פריער אָנפילן זיין וועגעלע. אין דער לופטן האָט זיך געהערט דער קלאַנג פון די שטיינער אין די וועגעלעך. הענט זיינען פלינק געפלויגן און זיך געגראָבן אין דער גראָזיקער ערד פונעם באַרג. די שטייער זיינען געלעגן אויסגעלייגט אין דער ערד פונקט ווי מען וואָלט זיי דאָ אָנגעגרייט טאָקע פאַר די דאָזיקע יידעלעך.

דער ערשטער איז געווען רחמיאל אָנצופילן זיין וועגעלע. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גאָטגעבענטשטע הענט. צו וואָס ער האָט זיך נאָר צוגערירט איז אים געגאַנגען.

ער האָט פאַרדרייט אַ ציגאַר טוטין. קיין ציגאַר־פּאַפּיר האָבן זיי אין דאָרף נאָך ניט געהאַט. האָבן זיי גענוצט געטריקנטע קוקורוזע־בלעטער אַלס ציגאַר־פּאַפּיר. דער טוטין איז געווען אַן אייגענער. פייער האָט מען אויסגעשלאָגן קלאַפּנדיק אַ קרעמין אין אַ שטיקל אייזן. דער ציגאַר־טוטין האָט זיך גערויכערט זייער געשמאַק. האָט רחמיאל געלאָזט דעם רויך דורך זיינע נאָז־לעכער און געפילט ווי ער נעמט זיך אָן מיט נייע כוחות. ער איז צוגעגאַנגען העלפן דאָדל דעם רב.

דאָדל איז נעבעך געווען אַ היפּשער לאָ־יצלח. איידער ער האָט באַוויזן צו געפינען אַ שטיין, איז אים אָנגעקומען מיט גרינע ווערים.

— דו קאָנסט בעסער געפינען אַן אַלף אין סידור... — לאַכט רחמיאל.

— וואָס זאָל איך טאָן אַז איך בין ניט געוואוינט צו אַזאַ אַרבעט.

— זאָרג זיך ניט. כ׳וועל דיר העלפן. און דערפאַר וועסטו פאַר מיר שוין אויך טאָן דאָרטן אַ דאַוון... איך בין ניט געוואוינט צו יענער אַר־בעט...

אַז אַלע יידעלעך זיינען שוין געווען אָנגעפילט מיט ווערעמס, האָבן זיך די יידעלעך אומגעקערט אין דאָרף אַריין און אָפּגעשאָטן די שטיינער יעדערער ביי זיין שטוב. שפּעטער האָט זיי לייזער קאָוואַל געוויזן ווי אַזוי מען מאַכט אַן אויוון. עס איז ניט געווען קיין זאָרג וועגן ליים. אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט טאָן איז געווען, אויסצוגראָבן אַ גרוב און באַלד האָט זיך באַוויזן דער אוצר פון דער גאָלדענער ערד, וואָס אַז מען האָט זי אויס־געמישט מיט וואַסער, איז דערפון געוואָרן אַ קאַשע, וואָס האָט זיך געקלעפּט צו די הענט.

די קליינע ווייבעלעך האָבן דאָ באַוויזן וואָס זיי קאָנען. זיי האָבן פאַר־מישט דעם ליים מיט וואַסער און אים געקנאָטן, ווי זיי וואָלטן געקנאָטן טייג צו מאַכן ברויט.

לייזער קאָוואַל האָט גענומען מויערן פריער זיין אייגענעם אויוון. ער האָט געלייגט אַ שטיין אויף אַ שטיין און אינדערמיט אַביסל ליים, ווי אַ פיר־עקיקן קאַסטן; און וואָס העכער, האָט ער אַלץ פאַרשמעלערט זיין פאַר־נעם. פאַרטיק געוואָרן, האָט מען דורך דעם טירל, וואָס לייזער האָט איבער־געלאָזט פון פאָרנט, געזען, אַז עס איז אַזוי ווי אַ הייל, — כאַטש קריך אין איר אַריין און לייג זיך דאָרטן שלאָפן...

— אָט דאָס איז אַן אויוון! — האָט לייזער פאַרלייגט די הענט אין די זייטן און געוואַרט וואָס די יידעלעך וועלן זאָגן אויף זיין אַרבעט.

— עס פעלט דאָך אָבער אַ פּריפּעטשעק — זאָגט פנחס סטאָליאַר.

— דעם פּריפּעטשעק וועלן מיר שוין מאַכן — ענטפערט לייזער.

— און אַ קוימען?

— דער קוימען וועט זיין איבער דעם פּריפּעטשעק — דערקלערט ליי־זער מיט שטאָלץ.

— ביסטעך טאַקע אַן אמתער מוליאַר! — שרייט־אויס רחמיאל און גיט לייזערן אַ טראַך אין פּלייצע — איך וועל דיר מוזן הייסן מאַכן אַלע אויוונס.

— כ׳וועל מאַכן אויוונס, אַ ברירה האָב עך? געבוירן בין איך צו זיין אַ קאָוואַל. מיין טאַטע איז געווען אַ קאָוואַל און מיין זיידע אויכעט. אָבער

אַז גאָט וויל, אַז איך זאָל מאַכן אויוונס, בין איך צופרידן... אונדזערע יידעלעך וועט זיין ווארעם היינטיקן ווינטער. און ווער שמועסט, אַז מען וועט האָבן מעל און מען וועט באַקן אַ שטיקל ברויט... כ׳האָב שוין באַלד פאַרגעסן דעם טעם פון אַ שטיקל ברויט...

באַסיע מיט איר שווערן בויך, וואָס האָט זי נאָך קלענער געמאַכט, ווי זי איז געווען אין דער אמתן, איז דאָ אויך געווען, כדי צו „לייגן איר פּע־טשאָט" אויף דעם אויוון, וואָס דער קאָוואַל האָט געמאַכט.

— אַ קאָוואַל בלייבט אַ קאָוואַל. וואָס פאַר אַן אויוון האָסטו געמאַכט, אַז עס איז נישטאָ וואו אַרויפצוקריכן, אויב אַ שטייגער מען וויל זיך אַמאָל אין אַ קאַלטער נאַכט אויף אים לייגן שלאָפן.

— וואַרט, וואַרט, באַסיעלע, דער אויוון איז נאָך ניט געענדיקט. איך וועל אים ערשט אַרוממויערן מיט שטיינער און מאַכן, אַז מען זאָל יאָ קאָ־נען אויף אים אַרויפקריכן — ענטפערט איר לייזער קאָוואַל פּאַוואָליע און מיט שכל. — ס׳מיינסטע, — איך ווייס נישט וואָס אַן אויוון איז?

איצט איז שוין כמעט אַלץ געווען פאַרענטפערט, נאָר איין זאַך איז נאָך געבליבן הענגען אין דער לופטן: — דער קוימען...

— וואו וועט אַרויסגיין דער קוימען?

— אויפן דאַך!

— אויף אַ שטרויענעם דאַך וועסטו מאַכן אַ קוימען... זייער גוט!... איינס און צוויי און דער דאַך וועט ברענען...

— וואָזשע דען?...

— עס וועט מוזן זיין דורך אַ לאָך אין וואַנט אין דרויסן אַרויס.

— וועט דאַך דער ווינט אַריינקומען אין שטוב אַריין.

— אַזוי?! דער ווינט וועט אַריינקומען?! הערט אַ חכמה! און אַז איך וועל מאַכן אַ פאַרשטעקער — האָט לייזער קאָוואַל שוין גערעדט ווי אַן אמתער עקספּערט — ווייסט איר וואָס אַ פאַרשטעקער איז? האַ? איר ווייסט נישט! אַ פאַרשטעקער איז אַזאַ מין פּאָקרעשקע, וואָס אַז מען וויל גיט מען זי אַ דריי און דער קוימען איז פאַרשטעקט און דער ווינט קריגט אַ פייג אין נאָז אַריין...

— סיידן מיט אַ פאַרשטעקער...

— וואָדען, אָן אַ פאַרשטעקער?

און עס איז געבליבן ווי לייזער האָט געזאָגט. דער קוימען זאָל אַרויס־גיין דורך אַ לאָך אין דער וואַנט.

די יידעלעך האָבן געריסן שטיינער פונעם באַרג און געבראַכט פולע וועגעלעך אין דאָרף אַריין צו זייערע שטיבער און לייזער קאָוואַל האָט גע־

מוליעוועט זייערע איוונס. די ווייבעלעך האָבן געקנאָטן ליים מיט די באָר־וועסע פיס. עס איז געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

זיבעטער קאַפּיטל

שייע־שאַרמאַנטיע האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז די קליינע יידעלעך האָבן אַ נאָמען געגעבן זייער דאָרף נאָך אים.

ער איז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און פּאַטאַ מאַריאַ איז אויך אויפגעשטאַנען גלייך מיט אים, ווייל זי האָט געוואָלט זיין דערביי, ווען ער וועט די שקלאָפן באַפרייען.

אין הויף איז אָנגעגאַנגען די געוויינלעכע מאָרגן־אַרבעט: מען האָט געמאָלקן די שאָף, אָנגעטרונקען די אָקסן און די פערד און זיי געגעבן עסן. עס איז געווען קאַיאָר. דער הימל האָט זיך שוין גענומען בלייכן אין מזרח און דורך די פענצטער איז דער דרויסן געוואָרן וואָס אַ מאָל בלויער.

אין שטוב איז איצט ניט געווען קיין שום דינסט. פּאַטאַ מאַריאַ האָט מורא געהאַט זיך צו פאַרלאָזן אויף פרעמדע הענט. זי האָט אַליין צוגעגרייט דעם איבערבייסן. און ווען זיי האָבן ביידע אָפּגעגעסן און אָפּגעטרונקען טיי, איז שוין געווען גאַנץ ליכטיק אין דרויסן און די ערשטע שטראַלן פון דער מאָרגן־זון האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די שויבן.

די צוויי יונגע מענטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען אין הויף.

שייע־שאַרמאַנטיע האָט געהייסן צונויפזאַמלען אַלעמען, די מענער פרויען און קינדער אין טיפן הויף ביי דער קערניצע. ווען זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט שייע זיך אַוועקגעשטעלט אויפן קיילעכיקן שטיין, וואָס איז געלעגן ביים מויל פון דער קרעניצע און האָט זיי באַגריסט:

— באָני דימנאַצי! (גוט מאָרגן!).

— באָני דימנאַצי! — האָט דער עולם געענטפערט ווי מיט אַן עכאָ.

— הערט אויס מענטשן! — האָט שייע־שאַרמאַנטיע געזאָגט און זיין קול האָט זיך געבראָכן אונטער דער ערנסטקייט פון דעם מאָמענט — איך וויל אייך אַ בשורה אָנזאָגן. פון היינט־אָן, דאָס הייסט, פון איצט־אָ, זייט איר אַלע פרייע מענטשן. איר זייט ניט מער מיין אייגנטום און ניט פּאַטאַ מאַ־ריאַס אייגנטום. איר געהערט צו זיך אַליין. איר קאָנט גיין וואוהין איר ווילט און טאָן מיט זיך וואָס אייער האַרץ באַגערט. ווילט איר בלייבן דאָ אויפן אָרט, וועלן מיר אייך אויסטיילן חלקים ערד אומזיסט. די ערד איז מער ניט מיינע און ניט פּאַטאַ מאַריאַס. דער גאַנץ גרויסער שטח ערד, וואָס איר זעט אַרום, איז אייערער. מיר וועלן עס אויסמעסטן און איינטיילן יעדן איינעם אַ שטיק וועדליג עס וועט באַטרעפן. מיר וועלן אייך העלפן בויען

אַ דאָרף אָדער אפשר צוויי דערפער, ווייל עס איז צווישן אייך דאָ מענטשן פון צוויי־ערליי פעלקער — אוקראַינער און מאָלדאַוואַנעס. קאָנט איר דער־פאַר בויען צוויי דערפער באַזונדער. און מיר וועלן אייך אויך איינטיילן שאָף, אָקסן און פערד וויפיל עס וועט אויסקומען פאַר יעדן. איר וועט זיך באַזעצן אויף אייער ערד און זיין פרייע מענטשן און איך וועל מיט מיין פּאַטאַ מאַריאַן זיך אויך נעמען אַ שטיקל ערד און מיר וועלן אויך אָנהויבן לעבן ווי איר. מיר ווילן מער ניט זיין קיין פּריצים — אַזוי וואָר ווי עס איז איצט טאָג!

אַז ער האָט געענדיקט, איז געוואָרן אַ געמורמל צווישן עולם.

— יאָ, איך האָב פאַרגעסן אייך זאָגן — האָט שייע קוים איינגעשטילט דאָס מורמלען — דערווייל וועט איר קאָנען וואוינען דאָ ביי אונדז אין הויף, ווי פריער, ביז אייערע שטיבער אין דאָרף וועלן פאַרטיק ווערן. אָבער איר וועט ניט זיין מער קיין שקלאַפן. און אויב איר וועט וועלן אַרבעטן, וועלן מיר אייך באַצאָלן פאַר אייער אַרבעט. איך בעט אייך, העלפט אונדז אַראָפּ־נעמען פון די פעלדער און מיר וועלן זיך מיט אַלץ טיילן סיי־ווי־סיי. עסט צו־זאַט פון אַל־דאָס גוטס, וואָס עס איז דאָ פאַראַן, און איר זאָלט זיך ניט שעמען אויסצונוצן אייערע מענטשלעכע רעכט, וואָס קומט יעדן פרייען מענטשן. קלייבט־אויס פאַרטרעטער פון צווישן אייך און איך וועל מיט זיי אויסאַרבעטן די פּלענער ווי אַזוי צו צעטיילן די ערד.

אַ גרויסע פרייד האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן עולם. זיי האָבן גע־בומען שרייען אויף די העכסטע קולות. די שאָף האָבן זיך דערשראָקן און געמעקעט. די הענער האָבן געקרייעט און די פערד אין די שטאַלן האָבן געהירזשעט. און שייע־שאַרמאַנטיע האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן.

דער עולם האָט געשריען פון גרויס פרייד ביז הייזעריק ווערן. דער־נאָך האָבן זיי זיך איינגעשטילט און זיך געוואָרפן איינס דעם אַנדערן אויף די העלדזער, זיך געקושט און געוויינט פאַר פרייד.

דאָס קליינוואָרג האָט זיך געקוליעט אויף דער ערד און די פרויען האָבן פאַרהויבן די פּאָדאָלעס פון זייערע קליידער און געגאַנגען אַ קיילע־כיקס אַרום דער קערנצעצע.

דערווייל איז די זון שוין רעכט אַרויפגעקומען אויפן הימל: — וואָס טוט זיך דאָ?

— מיר זיינען פריי!

— איז, מזל־טוב אייך, מענטשן! — האָט די זון געזאָגט.

— אַ דאַנק!

— די קוקורוזע טריקנט, ווער וועט זי אַראָפּנעמען?

— מיר!
— דער טאַבאַק וויאַנעט, ווער וועט אים אַראָפּשניידן?
— מיר!
— די קאַרטאָפּליעס ליגן אין דער ערד, ווער וועט זיי אַרויסגראָבן?
— מיר!
— דער ווייץ שטייט אין די סנאָפּעס, און די קערנדלעך פאַלן אַרויס אויף דער ערד. ווער וועט אים טרעשן?
— מיר!
— ווער וועט אַקערן די ערד?
— מיר, פרייע מענטשן!

אומגעפער אַזוי איז געגאַנגען דאָס נייע ליד, וואָס די פויערים האָבן באַלד אויפן אָרט באַשאַפן. עס איז געווען אַ מין געשפּרעך צווישן דער זון און דעם פאָלק.

דערווייל האָט שייע־שאַרמאַנטיע געהייסן אַרויסקאַטשען פון סקלעפּ אַ פאַס מיט רויטן וויין.

— קינדער! — האָט ער אויסגערופן, — איך וויל אַז דער הײַנטיקער טאָג זאָל ביי אונדז זיין אַ יום־טוב און איר זאָלט אים געדענקען אַלעמאָל אויף אַלע אייערע יאָרן. אין דעם־אַ טאָג זייט איר געוואָרן פרייע מענטשן. איר זאָלט עס דערציילן אייערע קינדער און קינדס־קינדער.

פאַטאַ מאַריאַ האָט געבראַכט קריגלעך און עס האָט ביט געדויערט לאַנג, און דער האָנטל (פאַס) מיט וויין איז געבליבן ליידיק. די זון האָט זיך גערוקט אַלץ העכער אין הימל. עס איז שוין לאַנג צייט געווען, אַז די שאָף זאָלן זיין אויף די גרינע לאָנקעס. און אויף די פעלדער האָבן געוואַרט אַלערליי אַרבעטן געטאָן צו ווערן. די מאַנסבילן האָבן זיך דערמאָנט אין זייערע פליכטן. און יעדער איינער האָט זיך גענומען פאַר זיין אַרבעט: די שאָף זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן אויף די לאָנקעס; אָקסן זיינען איינגעשפּאַנט געוואָרן אין גרויסע אַרבאַיס (וועגענער), כדי אַריינצוברענגען די סנאָפּעס פון די פעלדער. די פרויען זיינען אַרויס מיט די סערפּן און גענומען שניידן די קוקורוזע; און די ייִנגערע מיידלעך זיינען אַרויס רייסן דעם טאַבאַק — יעדער צו זיין אַרבעט.

שייע־שאַרבאַנטיע האָט זיך דערמאָנט אין זיינע קליינע יידעלעך און איז מיט פאַטאַ מאַריאַן אַראָפּגעפאָרן זיך מיט זיי צו זען.

און ווען זיי זיינען פאַרפאָרן אין דעם קליינעם דערפעלע און דערזען די ריינקייט און שטילקייט, האָבן זיי זיך ביידע איבערגעקוקט און געהאַט גרויס נחת.

— גיב אַ קוק ווי ריין און שטיל עס איז דאָ! — האָט שאַרמאַנטיע אויסגערופן מיט באַגייסטערונג.

— עס איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן — האָט פאַטאַ מאַריאַ געזאָגט.

— און וואו זיינען איצט מיינע ברידער?

— אין פעלד.

— לאָמיר צופאָרן און אַ קוק טאָן.

— מען דאַרף זיי אויך באַפרייען.

— יאָ.

אין אַ פּאָר מינוט איז שייע פאַרפאָרן צו די יידישע פעלדער.

באַלד איז לעבן דער בריטשקע אויסגעוואַקסן רחמיאל סטאַראָסטע. ער האָט געפּרואווט אַראָפּנעמען דאָס היטל, נאָר שייע האָט אויף אים ווי אָנגעשריען: — איך בין דיר ניט קיין פּריץ! פאַר מיר דאַרף מען ניט אַראָפּנעמען דאָס היטל. איך בין איינער פון אייך. און איך וויל, אַז דו זאָלסט צונויפזאַמלען אַלע יידן. איך האָב פאַר זיי אַ בשורה.

רחמיאל איז אַוועק צווישן די קאַרטשעס קאַרטאָפליעס און צווישן די רייען מיט קוקורוזע און גערופן דעם עולם.

באַלד זיינען אַלע געווען פאַרזאַמלט אַרום דער בריטשקע. די צוויי מוזיקעס האָבן ניט געוואָלט שטיין שטיל. זיי האָבן געקאָפּעט די ערד מיט זייערע פיס.

שייע האָט שטיל געזאָגט:

— גוט מאָרגן אייך, מיינע ברידער!

— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן! — האָט דער עולם צוריק געענטפערט.

— איך בין אייך געקומען אָנזאָגן די בשורה, אַז איר זייט פון איצט־אָן פרייע מענטשן. איך האָב באַפרייט אַלע פּויערים־שקלאַפן און איר זייט אויך פריי צו טאָן וואָס איר ווילט.

— מיר וועלן פון דאַנען ניט גיין אין ערגעץ ניט! — האָבן טייל יידן גענומען שרייען.

— קיינער הייסט אייך ניט גיין פון דאַנען. איר וועט נאָך באַקומען מער ערד. זיצט אויף אייער ערד און לעבט ווי פרייע מענטשן!

— אָמן!

— ווייסט דער פּריץ, אַז מיר האָבן אונדזער דאַרף געגעבן אַ נאָמען שייעווקע — האָט זיך אָפּגערופן רחמיאל.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? אַזוי, אַ נאָמען נאָך מיר? איך לעב דאָך נאָך. הערסט, פאַטאַ מאַריאַ: שייעווקע!

אַכטער קאַפּיטל

דאָס דאָרף שייעווקע האָט פון אָנהויב ניט פאַרשטאַנען מיט וואָס עס איז פריי געוואָרן. די קליינע יידעלעך האָבן ניט געקאָנט באַנעמען אין וואָס עס איז באַשטאַנען זייער פרייהייט...

נאָר זיי האָבן געדולדיק געוואַרט און זיינען זיכער, אַז עס וועט אַרויס־קומען, ווי בוימל אויפן וואַסער.

דערווייל איז שוין געווען נאָענט צו ראש־השנה. דער ווינטער איז שוין אויך ניט ווייט. מען האָט זיך גענומען צואיילן מיט דעם אַראָפּנעמען פון די פעלדער און זיך צוגרייטן פאַרן ווינטער מיט באַהייצונג. זיי האָבן געשניטן די הויכע ווילדע גראָזן, געמאַכט בינטלעך און יעדער באַלעבאָס האָט אָוועקגעלייגט גאַנצע סטאָסן פון אָט־די בינטלעך מיט פאַלין־גראָזן צו הייצן דעם אויוון. און שייע־שאַרמאַנטיע האָט געגעבן זיין דאָרף אַ מתנה — אַ ווינט־מיל, כדי זיי זאָלן קאָנען מאָלן זייער אייגענע פּאָפּ־שויע־מעל.

מען האָט די ווינט־מיל געבראַכט מיט אַכצן פּאָר אָקסן געשפּאַנט אין דער לענג. און ווען מען האָט די ווינט־מיל דורכגעפירט דורכן דאָרף, זיי־נען אַלע אַרויס אָנקוקן דאָס גרויסע וואונדער: אַ שטיבעלע מיט אַ דישל און אויף פיר רעדער. אַ שינדל־דאַך מיט אַן אָקס אין איין זייט פון דאַך. אויף דער אָקס אַ גרויסע ראָד מיט פליגלען פון ברעטער.

זיינען אַלע געלאָפן קוקן אויף דעם וואונדער.

— וואָס־אי־דאָס ?

— אַ מיל.

— ווי מאָלט זי ?

— ווען דער ווינט בלאָזט, דרייט זיך די ראָד מיט די פליגלען.

— נו ?

— נו, נו! די ראָד דרייט זיך און די שטיינער אינעווייניק קאַטשען זיך און מאָלן די פּאָפּשויעס.

— טאַקע ? !

— אַזוי זאָגט מען, — האָט רחמיאל סטאַראָסטע געגעבן זיינע יידעלעך צו פאַרשטיין.

אַז מען האָט דאָס דאָזיקע שטיבעלע אָוועקגעשטעלט אין עק דאָרף, זיינען די יידעלעך געווען בעלנים אַריינצוקוקן אינעווייניק און זען וואָס דאָרטן טוט זיך.

— אוי, גאָטעניו, זע נאָר וויפיל רעדער מיט ציין. אַ שרעק!

— מיט ציין? צו וואָס טויג זיי ציין?

— זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו קייען...

רחמיאל איז געווען דער איינציקער, וועמען אַ מילנער פון שייעס מילן האָט געוויזן, ווי די דאָזיקע ווינט־מיל טוט איר אַרבעט. דער מילנער האָט אים געוויזן ווי אַזוי צו פאַרמאַכן און עפענען די ראָד מיט די פליגלען און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר ניט לאָזן די דאָזיקע ראָד זיך דרייען אומזיסט, ווען מען מאָלט ניט. די שטיינער טאָרן זיך ניט רייבן ווען מען שיט ניט אַרויף אויף זיי קיין קערנער צום מאָלן. זיי וועלן זיך נעמען קרישלען און דעמאָלט טויגן זיי שוין מער ניט. ווען אָבער מען שיט אַרויף קערנער, האָבן די שטיינער וואָס צו צערייבן און זיי ווערן גלאַטער און גלאַטער בשעת זיי מאָלן די קערנער.

רחמיאל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אַלץ אויסגעהערט און זיך אַריינגענומען אין קאָפּ יעדע קלייניקייט. ער איז געווען אַ פּראָסטער בחור, ניט געגאַנגען אין חדר און פונדעסטוועגן, אַז עס איז געקומען צו עפּעס אַ שכלדיקער, פּראַקטישער זאַך, האָט ער באַנומען זייער לייכט. אים איז געפעלן דער עסק: אַט בלאָזט אַ ווינט, מען שלעפּט אַרויס אַזאַ מין צאַפּן און די ראָד מיט די פליגלען הויבט זיך אָן דרייען מיטן גאַנג פונעם ווינט. ווי־נאָר די דאָזיקע ראָד הויבט זיך אָן דרייען, הויבט עס פּלוצים אָן צו גראַגערן אין שטיבעלע. און אַז עס הויבט אָן צו גראַגערן, גיט זיך אַלץ אַ ריר און הויבט אָן צו גיין אין אַ ראָד — עס דרייען זיך די רעדער מיט די ציין. עס הויבן אָן צו קריצן די שטיינער. און איבער די צוויי שטיינער איז אַ קאַסטן. אין אָט דעם קאַסטן מוז מען כסדר שיטן פּאַפּשויע און די קערענדלעך פאַלן אויף די שטיינער און ווערן צעמאָלן אויף מעל. און ווען עס ווערט פול מיט מעל דער קאַסטן, אין וועלכן די שטיינער זיינען איינגעפּאַסט, עפנט מען אַ טירל, מען האַלט אָנגעגרייט אַ זאַק און דאָס מעל לויפט אין זאַק אַריין...

ווען מען האָט די ווינט־מיל אָוועקגעשטעלט, האָט שייע צוגעשיקט די יידעלעך עטלעכע זעק מיט ווייץ, אַז זיי זאָלן אָפּמאָלן ווייסע מעל און באַקן דערפון חלה אויף יום־טוב.

די זעק מיט ווייץ האָט מען אָוועקגעשטעלט ביי באַסיען אין אַ ווינקל פון שטוב. און דערנאָך, אַז מען האָט אָפּגעמאָלן דאָס מעל, האָט באַסיע געדאַרפט זען, אַז יעדער איינער זאָל קריגן זיין חלק ווייס מעל. איז באַסיע אָבער געווען אויף דער צייט. זי האָט אין אַ שיינעם אויפדערנאַכט פּלוצים דערפילט ניט גוט. וואָס הייסט ניט גוט? עס ציט זי ממש צו דער ערד... און דאָ גייט צו אַזאַ יום־טוב! און די זעק מיט מעל ליגן אין שטוב און

אַלץ אַרום איז ווייס פון אָט דעם מעל. און דאָ ציט זי גאָר צו דער ערד, כאַטש נעם און צי זיך אויס גלייך אויף אַן אָרט.

— רחמיאל!...

— וואָסי?

— פאָר נאָך אַ באָבען.

— אַ באָבע? וואוהין זאָל איך פאָרן?

— לעג מיך אַנידער. אָט עליך פאַלן...

באַסיע איז אַריינגעפאַלן אין רחמיאלס שטאַרקע אָרעמס און ער האָט זי אַרויפגעלייגט אויפן בעט. ער איז באַלד אַוועק איבערן דאָרף און דער־ציילט אַלע ווייבעלעך, אַז זיין באַסיע גייט צו קינד.

זיינען צו באַסיען געקומען צולויפן כאַסיע, פנחס דעם כטאָליאַרס ווייב, פאַיע, איציק שניידערס ווייב, ליבע, לייזער קאָוואַלס ווייב און האָדל, דאָדל דעם רבס ווייב.

און די אַלע פיר ווייבעלעך, וואָס זיינען אַליין נאָך כמעט געווען קינ־דער, האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום באַסיעס בעט.

רחמיאל האָט דערווייל איינגעשפאַנט פערד און וועגעלע און איז אַוועקגעלאָפן אין „הויף" צו שייען. דאָס האַרץ ביי אים האָט געקלאַפּט, אָבער ער האָט זיך געטרייסט, אַז ער האָט ניט איבערגעלאָזן באַסיען אַליין.

די פיר ווייבעלעך האָבן דערווייל אונטערגעהייצט דעם אויוון מיט אַביסל בוריאַנעס. זאָל אין שטוב זיין אַ וואַרעמע דעק. האָדל די „רביצין" האָט צוגעשטעלט אַ קעסל מיט וואַסער ביים פייער.

ווען רחמיאל איז אָנגעקומען אין „הויף", האָבן שייע און פאַטאַ מאַ־ריאַ זיך דערשראָקן, ווען זיי האָבן אים דערזען.

— וואָסי געשען?! — האָט שייע געפרעגט.

— מאַן וואַב גייט צו־קינד און עך ווייס ניט, וואו מען קאָן קריגן אַ באָבע... — האָט רחמיאל געציטערט בשעת ער האָט גערעדט.

שייע מיט פאַטאַ מאַריאַן האָבן זיך איבערגעקוקט און פאַטאַ מאַריאַ האָט זיך אָנגערופן:

— ביי אונדז איז דאָ איינע דאָ צווישן די פויערים, איינע מיטן נאָמען פעטרוסיאַ. זי איז אַ גוטע באָבע. איך וועל זי גיין רופן.

אין אַ פאָר מינוט אַרום איז אויסגעוואַקסן פעטרוסיאַ — אַ פויערטע מיט ווייסע האָר אויפן קאָפּ, מיט אַ בראָדעווקע אויף איר נאָז. די בראָדעוו־קע איז אויך געווען באַוואַקסן מיט אַ בינטעלע ווייסע האָר. די הויט פון איר פנים און האַלדז איז געווען שטאַרק צעקאָרטשעט.

— האָסטו ווייסע לייוונט?

— ניין.

— און ווינדלעך פאַרן קינד?

— ניין.

— און אין וואָס אָפּצוקאָכן אַ ביסל יויך?

— נישטאָ... מיר האָבן איין קעסל פאַר מאַמעליגע — האָט רחמיאל געזאָגט.

— מאַמעליגע... אַ קינפּעטאָרין טאָר ניט עסן קיין מאַמעליגע — גיט אים פּאַטאַ מאַריאַ צו פאַרשטיין.

רחמיאל פאַרשטייט, אָבער וואו וועט ער נעמען אַ יאָכל? אַז זינט זיי זיינען דאָ אין דאָרף האָבן זיי אַזוינע זאַכן ניט אָנגעזען אין די אויגן.

— גוט... דו רחמיאל נעם די באָבע און פאָר מיט איר אַהיים. מיר וועלן שוין ברענגען אַלץ וואָס אַ קינפּעטאָרין דאַרף — האָט געזאָגט שייע־שאַרמאַנטיע.

רחמיאל איז אַוועקגעפאָרן מיט דער באָבקע פּעטרוסיאַ.

אין שטוב איז באַסיע געלעגן אין בעט און פון צייט־צו־צייט געטאָן אַזאַ מאָדנעם קוויטש, אַז עס האָט שיער ניט געלעכערט דעם מוח.

שפּעטער זיינען געקומען צופאָרן שייע און פּאַטאַ מאַריאַ. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך כל־טוב: ליכט צום ברענען, ווייסע לייוונט, אַ געקוי־לעט עוף, רעטשענע גרייפּעלעך, ווייס ברויט, ציקאָריע מיט שטיקלעך צוקער און עטלעכע פלעשער וויין — פון דעם גוטן בעסאַראַבער ווימאַ־ראַזיק, פון וועלכן מען ווערט געקרעפּטיקט, ווען מען נעמט נאָר אַביסעלע...

פּאַטאַ מאַריאַ האָט אויך געבראַכט טעפּלעך, שיסלען, גלעזער און עטלעכע האַנטיכער, ווייסע ווי פרישער שניי.

ניינטער קאַפּיטל

באַסיע האָט געבוירן אַ יינגל. עס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק פאַר־טאָג, און דער ברית האָט געדאַרפט זיין אַ דאָנערשטיק שפּעטער. האָט מען דאָך געדאַרפט האָבן אַ מוהל. איז אַזוי ווי שייע האָט געהאַט אַ צוזאָג פו־נעם רישקאַנער שוחט, ר׳ יעקב, אַז ער וועט קומען, איז רחמיאל אים גע־פאָרן ברענגען קיין שייעוקע.

רחמיאל איז קיינמאָל ניט געווען אין רישקאַן און האָט נישט געוואוסט ...אַט־די שטאָט געפינט זיך, נאָר שייע האָט אים אויסגעמאָלט ווי אַזוי ער ואָל פאָרן.

רחמיאל האָט ניט געדאַרפט קיין סך סימנים: — דריי גרויסע בערג, און אַז ער וועט אַריבער דעם דריטן באַרג, וועט זיך אָנהויבן אַ פלאַכער

טאָל; און ער זאָל פאָרן מיטן טאָל — ביז ער וועט דערזען די שטאָט ריש־קאָן.

ביי רחמיאלן אין שטוב איז דערווייל אַ גאַנצע וואָך געווען אַזו ווי אויף אַ יאַריד.

באַסיע איז געלעגן אין בעט, וואָס די ווייבעלעך האָבן אויסגעבעט מיט פריש געשניטן גראָז. דער בעסאַראַבער גראָז האָט געהאַט אין זיך אַלע שיינע זיבן ריחות. און דאָס גאַנצע שטיבעלע האָט אַוועקגעשמעקט מיט אַט־די גוטע, זיסע ריחות. דאָס בעט איז געווען אַרומגענומען מיט ווייסער לייוונט און באַסיע איז געלעגן אַזוי ווי אין אַן אָפּגעזונדערט שטי־בעלע. איין עק פון לייוונט איז געווען אויפגעהויבן פונקט דאָרט, וואו עס איז געווען באַסיעס קאָפּ. זי האָט געקענט אַרויסקוקן און זען, וואָס עס טוט זיך ביי איר אין שטוב אַרום איר. זי האָט געטראָגן אַ טשעפּיק אויף אירע האָר און אויך אַ בלימלדיקע פאַטשיילע. איר פּנים איז געווען געל ווי וואַקס און אירע קליינע שפּיזלדיקע אויגעלעך זיינען אַרומגעלאָפן פון דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום איר אין שטוב ביז צו דעם קליינעם נפשל, וואָס איז געלעגן אין אַ קנייטש פון אַ קישן. דאָס פּנימל ביי דעם נפשל איז געווען רויט ווי אַ בוריק, און עס האָט געהאַט אַ גרויס מיילעכל מיט אַ גראָבער, אויבערשטער ליפּ און מיט אַ ברייטער נאָניע (נאָז).

באַסיע האָט זייער ליב געהאַט אַט דאָס נפשל און עס איז ניט געווען קיין רגע, אַז זי זאָל עס ניט היטן, כדי חלילה קיין שום שלעכטס זאָל מיט אים ניט געשען. זי האָט עס אַנגעזויגן אַלעמאָל און בשעת־מעשה געקוקט אויף זיינע שוואַרצע אויגעלעך מיט וועלכע דאָס קליינע נפשל האָט טעמפּ געקוקט אויך אויף איר.

— וואָס?! — האָט באַסיע מיט גרויס ליבשאַפט אַלץ געפרעגט ביי אַט דעם קליינעם יינגעלע — וואָס?!

דאָס וואָרט „וואָס" האָט געמיינט אַלץ אין דער וועלט. עס איז נאָר געווען אַ שאלה צי דאָס נפשל פאַרשטייט זי, צי ניט.

אין שטוב האָט מען געהייצט דעם אויוון און געבאַקן לעקעכער. האָ־ניג מיט צוקער מיט ניס האָט געבראַכט פאָטאָ מאַריאַ. און מעל איז אויך געווען גענוג. עס האָט געשמעקט מיט האָניג און מיט ניס. און רחמיאל האָט געזאָלט פאָרן מיטוואָך פאַרטאָג ברענגען דעם שוחט פון רישקאָן. דער שוחט האָט געזאָלט שעכטן אַ שאָף, כדי עס זאָל זיין כשר פליש צום ברית.

פאָרט רחמיאל באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ און קומט אָן קיין ריש־קאָן. און פרעגט זיך נאָך וואו דער שוחט וואוינט.

— גוט מאָרגן, שוחט.

— גוט מאָרגן, רב ייד — ענטפערט ר׳ יעקב. ער איז נאָר וואָס אויפ־געשטאַנען און זיך געגרייט צו גיין דאַוונען אין קלויז אַריין.

— פון וואַנען איז אַ ייד ?

— פון שייעווקע.

— שייעווקע ? ניט געהערט.

— עס איז אַ ניי דאָרף, וואו מיר, יידישע קינדער, האָבן זיך באַזעצט.

— אַזוי ? ! זייער שיין. יידישע קינדער... וואָס האָט אַ ייד געוואָלט ? און מה שמך ?

— רעדט צו מיר ווי צו אַ פּראָסטן יידן. עך בין ניט געגאַן אין חדר, און מעך האָט מען „געכאַפּט" און אַוועקגעשיקט צו אַ פּריץ דאָ ניט ווייט, און עך בין פאַרגראָבט געוואָרן און קאָן זיך קוים איבערצלמען...

— ווי הייסט אַ ייד ?

— רחמיאל איז מיין נאָמען, און מאַן וואָב האָט מיר געבוירן אַ זון, און דער פּריץ האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט אים צוגעזאָגט צו קומען „מאַלע" זיין אונדזערע קינדער.

— אָט דער יונגער איז אייער פּריץ ?

— יאָ, עס איז אַ גאַנצע מעשה — האָט זיך רחמיאל ווי פאַרשעמט מיט דעם, וואָס אַזאַ יונגער שנעק איז זייער פּריץ.

— איך וועל פאָרן און זיין דער מוהל. דערווייל קום מיט מיר אין קלויז אַריין. איך וויל אָפּדאַוונען. וועסטו אויך הערן אַ קדושה...

— שוחט, עך קאָן ניט דאַוונען.

— ס׳גאָרניט. וועסט הערן ווי מען דאַוונט.

רחמיאל איז אַריין אין קלויז. עס זיינען שוין דאָרטן געווען עטלעכע יידן אין טליתים און תפילין.

— יידן, גיט־אָפּ שלום־עליכם אַן אָרענדאַר פון אַ דאָרף דאָ ניט ווייט — האָט דער שוחט געזאָגט.

און דערנאָך האָבן יידן געדאַוונט און רחמיאל איז געשטאַנען אַן אַ זייט און זיך צוגעהערט.

נאָכן דאַוונען האָט מען אַרומגעסטאָמפּעוועט רחמיאלן און ביי אים אויסגעפרעגט פון וואַנען ער איז. רחמיאל האָט דערציילט אַ לאַנגע מעשה און אַז ער איז געקומען צום אָרט וואו ער האָט דערציילט, אַז זייער פּריץ איז אַ ייד, זיינען אַלע געוואָרן פאַראינטערעסירט צו וויסן, צי דער פּריץ האָט זיך געשמדט צי ניט.

— ער איז אַ יידיש קינד, — האָט רחמיאל געזאָגט.

— און די פּריצע ?

— זי איז אַ גויאיש קינד.

— ווייל זי זיך מגייר זיין ?

— כ'ווייס ניט.

— און ווי הייסט דאָס דאָרף ?

— שייעווקע. מיר האָבן עס אַ נאָמען געגעבן נאָכן יידישן פּריץ. ער הייסט שייע.

— אַזוי ? זייער אַ שיינע מעשה. איז ביי אייך דאָ א קרעמער ?

— ניין. מיר זיינען אַלע ערד־אַרבעטער. און דער פּריץ האָט אונדז געגעבן שאָף, פערד און וועגענער. מען וועט אונדז נאָך געבן זייער אַ סך שטיקער ערד.

— אַזוי ?! אָבער ווי קאָנען יידן לעבן אָן אַ קרעמער ? ווי איז דאָס מעגלעך ? וואו קויפט איר אַ ליכטעלע ? אַביסל בוימל ? אָדער אַנדערע נויטיקע זאַכן, וואָס יידן דאַרפן האָבן ?

— מיר קויפן גאָרנישט.

און דער שוחט ר' יעקב איז באַלד באַפּולמעכטיקט געוואָרן צו ריידן מיטן יידישן פּריץ, צי ער וועט דערלויבן צו מאַכן אַ יאַריד ביי זיך אין דאָרף איין מאָל אין יעדן חודש.

בשעת רחמיאל איז געפאָרן קיין רישקאָן האָט ער מיט די רעדער פון זיין וועגעלע געמאַכט סימנים אין דעם טיפן ווילדן גראָז.

איצט פאָרנדיק צוריק מיטן שוחט, איז רחמיאל געפאָרן מיט אָט־די טיפע סימנים פון די רעדער און נאָך טיפער איינגעשניטן די צוויי ליניעס מיט זיינע רעדער. און דאָס איז געווען דער ערשטער וועג, וואָס איז אויף אָט דער ווייטער ווילדערניש געוואָרן.

אַרום און אַרום די בעסאַראַבער ערד, בערג און טאָלן. עס זיינען קיין שום בוימער ניט געווען, נאָר טיף־גרינע גראָז, וואָס איז געווען הויך ביז צום בויך פונעם פערד. עס זיינען קיין שום דערפער ניט געווען אויף דער דאָזיקער ווייטקייט און ברייטקייט. נאָר אַ הימל אַ בלויער און די זון וואָס האָט געוואָרעמט און געגלעט.

אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן סנאָפּעס מיט ווייץ און קוקו־רוזע אויף די פעלדער, האָט רחמיאל שוין געוואוסט, אַז ער איז באַלד אין דער היים — דאָס זיינען געווען שייעס פעלדער.

און טאַקע באַלד איז ער געקומען אַהיים קיין שייעווקע און גלייך פאַר־פאָרן צו זיין שטיבעלע.

— דאָס איז אונדזער דאָרף, — לאָזט ער וויסן דעם שוחט.

— קליין ווי אַ געניץ און ריין ווי אַ מרחץ, — האָט דער שוחט געזאָגט. ער איז געווען אַ ייד, וואָס האָט ליב געהאַט צו זאָגן גלייכווערטלעך. נאָר

רחמיאל האָט אים ניט פאַרשטאַנען און ניט באַוויזן אפילו צו טאָן אַ שמייכל...

און דאָס ערשטע, וואָס דער שוחט ר׳ יעקב האָט געטאָן, איז געווען דאָס קוילן אַ שאָף, וואָס רחמיאל האָט געבראַכט צופירן פון פעלד.

און איצט האָבן די ווייבעלעך געשאַרט זייערע לאָקן הינטער די טשע־פּיקעס און מורא געהאַט צו קוקן אין דעם ליכטיקן פּנים פון ר׳ יעקב. דאָס שטיבעלע איז געווען פול מיט דעם ליכטיקן פּנים מיט דער שייגער, רוי־טער צוויי־שפּיצעכיקער באָרד און מיט דער גרויסער סאַמעטענער יאַר־מולקע אויף דעם גרויס־שטערנדיקן קאָפּ און מיט די צוויי בלויע אויגן, וואָס האָבן געלויכטן פון זיך מיט חכמה.

די ווייבעלעך האָבן מורא געהאַט אפילו צו קוקן אויפן שוחט, נאָר פון צייט־צו־צייט געכאַפּט און געגנבעט אַ בליק; זיך אָפּגעבריט און פאַר־באַהאַלטן זייערע אויגן אין זיך.

עס איז געווען אַזוי פיל אַרבעט צוצוגרייטן אַלץ צום קריאת־שמע־אַפּלייענען און צום ברית...

צענטער קאַפּיטל

באַסיע האָט זייער געוואָלט, אַז שייע און פּאַטאַ מאַריאַ זאָלן זיין די „קוואַטערס״ און דאָדל דער רב זאָל זיין „סאַנדעק״, נאָר עס איז געווען אַ שאלה צי פּאַטאַ מאַריאַ מעג צוטראָגן דאָס קינד צום „יידישן״?

און אַזוי ווי דער שוחט האָט אויסגעהערט די שאלה, האָט ער גע־פּסקנט, אַז מען זאָל דער יונגער פּריצע אָנטאָן אָט דעם כבוד.

— ווער עס ראַטעוועט נאָר איין נפש איז שוין אַ צדיק און ווער שמור־עסט, אַז אָט־די פּריצע האָט געראַטעוועט אַזוי פיל נפשות...

נאָכן קריאת־שמע־לייענען, צו וועלכן אויך שייע און פּאַטאַ מאַריאַ זיינען געקומען, האָט שייע זיך נעענטער באַקאַנט מיטן שוחט. און ר׳ יעקב האָט אָנגעהויבן ליב צו האָבן אָט דעם יונגן יידישן פּריץ. און דער שוחט האָט געמוזט פאָרן נעכטיקן ביים יידישן פּריץ.

אין „הויף״ האָט ר׳ יעקב דורכגעפירט זיין שליחות, וואָס די רישקאַ־נער יידן האָבן אים געבעטן צו טאָן פון זייערטוועגן.

צום אַלעם ערשטן האָט שייע געשטעלט דעם סאַמאָוואַר.

— טיי וועל איך טרינקען — האָט ר׳ יעקב געלאָזט באַלד וויסן. און ווען זיי זיינען געזעסן ביי אַ גלאָז טיי האָט ר׳ יעקב זיך אָנגערופן:

— פּריץ, איך האָב צו אייך אַ בקשה.

— אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך אין מיינע כוחות, וועל איך טאָן פון אייערטוועגן.

— מיינע רישקאָנער יידן ווילן האָבן אַ יאַריד ביי אייך אין שייעווקע איין מאָל אין אַ חודש.

— פאַרוואָס ניט ? זאָלן זיי קומען אויפן יאַריד.

פּאַטאַ מאַריאַ איז אויך געזעסן ביים טיש קעגנאיבער דעם שוחט. זי האָט ניט אַראָפּגענומען אירע אויגן פון זיינע געקרייזלטע פאות און פון זיין געקנייטשטן הויכן שטערן. נאָר האָט זייער ווינציג, כמעט גאָרניט, פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט. זי האָט אַלעמאָל געפרעגט שייען וואָס דער גייסטלעכער זאָגט.

— אַ יאַריד ביי אונדז אין שייעווקע — האָט שייע דערקלערט פּאַטאַ מאַריאַן.

זי האָט זיך געפרייט : — אַ יאַריד !

דער שוחט האָט זיך אָנגעטרונקען מיט טיי און איז געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן און אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט זיך אָנגעהויבן דער ברית.

געמלט דאָס קינד האָט מען אין דאָדל דעם רבס שטיבעלע. דאָרטן האָבן זיך איינגעזאַמלט אַלע יידעלעך און געמאַכט אַ מנין.

דערנאָך האָט מען געשיקט נאָכן קינד, וואָס פּאַטאַ מאַריאַ האָט געטראָגן ביז צו דאָדלס שטוב. דאָרטן האָט זי דאָס קינד איבערגעגעבן צו איינער פון די ווייבעלעך. אַזוי איז דאָס קישעלע מיטן קינד געגאַנגען פון איין האַנט צו דער אַנדערער. יעדע איינע האָט געטאָן אַ צאַרטן וויג מיט דעם קינד. אַזוי ביז עס איז אָנגעקומען אין די הענט פון שייען.

שייע איז געזעסן אויפן בעט מיט די פיס אַראָפּ. ער האָט גענומען דאָס קינד אין זיין שויס. און די צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן. עס האָט ניט גענומען לאַנג און עס האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פון דעם קליינעם נפשל ; אַ קוויטש, וואָס האָט אויפגעטרייסלט יעדנס האַרץ. אָבער דער קוויטש איז באַלד פאַרטויבט געוואָרן אין די הויכע קולות, וואָס דער שוחט האָט גענומען זינגען.

און באַלד איז דאָס נפשל שוין געווען אַ פולער ייד און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן דוד. און ער איז צוריק איינגעוויקלט געוואָרן אין די ווי־קעלעך און איינגעבונדן געוואָרן אין קנייטש פונעם קישן און ווידער האָט מען דאָס קינד צערטלעך געוויגט אויף די הענט ביז עס איז געקומען צו פּאַטאַ מאַריאַן. און זי האָט עס גיך אַוועקגעטראָגן אַהיים. זי איז געווען צום ערשטן מאָל אויף אַ יידישן ברית. און טרערן זיינען געשטאַנען ביי איר אין די בלויע אויגן. זי האָט מיטגעוויינט מיטן קליינעם ייִנגעלע. דאָס קינד האָט שוין אָבער ניט געוויינט, נאָר געזיפצט דעם ערשטן יידישן זיפץ.

די מוטער באַסיע האָט אַנגעזויגן דודלען און אין דער אייגענער צייט געענטפערט אויף די מזל־טובס, וואָס יעדער איינער האָט איר געוואונטשן.

דער אימפּראָוויזירטער טיש פון ברעטער, וואָס רחמיאל האָט אַרויס־גענומען פונעם וועגעלע און די בענק געמאַכט פון פלעקער מיט צווייגן פון ווערבע־בוימער, וואָס וואַקסן ביי דעם טייך, זיינען באַזעצט געוואָרן און די שמחה האָט זיך אַנגעהויבן.

די יידעלעך האָבן געטרונקען וויין און געגעסן לעקעך און געבראָטנס מיט פרישער חלה.

און דער שוחט האָט געמאַכט די ברכות און געזונגען יידישע נגונים און וואָלעכישע נגונים. דער עולם האָט אים אונטערגעהאָלפן און אפילו געפּליעסקעט מיט די הענט צום טאַקט.

שייע מיט פּאַטאַ מאַריאַן זיינען אויך אַהיימגעפאָרן. נאָר איידער ער איז אַוועקגעפאָרן האָט שייע אַריינגערוקט דעם שוחט אַ גאָלדענע מטבע. ר׳ יעקב האָט אפילו ניט געוואָלט נעמען, אָבער שייע האָט עס אים איבער־געלאָזט.

רחמיאל האָט געפירט דעם שוחט אַהיים מיט די טיפע אויסגעשניטענע ליניעס אין די ווילדע גראָזן. די רעדער פון זיין וועגעלע האָבן נאָך טיפער זיך אַריינגעשניטן אין דער ווילדער ערד. אויפן וועג האָט דער שוחט גע־שמועסט מיט רחמיאלן וועגן דעם יאַריד, אַ קלויז צום דאַוונען און וועגן דעם גוטן פּריץ.

— וואָס טויג אונדז אַ יאַריד, אַז מיר האָבן ניט קיין געלד פאַרוואָס צו קויפן? — האָט רחמיאל געוואָלט וויסן.

— וואָל האָט איר פון אייערע שאָף? ברינזע האָט איר? פּאַפּשויעס האָט איר? טאַבאַק האָט איר?

— יאָ, מיר האָבן היינטיקס יאָר — האָט רחמיאל געזאָגט — מיר האָבן אפילו קאַרטאָפליעס אויך.

— נו, דאַרפט איר מערער ווי די אַלע זאַכן? מיר, פון דער שטאָט, האָבן ניט אָט־די אַלע גאָט־געבענטשטע זאַכן — זאָגט ר׳ יעקב מיט אַ זיפץ — מיר האָבן שטיוול, פּעלצן, קוטשמעס; מיר האָבן טישן, בענקלעך, ליכט, מעל, דזשעגעכץ, צוקער, טעפּ און ציקאָריע; מיר האָבן לייוונט, פּאַ־רוסינע און לעדער, שינדל, ברעטער און טשוועקעס. וועלן מיר זיך מיט אייך בייטן. גיט אונדז וואָל, קעז און ברינזע, פּאַפּשויעס און קאַרטאָפּ־ליעס און טאַבאַק, און מיר וועלן אייך געבן אַלדאָס גוטס, וואָס מיר פאַרמאָגן — האָט ר׳ יעקב געטענהט מיט האַרץ.

— וויבאַלד אַזוי פאַרשטיי איך שוין — גיט זיך רחמיאל אונטער.

— פאַרשטייסט, אַז מיר וועלן ביי אייך קויפן אייערע זאַכן פאַר געלט, וועט איר שוין האָבן געלט צו קויפן אונדזערע זאַכן. דאָס איז דאָס גוטס־קייט פונעם יאַריד. מענטשן פון אַרום קומען זיך צונויף. ערשטנס, זעט מען זיך אַלעמאָל און מען הערט איינס פונעם אַנדערן. מען ווערט ניט פאַרוויל־דעוועט. צווייטנס, העלפט מען זיך איינס דאָס אַנדערע. אָט, האָב איך געזען, אַז ביי אייך האָט קיינער ניט קיין שטיוול; קיינער פון אייך האָט ניט קיין טיש און בענק און האָט אַזוינע גוטע זאַכן, וואָס קיינער פון אונדז האָט ניט, סיידן מיר זאָלן ביי אייך קויפן. פאַרשטאַנען?

— יאָ, ר׳ יעקב.

— דו ביסט דער סטאַראָסטע, ווי איך פאַרשטיי?

— יאָ.

— זאָלסט וויסן זיין, אַז אייער פריץ און פריצע זיינען צדיקים. ווייסטו וואָס אַ צדיק איז?

— ניין.

— אַ צדיק איז אַזאַ מין הייליקער מענטש, וואָס גאָט האָט אַראָפּגע־שיקט אויף דער ערד צו טאָן גוטס זיינע מענטשן. אייערע פריצים זיינען אַזוינע צדיקים. און זיי טוען גוטס אי פאַר אייך און אויך פאַר די גוים... גוים זיינען אויך, נעבעך, מענטשן פון גאָטס באַשאַף, נאָר זיי זיינען גוים... אַזוי האָט זיי גאָט געמאַכט... זיי זיינען ניט שולדיק דערפאַר, וואָס זיי זיינען גוים. דאַרף מען מיט זיי אויך זיין גוט. אייערע פריצים האָבן זיי באַ־פרייט פון שקלאַפעריי און וועלן געבן יעדן גוי אַ שטיק ערד און בויען פאַר זיי אַ דאָרף מיט אַ קלויסטער און מיט אַ שקאָלע צו לערנען זייערע קינדער שרייבן און לייענען זייערע מאָליטוועס. זייער שיין! האָב איך געפרעגט אייער פריץ, וואָס ער וועט טאָן פאַר אייך יידן, האָט ער מיר דאָ געזאָגט, אַז ער וועט אויסבויען אַ קלויז און זי רופן מרימס קלויז. זיין פריצע הייסט שוין מער ניט מאַריאַ, נאָר מרים. זי וויל ווערן אַ יידישקע. און זי וועט אָפּהיטן כשרות. און אייער פריץ וועט אויך בויען אַ תלמוד־תורה, וואו אייערע קינדער וועלן לערנען. און ער וועט ברענגען אַ שוחט. דאָס הייסט, איך וועל שיקן אַ שוחט אַז ער זאָל זיך באַזעצן ביי אייך. אייער פריץ וויל פונעם דאָרף מאַכן אַ שטעטעלע.

— איך קאָן זען, אַז עס איז גאָטס ווילן — זאָגט רחמיאל — אָט דער שייע איז דאָך געקומען פונקט אַזוי ווי מיר אַלע אַהער. און גיט אַ קוק ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז... ער איז געוואָרן פריער אַ פריץ און דערנאָך אַ צדיק.

— אַזוי פירט זיך עס אויף אונדזער וועלטל — האָט דער שוחט גע־זאָגט פילאָזאָפיש.

רחמיאל איז דערווייל אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין און געבראַכט דעם שוחט אַהיים. אין וועגעלע האָט ער אויך געבראַכט דער שוחטקע אַ ביסל קאַרטאָפּליעס, עטלעכע סטרוגעס קוקורוזע און אַ רויטנקן, גאָלדן־קאָלירטן קאַבאַק.

די שוחטקע האָט זיך זייער געפרייט מיט אָט דער מתנה. ספּעציעל מיטן קאַבאַק. זי האָט אפילו ניט געוואוסט וואָס דאָס איז.

— עס איז גוט צום עסן. מען קאָן מאַכן דערפון אַ צימעס־קאַבאַק. אָדער עס אָפּבראָטן אין אויוון און עסן אַזוי — האָט רחמיאל געזאָגט.

דער קאַבאַק האָט געלויכטן מיט זיין זוניקייט. ער איז געווען קיילעכיק און מיט אַן אויער אַ פאַרבויגענעם.

די שוחטקע האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן פּידוואָל ביים אָפענעם פענצטער כדי מען זאָל זען, ווען מען וועט דורכגיין, וואָס פאַר אַ טייערע מתנה זי פאַרמאָגט.

און רחמיאל איז צוריקגעפאָרן אין דאָרף. אויפן וועג איז די זון אונטערגעגאַנגען און עס איז געוואָרן נאַכט. עס איז געווען אין חודש יולי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ביינאַכטיקע מראַקעס.

האָט רחמיאל אָפּגעלאָזט די לייצעס און זאָל דאָס פערד אַליין גיין מיטן ריכטיקן וועג. ער האָט דערווייל געטרוימט וועגן אַ פאַר גוטע שטיוול פאַר זיך און פאַר באַסיען.

— איי, איי, וועט עס זיין גוט!...

עלפטער קאַפּיטל

שייע־שאַרמאַנטיע האָט זיך גענומען דורכפירן דאָס צעטיילן פון ערד צו די באַפרייטע שקלאַפן. ערד איז געווען אַזוי פיל, אַז ניט שייע און ניט פאַטאַ מאַריאַ האָבן געוואוסט וויפיל „פאַלשעס" זיי פאַרמאָגן. נאָר שייע האָט צעטיילט זיין גאַנצע ערד אין פיר טיילן. איין חלק האָט ער אַוועקגעגעבן די מאַלדאַוואַנעס; דעם צווייטן טייל האָט ער אַוועקגעגעבן צו די כאָכאָלן; דער דריטער טייל האָט אין זיך אַריינגענומען דאָס דאָרף שייעווקע און דעם פערטן חלק האָט ער איבערגעלאָזט פונקט אין דער מיט צווישן די דריי טיילן. טאָמער וועט מען דאַרפן האָבן נאָך ערד...

און די באַפרייטע פויערים האָבן אין יענעם אַסיען זיך גענומען בויען זייערע דערפער.

דעם מאַלדאַוואַניש דאָרף האָבן די מאַלדאַוואַנעס אַ נאָמען געגעבן

„מאַריאַנעשטי". און דעם כאַכלאַצקע דאָרף האָבן די כאַכאָלן אַ נאָמען גע־געבן „סוואָבאָדקאָ".

געווײנלעך איז דער אָסיען ניט קיין שײנער אין בעסאַראַביע, אָבער יענעם יאָר איז געווען גראָד אַ שײנער אָסיען ביז אַראָפּ, — ביז חנוכּה. און די באַפרײטע פּויערים האָבן געבויט זײערע שטיבער ניט פון ציגל, ווי די ייִדעלעך, נאָר פון שטרוי מיט ליים און צווײַגן פון ווערבע־בוימער. וואו עס האָבן זיך נאָר געפונען ווערבעס, זײַנען זײ באַשניטן געוואָרן, אַז עס זײַנען נאָר געבליבן די קאָרעניעס...

די שטיבלעך זײַנען געוואַקסן ווי אויף הייוון. מען האָט זײ געדעקט מיט שטרויענע דעכער און די אָסיען־זון האָט זײ געטריקנט.

יעדעס דאָרף האָט געצײלט אַזוינע אַ פופציק שטיבעלעך. און זײ האָבן באַלד געהאַט צו צווײ געסלעך. און די קלײנע ייִדעלעך האָבן זײ גע־האָלפן מיט וואָס זײ האָבן נאָר געקאָנט.

ספּעציעל האָט לייזער קאָוואַל זײ געהאָלפן מאַכן אויוונס און די ייִדע־לעך האָבן געבראַכט די פּליטקעס שטײנער פאַר די אויוונס.

און שייע האָט די דרײַ דערפער געהייסן אויסקלײַבן דרײַ „גאָלאָוואָס" פון זײערע שענסטע באַלעבאַטים.

און ער האָט זײ איבערגעגעבן פולמאַכט, אַז זײ זאָלן זײַן די פירער פון זײערע דערפער. די גאָלאָוואָס האָבן געדינט זײערע דערפער צוליב כבוד און ניט פאַר געלט. כבוד האָט אַ גאָלאָוואַ געהאַט זײער אַ סך... זײַן וואָרט איז געווען דאָס געזעץ פונעם דאָרף. פאַר אים איז מען זיך געקומען קלאָגן און משפּטן. ער פלעגט דעמאָלט אָנטאָן זײַן קייט מיטן רוסישן אָד־לער אויף זײַן ברוסט און דורכפירן זײַן פליכט.

עס איז אויך געווען אין יעדן דאָרף אַ סטאַראָסטע.

און דערווײַל האָט זיך אַרום און אַרום אין דער בעסאַראַביע פאַר־שפּרייט דער קלאַנג, אַז אײנער פון די פּריצים האָט באַפרײַט זײַנע שקלאַפן. די פאַרשקלאַפטע פּויערים האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זײער „שלאָף" און אָנגעהויבן אָנצוטאָן זײערע פּריצים אַלערלײ צרות, ווי צינדן די סטויגן אין די תבואה־שפּײַכלער... און מאָרדן די אויפזעער.

און די פּריצים זײַנען זיך צונויפגעפאָרן אויף אַ פאַרזאַמלונג בײַ דעם פּריץ רישקאָן, כּדי צו געפינען אַן עצה ווי אַזוי אײַנצושטילן אָט־די רעוואָל־טירנדיקע שקלאַפן.

און אַזוי ווי בײַם פּריץ רישקאָן איז געווען זײַן זון, דער ייִנגערער, וואָס זײַן נאָמען איז געווען פעטיאַ, וועלכער האָט אויך געפּריידיקט דאָס באַפרײַען פון די שקלאַפן, האָט מען אָט דעם יונגן בחור אַרײַנגערופן צו דער פאַרזאַמלונג.

פּעטיאַ האָט שוין געוואוסט, אַז שייע־שאַרמאַנטיע האָט באַפרייט זיינע שקלאַפן. ער איז געווען זייער נאָענט באַפריינדעט מיט שייען, זינט זיי האָבןביידע געלערנט אין קעשענעוו.

פּעטיאַס גאַנצע פאַמיליע — דער טאַטע, דער עלטערער ברודער און די צוויי שוועסטער זיינען געווען קעגן „באַפרייען". און זיי האָבן אפילו געוואוסט, אָדער פאַרדעכטיקט, אַז פּעטיאַ האָט אַ האַנט אין די אַלע אומרועןפון די פּויערים.

און זיי זיינען ניט געווען איבגאַנצן „אויסערן וועג" אין אָט דער השערה. פּעטיאַ האָט געהאַט אַ האַנט אין די אומרועןפון „זייערע" שקלאַפן. ער האָט צו די רישקאַנער „פּאַנשטשיקעס" זייער אָפט גערעדט און אין זיי אָנגעצונדן אַ פייערדיקן באַגער צו זיין פריי, ווי אַלע מענטשן . . .

אַז מען האָט אים איצט אַריינגערופן צו דער פאַרזאַמלונג איז פּעטיאַ ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. ער איז געווען אַ בחור פול מיט מוט און גלויבן אין דער פרייער צוקונפט פון דער רוסישער ערד. ער איז געווען אינטעליגענט, הויך, פול־מענלעך און שטאָלץ; אַ שטאַרקער אין כאַראַקטער און האָט קיינמאָל ניט געדאַרפט באָרגן ביי עמיצן אַ וואָרט, יענעם באַלד צו ענטפערן אויפן אָרט.

ביי דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען בעסאַראַבער פריצים פון אַרום און אַרום; סאַמע וואַזשנע לייט מיט הויכגעשטעלטע טיטולן און מיט אַנגעראַבעוועטע, גרויסע שטרעקעס בעסאַראַבער ערד, וואָס דער צאַר פון רוסלאַנד האָט זיי געגעבן אַלס באַלוינונג פאַר זייער הילף אין דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען.

פּעטיאַ האָט זיך געהאַלטן בראַוו.

— יונגערמאַן, דענקסטו, אַז מען דאַרף באַפרייען די פּויערים?

— יאָ, אויב איר וועט זיי ניט באַפרייען, וועלן זיי זיך אַליין באַפרייען.

— עטאַטע!... דו רעדסט, ווי דו וואָלסט געווען זייערער און ניט קיין זון פון אַן אַדעליקן!

— וואָס בין איך בעסער און שענער פון זיי! מיר זיינען אַלע געבוירן געוואָרן גלייך. די שקלאַפן זיינען פונקט אַזוינע מענטשן ווי איך און ווי איר אַלע. מיינע הערן, איר האָט אויגן, הענט און פיס פונקט ווי זיי. און זיי האָבן נשמות און געפילן פונקט ווי מיר אַלע. נאָר דורך אַ צופאַל זיינען זיי געבוירן געוואָרן אויף דער אָרעמער זייט און מיר זיינען געבוירן געוואָרן אויף דער רייכער זייט. איז ביז וואַנען, טראַכט איר, וועט עס אַזוי אָנגיין, אָט־די ניט־גלייכקייט? איך וויל אייך זאָגן, ביז וואַנען עס וועט אַזוי אָנגיין: ביז וואַנען די אַלע אָרעמע באַשעפענישן וועלן אויפשטיין קעגן אונדז

רייכע און מיט געוואַלד צונעמען ביי אונדז דאָס רייכטום, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט זייער שוויס און בלוט. און דעמאָלט, מיינע טייערע הערן, וועט שוין זיין שפּעט. איר וועט שוין זיין פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג.

— אַזוי ? ! גאַנץ פּראָסט. כאַ, כאַ, כאַ ! . . . וואו האָסטו גענומען אָט אַזוינע שיינע רייד ?

— ער האָט זיך געלערנט ביי דעם ייִדישן פּריץ, — האָט מישאַ, פּע־טיאָס עלטערער ברודער, זיך אָנגערופן מיט פאַרניכטונג אין זיין שטים — יענער זשידאַנעשקו האָט שוין באַפרייט זיינע שקלאַפן . . .

— אַזוי ? ! מיט יענעם זשידאַן וועלן מיר האָבן אַ רעכענונג . . . — האָט געזאָגט איינער פון די פּריצים, אַ מאַן מיט אַ בייכל און מיט באַקנ־בערד אויף זיין גלאַט־אויסגעכאַליעט פּנים — מיר וועלן אָנפרעגן ביים „צאַר" צי קאָן ער דערלויבן, אַז אַ זשידאַן זאָל גאָר איינגאַנצן קאָנען האָבן אַן אייגענע אימעניע . . . און איר וועט זען וואָס דער „צאַר" וועט האָבן צו זאָגן וועגן דעם . . . כאַ, כאַ, כאַ . . .

— מיינע הערן, — האָט געזאָגט פּעטיאַ — דער צאַר איז ווייט און זיינע הענט זיינען קורץ . . . דער זשידאַן איז געזעצלעך דער באַזיצער פונעם לאַנד, וואָס דער פּריץ בריטשעוואַן האָט אויף זיין נאָמען אונטערגע־שריבן. חוץ דעם איז דער „זשידאַן" דער געזעצלעכער זון פונעם פאַר־שטאָרבענעם פּריץ בריטשעוואַן . . . דאָ וועט דער „צאַר" גאָרניט קאָנען טאָן. חוץ וואָס איידער דער צאַר וועט זיך רירן, וועט שוין דעם ייִדנס ערד זיין אין די הענט פון די פרייע פּויערים. און וואָס וועט איר טאָן ? אַראָפּ־טרייבן די פּויערים פון זייער ערד ?

— אַז מען וועט דאַרפן, פאַרוואָס ניט ?

— איר וועט זיך אָפּבריען די הענט.

— וואָס שוויינגט דער פאָטער רישקאָן אויף אַזוינע רייד פון זיין רע־בעלירנדיקן זון ?

— מיינע טייערע געסט, איך וועל זיך מיט מיין זון אָפּרעכענען . . . — האָט דער אַלטער רישקאָן געזאָגט — איר קאָנט זיך פאַרלאָזן אויף מיר.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ הוליאַנקע. די געסט האָבן געטרונקען און געשפּילט אין קאָרטן ביזן ווייסן טאָג אַריין. געשפּילט האָט מען טערטל־מערטל און הונדערטער און טויזנטער זיינען געפלויגן אין יעדן „קאָן", אַזוי ווי עס וואָלט געווען פּראָסטע פּאַפּירלעך . . .

עס וואָלט געווען אָנגעגאַנגען די קאָרטן־שפּיל ווער ווייסט ביז וואַנען, ווען עס וואָלט ניט געווען אָנגעקומען אַ רייטער פון דאַנדישאַן און געבראַכט אַ ידיעה, אַז די דאַנדישאַנער פּויערים האָבן רעוואָלטירט און צינדן די סטויגן מיט ווייץ־סנאָפּעס און די מאַגאַזינעס מיט האָבער און ווייץ. עס

איז געוואָרן אַ טומל און דער פריץ מיט די באַקנבערד, דער אייגנטימער פון דאַנדישאַן, האָט זיך געריסן די שיטערע האָר פון זיין קאָפּ...

די הוליאַנקע איז איבערגעשלאָגן געוואָרן און די געסט זיינען זיך צע־לאָפן אַזוי ווי פעלד שטשורעס אין צייט פון אַ שטורעם צעלויפן זיך אין זייערע גריבער אַריין.

און אַזוי גיך ווי די געסט זיינען זיך צעגאַנגען, האָט דער אַלטער ריש־קאָן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט זיין זון מישאַ און די צוויי טעכטער, וואָס מען זאָל טאָן מיט פעטיאַן: צי זאָל מען אים אַריינגעבן אין אַ משוגעים־הויז, אָדער אים אָפּגעבן אַ שטיקל ערד מיט עטלעכע שקלאַפן אין דעם וויטסטן טייל פון דער אימעניע און זאָל ער זיך פירן זיין שטאַם באַזונדער.

דער אַלטער פאָטער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו זיין יינגסטן זון פע־טיאַ און דערפאַר האָט ער פאַרגעשלאָגן, אַז מען זאָל אים געבן אַ שטיקל ערד און ער זאָל קאָנען פירן זיין אייגענעם שטאַם.

מישאַ און די שוועסטער זיינען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל פעטיאַן פאַרשיקן אין אַ משוגעים־הויז.

פעטיאַ איז דאָך אָבער געווען קליגער פון זיי אַלע. ער איז גאָר אַוועק־געפאָרן צו זיין חבר שייע־שאַרמאַנטיען. דאָרטן איז ער געווען זיכער פון אַלערליי געפאַרן, וואָס האָבן אויף אים געלויערט פון זיין פאַמיליע.

שייע און פאָטאַ מאַריאַ האָבן זיך מיט פעטיאַן זייער דערפרייט און האָבן אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. זיי האָבן פעטיאַן אָפּגעגעבן דעם אַלטן פריצס צימער צום שלאָפן און עס האָט פעטיאַן גאָרניט געפעלט קיין שום זאַך.

פעטיאַן האָט נאָר געפעלט איין זאַך און דאָס איז געווען זיין געליבטע מאַגדאַלענאַ, וואָס איז געווען די טאָכטער פונעם דאָניטאַנער פריץ.

צוועלפטער קאַפּיטל

פעטיאַ איז געבליבן וואוינען ביי שייען און פאָטאַ מאַריאַן דעם גאַנצן ווינטער. פון צייט־צו־צייט, ווען עס איז ניט געווען זייער שטאַרק קאַלט, האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט קיין דאַנדישאַן און זיך געזען מיט זיין געליב־טער מאַגדאַלענאַן.

און צום פרילינג, ווען די בעסאַראַבער ערד האָט ווידער אָנגעהויבן גרינען און דער פויער האָט אַרויסגעפירט דעם אַקער אין די פעלדער, האָט שייע גלייך מיט אַלע זיינע באַפרייטע פויערים געשפאַנט יאָך־אָקסן אין

אַן אַקער און איז אַרויסגעפּאָרן אַקערן זיין שטיק ערד, וואָס ער האָט פאַר זיך אָפּגעמאָסטן.

מיט דעם גאַנצן רייכטום, וואָס בריטשעוואַן האָט איבערגעלאָזט פאַר אים און פּאַטאַ מאַריאַן, האָבן זיי זיך איינגעטיילט מיט זייערע פּויערים און אויך מיט די קליינע יידעלעך.

געבליבן אין הויף זיינען נאָר די בוהאַיען, אַגערס און באַראַנען, ווייל עס איז ניט געווען גענוג איינצוטיילן פאַר יעדן איינעם.

שייע איז אויך געבליבן וואוינען אין הויף ביז אַלץ וועט אַוועקגיין אין דער ריכטונג, ווי ער האָט געוואָלט.

פּעטיאַ האָט געזען, אַז שייע גייט אויפן ריכטיקן וועג, איז ער אַהיים־געפאָרן אויך אַנצוהויבן אַזאַ לעבן פון אַ פרייען פויער.

דער זומער איז געקומען און שייע האָט מיט פּאַטאַ מאַריאַן אינאיינעם געאַרבעט אויף זייער שטיק ערד און דערנאָך פאַר ווינטער האָט ער אַראָפּ־גענומען זיינע תבואות און זיך אפילו אָפּגעשלאָסן אין איין צימער מיט פּאַטאַ מאַריאַן, כדי צו פילן דעם טעם ווי אַזוי אַלע פויערים לעבן.

פּאַטאַ מאַריאַ איז שוין איצט געווען זיין ווייב און זי האָט געטראָגן. זי איז געווען שיין אין איר שוואַנגערשאַפט. איר פּנים האָט זיך אַביסעלע אויסגעפילט, די בלויע אויגן זיינען געוואָרן טיפער און בלויער און זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום...

— וואָס ווילסטו? — פלעגט זי פרעגן שייען.

— אַ מיידעלע...

— איך וויל אויך אַ מיידעלע...

— זי זאָל זיין געראָטן אין דיר...

זיי האָבן זיך ביידע געשראָקן פאַרן געדאַנק, טאָמער ווערט ביי זיי געבוירן אַ יינגעלע. זיי האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך צו לעבן אַלס מאַן און ווייב און ניט חתונה געהאַט מיט קיין שום רעליגיעזע צערעמאָניעס, ניט קיין יידישע און ניט קיין קריסטלעכע. זיי האָבן געלעבט „אויפן וואָרט”... אָבער קומט אַ יינגעלע, ווייסט שייע ניט וואָס צו טאָן. ער האָט זיך דאָך ניט געשמדט. ער איז געבליבן דאָס, וואָס ער איז געווען. פּאַטאַ מאַריאַ האָט זיך ניט מגייר געווען. זי איז אויך געבליבן דאָס, וואָס זי איז געווען... זיי זיינען אָבער ביידע שוין ניט קיין רעליגיעזע מענטשן...

האָבן זיי דערפאַר געוואָלט אַ מיידעלע.

זיי האָבן זיך געלאָזט באַזעצן אין שייעוקע. פּאַטאַ מאַריאַ האָט זייער ליב באַקומען די קליינע יידעלעך. זי האָט זיך געלערנט ריידן יידיש. און שייע האָט מורא געהאַט, אַז די יידעלעך וועלן פון אים פאָדערן אַן אמת־יידישע הויז־פירעכץ...

אַקעגן פּריליגג האָט זיך דערווייל אַנגעהויבן דער פּראָצעס פון דער מערדערין טעאָדעסאַ, וועלכע האָט אומגעבראַכט מיט גלאָז דעם פּריץ בריטשעוואַן.

די פּריצים פון ארום האָבן געוואָלט נעמען נקמה אין שייען, — האָבן זיי זיך אַריינגעמישט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס.

טעאָדעסאַ איז געזעסן אין בעלצער אָקרושנאַי און דער סלעדאָוואַ־טעל איז געווען אַן אַלטער בחור מיטן נאָמען סקוויערנאַי.

אָבער כאָטש זיין נאָמען האָט געמיינט אויף רוסיש „אַ שלעכטער", איז אָט דער אַלטער בחור געווען אַן ערלעכער מענטש מיט אַ גוטער נשמה. ער האָט פיינט געהאַט דאָס פּריצנטום און די נאַטשאַלסטווע פון יענעם רוס־לאַנד; ער האָט געוואוינט אין בעלץ אין אַ באַשיידענער דירה, כאָטש ער אַליין איז געווען אַ רייכער גוט־באַזיצער. אויף זיין גוט איז ער קיינמאָל ניט אַרויסגעפאָרן. ער האָט געלעבט באַשיידן אויף זיין יערלעכן איינקונפט פונעם אַמט, און האָט אַ סך פון זיינע פאַרדינסטן צעטיילט צווישן בעלצער אָרעמעלייט.

אָט דער סקוויערנאַי האָט עס אויסגעפאָרשט טעאָדעסאַס פאַרברעכן און האָט געהאַלטן אין איין פאָדערן ביים פּראָקוראָר, אַז מען זאָל שוין דורכ־פירן דעם פּראָצעס.

נאָר פּלוצים איז צו סקוויערנאַיען אָנגעקומען אַ פּאַפּיר, וואו עס איז געווען געשריבן, אַז דער עדות טעאָדעסאַ האָט באַוויזן, אַז עמיצער אַנ־דערש איז באַגאַנגען דעם מאָרד. דער עמיצער אַנדערש זיינען: שייע־שאַרמאַנטיע, אַ ייד, און זיין געהילף פאַטאַ מאַריאַ, די טאָכטער פונעם פאַר־שטאָרבענעם בריטשעוואַן.

אַז סקוויערנאַי האָט איבערגעלייענט דאָס דאָזיקע פּאַפּירל, איז ער אַזש אויפגעשפּרונגען פון כעס:

— אַזאַ אידיאָטסטווע... אַזאַ ניט־געהערטע געשיכטע...

זיין פליכט איז אָבער געווען אַרויסצופאָרן מיטן איספּראַווניק און מאַכן אַ נייע אונטערזוכונג.

— גאַנץ רוסלאַנד האַלט זיך אויף ניט געשטויגענע אויספאָרשונגען — האָט ער געטענהט.

סקוויערנאַי האָט געהאַט אַן אַלטן קאָזאַק אַלס באַדינער און אַנטריי־בער. דער דאָזיקער קאָזאַק איז אויך געווען אַן אַלטער בחור און האָט גע־טראָגן אַן אוירנגל אין איין אויער. ער האָט געהייסן דאַנילאַ. איז געווען אַ נידעריקער מיט אויסגעבויגענע פיס פון כסדר רייטן אויף פערד; איז געווען זייער געטריי צו סקוויערנאַיען און פאַר אים אפילו געקאָכט די מאָל־ציַיטן. אין די אָוונטן זיינען זיי ביידע געזעסן אין קיך און זיך דערציילט

מעשות פון זייערע אייגענע איבערלעבונגען. דאַנילאָ האָט געדרייכערט זיין פּיפּקע און סקוויערנאַי האָט זיך בשעת־מעשה אַרומגעשפּילט מיט אַ בייטשל בורשטינענע קאָרעלן אַרום די פינגער.

סקוויערנאַי האָט אַריינגערופן דאַנילאָן און אים געהייסן איינשפּאַנען די צוויי בולאַנע פערד אין פאַיעטאָן.

— וואוהין, אַרקאַדי איוואַנאָוויטש ? — פרעגט דאַנילאָ.

— עס איז אַ סעקרעט. איך וועל דיר שפּעטער זאָגן.

דאַנילאָ האָט איינגעשפּאַנט און מיטגענומען אַ פּאָר זעקעלעך האָבער און אַן עמער אויף אָנצוטרינקען די פערד אויפן וועג.

ערשט, ווען זיי זיינען שוין געווען אַרויס פון דער שטאָט, האָט סקוויערנאַי געזאָגט דאַנילאָן וואוהין זיי פאָרן.

דאַנילאָ האָט געטאָן אַ בליק מיט זיינע טיפע, שוואַרצע אויגן אויפן הימל, כדי צו זען פינקטלעך די פּאָזיציע פון דער זון. און דאַן האָט ער זיך פאַרנומען איבער די גרינע פעלדער. עס איז נאָך ניט געווען קיין וועג אַהין, וואוהין זיי זיינען געפאָרן. דער טאָג — אַ פרישער, אַ יונגער, האָט געשמעקט מיט האָניק. די זון איז געשוואומען אין אַ בלויען ים פון די פריי־לינג־הימלען. הימל און ערד. קיין שום בוימער, נאָר ברעג און טאָלן. און ריטשקעס זיינען געלאָפן אין די טאָלן.

סקוויערנאַי איז געזעסן אויף דער קאָזלע לעבן דאַנילאָן. צוויי בולאַנע פערד האָבן ערשט אַראָפּגעליענעוועט פון זיך די ווינטער־האָר און אַ מילך־קאָליר פון פרישע האָר האָט קוים צוגעדעקט זייער פעל. זיי האָבן זיך גאָר־ניט אָנגעשטרענגט מיט אָט דעם לייכטן פאַיעטאָן, וואָס האָט מיט זיינע רעדער ווי אויסגעשפּילט עפּעס אַ שטילע מעלאָדיע...

פאַרנאַכט זיינען זיי אָנגעקומען אויפן גוט פון שייע־שאַרמאַנטיע.

שייע האָט אויפגענומען דעם סלעדאָוואַטעל, געזען, אַז מען זאָל באַ־זאָרגן זיינע פערד מיט אַ פּלאַץ אין שטאַל און מיט עסן. דעם קוטשער האָט שייע אַריינגעבעטן אין הויז אַריין.

דרייצנטער קאַפּיטל

דער סלעדאָוואַטעל סקוויערנאַי האָט אַוועקגעשיקט די פּאַפּירן צוריק קיין קעשענעוו און צוגעשריבן זיין מיינונג צו אָט־דעם נאַרישן בלבול, אַז ער האָט אונטערזוכט די גאַנצע נאַרישע זאַך און זיין מיינונג איז, אַז עס איז ניט אמת...

און דערווייל איז זיך דאָס לעבן געגאַנגען זיין געזונטן גאַנג.

פּאַטאָ מאַריאַ האָט מיט „גאָטס הילף" געהאַט אַ מיידעלע. און זי האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַרן גרויסן, ליידיקן הויז און די ליידיקע שטאַלן... און שייע האָט אויסגעבויט אַ קליין שטיבעלע אין שייעווקע און זיי האָבן זיך אַהין אַריינגעצויגן.

און די יידישע ווייבעלעך האָבן זי ליב באַקומען. און פּאַטאָ מאַריאַ האָט זיך אויך צוגעוואוינט צו זיי און זיך געלערנט ווי אַזוי צו ריידן יידיש; אויך האָט זי זיך געלערנט ווי אַזוי צו פירן אַ יידיש הויז.

דאָס דאָרף שייעווקע האָט געלעבט אַ זאַט לעבן. די יידעלעך זיינען געפאָרן איינמאָל אין חודש אויפן יאַריד קיין רישקאַן. און יעדער יידעלע האָט מיטגענומען עפּעס צום פאַרקויפן: אַ זאַק מיט פּאַפּשויעס, אַ בינטע־לע וואָל, אַביסעלע ברינזע.

די יידעלעך זיינען אָנגעקומען אויפן מאַרק־פּלאַץ אין רישקאַן און די רישקאַנער יידן האָבן ניט געוואוסט צי דאָס זיינען יידן פון שייעווקע. די רישקאַנער יידן האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען פויערים און צו זיי גערעדט מאָל־דאַוואַניש. „טשי וורעי ?" (וויפיל ווילסטו ?) — האָבן די רישקאַנער יידן־סוחרימלעך געטאַפּט דעם זאַק מיט פּאַפּשויעס; אָדער פאַרזוכט די ברינזע; אָדער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער פוכקער וואָל.

די שייעווקער יידעלעך האָבן אַזוי געהאַט אַ באַגריף וועגן פרייזן, פונקט ווי זיי האָבן געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין פּעטערבורג... זיי האָבן באמת ניט געוואוסט וויפיל זייער פאַרהאָרעוועטע סחורה האָט די ווערט.

געוויינלעך האָט איינער געזאָגט, למשל, אַז ער וויל פאַרן זאַק מיט פּאַפּשויעס איין רובל.

— נישטי קאַרבאָוונעץ!

דער רישקאַנער סוחר האָט געוואוסט, אַז עס איז אַ גרויסע מציאה, נאָר ער האָט פונדעסטוועגן געזאָגט צום שייעווקער יידעלע (פויער):

— טשינזש לערי! (5 גילדן).

דער ערשטער שייעווקער ייד האָט גענומען און פּטור אַן עסק. דער־פאַר האָבן שוין די איבעריקע ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן פונעם פרייז. „ווי באַלד עס האָט די ווערט 5 גילדן האָט עס אויך די ווערט אַ רובל"...

דערנאָך האָבן ערשט די שייעווקער יידעלעך געזען, ווי ביליק זיי האָבן פאַרקויפט.

ווען זיי זיינען געגאַנגען קויפן אַ פּאָר שטיוול איז אפילו קיין גאַנצער רובל ניט געווען גענוג. דער קרעמער האָט זיך געהייסן געבן גאַנצע דריי רובל פאַר אַ פּאָר שטיוול.

הייסט עס, אַז אַ שייעווקער וועט דאַרפן ברענגען דריי זעק מיט פּאַפּ־שויעס פאַר איין פּאָר שטיוול.

און די אַרבעט וואָס מען האָט אַנידערגעלייגט אויף איין זאַק פּאַפּ־שויעס! מען האָט געאַקערט, פאַרזעצט, געפּראַשעוועט און אָראָפּגענומען די קוקורוזע, און דאַן האָט מען געדאַרפט זיצן און לישטשען די קערנדלעך, און איידער מען האָט דערזען אַ פולן זאַק, זיינען די אויגן שיער ניט אַרויס־געקראָכן.

— עפּעס שטימט דאָ ניט!...

אָבער דער קרעמער האָט גענומען דערציילן, וואָס מען טוט איידער עס ווערט אַ פּאָר שטיוול:

— פריער האָדעוועט מען אויס אַן אָקס. דערנאָך קוילעט מען אים און פון זיין פעל מאַכט מען לעדער. און דערנאָך נעמט דער שוסטער אַ שטיק לעדער און אַרבעט אפשר אַ גאַנצע וואָך איידער עס ווערט אַ פּאָר שטיוול.

בלייבט שוין ווידער דאָס שייעווקער יידעלע שטיין אַ פאַרגאַפטער. ער האָט שוין ניט וואָס צו ענטפערן דעם רישקאָנער יידן.

האָט שייעווקע געמוזט ברענגען דריי זעק מיט פּאַפּשויעס, כדי צו קאָנען קויפן איין פּאָר שטיוול. און אַז שייעווקע האָט אָנגעטאָן שטיוול, האָבן זיי זיך דערפילט צום ערשטן מאָל ווי זיי זיינען עפּעס שטאַרקער גע־וואָרן; זיכערער אויף דער ערד געשטאַנען און אויסגעוואָקסן מיטאַמאָל אין דער הויך.

איצט קלינגט די ערד אונטער זייערע פיס.

און שייע האָט אָנגעהויבן הנאה צו האָבן פון זיינע קליינע יידעלעך. זיי זיינען שוין ניט מערער קליין — זיי זיינען פולע דערוואַקסענע מענטשן.

די ווייבער האָבן אַלע יאָר אויסגעטראָגן קינדער און דאָס דאָרף שיי־עווקע וואַקסט.

שייע בויט אויס אַ שול פאַר די יידן. גאָלד און זילבער איז געבליבן גאַנצע פעסער נאָך בריטשעוואַנס טויט. און שייע האָט פיינט געהאַט געלט. זיין זיידע האָט עס ניט פאַרמאָגט, זיין טאַטע האָט עס ניט געהאַט און ער וויל עס ניט האָבן...

האָט ער אויסגעבויט אַ שול פאַר די יידן און צוויי קלויסטערס פאַר זיינע גויאישע פויערים.

שייע אַליין איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דער גאַלאָווע פון שייעווקע.

און שייע האָט געבעטן דעם רישקאָנער שוחט, אַז ער זאָל רעקאָמענ־דירן אַ שוחט קיין שייעווקע. און רב יעקב האָט באַפוילן מיטן פאַקנטרע־גער קיין מאָלעוו, אַז מען דאַרף אין שייעווקע אַ שוחט.

ווען דער פאַקנטרעגער האָט דערהערט, אַז עס איז דאָ אַרום רישקאָן אַ יידיש דאָרף, איז ער אַהין אַוועקגעגאַנגען מיט זיין פּאַק ספּרימלעך, ער

האָט צעלייגט זיין קרעמל אין דער קלויז און דריי יידעלעך האָבן געקויפט בענטשערלעך, סדורימלעך און ציצות.

האָט דער פאַקנטרעגער געזען, אַז די שייעווקער יידן האָבן ניט קיין טליתים און ניט קיין תפילין און קיין מזוזות.

דער דאָזיקער פאַקנטרעגער איז געווען אַ פּאָדאָליער ייד, ערגעץ ניט ווייט פון וויניצע, פונעם שטעטל פרילוקי.

און ווען ער איז געקומען קיין וויניצע, האָט ער דערציילט פון זיינע וואונדער־מעשיות, וואָס האָט מיט אים געטראָפן אויפן וועג — אויך די מעשה שייעווקע.

— איך האָב געפונען „פאַרלוירענע יידן.״

— פון די צען שבטים ?

— פון די יידישע קינדער, וואָס די פּאָימאַניקעס האָבן געכאַפּט און פאַרשיקט קיין בעסאַראַביע און זיי פאַרקויפט צו אַ דאָרטיקן פּריץ. און די מעשה קלינגט ווי אַ מעשה פון חומש. די קליינע יידעלעך האָבן געאַרבעט זייער שווער, אַניט האָבן די משגיחים זיי געשמיסן מיט אַראַפּניקעס, און זיי האָבן געשריען צו גאָט. און גאָט האָט אַריינגעגעבן איינעם פון אָטאָ־די יידעלעך אַ מחשבה. זיין נאָמען איז שייע, ווי כ׳בין אַ ייד, איך האָב מיט אים גערעדט מיט אָט דעם שייען. געווען אַ ייִנגל גלייך ווי אַלע, וואָס מען האָט געכאַפּט און אַוועקגעשיקט קיין בעסאַראַביע. גייט דאָס ייִנגל איינמאָל אין פעלד זוכן בוריאַנעס צום באַהייצן און ער הערט אַ שטים ווי פון הימל זאָגן צו אים: „גיי און נעם באַסיען פאַר אַ ווייב!״... באַסיע איז געווען איינע אַ מיידל, ווענמען אירע עלטערן האָבן געשיקט מיט צוויי ברידערלעך, אַז זי זאָל אויף זיי אַכטונג געבן. גייט שייע אַריין צו באַסיען און זאָגט איר, וואָס די שטים פון הימל האָט אים געזאָגט. ווייל דאָך באַסיע אים ניט גלויבן און זי גיט אים אַ פּרוביר אויס צי ער וועט קאָנען ביישטיין דריי מעת־לעת אין די פאַרשנייעטע פעלדער. און אויב ער וועט קומען אַ לעבעדיקער נאָך די דריי מעת־לעת וועט זי וויסן, אַז ער האָט געזאָגט דעם אמת און זי וועט מיט אים חתונה האָבן. האַ, איר ווילט שוין וויסן דעם סוף? וואַרט־זשע צו אַביסעלע... שייע איז אַוועקגעגאַנגען אויף די דריי טעג איבער די פאַרשנייטע פעלדער. עס איז דאָך ניט שייך, אַז גאָט וויל אַזוי... גייט ער אַזוי, ווי פּלוצים גיט אַ פאָר־אָן אַ שליטן געשפּאַנט מיט צוויי לייבן־פערד מיט אַ קוטשער און מיט אַ פּרינצעסין, ווי אין אַ מעשה־ביכל. און דער שליטן בלייבט שטיין און די פּרינצעסין פאַרבעט שייען אין שליטן. ער שלאָגט זיך מיט דער דעה, יאָ־גיין, נישט־גיין. אָבער ער גייט און קריכט אַריין אין שליטן. און אינגיכן געפינט ער זיך אין אַ פּאַלאַץ אַ וואַרעמען און באַדינער וואַשן אים אַרום און מען טוט אים אָן ריינע וועש און

מען לייגט אים אַריין אין אַ ווייך בעט. און מען ברענגט אים עסן און טרינקען.

— און וואָס ווייטער ? — שטייען צו די יידן פון וויניצע צום פּאַקנ־טרעגער.

— האָט געדולד, די מעשה איז אַ לאַנגע. די פּרינצעסין האָט זיך איינ־געליבט אין שייען און געהאַלטן אים געפּאַנגען. און ווען באַסיע האָט געזען, אַז שייע איז ניטאָ צוריק נאָך די דריי מעת־לעת, האָט זי אָנגעמאַכט אַ געוואַלד און די קליינע יידעלעך זיינען אַרויס זוכן שייען אויף די פאַרשנייטע פעלדער. און אַז מען האָט אים ניט געפונען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז שייע איז אומגעקומען. און זיי האָבן אים באַוויינט... און שייע איז געווען אין פּאַלאַץ און געלעבט אַ גוטן טאָג. און די פּרינצעסין האָט אים זייער ליב געהאַט און אים אפילו געוואָלט אָנטאָן אַ צלם. אָבער שייע האָט זיך ניט געלאָזט... און דער פּרינצעסינס טאַטע, וואָס איז אגב געווען דער פּריץ, ביי וועמען די קליינע יידעלעך האָבן געאַרבעט ווי שקלאַפן, האָט אַוועקגעפירט שייען און די טאָכטער זיינע אין אַ גרויסער שטאָט און זיי אַריינגעגעבן צו מאַנאַכן און מאַנאַשקעס, אַז מען זאָל מיט זיי לערנען. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט האָט מען מיט די צוויי קינדער געלערנט ביז עס איז גע־קומען די צייט זיי שיקן אַהיים. און דער פּריץ איז געקומען און זיי גענו־מען אַהיים. האָ, דער רבונו־של־עולם זיצט אויבן און פירט די וועלט אונדזערע אונטן. אין דער צייט, וואָס שייע איז ניט געווען האָט דערווייל באַסיע חתונה געהאַט מיט אַ בחור. און די יידעלעך האָבן נאָך אַלץ גע־אַרבעט אונטער דעם קנוט. פאַר וואָס־ניט־איז האָט מען זיי געשמיסן. און זיי האָבן אַלץ געהאַלטן אין איין שרייען צו גאָט. און אַז שייע איז אַהיימ־געקומען אין פּריצס פּאַלאַץ, האָט ער זיך שוין ניט נאַר געפילט ווי אַ היי־מישער, נאָר דער פּריץ האָט אים שוין געהאַט פאַרשריבן פאַר אַן אייגענעם זון און אויף זיין נאָמען איבערגעגעבן דעם גאַנצן „גוט". און שייע האָט באַלד באַפוילן די אויפזעער, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו שמייסן די פּאַנש־טשעניקעס. און ער האָט פּאַוואָליע געאַרבעט איבערן פּריץ, אַז מען דאַרף די שקלאַפן באַפרייען. מען האָט שוין געפּועלט, נאָר איז געקומען אַ קלאַפּ־טע, אַזאַ מין פּויטיפּערע ווי אין חומש, און פאַרסמט דעם פּריץ. און שייע האָט געמוזט אַליין באַפרייען די שקלאַפן און די קליינע יידעלעך האָט ער זייער אויפגעריכט. און דאָס שיינע איז, אַז ער האָט זיך צו זיי געלאָזט דער־קענען ווער ער איז... און אויפגעבויט פאַר זיי אַ דאָרף מיט אַ קלויז, אָבער די ייעדעלעך האָבן ניט קיין שוחט, ניט קיין טליתים און ניט קיין מזוזות. זיי זיינען פאַרגרעבט און עסן מאַמעליגע אפילו שבת און יום־טוב און זיי ווייסן ניט פון קיין חשבון ווען עס איז יום־טוב און ווען עס איז

שבת. זיי האָבן איינעם, וואָס איז זייער רב. אמת, אַ יונגערמאַן, וואָס קאָן אַביסל לערנען. אָבער ער האָט ניט קיין ספרים און עס איז ניטאָ ביי זיי קיין ספר־תורה אין קלויז און זיי לייענען ניט קיין תורה — מיט איין וואָרט „פאַרלוירענע יידן"...

פערצנטער קאַפּיטל

דער פאַקטורגער האָט געהייסן אברהם און ער האָט געהאַט אַ שם פון אַ גוטן מעשה־דערציילער. אַ מענטש איז תמיד געווען אויף דער וועלט. ער האָט זיך געוויינלעך אַרויסגעלאָזט מיט זיין פּאַק נאָך פסח און דורכ־געמאַכט דורכן זומער אַזאַ מאַרשרוט: פון זיין שטעטל פּריהוקי, קיין נע־מעראָוו, פון נעמעראָוו קיין וויניצע, פון וויניצע קיין באַר און אַנדערע שטעטלעך ביז מאַלעוו; דערנאָך פון מאַלעוו מיטן ברעג פונעם דניעס־טער קיין כאָטין און זוואַניץ און דערנאָך קיין קאַמענעץ און פון דאָרט ווי־דער קיין בריטשאַן, ליפּקאַן, יעדעניץ, רישקאַן, בעלץ און ביז סאָראָקע און פון דאָרט צוריק קיין סגוריצע, פאַלעשטי און ווידראַמאַל בעלץ און פון דאָרטן קיין אָטעק־מאַלעוו און אַזוי גיין צופוס ביז ער איז אָנגעקומען קיין יאַרמעלינעץ אויפן יאַריד און איינגעקויפט דאָרטן ביי די אַחים ראָם זיין סחורה, און דערנאָך איז ער אַהיימגעקומען אויף יום־טוב קיין פּרילוקי.

איז, געוויינלעך, ווייסט אַזאַ ייד, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט און ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן אַ גאַנצן ווינטער אין בית־המדרש...

אָבער די דאָזיקע מעשה מיטן יידישן יינגל און מיט דער פּרינצעסין און מיט די פאַרלוירענע יידעלעך איז געווען די קרוין פון זיינע מעשיות. אַלעמאָל האָט ער זי דערציילט מיט אַן אַנדער נוסח. און דער עולם האָט אים אַלעמאָל אויסגעהערט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם.

די דאָזיקע מעשה האָט ער אויך דערציילט אין אַלע שטעט אויף זיין וועג אַהיים און עס האָבן זיך אויף דעם סמך אַ לאָז געטאָן קיין שייעווקע יידן פון כל־המינים: שוחטים, קרעמער, סוחרימלעך, סטאָליאַרעס, שוס־טער, קאָוואַליעס, שניידער, היטלמאַכער, שטריקדרייער, קצבים, מעקלער, וואַטנמאַכער, רופאס, גבאים, שמשים, מלמדים, בעדער, באָנדערס, בע־קער, שדכנים, אויך אַ בדחן און נאָך אַזוינע יידן...

געוויינלעך איז געקומען איינער אַזאַ ייד קיין שייעווקע אַליין אָן זיין בני־בית. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן אַלץ און נאָכגעשמעקט און אויסגעפאָרשט; טייל האָבן געקראָגן אַ פּלאַץ און אויפגעבויט אַ שטוב און דערנאָך געפאָרן ברענגען דאָס הויז־געזינד.

דאָס דאָרף שייעווקע איז געוואָרן אַ שם־דבר איבער גאַנץ פּאָדאָליע און עס זיינען געקומען יידן פון דאָרטן אַזוינע אויסגעווייקטע, געלע און פאַרכמורעטע. נאָר שייעווקע האָט געהאַט אַזאַ מין טבע, אַז אויב אַ ייד איז דאָ אָפּגעווען אַ פּאָר וואָכן, האָט ער באַקומען רויטע באַקן און אַ רויטן קאַרק.

שייעווקע איז געוואַקסן אין דער לענג און ברייט. עס איז שוין גע־ווען אַ מלמד און מען האָט שוין געהערט דאָס געזאַנג פון תלמידים. געווען אַ שוחט, וואָס האָט געקוילעט לעמעלעך און יידן האָבן געהאַט פלייש אויף שבת און יום־טוב. עס האָט זיך געעפנט דאָס ערשטע קרעמל און יידן האָבן געקויפט ליכט אויף שבת, זאַלץ, בוימל, צוקער, נאָדלען,ביינווע־לעך, טשוועקעס און נאָך אַזוינע זאַכן. עס האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ שוס־טער און געמאַכט שטיוול און אַ שניידער האָט געניית הויזן מיט רעקלעך און דער היטלמאַכער האָט געמאַכט היטלען, און דער סטאָליאַר האָט גע־מאַכט טישן מיט בענקלעך, און דער בעקער האָט געבאַקן אַלע טאָג פרישע בייגל און ברויט, און דער קאָוואַל האָט געמאַכט פּאָדקאָוועס און זאַוויעסעס און טשוועקעס. און גלאָט אַזוי יידן, סוחרימלעך, האָבן ביי די יידעלעך אָפּגעקויפט דעם ווייץ, קוקורוזע, פעל פון שאָף, וואָל און דעם טוטין...

און אַ סופר איז געזעסן און געשריבן אַ ספר־תורה. און אַלע יאָר איז געקומען אברהם דער פאַקנטרעגער און געבראַכט ציצות, תפילין, מזוזות, און געבראַכט נייעס פון דער וועלט:

„ניקאָלאַי, ימח שמו, איז שוין טויט און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קייסער מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער. און דער נייער קייסער, זאָגט מען, האָט באַפוילן צו אַלע פּרצים, אַז זיי זאָלן באַפרייען זייערע שקלאַפן...״

— איז עס גוט פאַר יידן?

— פאַר יידן איז גאָרניט גוט... דער נייער קייסער איז שלעכט צו יידן. נייע גזירות אויף יידן. מיר טאָרן ניט וואוינען נאָענט פון דער גרע־ניץ... מיר טאָרן ניט האָבן קיין אייגענע ערד... מיר וועלן שוין באַלד ניט טאָרן אָטעמען...

— ר׳ אברהם, אירווילט אונדז דערציילן, אַז מען וועט ביי אונדז צו־נעמען אונדזערע שטיקלעך ערד, וואָס מיר האָבן דאָ אין שייעווקע?!

— ביי פּאָניעס קאָן אַלץ פּאַסירן...

— ס׳קאָן ניט זיין!... מיר זיצן דאָ אויף אונדזער ערד און מיר טשעפּען קיינעם ניט.

— ביי פּאָניעס קאָן אַלץ מעגלעך זיין — האָט ר׳ אברהם געוואָרנט.

ר׳ אברהם איז אַוועקגעגאַנגען מיט זיין פּאַק. און אַזוי ווי אַ דונער פון אַ קלאָרן הימל איז פּלוצים אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע אַזש פון

דאָרטן, פון פּעטערבורג און האָט אַלץ אויסגעפּאַרשט: וויפיל ערד יעדער איינער האָט, און ווי יעדער איינער הייסט, און פון וואַנען מען איז געקומען, און דער עיקר, צי מען איז אַ ייד...

און די קאָמיסיע איז אַוועקגעפאָרן — אַ שיינע ריינע כפּרה!...

ווידער איז געווען שטיל עטלעכע חדשים. שייעווקע האָט אַראָפּגענומען די תבואות פון די פעלדער און זיך געגרייט צום בעסאַראַבער ווינטער. עס איז שוין איצט געווען אַ גרויס דאָרף. צוויי לאַנגע גאַסן. און וועגן זיינען געלאָפן פון אַלע זייטן שייעווקע.

איר נאָמען האָט שוין געקלונגען אין גאַנצן געגנט. יידן האָבן זיך געמערט און קינדערלעך זיינען געוואַקסן ווי אויף הייזון. שייעווקער יידן האָבן זיך מתחתן געווען און שטיבלעך האָבן זיך געבויט.

און שייעווקע האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם, וואָס שייע וואוינט צווישן זיי. שייע האָט געאַרבעט אויף זיין שטיקל ערד אַזוי ווי אַלע יידן. פון די אַמאָליקע קליינע יידעלעך זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע, געזונטע יידן מיט בערד, מיט מאַזאָליקע הענט און שטאַרקע ווי דעמבעס. פון די יידן האָט געשמעקט מיט ערד, מיט שאָף און מיט פערד. זיי האָבן גערעדט אַ יידיש געמישט מיט אַ סך וואָלעכישע ווערטער. אָבער אַ פעטן ברייטן יידיש מיט דעם קאָמעץ און מיט דער „ה" און מיט אַ געזונטן „ריש"...

און עס איז געווען אין אַ שיינעם פרילינג־טאָג, אַז עס איז ווידער פלוצים אָנגעקומען אַ קאָמיסיע און אַוועק צו באַטראַכטן דאָס הויף, וואָס שייע מיט פאַטאַ מאַריאַן האָבן פאַרלאָזן. דאָס דאָזיקע הויף איז איצט געווען אָפּגעלאָזן און חרוב.

און די קאָמיסיע האָט באַקוקט דאָס הויף און פאַרשריבן אין ביכער, און איז, אין אַלדי־שוואַרצע יאָר, ערגיץ אַוועקגעפאָרן.

עס איז ווידער געווען שטיל אַ שטיקל צייט.

נאָר אינמיטן זומער איז פלוצים אָנגעקומען אַ גאַנצער אָבאָז פון פערד, וועגענער, אָקסן, שאָף און זייער אַ סך מענטשן. און פון הינטן פון אָט דעם אָבאָז איז נאָכגעפאָרן אַ קאַרעטע מיט אַכט פערד געשפּאַנט נאַשפּיץ. אין דער קאַרעטע איז געזעסן אַ גראָבע פריציטע, וואָס האָט אַליין פאַרנומען דעם גאַנצן אויבנאָן פונעם פאַיעטאָן.

און אָט־די פריציטע האָט זיך באַזעצט אין פאַרלאָזטן הויף. און עס האָט גענומען קאָכן מיט אַרבעט. מען האָט געקאַלכט די צימערן און געוואַשן די פאַדלאָגעס און די שויבן פון די פענצטער.

עס איז געווען אינמיטן זומער אין רעכטן ברען פון דער אַרבעט אויף די פעלדער. און שייע מיט פאַטאַ מאַריאַן האָבן דווקא געהערט, אַז עפּעס אַ פריציטע האָט זיך באַזעצט אין זייער פאַרלאָזטן הויף, אָבער זיי האָבן

ניט געהאַט קיין צייט אַרויסצופּאָרן אַהין, כּדי געוואויר ווערן, וואָס די פּרי־ציטע טוט אין זייער הויף.

נאָר די פּריציטע האָט ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. זי איז געקומען צופּאָרן אין אַ פאַיעטאָן צו די יידן אין שייעווקע און זיך נאָכגעפרעגט אויף שייען.

פאַרשטענדלעך, אַז זי האָט כּמעט אַלע יידן געטראָפן אַרבעטן אויף זייערע פעלדער און שייע איז אויך געווען צווישן די פעלד־אַרבעטער. עס איז געווען די צייט פון שנײַדן די קוקורוזע.

די קוקורוזע איז געווען הויך, נאָך העכער פון מענטשן און גרין־גאָל־דיק מיט שיינע בלעטער, און יעדע קוקורוזע האָט געהאַט דריי אָדער פיר סטרוגערס מיט פּאָפּשויעס, וועלכע זיינען געווען איינגעוויקלט אין זייערע גרין־גאָלדענע בייטלען מיט אַזוינע ברוינע פּאות ביי די שפּיצן פון די בייטלען. די יידן וואָס האָבן געשניטן די קוקורוזע, מיט סערפּעס, האָבן זיך ניט אַרויסגעזען פון די געדיכטע רייען מיט קוקורוזע. עס איז הייג־טיקס יאָר געווען אַ גרויסע שפע.

די פּריציטע וואָס איר נאָמען איז געווען קניאַגינע גאַנאַראָווא, און וועל־כע איז געווען אַן אלמנה, איז געקומען אַזש פון סאַמע טיף־רוסלאַנד. און געקומען איז זי אויפן באַפעל און וואונטש פונעם צאַר אַליין, זיך צו באַ־זעצן דאָ אויפן גוט. דער דאָזיקער גוט איז מיטן באַפעל פונעם „צאַר" צו־גענומען געוואָרן פונעם יידן שייע און איז אַוועקגעשאָנקען געוואָרן דער קניאַגינע גאַנאַראָווא, וועלכע איז שוין געוואָרן אַזוי פעט און אַלט, אַז דער „צאַר" האָט פון איר געוואָלט פּטור ווערן פון קייזערלעכן הויף...

זי איז געווען זייער אַ גרויסע מיוחסת און זי איז מסתּם געווען גע־וואוינט ניט אַנדערש, אַז מענטשן זאָלן זיך פאַר איר בויגן און בוקן.

און דאָ פאָרט זי צו צו פּשוטע דאָרפישע פּויערים און נאָך דערצו עפּעס „פאַרשיווע יידן" און קיינער באַמערקט זי ניט. זיי טוען זייער אַר־בעט און קוקן זיך ניט אום אויף איר.

„זי וועט זיי וויזן ווער זי איז!" — ברענט אין איר דער כּעס. זי ווערט רויט ווי אַן אָפּגעשיילטער בוריק.

— העי! — שרייט זי אויס — ווער איז דאָ שייע?!

— שייע?

— שייע! עפּעס אַ פּריצטע אין אַ פאַיעטאָן וויל דיך זען.

שייע האָט פאַרוואָרפן דעם סערפּ איבער אַן אַקסל און איז מיט זי־כערע טריט פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום פאַיעטאָן.

— גוטן טאָג!

— דו ביסט שייע?! — פרעגט מיט כּעס די פעטע פּריצטע.

— יאָ.

— דו ביסט דאָ געווען ביז איצט דער פּריץ?

— איך.

— פון איצט אָן און ווייטער בין איך דאָ די פּריצטע.

— איר? ווער האָט עס אייך געגעבן דאָס רעכט?

— שווייגען!... מיט מיר רעדט מען ניט אַזוי! איך בין די קניאַ־גינע גאָנאַראָוואַ!

— און איך בין דער אייגנטימער פון אָט דעם גוט, ניט איר. דער דאָזיקער גוט איז מיר און מיין ווייב איבערגעלאָזט געוואָרן אַלס אַ ירושה פון אונדזער גאָטזעליקן פאָטער בריטשעוואַן.

— אַזוי?! דו ביסט דער פּריץ. אויב אַזוי, ווי קומט עס וואָס דו אַליין אַרבעטסט אין פעלד?

— איך וויל אַליין אַרבעטן... קיינער צווינגט מיך ניט...

— אויב דו ווילסט אַליין זיין אַ פּויער, איז דאָך דער קייסער גערעכט. ביי אַזאַ פּריץ נעמט דער „צאַר" אַוועק די פּריווילעגיע פון זיין גוט... פון איצט אָן ביסטו מיין אונטערטאַן מיט אַלע דיינע „פאַרשיווע יידן" אינ־איינעם, און אויב איר וועט ניט וועלן, קאָנט איר זיך גיין פונדאַנען זוכן אַ בעסערע פּריצטע!...

און די קניאַגינע האָט געגעבן אַ צייכן דעם קוטשער, אַז ער זאָל פאָרן...

פופצנטער קאַפּיטל

שייע איז געבליבן שטיין אַביסל דערשטוינט פון דער פּריצהס רייד, אָבער באַלד האָט ער ווי אַן עכטער פּויער אויסגעשפּיגן און איז אַוועק צו־ריק צו זיין אַרבעט. און די אַרבעט פון שניידן קוקורוזע מיט אַ סערפּ איז געווען אַזוי פאַרכאַפּנדיק און אינטערעסאַנט, אַז ער האָט באַלד אויפגע־הערט צו טראַכטן וועגן דער פּריצה. שייע האָט בעסער זיך געהיט, אַז דער סערפּ זאָל ניט טאָן אַ פאַרפאָר מיטן שפּיץ אין זיינע פיס. די דאָזיקע מלאכה האָט ער זיך ערשט אין די לעצטע פאָר יאָר אויסגעלערנט. און זי איז ניט געקומען צו אים בירושה פון זיינע עלטערן.

פאַטאַ מאַריאַ האָט איצט גראָד ניט געאַרבעט אין פעלד. זי האָט אין פרילינג געבוירן אַ צווייט מיידעלע און זי זויגט עס אַליין און קאָן זיך קוים ספּראַווען מיט איר אַרבעט אין שטוב.

ווען שייע איז אין אָונט געקומען אַהיים האָט ער פאַטאַ מאַריאַן דער־

ציילט וועגן דער פּריצה און איר וויזיט און אויך וואָס די דאָזיקע פּריצה האָט אים געזאָגט.

— כ׳וועל איר אויסדראַפּען די אויגן! — האָט פּאַטאַ מאַריאַ זיך אָנגעצונדן.

— טייערע, היץ זיך ניט. פאַרגעס ניט, אַז דו זויגסט אַ קינד...

— אַזאַ אומדערהערטע זאַך! זי קומט און נעמט זיך אונדזער גוט און אונדזער הויף און עס קומט איר נאָך צען־אַרויס!...

— האָסטו געדאַרפט זען מיט וואָס פאַר אַ חוצפּה אָט־די פּריצה רעדט!

— און דו האָסט איר געשוויגן?

— זי האָט מיר ניט געגעבן קיין געלעגנהייט צו ריידן. זי האָט אָפּגעזאָגט אירס און אָוועקגעפאָרן.

— און וואָס וועלן מיר טאָן?

— כ׳ווייס אַליין ניט.

— מיר טאָרן ניט שווייגן!

— צו וועמען קאָנען מיר זיך ווענדן?

— צום איספּראַווניק אָדער גובערנאַטאָר!... עפּעס רעדסטו ווי דו וואָלסט מורא געהאַט. ווען איך וואָלט געווען אויף דיין אָרט, וואָלט איך צונויפגענומען אונדזערע פּויערים פון אונדזערע דערפער און מיט זיי איבעריינעם אָט־די פּריצה מיט אירע מענטשן אַרויסגעטריבן פון אונדזער גוט.

— זי קומט מיטן כוח פונעם צאַר. און דו ווילסט זיך אָנהויבן מיט פּעטערבורג...

— כ׳האָב ניט מורא. מיין פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזט אַ ירושה. עס איז מיינס! און אויך דיינס!

— פון וואַנען ווייסטו, אַז איך טראַכט אויך ניט אַזוי? איך וועל טאָקע אַזוי טאָן. אונדזערע דערפער וועלן אונדז העלפן — כאָטש צוריקגערעדט, צו וואָס טויגן אונדז אָט־די אַלע צרות מיט פּעטערבורג? כאַפּט זיי דער רוח! מיר וועלן דאָך ניט זיין מערער קיין גוט־באַזיצער. מיר לעבן דאָך גאַנץ רואיק. וואָס טויגן אונדז צרות?

— אָ, ניין! אָט אַזוי לאָזן די דאָזיקע פּריצה וועלן מיר ניט. ווען איך דאַרף אַליין מיט מיינע אייגענע הענט זי אַרויסטרייבן, וועל איך עס טאָן — האָט פּאַטאַ מאַריאַ געזאָגט מיט צוויי פאַרטשימעטע קולאַקעס פון אירע דינע הענטעלעך.

— אָבער איצט איז פאַראַן אַזוי פיל אַרבעט אין פעלד, — בעט זיך ביי איר שייע.

— וועט די אַרבעט וואַרטן נאָך אַ טאָג!

און עס האָט שייען ניט געהאָלפן. ער האָט געמוזט גיין צו די פּוי־

ערים פון די צוויי דערפער מאַריאַנעשטי און סלאָבאָדאַ. און אַז ער האָט די פויערים דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען, איז דאָס ביי זיי קיין נייעס ניט געווען. זיי האָבן געוואוסט, אַז עפּעס אַ פעטע „כאָליערע" האָט זיך באַזעצט אין הויף. זיי האָבן שיין דערציילט, אַז די דאָזיקע פעטע „כאָליערע" איז געווען ביי זיי און האָט זיך געקרווינט אַלס פּריצה פון די דאָזיקע צוויי דערפער.

— ווער האָט זי געבעטן?

— זי איז אַ קניאַגינע!...

— אָ־אָ! מיר קענען נישט! אונדזער פּריץ ביסטו, שייע!...

און אַז שייע האָט געפרעגט די פויערים, צי זיי ווילן אים העלפן צו פאַרטרייבן אָט־די „כאָליערע", האָבן די פויערים אַלע אין איין קול גע־ענטפערט: „יאָ"!

דאָס אייגענע, און אפשר נאָך מיט הונדערט פּראָצענט מער שטאַר־קייט, איז פאָרגעקומען אין דאָרף שייעווקע.

ווען שייע האָט געפרעגט די יידן פון זיין דאָרף, צי זיי ווילן העלפן צו פאַרטרייבן די פּריצה פונעם „גוט", האָבן אַלע געענטפערט מיט גרויס חשק און גרימצאָרן, אַז זיי וועלן ניט רוען, ביז זיי וועלן ניט פאַרטרייבן די דאָזיקע פעטע מכשפה...

אויפן צווייטן טאָג, גאַנץ פרי, האָט מען געקאָנט זען, ווי עס גייט אַ גאַנצע מחנה פויערים מיט העק, לאָפּעטעס און סאָפּעס. די מענער האָבן געטראָגן די שאַרפע העק און די ריסקאַליעס; די פרויען האָבן געטראָגן סאָפּעס. עס איז געווען אַזוי ווי אַ מחנה סאָלדאַטן צעטיילט אין דריי ראָ־טעס. געפירט האָט יעדע ראָטע דער גאַלאָוואַ, אָנגעטאָן אין זיין קייט און אָדלער. שייע איז געפאָרן מיט פאָטאַ מאַריאַן אין שפּיץ פון אָט דער מחנה. עס איז געווען איינער פון די ענד־זומערדיקע בעסאַראַבער טעג, וואָס מען מעג זיך פאַרגינען אָנצוקוקן. אַ בלאָער ריינער הימל, אַ לאַסטשענדיקע זון, פעלדער, בערג און טאָלן, גרין, גאָלדיק און זאַט מיט דער שפע פון אַלערליי קרייטעכער און די דאָזיקע קרייטעכער גיבן פון זיך אַרויס טייערע ריחות, וואָס מען קאָן גאָרניט זיך אָנשמעקן זאַט־געָנוג אויף אַמאָל.

די מחנות פויערים האָבן געזונגען זייערע פאָלקס־לידער, יעדער אָפּטייל אויף איר אייגענעם לשון; די מאָלדאַוואַנעס האָבן געזונגען די דאָינע און די פּאַרניאַלע; די כאָכאָלן האָבן געזונגען כאָכלאַצקע לידער, פריילעכע, פול מיט קאַמף־לוסטיקייט וועגן דעם רייטער־העלד, וואָס איז געפאָרן ביינאַכט אויף זיין פערד. דער „קאָן" איז געפלויגן ווי אַן אָדלער און דעם העלדס שווערד האָט געבלענדט די „טומנאַ נאָטש" און ווען די זאַראָ איז אָנגעקומען איז שוין די „ווידמאָ" געלעגן טויט; און די יידן

פון דאָרף שייעווקע האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט אויסצו־דריקן זייער פרייד און זיי האָבן איצט, מאַרשירנדיק אין דער מחנה מיט זייערע ווייבער און מיט זייער סטאַראָסטאַ רחמיאַלן אין דער שפּיץ, זיך פּלוצים דערפילט מוטיק און בראַוו און זיי האָבן פון זייערע טיפענישן פון זייערע הערצער אַרויסגעשריגן אַ געזאַנג, וואָס האָט אין זיך געהאַט אי דאָס געזאַנג פון אַ קאַפּיטל תהילים, דאָס געזאַנג פון אָז ישיר, דאָס ברייטע ליד שיר השירים...

און אָט אַזוי איז די גאַנצע מחנה צוגעקומען צום הויף, וואו פּאַטאַ מאַריאַ איז געבוירן געוואָרן און וועלכעס איר פאָטער בריטשעוואַן האָט אַליין געבויט צוריק מיט יאָרן און יאָרן.

אַז די פּריצה גאַנאַראָוואַ האָט דערהערט דעם גרויסן טומל איינ־דרויסן, איז זי אַרויסגעקומען אויף דעם באַלקאָן פון פאָרנט. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אָט־דער מחנה מיט די העק און סאָפּעס. אָבער איידער זי האָט נאָך געהאַט צייט עפּעס צו פרעגן האָבן שוין אָט־די העק און סאָפּעס גענומען טאָן זייער אַרבעט. פּענצטער האָבן געקראַכט און פון די פאָדער־שטע ווענט האָט באַלד גענומען פאַלן שטיקער.

און אין דער אייגענער צייט איז פּאַטאַ מאַריאַ צוגעלאָפן צו דער פּע־טער פּריצה און זי אָנגעכאַפּט ביים האַלדז.

— דו אַזוינע און אַזוינע, פאַרנעם זיך פון מיין היים! זאָלסט זיך שוין פאַרנעמען!...

די פּריצה האָט גענומען שרייען נאָך הילף.

אָבער דאָס ביסל מענטשן, וואָס זי האָט געהאַט אַרום זיך, איז געווען הילפלאָז אַקעגן אַזאַ גרויסער מחנה.

און סע האָט ניט גענומען לאַנג און די פאָדערשטע ווענט פונעם גאַנצן הויף זיינען געווען איינגעוואַלעט. און די מחנה איז אַריין אינעווייניק אין די צימערן, און וואָס עס האָט געהערט צו דער פּריצה, איז אַלץ אַרויסגע־וואָרפן געוואָרן אינדרויסן אַרויס. אַלע אירע טשעמאָדאַנעס און איר מעבל און קליידער און געשיר און כלים זיינען שוין איצט געלעגן אינדרויסן אויף דער ערד.

— דוטי לאַ דראַקו! (גיי אין דער ערד אַריין) — האָבן די מאָלדאָוואַ־נעס געשריגן.

— זאַבערייסע דאַ טשאָרטאַ! (פאַרנעם זיך צו אַלדי רוחות!) — האָבן די כאָכאָלן געשריגן.

— פאַרנעם זיך פון דאַנען! — האָבן די יידן געשריגן.

עס האָט גענומען לאַנג אויפצובויען אָט דעם פּאַלאַץ, אָבער ווי גיך מען האָט אים צעשטערט.

פּאַטאַ מאַריאַ האָט מיט די הוילע הענטעלעך געריסן שטיקער פון די ווענט. און די הענט האָבן זיך געהויבן און די סאָפּעס האָבן געהאַקט ווי אין „ווילדע גראָזן". און אַז דער פּאַלאַץ איז שוין געווען חרוב אינגאַנצן האָט די פּריצה געהייסן שפּאַנען פערד און פּאַיעטאָן און אויך פערד און וועגע־נער. און אירע מענטשן האָבן צוזאַמענגענומען אַלץ, וואָס מען האָט געקאָנט אויף גיך צונויפנעמען. און זיי זיינען אַלע אינאיינעם מיט דער פּריצה גאַ־נאַראָווא אַנטלאָפן קוים מיט זייער לעבן...

און כדי עס זאָל זיך ניט איבערחזרן נאָך אַמאָל מיט עפּעס אַן אַנדער שלאָק פון פּעטערבורג, האָבן שייע און פּאַטאַ מאַריאַ געהייסן דער מחנה צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע הויף מיט די שטאַלן אינאיינעם, און וואָס מען האָט געקאָנט האָט מען פאַרניכטעט און צעוואָרפן. און דעם ברונעם אין מיטן הויף האָט מען פאַרוואָרפן מיט שטיינער און מיט ערד ביז מען האָט אים פאַרשטאָפּט.

דאָס געהילץ פון די פּאַדלאָגעס האָבן די פּויערים צונויפגעלייגט אין אַ קופּע. און די טירן מיט די פענצטער האָט מען אויך צונויפגעלייגט אין אַ קופּע, כדי מ׳זאָל זיי קאָנען נוצן אין די דערפער, ווען עס וועט זיין געגנוג צייט.

איצט איז מען פאַרטיק געוואָרן דורכן טאָג מיטן צעשטערן אַלץ און חרוב מאַכן אַזוי, אַז קיין לעבעדיק באַשעפעניש זאָל דאָ מער ניט קאָנען זיך באַזעצן.

און אַקעגן אָוונט האָט זיך די מחנה צוריק אומגעקערט יעדער איינער אין זיין דאָרף אַריין.

באַזיגט די פעטע פּריצה און זי פאַרטריבן, האָבן אויף מאָרגן אַלע צוריק געאַרבעט אויף זייערע פעלדער, פרייע געזונטע בירגער־פּויערים.

אויך שייע האָט אינאיינעם מיט זיינע יידן געאַרבעט אויף די פעלדער.

די סיסטעם פון די פעלדער איז געווען: אַלעמענס פעלדער זיינען געלעגן אינאיינעם איינס לעבן דאָס אַנדערע. און שייע האָט איינגעפירט, אַז מען זאָל אויך פאַרזייען די פעלדער, ניט יעדער איינער באַזונדער זיין שטיקל ערד, נאָר מען זאָל אַזוי טאָן: למשל, קוקורוזע זאָל מען פאַרפלאַנצן אַלע אינאיינעם אויף אַ גרויסער שטרעקע. און דערנאָך, אַז מען וועט זי אַראָפּנעמען, זאָל מען זיך צעטיילן מיטן ברויט. יעדן איינעם אַ גלייכן חלק!

און אַזוי מיט די קאַרטאָפליעס און מיט דעם ווייץ און מיט אַלעס.

די פּויערים אין די אַנדערע צוויי דערפער האָבן אויך איינגעפירט אָט־די סיסטעם. און עס איז געווען גוט.

די אַרבעט איז ניט צעדריבלט געוואָרן אויף קליינע פּיצלעך מיט פעלדער, עס איז געגאַנגען סיסטעמאַטיש אויף גרויסע שטרעקעס.

און עס איז געווען שפע...

זעכצנטער קאַפּיטל

שייעווקע איז דערווייל געוואַקסן אין דער לענג און ברייט, מיט יעדן נייעם יאָר, וואָס איז געקומען און אוועקגעגאַנגען.

פון די קליינע יידעלעך איז איצט געוואָרן גרויסע יידן מיט בערד. עס איז געווען אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: די מאַנצבילן זיינען געוואַקסן אין דער הויך. אַלע אַזוינע הויכע, געזונטע, מיט גרויסע הענט און פיס, און די פרויען זייערע זיינען אַלע געבליבן קליינגעוויקסיקע, דאַרע. דער צווייטער דור קינדער האָט אויך אַזוי אויסגעוויזן. די יינגלעך זיינען גע־וואַקסן הויך, בעת די מיידלעך זיינען אויך הינטערשטעליק געווען אין זייער וואוקס.

באַסיע איז געבליבן, ווי אַלע אירע „שוועסטער", אַזוי קליין ווי זי איז געווען ווען זי איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין שייעווקע, אָבער זי האָט ניט פאַרלוירן דעם מוט צוליב דעם. ביי איר אין שטוב איז נאָך אַלץ געווען דער זאַמלפּונקט פון שייעווקער יידן און פרויען.

באַסיעס צוויי ברידער, יאָסל און ישראל, האָבן געטאָן אַ וואַקס־אויס ווי צוויי שטאַרקע הויכע דעמבעס. און זיי האָבן ביידע חתונה געהאַט מיט די טעכטער פון צוויי יידן, טאַקע שייעווקער, נאָר פון די שפּעטערדיק געקומענע.

עס איז געווען, אַז קיין שום מיידל האָט מיט זיי ניט געוואָלט חתונה האָבן דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען פאַסטוכער.

די צוויי חברה האָבן געמוזט אויפהערן פּאַשן די שאָף און זיך גענו־מען צו באַאַרבעטן זייערע חלקים ערד פּונקט אַזוי ווי די איבעריקע יידן.

די טשערעדע מיט די שאָף האָט אַליין זיך געפּאַשעט אויף די גרינע לאָנקעס מיט דער פּאַשע.

און ערשט דעמאָלט האָבן די מיידלעך זיך געלאָזט ריידן וועגן זיי אַלס חתנים.

יאָסל האָט חתונה געהאַט מיט דעם סטאָליאַרס מיידל חנה. זי איז געווען די עלטסטע טאָכטער ביי בייניש סטאָליאַר, וועלכער איז געקומען אַהער קיין שייעווקע שוין צום פאַרטיקן און אויסגעבויט אַ שיינע שטוב אַ צוויי־זייטיקע. אין איין זייט דירה האָט די פאַמיליע געוואוינט און אין דער צווייטער העלפט האָט בייניש געהאַט זיין מאַסטערסקאַיאַ.

ישראל האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון יאַנקל קאָוואַל. זי האָט געהייסן זיסל. אַ יפת־תואר מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און ברוינע באַקן. יאַנקל קאָוואַל איז אויך געקומען אַהער צום פאַרטיקן קיין שייעוו־

קע און זיך אויסגעבויט אַ שטוב מיט אַ קוזניע ביי דער זייט. אַרבעט האָט יאַנקל געהאַט גענוג. און מען האָט אים ליב באַקומען פאַר זיין ערלעכקייט און זיין אַרבעטזאַמקייט. ער איז קיינמאָל ניט געשטאַנען ליידיק. פון זיין קוזניע האָט טאָג־איין, טאָג־אויס געקלונגען דער האַמער.

שייעווקע איז געווען צעטיילט אין פיר קלאַסן איינוואוינער. דער ערשטער קלאַס זיינען געווען די דאָזיקע, וואָס האָבן דאָס דאָרף שייעווקע צום ערשטן געבויט. אַ צווייטער קלאַס זיינען געווען די כלי־קודש, ווי דער שוחט, דער סופר, דער מלמד. דאָדל דער רב האָט זיך אַריינגערעכנט צום ערשטן קלאַס. דער דריטער זיינען געווען די בעלי־מלאכות און צום פערטן קלאַס האָבן זיך גערעכנט די פאַר קרעמער און די סוחרים, וועלכע זיינען געקומען פון ערגעץ צופאָרן און דאָ געעפנט קרעמלעך, אָדער געטאָן מסחר מיט די פויערים.

עס איז, חלילה, ניט געווען קיין שום שנאה צווישן די פיר קלאַסן איינוואוינער, ווייל יעדער האָט ערלעך געאַרבעט, כדי צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט און כדי צו שפּייזן זיין הויז־געזינד.

נאָר די „ערשטע־קלאַסניקעס”, די פויערים, זיינען פאָרט געווען די מיוחסים אין שייעווקע. וואָס עפּעס — האָט זיך אַזאַ ייד געטאָן אַ שטעל:
— איך בין דאָך פון די ערשטע...

נאָר צו קיין בייז־בלוט איז עס ניט געקומען. דאָס לעבן איז זיך געפלאָסן רואיק און שטיל. יעדער איינוואוינער האָט זיך געטאָן זיין אַרבעט און ניט געשטאַנען דעם צווייטן אין וועג. מען האָט זיך אין שייעווקע ניט געקריגט; ווער שמועסט פון שלאָגן זיך, איז דאָ קיין שום רייד ניט געווען.

ווען שייע האָט אויפגעבויט אַ קלויז, וואָס מען האָט אַ נאָמען געגעבן שייעס קלויז, האָט ער זי געבויט, פאַרשטענדלעך, פון פיר ווענט, אָבער די מזרח־וואַנט איז דאָרטן ניט געווען דער מיוחס. אַלע ווענט זיינען געווען גלייך... אַזוי האָט שייע געוואָלט. און ער אַליין האָט זיך גענומען אַן אָרט ביי דער מערב־וואַנט...

און אַז דער סופר איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער ערשטער ספר־תורה און מען האָט אין שייעווקע אָנגעהויבן לייענען שבת די תורה — האָט מען דאָך אָנגעהויבן אויפרופן יידן צו דער תורה, איז אויך ניט געווען קיין שלישי, ניט קיין שישי און ניט קיין מפטיר.

שייע האָט איינגעפירט, אַז יעדער ייד פון שייעווקע זאָל ווערן אויפגערופן צו דער תורה איין מאָל אין יאָר. עס מאַכט ניט אויס ווען זיין צייט וועט קומען און וואָס פאַר אַ סדרה עס וועט זיין.

און אַזוי, פּאַוואָליע, איז שייעווקע געוואַקסן. עס איז שוין אין דאָרף געווען אַ באַקאַלעינע קראָם, אַן אייזן־קראָם, אַ שניט־קראָם און אַ לעדער־

קראָם און אַ גאַלאַנטערעינע־קראָם און אַ סקלאַד פון ברעטער און שינדל. מען האָט שוין געקאָנט קריגן אין שייעווקע וואָס מען האָט געדאַרפט — פון אַ סערפּ ביז אַ פּאָר שטיוול. און עס איז אויך אַראָפּגעקומען אַ קירזש־נער און געמאַכט קוטשמעס פון לעמענע פעלעכלעך און אויך פעלצן פון שאָפענע פעל.

דער ייד פון דער באַקאַלעינע־קראָם האָט געהייסן הערש באַלאַן, ווייל ער איז געווען אַ ייד מיט בלאָנדע האָר. פון זיין קראָם האָט אפילו גע־אָווערט מיט אַלערליי ריחות פון דעכטיע, זייף, געזאַלצענע פיש און הערינג. אָבער אַז מען איז פאַרבייגעגאַנגען אַט־די קראָם האָט מען פאָרט געמוזט שלינגען די סלינע פון די אַפּעטיטנע זאַכן. דער הערינג האָט פּשוט גע־שלעפּט אין קראָם אַריין. די קאַליסער געטריקנטע פלוימען האָבן גע־וואונקען מיט זייער גלאַנץ פון די פעסער אַרויס. הערש מאַלאַן איז געווען אַ ייד פון קאַליעס; אַ ייד מיט אַ קליין דאַשעקל און מיט גלאַטע, כמעט זילבער־באַלאַנע האָר, מיט אַ שיטערער, דין־פעדעמדיקער באָרד; מיט אַ בלאַס פּנים און סטאַרטשענדיקע באַקן־ביינער. ער האָט גערעדט בראָדע־ריש און אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ „יוד", מיט אַן אַנדער מין קוויטשיקל, ווי די בעסאַראַבער זיינען געווען געוואוינט אַרויסצורײדן. פון אָנהויב, אַז ער איז נאָר אַראָפּגעקומען מיט זיין „קראָם", וואָס האָט אפשר באַטראָפן ח"י גראָשן, האָבן די „בעסאַראַבטשעקעס" פון אים חוזק געמאַכט און זיך אים נאָכגעקרימט ווי אַזוי ער רעדט מיט אַ קוויטשעדיקן „יוד". אָבער מען האָט זיך צוגעוואוינט צו אים און צו זיין אויסשפּראַך. דער עיקר האָט מען מיט אים סימפּאַטיזירט, ווייל ער איז געווען אַזאַ „קבצן אויף דריקעס"...

דאָס קרעמל זיינס פון עטלעכע בינטלעך חלבנע ליכטלעך, אַ פעסל מיט דעכטיע, אַ זעקעלע זאַלץ, אַ פּושקע אַ בלעכענע מיט מעליץ, אַ באַנקע מיט בוימל, אַ פּאָר געזאַלצענע פיש און אַ קליין פעסעלע מיט הערינג און אַ פעסעלע קאַליסער פלוימען... אַט דאָס איז געווען דאָס גאַנצע קרעמל... און דער דאָזיקער הערש באַלאַן האָט פאַרמאָגט אַ ווייב מיט דריי קליינע קינדערלעך — פינף פּיסקעס צום עסן און צום באַקליידן.

די שטוב האָט מען אים געהאָלפן אויפבויען. אַ פּלאַץ האָט הערש באַ־קומען אומזיסט. מען האָט נאָר געדאַרפט אַ טיר און פענצטער קויפן ביים סטאָליאַר. דאָס איבעריקע איז אַוועק אַ גאַנג.

די שייעווקער יידן האָבן אָנגעהויבן קויפן צוביסלעך מעליץ, בוימל, ליכט אויף שבת, דעכטיע צום שמירן די אַקסן פון די וועגענער, הערינג, און פּאָר אַ קאָפּיקע פלוימען... אַזוי־אַ צוביסלעך איז דאָס קרעמל גע־וואַקסן.

אויך דאָס אייגענע איז געווען מיט דעם באַרער יידן, לייב דער שניט־קרעמער, וואָס איז אַראָפּגעקומען מיט אַ שניט־קראָם, וואָס האָט פּאַרמאָגט פּרוטהאַלבן אַרשין סיטץ און שטיקלעך וואָלענס און עטלעכע פּיצלעך לייוונט. עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף די יתומדיקע שטיקלעך וואַרע, וועלכע זיינען שוין אַזש געווען קויטיק. און לייב אַליין האָט אויסגעוויזן קויטיק און דערשלאָגן. עס איז מסתם ניט געווען וואָס צו עסן אין שטוב ביי אים. ווער האָט געוואוסט וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אָט דעם הויז פון לייב שניט־קרעמער? ער איז געווען אַ פאַרשלאָסענער ייד, פיינט געהאַט צו ריידן. נאָר זיין פאַרשוואַרצט פּנים און אויסגעלאָשענע אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ יידן אַן אָרעמאַן, וואָס שעמט זיך צו דערציילן...

אָבער די שייעווקער יידן האָבן געקויפט צוביסלעך לייוונט פאַר אַ העמד, אָדער אַ שטיקעלע סיטץ פאַר אַ קליידל... און דאָס קרעמל איז געוואָקסן.

די שייעווקער יידן האָבן פון אָנהויב נישט געהאַט קיין געלט אין זייער רשות, פאַרוואָס צו קויפן סחורה. האָבן זיי געקויפט און באַצאָלט מיט פּאַפּשויעס, מיט וואָל, מיט טאַבאַק, מיט קאַרטאָפּליעס.

די קרעמערלעך האָבן אָט־די פּראָדוקטן פאַרקויפט צו די סוחרימלעך. עס זיינען געווען אַ פּאָר סוחרימלעך אַזוינע, וועלכע האָבן געצאָלט מזומן געלט פאַר אָט־די אַלע פּראָדוקטן. פּאַפּשויעס און וואָל זיינען געווען ווי גאָלד.

די סוחרימלעך האָבן געפירט אַ קאָנקורענץ צווישן זיך, ווער עס וועט אויסקויפן פריער אַלע פּראָדוקטן. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלעמאָל האָבן יידן באַקומען מערער מיט אַ פּאָר קאָפּיקעס אויפן בינטעלע וואָל, אָדער זאַק פּאַפּשויעס.

און דערנאָך האָבן זיי זיך מיישב געווען, אָט־די סוחרימלעך: וואָס דאַרפן זיי וואַרטן ביז די שייעווקער יידן וועלן ברענגען זייערע פּראָדוקטן צום קרעמער אַלס אויסבייט פאַר ליכט און צוקער? זיי, די סוחרימלעך, זיינען געגאַנגען צום שייעווקער ייד און ביי אים געקויפט פאַר מזומן געלט וואָס דער ייד האָט נאָר געהאַט צו פאַרקויפן.

ביים שייעווקער יידן האָט מען געקאָנט קויפן אַ סך ביליקער ווי ביים קרעמער. דער שייעווקער ייד, האָבן זיי געמיינט, האָט ניט קיין שכל און ווייסט גאָרניט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט — און עס איז געווען אַ סך אמת אין דעם.

עס האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אַ געלט־צירקולאַציע אין שייעווקע. דאָס מערסטע איז עס געווען זילבער־און קופּער־געלט שוין שטאַרק

אָפּגעריבן פון צופיל אַרומגיין פון האַנט צו האַנט. אָבער עס איז אויך גע־ווען פּאַפּיר־געלט זייער צעקנייטשט און פאַרעלטערט.

נאָר אין שייעווקע איז אפילו אַט אַזאַ געלט אויך געווען גוט געלט. אויף די זילבערנע גריוונס און גילדנס האָבן שוין לאַנג זיך אָפּגעריבן די נו־מערן 10 און 15, אָבער מען האָט געוואוסט זייער ווערט. אויך די קאָפּי־קעס, די זעקסערס און די פּיאַטאַקעס האָבן אויך ניט אויסגעזען בעסער. נעבעך אָפּגעריבענע, אָבער דאָך געהאַט זייער ווערט.

זיבנצנטער קאַפּיטל

עס זיינען געווען אין שייעווקע דריי יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר.

איינער, רב נחמן, איז געווען דער גאָר גרויסער סוחר. צוויי אַנדערע יידן זיינען געווען קלענערע סוחרימלעך: אַווראָמצי און שמואליק.

מען האָט די צוויי יידן פאַרצויגן זייערע נעמען ווי זיי וואָלטן געווען צוויי קליינע קינדער, דערפאַר, אפשר, וואָס זיי זיינען געווען פון די קליינע סוחרימלעך. זיי האָבן געקויפט צוביסלעך און באַלד אָוועקגעטראָגן וואָס זיי האָבן געקויפט צום גרויסן סוחר, רב נחמן, וואָס האָט עס ביי זיי אָפּ־געקויפט.

רב נחמן אַליין איז געווען אַ ייד אַ געלאַסענער. ער האָט פיינט גע־האָט זיך צו יאָגן. ער איז געזעסן ביי זיך אין שטוב, אַריינגעקוקט אין אַ ספר און געהאַלטן אין איין טרינקען טיי. און בשעת ער האָט געטרונקען טיי האָט ער ליב געהאַט זיך צו קוויקן. אַ ייד מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד און מיט שיינע פאות און מיט אַ ריינע, ווייסע העמד און אפילו מיט אַ שוואַרץ בענדל, פאַרבונדן אַרום קאָלנער פון העמד — מיט איין וואָרט — אַ וועלט־מענטש. און אָט דער רב נחמן איז טאַקע אויסגעווען אַ וועלט: איין מאָל אַ יאָר איז ער געפאָרן קיין קיעוו צו פאַרקויפן זיינע פּראָדוקטן. רב נחמן פלעגט די פּראָדוקטן ברענגען קיין קיעוו פונקט דעמאָלט, ווען מען האָט זיי נויטיק געדאַרפט. און ער האָט געריסן די העכסטע פּרייזן פאַר זיינע בעסאַראַבער קאַרטאָפל, פאַר פאַפּשויעס, ווייץ, פאַסאָליעס, וואָל און טאַבאַק. און אַז ער איז געקומען אַהיים קיין שייעווקע האָט ער מיט זיך גע־בראַכט נייעס פון דער גרויסער וועלט. איינמאָל אפילו, אַז דער קייסער איז דערהרגעט געוואָרן און אַ נייער קייסער איז שוין דאָ.

— ווער האָט אים דערהרגעט?

— כ'ווייס ווער? כ'בין דערביי ניט געשטאַנען! נאָר מען שמועסט

אַז אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט און דאַרפן גאָרנישט, נאָר זיי ווילן נישט קיין קייסער...

— און מע'שוואַגט זיי?

— מאָלט אייך, אַז מען שוואַגט זיי שוין גאָרנישט.

— וואָס קומט איינעם, ווען ער הרגעט אַ קייסער?

— הענגען!...

— אַי... אַי...

— איז ווי הענגט מען עס אַ מענטשן?

— כ'בין דערביי נישט געווען, וואָס פרעגסטו, שוטה? ווי האָט מען אויפגעהאָנגען המנען?

רב נחמן האָט אויך דערציילט, אַז אין קיעוו ברענט מען שוין אַזוינע לאָמפּן מיט קעראָסין און מיט קנויטן.

— כ'האָב געוואָלט ברענגען פון מיינעטוועגן אַ לאָמפּ אַזאַ, אָבער כ'האָב נישט געהאַט קיין צייט... עס איז ממש גאָטס ניסים. עס איז געמאַכט אַזוי, ווי אַן אויוון מיט אַ קוימען. דער קוימען איז פון גלאָז און ווערט ניט צעפּיקעט פון דער היץ...

— אַי, אַי...

— ווי צינדט מען עס אָן?

— דער גלעזערנער קוימען נעמט זיך אַראָפּ און מען צינדט אָן דעם קנויט און מען שטעלט דערנאָך דעם קוימען צוריק אויף זיין אָרט. און עס ווערט ליכטיק אין שטוב...

— גאָטס וואונדער!

— נו, און אַ שטוב אויף אַ שטוב האָט איר אַמאָל געזען? — פרעגט שוין רב נחמן מיט אַ שמייכעלע פון אַ וועלט־מענטש.

— אַ שטוב אויף אַ שטוב?! ווי איז דאָס מעגלעך?

— זעט איר דאָך! כ'האָב אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן...

— און די אונטערשטע שטוב ווערט ניט צעפּלעטשעט?!

— שוטה! — שרייט רב נחמן — מען שטעלט מסתם די גרינגערע שטוב פון אויבן און די שטאַרקערע שטוב פון אונטן...

— סיידן אַזוי...

רב נחמן האָט אויסגעבויט פאַר זיך אַ שיינע שטוב מיט אַ שינדלע־נעם דאַך. די ערשטע שטוב אין שייעווקע מיט אַזאַ דאַך. ער האָט געמאַכט לאָדן צו זיינע פענצטער, און אַ באַזונדערע קיך מיט אַן עסצימער און אַן אַלקער צום שלאָפן. ער האָט געהאָפט, אַז דאָס וועט מאַכן דעם גויטיקן איינדרוק אויף די שייעווקער יידן, און מען וועט אים נאָך אפשר אויס־קלייבן פאַר דעם סטאַראָסטע פון שייעווקע.

אָבער די שייעווקער, די אמתע, די וואָס האָבן דאָ געליטן אין די ערשטע יאָרן טיף אין דער ערד, האָבן איצט זיך קנאַפּ־וואָס אומגעקוקט אויף רב נחמענען מיט זיין שינדלענעם דאַך און מיט די גרינע לאָדנס איבער די פענצטער. די דאָזיקע זיינען געווען פאַרנומען מיט זייער אַרבעט אויף די פעלדער, מיט זייערע שאָף, מיט די פערד און לאָשעקלעך.

דער געבורט פון אַ לאָשעקל האָט זיי אינטערעסירט מער ווי, למשל, צען רב נחמנס. וואָס עס פלעגט זיך אָפּטאָן אין שייעווקע מיט די לאָשעקלעך!

געווינלעך זיינען די לאָשעקלעך געבוירן געוואָרן אין פרילינג, אַרום פסח־צייט. עס איז נאָך געווען קאַלטע נעכט און מען האָט די דאָזיקע לאָשעקלעך געהאַלטן אין די הייזער, וואו עס איז געווען וואַרעם, כמעט ווי אייגענע קינדער... יעדער לאָשעקל האָט געמיינט פאַר שייעווקע נאָך אַ פערד אין דער באַלעבאַטישקייט. מען וועט קאָנען באַאַרבעטן מערער ערד און מען וועט זיך קאָנען פאַרגינען דורכפּאָרן אַמאָל...

און וואָס פאַר אַ נוץ האָבן זיי פון רב נחמענען? גייט אַרום אַ ייד מיט ווייסע הענטעלעך און מיט אַ שטעקן, עסט און טרינקט אויפן חשבון פון אַנדערע...

נאָר גאָרנישט, מען באַמערקט אים נישט, גלייך ווי ער איז דאָ נישטאָ. רב נחמענען האָט עס זייער פאַרדראָסן און ער האָט די שייעווקער יידן גע־רופן — „אַ טשערעדע שאָף..."

ביסלעכווייז האָט שייעווקע אָנגעהויבן צו נוצן געלט, געקויפט און פאַרקויפט. שייען האָט עס מסתם אַביסל פאַרדראָסן. ער האָט געמיינט אין אָנהויב, אַז ווען ער וועט צעטיילן דעם גוט און אַלץ וואָס עס איז איבער־געבליבן פון בריטשעוואַנסק, וועלן די איינוואוינער לעבן נאָר מיט דער פּרוכט פון דער ערד. ער און זיין ווייב פּאַטאַ מאַריאַ האָבן זיך אַליין אויך איבערגעגעבן צו אָט דעם סאָרט לעבן. און צום סוף איז די קללה פון געלט צוריקגעקומען, אַזוי ווי עפּעס אַן עפּידעמיע, וואָס קומט צוריק אַלע זיבן יאָר...

נאָר טאָן עפּעס, כדי אויסצוראָטן די דאָזיקע עפּידעמיע, האָט שייע ניט געקאָנט. ער אַליין האָט אויך געמוזט נעמען געלט פאַר זיינע פּראָ־דוקטן. ער וועט דאָך ניט אַוועקגעבן זיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע פּראָ־דוקטן אומזיסט; און פאַר געלט האָבן די קרעמער אים מער גערן פאַר־קויפט, ווי פאַר פּאַפּשויעס אָדער ווייץ.

דערווייל איז די פּריצה גאַנאַראָוואַ צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג פּונקט אין דער צייט ווען מען האָט דערהרגעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

פאַרשטענדלעך, אַז קיינער האָט זיך אין אַזאַ צייט ניט אומגעקוקט אויף דער קניאַגינע גאַנאַראָוואַ.

נאָר אַז עס איז אַרויף אויפן טראָן דער נייער צאַר און ער האָט איינגעשטילט דאָס לאַנד מיט דער אייזערנער האַנט זיינער און אַרויסגעגעבן מער און נייע גזירות קעגן יידן, — ערשט דעמאָלט האָט מען דעם קייסער דערציילט, אַז עס איז דאָ אַזאַ פריץ אין בעסאַראַביע, וואָס ער איז גאָר אַ ייד און ער, אָט דער יידישער פריץ, האָט אַ גאַנץ דאָרף פון יידן...

איז מסתמא דער קייסער דאַן געוואָרן מלא־רציחה. און ווער שמועסט, אַז מען האָט אים פאַרגעשטעלט די קניאַגינע גאַנאַראָוואַ און זי האָט דערציילט, ווי דער פריערדיקער קייסער האָט זי באַשטימט אויף דעם גוט פון אָט דעם יידל און ווי די יידעלעך האָבן זי אַרויסגעטריבן, — איז ערשט דער קייסער געוואָרן אַן אַנגעצונדענער און ער האָט באַפוילן צו שיקן אין שייעווקע אַ פאָלק קאָזאַקן און אַז מיט זייער הילף זאָל די גאַנאַראָוואַ פאַרנעמען דעם גוט.

און עס איז געווען אין רעכטן מיטן ברען פון פעלד־אַרבעט, ווען די יידן, וועלכע האָבן זיך געבויגן איבער זייער ערד, האָבן פלוצים דערזען, ווי עס גייט אַ שוואַרצער וואָלקן פון מזרח־זייט.

האָבן זיי געמיינט, אַז עס קומט אָן אַ שלאַגס־רעגן, זיינען אַלע געלאָפן אַהיים, כדי זיי זאָלן ניט ווערן פאַרנעצט, וואָרום אַ שלאַגס־רעגן אין בעסאַראַביע איז געגליכן צו אַ מבול...

נאָר גאָר אינגיכן האָט מען געהערט דאָס קלאַפּן פון פערד אַריינקומען אין שייעווקע. זיינען די יידן אַרויס זען וואָס דאָס איז. ערשט עס זיינען סאָלדאַטן אין פוטערנע היטלען מיט לאַנגע שינעלן און מיט ביקסן אויף זייערע פלייצעס און מיט פערד ברענענדיקע.

די דאָזיקע סאָלדאַטן זיינען וואויל־יונגעריש אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד און געבליבן שטיין אין דער מיט שייעווקע.

— זדיעס שייעווקע?

— טוט.

— גדיע סטאַראָסטאַ?

רחמיאל יאָוועט זיך און גיט־אָפּ „טשעסט”, ווי אַן אמתער סאָלדאַט.

— טי סטאַראָסטאַ?

— דאַ.

— סקאַזשי זשידאַם... און דער אָפיצער האָט רחמיאלן געהייסן אָנזאָגן די יידן, אַז זיי קומען אַזש פון פעטערבורג און מען זאָל זיי געבן היי און האָבער פאַר די פערד און שטיבער צום שלאָפן, ביז זיי וועלן אויפשטעלן זייערע געצעלטן.

אַכצנטער קאַפּיטל

דער קאָזאַקן־פּאָלק, וואָס איז פּלוצים באַפאַלן שייעווקע, ווי אַ היישע־ריק, איז צעשטעלט געוואָרן אויף נאַכט־לעגער: דער אָפיצער מיט זיינע אַדיוטאַנטן אין רב נחמנס שטוב, די פּשוטע קאָזאַקן זיינען צעטיילט געוואָרן צו צוויי און דריי ביי די יידן אין יעדער שטוב. די פערד האָט מען אויסגע־שטעלט אין אַ גרויסן ראָד־אַרטיקן לאַגער און זיי געגעבן עסן און טרינקען.

רב נחמן האָט געוואָלט אַרויסקריגן פון דעם קאָמענדאַנט דעם סוד פון דעם קומען פון דעם פּאָלק. אָבער דער קאָמענדאַנט האָט אים ניט דערציילט וועגן וואָס זיין פּאָלק איז אַהער געקומען.

ערשט אויפן צווייטן טאָג האָט דער קאָמענדאַנט זיך געהייסן שיקן רופן דעם יידישן פּריץ.

רחמיאל סטאַראָסטע האָט געבראַכט שייען.

שייע האָט זיך ניט דערשראָקן. ער איז געקומען צוגיין און זיך פאַר־געשטעלט פאַרן אָפיצער: — יאָ, שייע!

— טי יעוורעי?

— דאָ.

— פון וואַנען ביסטו?

— אַ היגער.

— ביסט דאָ געבוירן?

— ניין. געבוירן בין איך אין קאָמענעץ.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין אַ פּויער — ענטפערט שייע אַ שטאָלצער און מיט אַן אויסגעשטעלטער ברוסט.

— דו ביסט ניט דער פּריץ?

— כ׳בין געווען דער פּריץ. אָבער איך בין בעסער געוואָרן אַ פּויער.

— ווי קומסטו צו זיין אַ פּריץ?

— מען האָט מיך פאַרשיקט קיין בעסאַראַביע, ווען איך בין נאָך גע־ווען אַ קליין יינגל.

— ווער האָט דיך פאַרשיקט? פאַרוואָס פאַר אַ פאַרברעכן?

— נישט פאַר קיין פאַרברעכן האָט מען מיך פאַרשיקט.

— פאַרוואָס דען?

— די „פּאָימאַנשטשיקעס” האָבן מיך פאַרשיקט אין בעסאַראַביע צו דעם פּריץ בריטשעוואַן אַלס שקלאַף.

— און ווי אַזוי ביסטו געוואָרן אַ פּריץ?

— אַז דער פּריץ בריטשעוואַן האָט מיך דערזען האָב איך געקראָגן חן אין זיינע אויגן און ער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין פּאַלאַץ פאַר אַן אייגענעם זון. און זיין טאָכטער פּאַטאַ מאַריאַ האָט זיך איינגעליבט אין מיר. און דער פּריץ בריטשעוואַן האָט איבערגעשריבן אויף מיין נאָמען דעם גאַנצן גוט... אָט אַזוי בין איך געוואָרן אַ פּריץ.

— לעבט נאָך אָט דער בריטשעוואַן?

— ניין.

— און דו האָסט גענומען און צעטיילט אָט דעם גוט צווישן דיינע ברידער־שקלאַפן?

— יאָ.

— ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט צו טאָן אַזאַ זאַך? האָסטו זיך אַנגעפרעגט ביים צאַר צי דו מעגסט טאָן אַזאַ זאַך?

— דאָס, וואָס איז מיינס, קאָן איך אַוועקגעבן וועמען איך וויל.

— וואו איז דאָס הויז פונעם גוט?

— צעשטערט און איינגעפאַלן.

— אַליין פון זיך, צי דו מיט דיינע פּויערים האָבן עס צעשטערט?

— איך מיט מיינע פּויערים.

— ניהיליסטן?...

— ניין. מיר זיינען פרידלעכע פּויערים. מיר ווילן לעבן אין פרידן און אַרבעטן. עס איז אונדזער ערד און מיר באַאַרבעטן זי מיט אונדזערע הענט... איז געקומען עפּעס אַ פּעטע מכשפה און וויל פאַרכאַפּן אונדזער ערד... האָבן מיר נישט געוואָלט זי האָבן דאָ און זי פאַרטריבן.

— זי איז געקומען מיטן ווילן פונעם קייסער.

— דער קייסער? וויל דער קייסער טאָן שלעכטס זיין פאָלק?

— דאָס איז ניט דיין עסק... מיר זיינען געקומען איינשטעלן אָרד־נונג... פיר אונדז צום הויף פונעם גוט. און פון איצט אָן זייט איר אַלע אונטער מיין קאָמאַנדע... אויב וואָס וועט געשען, וועל איך גלייך הייסן מיינע קאָזאַקן שיסן.

שייע האָט דעם קאָמענדאַנט אַוועקגעפירט צום חרובן הויף.

— אָט דאָס איז אַמאָל געווען אונדזער הויף — האָט שייע צו אים געזאָגט.

— גוט. מיין פאָלק דאַרף ניט קיין „הויפן”. מיר זיינען קאָזאַקן און מיר וועלן דאָ אויפשטעלן באַראַקן. מיר וועלן וואוינען אין פרידן מיט אייך, אויב איר וועט זיין פרידלעכע מענטשן. עס וועט קיינעם פון אייך ניט גע־שען קיין שלעכטס. מיר וועלן ביי אייך קויפן היי און האָבער פאַר אונדזערע

פערד און מיר וועלן קויפן ביי אייך עסנוואַרג פאַר אונדזערע קאָזאַקן ביז וואַנען מיר וועלן דאָ זיין. אָבער, געדענקט, מיר וועלן דאָ האַלטן אָרדענונג.

— איך דאַנק אייך, הער קאָמענדאַנט, און איך פאַרזיכער אייך, אַז מיר זיינען פרידלעכע פויערים. מיר וועלן אייך געבן וואָס מיר האָבן צום עסן. מיר האָבן שאָף, קעז, ווייץ, קוקורוזע און טאַבאַק. אויף געזונט היי — האָט שייע געזאָגט — און מיר וועלן זיין צופרידן אייך צו באַדינען אויף דעם בעסטן וועג.

— אַ דאַנק! און איצט גיי צו דיין אַרבעט — האָט דער אָפיצער געזאָגט.

די קאָזאַקן האָבן זיך גענומען אויפשטעלן זייערע לייוונטענע געצעלטן אַרום דעם חרובן הויף.

פון אָנהויב האָט שייעווקע גאָר געמיינט, אַז עס איז אַ ברכה פון גאָט אָט דער פאָלק קאָזאַקן. די קרעמער האָבן געלייזט געלט און די בעלי־מלאכהס האָבן גענומען אַרבעטן פאַר די זעלנער. און וויפיל מען האָט זיך געהייסן באַצאָלן, האָבן די קאָזאַקן געצאָלט און זיך ניט געדונגען. זיי זיינען גראָניט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי זיי האָבן געשמט צו זיין.

זיי זיינען געווען ערלעך אין געלט־זאַכן, האָבן ניט געטרונקען און האָבן זיך אויפגעפירט שטיל און רואיק. קיין שייעווקע זיינען אַלעמאָל געקומען רייטנדיק אויף זייערע ברענענדיקע פערדלעך, ניט מערער ווי צו צוויי קאָזאַקן אויף אַמאָל. ביסלעכווייז האָבן זיי זיך באַפריינדט מיט די שייעווקער יידן און פאַר זיי אויסדערציילט זייערע ליידן. מען האָט אין שייעווקע שוין געוואוסט יעדן קאָזאַקס נאָמען און פון וואַנען ער איז און אויך אַלע זיינע סודות.

די קאָזאַקן האָבן אויך געוואוסט יעדן שייעווקער יידנס נאָמען און פון וואַנען ער איז און ווי אַזוי ער איז אַהער געקומען.

עס האָט אויסגעזען צו זיין אַ סך געמיינזאַמס צווישן דעם לעבן פון די קאָזאַקן מיט דעם לעבן פון די שייעווקער יידן.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט. דער זומער איז אַוועק. דאָס ברויט איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון די פעלדער. אייניקע קאָזאַקן זיינען געקומען העלפן די יידן אויף די פעלדער צוליב זייער בענקעניש נאָך דער ערד. ערגעץ ווייט־ווייט האָבן זייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער אויך געאַרבעט אויף פעלדער. און זיי זיינען דאָ פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער בעסאַראַביע ווייט פון דער היימאַט. זיי ווילט זיך זינגען זייערע קאָזאַקישע לידער אויף די פעלדער פון בעסאַראַביע. דאַן איז געקומען דער בעסאַראַבער ווינטער מיט די טיפע שנייען און זאַווערוכעס. זיינען די קאָזאַקן געזעסן אין

זייערע באַראַקן און געשאָלטן דעם טאָג, וואָס זיי זיינען פאַרוואָרפן גע־וואָרן אַהער.

עס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין שום נאָענטע פּאָסט־פאַר־בינדונגען און אַז די קאָזאַקן האָבן געוואָלט שרייבן אַהיים אַ בריוו, האָבן זיי געמוזט פאָרן מיט די בריוו קיין בעלץ אָדער מאָלעוו זיי דאָרטן אויפ־לייגן מיט דער פּאָסט. עס האָט געדויערט אַ פּאָר חדשים איידער אַזאַ בריוו איז אָנגעקומען אַהיים און איידער די קאָזאַקן האָבן באַקומען אַן ענטפער פון דאָרטן.

אייניקע פון די קאָזאַקן האָבן געהאַט כלות אין דער היים. און די כלות האָבן געבענקט נאָך זיי און זיי האָבן געבענקט נאָך די כלות. האָבן זיי שוין אַרויסגעקוקט אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן קריגן אַ באַפעל זיך אומ־צוקערן אַהיים. סיי־ווי איז דאָ ניט געווען וואָס צו טאָן. די פּויערים זיינען דאָ פרידלעכע. מען דאַרף זיי ניט צאַמען מיט דער קאָזאַקישער נאַגאַיקע.

אָבער קיין באַפעל אויף אומצוקערן זיך אַהיים האָבן די קאָזאַקן ניט באַ־קומען. און עס האָט זיך אויך קיינער ניט געוויזן פון פּעטערבורג.

האָבן זיך די אָפיצערן מיישב געווען און אַרום פרילינג זיך אויף זייער אייגענער אחריות פאַרנומען פון דאָרטן.

די שייעווקער האָט באַנק געטאָן, וואָס די קאָזאַקן זיינען אַוועק. די קרעמערלעך האָבן פאַרלוירן אַ סך לייזונג און די באַלמעלאָכעס אַ סך אַרבעט.

און אָט דעמאָלט, ווען די קאָזאַקן זיינען שוין געווען ווייט פון שייעוו־קע, איז פלוצים אָנגעפאָרן אַ פאַיעטאָן מיט דריי פעטע פעמפעקעס. אַלע דריי מיט היטלען מיט רויטע קאַנטן און מיט קנעפּ. זיי האָבן גערעדט מיט באַסאָווע שטימען, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער מיט פון שייעווקע, און געהייסן זיך שיקן רופן דעם פּריסטאַוו.

— מיר האָבן ניט קיין פּריסטאַוו — האָט רחמיאל זיי דערקלערט.

— וואָס דען האָט איר ?

— אַ סטאַראָסטע און אַ גאַלאָווע.

— וואו איז דער גאַלאָווע ?

— באַלד ברענג איך אים.

— געשווינד !

רחמיאל איז געלאָפן ברענגען שייען, דעם גאַלאָווע פון שייעווקע.

נײַנצנטער קאַפּיטל

שײַע איז געקומען און זיך פֿאַרנויגט פֿאַר די דרײַ פֿאַרשוינען.
— מיר זײַנען אַ קאָמיסיע פון פעטערבורג.
— וואָס קאָן איך טאָן פֿאַר אײַך?
— דו ביסט דער גאַלאָוואַ?
— יאָ.
— ניט אַזוי רעדט מען צו אַ קאָמיסיע פון פעטערבורג.
— אַנטשולדיקט! מיר זײַנען דאָ פּראָסטע פּויערים.
— פּויערים?!
— יאָ. מיר זײַנען דאָ אויף דער ערד פון קינדוויז־אָן. אַזוי האָט דער קייסער ניקאָלאַי דער ערשטער געוואָלט...
— אָ, פּאָימאַנשטשיקעס?
— יאָ.
— און וואו איז אײַער פּריץ?
— דאָס בין איך...
— פריער האָסטו געזאָגט פּראָסטע פּויערים און איצט ביסטו שוין דער פּריץ...
— יאָ, איך בין דער פּריץ... נאָר איך האָב אויפגעגעבן מײַן פּריצ־שאַפט און בין געוואָרן אַ פּראָסטער פּויער.
— גאַנץ אײַנפֿאַך. און וואָס ביסטו, אַ ייד, צי אַ פּראַוואָסלאַוונער?
— אַ ייד.
— ווי האָסטו געקאָנט זײַן אַ פּריץ ווען דו ביסט אַ ייד?
— דער פּריץ פֿאַר מיר איז געווען אַ פּראַוואָסלאַוונער. ברײַטשע־וואָן האָט ער געהייסן. זאָל ער האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן. ער האָט מיך אַדאָפּטירט און מיר אַוועקגעשאָנקען זײַן גוט.
— און דו ביסט געבליבן אַ ייד?
— יאָ.
— דאָס געזעץ איז, אַ פּראַוואָסלאַוונער טאָר נישט שענקען קיין יידן זײַן גוט.
— אָבער איך האָב פּאַפּירן פון אַ נאָטאַריוס.
— קאָנסט זיך האַלטן מיט די פּאַפּירן...
— איך דאַרף זיי סײַ־ווי ניט, — זאָגט שײַע מיט אַ שמייכל. — איך בין איצט אַ פּראָסטער פּויער. אַזוי האָט באַפוילן דער קייסער ניקאָלאַי דער ערשטער.

— עס איז שוין איצט אַ נייער קייסער מיט נייע געזעצן. איצט קאָן אַ ייד ניט זיין קיין פויער.

— פאַרוואָס ? — פרעגט נאַאיוו שייע.

— ווייל ער טאָר ניט.

— איך זיץ אויף מיין ערד און קיינער וועט מיך ניט אַראָפּוואַרפן פון מיין ערד!

— אַזוי מיינסטו ? וועסט שוין אויסגעפינען שפּעטער. מיר זיינען געקומען אַלס אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די גאַנצע זאַך.

— פאָרשט וויפיל איר ווילט.

— דאָ זיינען געווען קאָזאַקן ... וואו געפינען זיי זיך ?

— זיי זיינען אַהיימגעפאָרן.

— וואָס ?! אַהיים געפאָרן ?! ווער האָט זיי דאָס רעכט געגעבן ?!

— איך ווייס ניט.

— אונטערגעקויפט די קאָזאַקן, אַז זיי זאָלן פאָרן אַהיים! שעלמעס! מיר קאָנען אייך, יידעלעך!

— איך בעט ניט צו באַליידיקן מיין פאָלק!

— ווער ביסטו ?! ער בעט!

— איך בין דאָ גאַלאָוואַ און אַ ייד. איך וועל ניט שטיין לעבן אייך און זיך צוהערן ווי איר באַליידיקט מיינע מענטשן.

— וועסט אונדז נאָך אפשר אַרעסטירן, צי ווער ווייסט וואָס ?

— מיר זיינען פרידלעכע מענטשן און פּראָסטע, ערלעכע פויערים. מיר לעבן פון דעם שווייס פון אונדזערע הענט און פון דער גוטער מאַמע ערד ...

— אַ גאַנצער פּאָעט געוואָרן ...

— אַ גוטן טאָג! איך האָב קיין צייט ניט צו פאַרברענגען מיט אייך. און שייע איז אַוועק צו זיין אַרבעט. אויף אים קוקנדיק איז אויך רחמיאל אַוועק צו זיין אַרבעט.

די דריי פּעמפּעקעס זיינען געבליבן אַביסל געפּלעפּט און דערשטוינט פון דער באַגעגעניש מיט שייען. זיי זיינען דערנאָך געגאַנגען איבער דער גאַנצער לענג פון שייעווקע און געכאַפּט אַ שמועס מיט אַ טייל פון די יידישע קרעמערלעך און אויך מיטן סוחר, רב נחמן.

ביי רב נחמנען האָבן די דריי פּעמפּעקעס אַרויסגעפּאָמפּעט אַ סך אינפאָרמאַציע וועגן שייעווקע און די יידן.

— דאָס דאַרף הייסט נאָך אים, נאָך דעם גאַלאָוואַ. — האָט רב נחמן זיי געזאָגט אין אַזאַ טאָן, אַז עס האָט געהייסן, אַז די איינוואוינער זיינען ניט צופרידן דערמיט.

— און פאַרוואָס האָט מען דיר אויך ניט געגעבן אַ שטיקל ערד? — האָט די קאָמיסיע ביי אים געפרעגט, כדי אויסצוגעפינען פון אים, צי ער איז צופרידן דערמיט.

— וואָס טויג מיר ערד? מיין זיידע, מיין טאַטע האָבן ניט געהאַט קיין אייגענע ערד...

— ביסט אַ קופּעץ?

— טאַק טאַטשנאָ!

— און די איבעריקע יידן ווילן אויך זיין קופּעצעס?

— וואָס דען? פאַרשוואַרצט ווערן אויף ערד?

רב נחמן האָט פאַרבעטן נאַטשאַלסטוואָ צו זיך אין שטוב אַריין. ביי אים אין שטוב איז געווען דער איינציקער סאַמאָוואַר, וואָס רב נחמן האָט געבראַכט מיט זיך פון דער שטאָט באַר, פון וואַנען ער איז אַהער קיין שיי־עווקע געקומען. האָט ער געוואָלט נושא־חן זיין ביי די הויכגעשטעלטע פריצים פון פּעטערבורג און געשטעלט פאַר זייערטוועגן דעם סאַמאָוואַר.

אַז די פריצים האָבן זיך צעוואַרעמט ביי דער טיי האָבן זיי זיך צע־שמועסט מיט רב נחמנען וועגן זייערע אויפגאַבן דאָ אין שייעווקע.

— דו ביסט אַ פיינער זשידאָק. מיט דיר קאָן מען אויסקומען. ווען מיר וואָלטן געהאַט נאָר אַזוינע זשידקעס ביי אונדז אין רוסלאַנד, וואָלטן מיר ניט געדאַרפט קעגן זיי קיין שום געזעצן — ניט אמת?

— אמת, — האָט רב נחמן געזאָגט מיט פיל דרך ארץ, — איך קאָן וואויינען וואו מען לאָזט מיך און בין אַלעמאָל צופרידן. הייסט מיר מאָרגן גיין פון דאַנען, וועל איך פאַרקויפן מיין דירה און נעמען דאָס פּעקל און גיין אין אַן אַנדער אָרט.

— מיר זיינען ניט געקומען אייך אַרויסצוטרייבן פון דאַנען. מיר ווען ביי די היגע יידן בלויז צונעמען זייער ערד, וואָס איז שוין ניט זייער ערד. יידן טאָרן ניט האָבן קיין אייגענע ערד.

— אָבער וואויינען דאַ־הי קאָן אַ ייד? — ציטערט ביי רב נחמנען דאָס האַרץ און זיינע ליפּן ווערן אַזש בלוי.

— איר קאָנט דאָ וואוינען.

— אַ דאַנק פריער גאָט און דערנאָך דעם קייסער און אייך, — זאָגט רב נחמן מיט אַ פרומער מינע, — איך גלויב, אַז עס וועט זיין בעסער פאַר אונדז, יידן, ווען מען וועט אונדז טאַקע באַפרייען פון אייגענער ערד. אָט, נעמט די היגע יידן וואָס האָבן אייגענע ערד. זיי זיינען אַזוי פאַרגרעבט געוואָרן, אַז זיי קאָנען אפילו ניט גאָטס וואָרט.

— רעדסט ווי אַ קלוגער מענטש. דער קייסער טוט אייער פאָלק

נאָר גוטס. אַז מען וועט ביי די יידן צונעמען די ערד וועלן זיי ווערן בע־
סערע יידן, ניט אמת?

— אוודאי. די ערד מאַכט זיי גראָב און פאַרשטאָפּט זייערע קעפּ.

— נו, גוט, וועלן מיר ביי זיי טאַקע צונעמען די ערד.

— ווען?

— גאָר אינגיכן. מיר זיינען געקומען אויספאָרשן די גאַנצע זאַך און
מיר האָבן געמיינט, אַז די קאָזאַקן זיינען נאָך דאָ. וואָלטן מיר מיט זייער
הילף אַראָפּגעטריבן די זשידעס פון דער ערד. אָבער אַזוי ווי די קאָזאַקן
זיינען ניטאָ, וועלן מיר מוזן קומען אַ צווייטן מאָל.

די דריי פּעמפּעקעס האָבן זיך אָנגעזשליאָקעט מיט טיי און זיינען
אַוועקגעפאָרן זיך איבערצושמועסן מיט די פּויערים פון די דערפער מאַרי־
אַנעשטי און סוואָבאָדאַ.

אין יענעם אָוונט זיינען זיך די יידן פון שייעווקע צונויפגעקומען
ביי באַסיען אין שטוב און רב נחמן האָט זיי דערציילט וואָס נאַטשאַלסטוואָ
וויל טאָן. עס זיינען, פאַרשטענדלעך, נאָר געקומען די גאָר ערשטע יידן
פון שייעווקע צו דער פאַרזאַמלונג. די אָנגעלאָפענע זיינען דאָ ניט געווען.
אפילו רב נחמנען האָט מען קוים איינגעבעטן, אַז ער זאָל זיך מטריח זיין
מיט זיין כבוד...

אויף יעדן פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ טרויער.

אָט איז איצט פרילינג. מען אַקערט שוין די ערד. מען גרייט זיך צום
פאַרזיי. און גאָר פּלוצים קומט מען און מען וויל זיי פון זייער ערד אַראָפּ־
טרייבן.

רב נחמן איז געזעסן ווי אַן איבעריקער. קיין ערד האָט ער דאָך אין
שייעווקע ניט געהאַט. און ער האָט געקוקט אויף די אַלע פאַרגרעבטע
ערד־יידן פון אויבן־אַראָפּ. זיי זיינען געשטאַנען אין זיינע אויגן אַ סך ני־
דעריקער ווי באַלמעלאָכעס, כאָטש ער האָט מיט באַלמעלאָכעס אויך גע־
האַט ווייניק מגא־ומשא.

— לאָמיר זען, אַז מען זאָל אונדז וועלן טרייבן פון אונדזער ערד!...

— האָט באַסיע געזאָגט מיט גרימצאָרן אין איר קול, — איך וועל זיי אויס־
דראַפּען די אויגן!

— מיר וועלן זיך קעגנשטעלן און זיי פאַרטרייבן! — זאָגט רחמיאל.

— וואָס האָבן די פּעמפּעקעס געזאָגט? גיט אונדז איבער יעדן וואָרט,
רב נחמן, — האָט זיך שייע געווענדט צו רב נחמנען, — מיר מוזן וויסן
דעם גאַנצן אמת.

— זיי האָבן געזאָגט, אַז דער נייער קייסער האָט אַרויסגעגעבן אַ גע־

זעץ, אַז יידן טאָרן ניט האָבן קיין אייגענע ערד, — האָט רב נחמן געציילט זיינע ווערטער ווי מען ציילט פּערל.

— אָבער אונדז האָט מען דאָך צוגענומען ביי אונדזערע עלטערן, ווען מיר זיינען געווען קינדער און אונדז באַזעצט דאָ אין אָט דעם דאָרף, — האָט באַסיע געזאָגט מיט טרערן אין אירע אויגן.

— וואָס ווילנסטו, יידענע, פאַר מיר? — ענטפערט איר רב נחמן מיט אַ קאַלטן לונג און לעבער, — קאָן איך דען איבערמאַכן אַ געזעץ פונעם קייסער? האָסטו געזען?! וואָס איז דאָ צו ווינען. וועט מען צונעמען די ערד, איז אַ שיינע ריינע כפרה, אַבי מען וועט ניט טרייבן פון דאַנען...

— אייך, רב נחמן, איז גרינג צו זאָגן, — רופט זיך אָן שייע מיט ביטערער גאַל אין זיין קול, — איר האָט דאָ גאָרניט אַריינגעלייגט. אָבער מיר האָבן דאָ אַרנגעלייגט אונדזער לעבן, אונדזער געזונט, און מיר ווילן ניט אָפּטרעטן אַזוי גרינג.

— נאַרישע יידן!... — צעלאַכט זיך רב נחמן, — איבער וואָס עס איז דאָ צו קלאָגן, איבער אַ שטיקל ווערעמדיקער ערד! כאַ, כאַ.

— אָט איבער אָט־די שטיקלעך ווערעמדיקע ערד האָט מען אונדז געשלאָגן מיט נאַגאַיקעס, — רופט זיך אָן דאָדל „דער רב". עס האָט ביי אים שיער ניט געפּלאַצט דאָס האַרץ פון דער קאַלטקייט, מיט וועלכער רב נחמן האָט געלאַכט.

— יאָ, מען האָט מיט אונדז געאַרבעט ווי מיט די יידן אין מצרים. און אַז מיר האָבן געשריען צו גאָט, האָט ער דערהערט אונדזער פּיין און אונדז געשיקט שייען ער זאָל אונדז אויסלייזן. און איצט, אַז מיר זיינען שוין פריי, קומט מען און מען וויל ביי אונדז צונעמען אונדזער האַרעוואַניע.

— מסתמא וויל אַזוי גאָט, — זאָגט רב נחמן פרום און גייט אַרויס פון באַסיעס שטוב.

— אַזוינע יידן ווי רב נחמן האָבן געמעגט וואַקסן אויף שטיינער, — האָט לייזער קאָוואַל אים נאָכגעוואָרפן.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די דריי פּעמפּעקעס, וואָס האָבן אין זייערע פּערזאָנען פאָרגעשטעלט די נאַטשאַלניקעס פון גאַנץ בעסאַראַביע, האָבן נעבעך גאַהט אַ שלעכטן אָפּשניט אין די צוויי מאָלדאַוואַנישע דערפער מאַריאַנעשטי און סוואָבאָדאָ, וואו זיי האָבן געזוכט צו העצן קעגן די יידן.

די פּויערים פון אָט־די צוויי דערפער האָבן צו־גוט געקענט און גערן

געהאַט זייערע שכנים פון שייעווקע און זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרגעסן וואָס דער יידישער פּריץ שייע האָט פאַר זיי געטאָן.

די פּויערים זיינען אַזוי אויפגעקאָכט געוואָרן קעגן די דריי פּעמפּע־קעס צוליב זייערע רייד, אַז ווען זיי וואָלטן ניט אַנטלאָפן אין צייט, וואָלטן די פּויערים געוועזן צעטראָגן זייער פאַיעטאָן אויף שטיקער.

— קום סעפּאָטיע! (ווי איז דאָס מעגלעך!) — האָבן די מאָלדאַוואַנעס געשריגן מיט צאָרן.

— יאַק־זשע טאַ מאָזשע בוטע! — האָבן די אוקראַינער געשריגן.

אין די צוויי דערפער האָט דער פּויערשער גערעכטער צאָרן געדו־נערט ווי אויף אַן אָנזאָג פון אַ גרויסן שטורעם.

די דריי פּריצים זיינען קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן און דערמיט האָט זיך דער ענין פון אָפּנעמען די ערד ביי די יידישע פּויערים פון שייעווקע דערווייל געענדיקט.

און אין שייעווקע איז דער פרילינג־פאַרזיי ווידער אָנגעגאַנגען ווי אַלעמאָל.

און די שאָף האָבן זיך שוין אַלע געקאָטעט און געזויגן זייערע שיינע, שוואַרצע געקרויזלטע לעמעלעך, און טייל שקאָפּעס האָבן געבוירן לאָ־שיקלעך.

און שייעווקער פּרויען האָבן זיך אַראָפּגענומען אַ מוסר פון באַסיען.

באַסיע האָט אָנגעטאָן איר ראָזעווע־האַריק לאָשיקל אַ וואָלן רויט שנירל אויפן חנעוודיקן העלדזל. האָבן אַלע נאָכגעטאָן באַסיען און אָנגע־טאָן רויטע שנירלעך אויף זייערע לאָשיקלעך.

די וואָל האָט מען געפאַרבט ביי דער פאַרבערקע גיטל, וואָס איז גע־קומען קיין שייעווקע פון פאָדאָליע. גיטל איז געווען תמיד אויסגעשמירט מיט אַלערליי פאַרבן. זי האָט פון פאַרנט פון איר אָרעם קליין שטיבעלע געהאַט אַ גרויסן קעסל אויפגעשטעלט אויף אַ טרינײזשקע. אין קעסל האָט זי געקאָכט די וואָל אין דער פאַרב.

זי האָט געפאַרבט וואָל אין גרין, רויט, בלאָ און שוואַרץ. איר פּנים איז געווען באַשמירט מיט פאַרב, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען אַ שטיקל הויט.

דער מאַן אירער האָט געטריקנט דעם וואָל אויף דער זון. מען האָט אים אין שייעווקע אַ נאָמען געגעבן „מאַגאַר“, וואָס דאָס האָט געמיינט אין מאָלדאַוואַניש, אַז ער איז ניט פון די גרויסע חכמים. משה מאַגאַר. אין דער אמתן איז משה גאָרניט געווען אַזאַ נאַר. ער האָט תמיד געשוויגן און האָט געהאַט שכל פונקט ווי יעדער מענטש פון זיין שטאַנד. נאָר ער האָט זיין שכל ניט געדאַרפט האָבן צו אָט דער פּרנסה פון טריקענען געפאַרבטן

וואָל. אַלץ וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן, איז געווען דאָס צעהענגען פון דעם געפּאַרבטן וואָל אויף אַ שטריקל אַקעגן דער זון. נו, דאַרף מען עפּעס דאָ זיין אַ חכם?

זינט גיטל איז אַראָפּגעקומען קיין שייעווקע האָבן די שייעווקער ווייב־לעך אָנגעהויבן זיך פּוצן אין קאָלירטע קליידער. עס איז געוואָרן אַ מאָדע צו מאַכן קליידלעך פון גרין און שוואַרץ, און יאַקלעך פון רויטן וואָל, און שאַלעכלעך פון געל און גרין. און אַזוי איז די מאָדע אַריין אויך אין די צוויי דערפער מאַריאַנעשטי און סוואַבאָדאַ.

אפשר ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אַז שייעווקע האָט נאָכגעטאָן די צוויי גויאישע דערפער, ווייל די פּויערים פון די דערפער האָבן פון שטענ־דיק־אָן ליב געהאַט בונטע קאָלירן.

אַ שייעווקער יידענע האָט פריער נאָר געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַ פּאָר־בערקע גלייך ביי דער נאָז און די קאָלירן בעטן זיך ממש מען זאָל זיי נע־מען — נו, האָט מען אפילו די לאָשיקלעך שוין אויך פאַרפּוצט מיט רויטע שנירלעך. זיי זיינען אַרומגעלאָפן איבערן דאָרף און געהירזשעט און זיך געפרייט מיט דער זון און מיטן לעבן...

אין שייעווקע זיינען געווען זייער אַ סך קינדער. די קינדער זיינען אַרומגעגאַנגען אין וואָלענע העמדלעך מיט די „פּופּקעס" איינדרויסן, מיט באָרוועסע פיסלעך. און די קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט מיט די לאָ־שיקלעך אין כאַפּער־לאַפּער.

נאָר אַזוי ווי די לאָשיקלעך האָבן געקאָנט בעסער לויפן פון די קינ־דער, האָט עס זייער זעלטן געטראָפן, אַז די קינדער זאָלן כאַפּן אַ לאָשיקל. סיידן דאָס לאָשיקל איז אַליין געבליבן שטיין און זיך געלאָזט כאַפּן. וואָס האָט עס אים געאַרט, אויב די קינדער זיינען אים באַפאַלן און אים געגלעט און אפילו געשטופּט זייערע פינגער אין זיין מויל אַריין?

אַלץ וואָס דאָס לאָשיקל האָט געקאָנט טאָן, איז זיך מאַכן ווי ער ווייסט ניט, אַז עס זיינען פּשוטע פינגער. און ער האָט גענומען זויגן אָט־די פינ־גער ווי עס וואָלט געווען דער מוטערס ברוסט.

אָבער מיט דער צייט איז געוואָרן אַזאַ מין פאַרשטענדעניש צווישן די לאָשיקלעך און די קינדער:

דאָס לאָשיקל האָט זיי אויסגעשטרעקט זיין האַלדז און זיי, דאָס הייסט די קינדער, האָבן געוואוסט, אַז מען דאַרף אים קראַצן פּונקט אונטערן מאָרדעטשקע דאָרט, וואו דאָס לאָשיקל קאָן אַליין פאַר קיין שום פאַל ניט דערגרייכן מיט זיין צונג.

סיידן די מאַמע־שקאַפּע האָט דאָרטן מיט איר צונג געטאָן אַ באַרשט־אויס. דער מאַמעס־שקאַפּעס צונג איז געווען ווי אַ באַרשט מיט ציינדלעך.

אָבער די מאַמע־שקאַפּע האָט דאָך ס׳רוב געאַרבעט אין פעלד, געאַקערט און געבראַנעוועט. האָט זי קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט איר לאַשיקל אַ גאַנצן טאָג.

די לאַשיקלעך זיינען קיינמאָל ניט מיטגענומען געוואָרן אין פעלד אַריין, ווייל זיי וואָלטן נאָר געווען אַ שטערונג צו דער אַרבעט. מען האָט אַלעמאָל זיך אַרויסגעגנבעט מיט דער שקאַפּע אין פעלד אַריין און דאָס לאַשיקל אָפּגענאַרט מיט אַלערליי קונצן . . .

אַזוי האָט מען אויך די קינדער פון שייעווקע געוויינלעך ניט מיטגענומען אין די פעלדער, סיידן מען האָט זיי נאָך געדאַרפט זויגן ביי דער ברוסט! דעמאָלט האָט די מוטער מיטגענומען איר זויג־קינד און עס אַנידערגעלייגט ביי דער זייט פון פעלד אין אַ קישעלע און עס איינגעדעקט, כדי די זון און די פליגן זאָלן צו דעם ניט קאָנען צוקומען.

פאַרשטענדלעך, אַז עס איז געווען מער קינדער ווי לאַשיקלעך אין שייעווקע. אָבער עס איז אויך געווען געגנוג לאַשיקלעך. יעדער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ שקאַפּע האָט שוין פאַרמאָגט אַ יונגן מוציק פון צוויי יאָר אַלט. חוץ וואָס יעדער איינער האָט פאַרמאָגט אַ זויגלינג לאַשיקל.

די צוויי־יעריקע מוציקעס האָט מען שוין געשפּאַנט אינאיינעם מיט די שקאַפּעס אין אַקער־אייזן און אויך ביי יעדער געלעגנהייט, ווען און וואו מען האָט געאַרבעט. אָט אַזוי האָט מען דערוויל דעם יונגן פערד געלערנט אַרבעטן.

ביים יונגן מוציק איז עס געווען אַ שפּילעכל ווען מען האָט אים געשפּאַנט אינאיינעם מיט זיין מאַמען. ער האָט זיך געפּילט גליקלעך, וואָס ענדלעך טוט ער אויך עפּעס און האָט אַלעמאָל זיך געפּרוואווט אויסצייכענען מיט דעם, וואָס ער האָט צוגעלייגט זיין חלק און געשלעפּט דעם אַקער־אייזן, אָדער די בראָנע, אָדער דאָס וועגעלע מיט משא מיט פולער יונגער ענערגיע און ברען...

...און אָט אַזוי זיינען די ערד־יידן, ווי מען האָט זיי גערופן איצט אין שייעווקע, געוואַקסן צוזאַמען מיט זייער באַלעבאַטישקייט. צוביסלעך האָבן זיי אויפגעבויט שטאַלן און קעמערלעך און באַלד, באַלד וועט שוין אין יעדער שטאַל זיין דריי פערד און אין יעדן קעמערל וועט זיין מערער ווי צוואַציק שאָף. אין יעדער שטוב וועט זיין באַלד מער ווי אַ האַלב טוצן קינדערלעך.

ערד איז געווען געגנוג. ערד איז אין שייעווקע געמאָסטן געוואָרן לויט דעם כוח און מעגלעכקייטן פון יעדן איינעם צו באַאַרבעטן זי. אַלע באַאַרבעטן זייער ערד אינאיינעם ווי גלייכע שותפים. די מאַנצבילן און די ווייבער טוען די אַרבעט אויף די פעלדער גלייך אויף גלייך. סיידן איינער איז

ניט געזונט, אָדער ווען אַ פרוי ליגט אין קימפעט. דאַן זיינען זיי אין דער היים. מען אַרבעט שוין פאַר זיי אויך.

מען האָט אויך אויפגעבויט שפּייכלער פאַר תבואה. יעדער איינער האָט אין הויף ביי זיך אַזאַ שפּייכלער אויף הויכע שטאָלצעס, כדי מייז און שטשורעס זאָלן ניט קאָנען אַריינקריכן אין זיי. עס איז יעדער שפּייכלער אָדער מאַגאַזין פול מיט ווייץ, פּאַפּשויעס, קאַבאַקעס, סאָלנישקעס, פּאַסאָ־ליעס און טוטין. און די אַמאָליקע בורדעיען אין וועלכע אַט־די ערד־יידן האָבן אין די ערשטע יאָרן אַליין געוואוינט, זיינען איצט פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין קעלערן, וואו מען האַלט קאַרטאָפל, בוריקלעך, רעטעכער און קעז און מילך.

ביי יעדן שטיבעלע איז פאַראַן אַ הויף. אין דער מיט פון הויף שטייען סטויגן מיט ווייצן־שטרוי, סטויגן מיט קוקורוזע, סטויגן מיט סאָנישקע־שטעקנס און שטענגלעך פון טאַבאַק און סטויגן מיט בינטלעך בוריאַנעס.

עס איז דאָ מיט וואָס צו הייצן דעם אויוון און אויך וואָס אָוועקצופירן אין שטעטל רישקאַן צום פאַרקויפן. אין רישקאַן איז אַ וועגעלע קוקרוי־זאַנקע אַ גרויסע מציאה. מען כאַפּט עס אויס אַזוי גיך, ווי עס באַווייזט זיך אויף דעם עק פון אַ גאַס. ווער שמועסט, אַז מען פירט אַהין אַוועק אַ וואָגן מיט ווייצן־שטרוי. דאָרטן האָבן זיי ניט מיט וואָס צו הייצן אַ גאַנצן ווינ־טער. אַלץ איז דאָרטן אַ סחורה — אַבי מען קאָן מיט דעם אויסהייצן דעם אויוון.

אפילו אין שייעווקע אַליין זיינען דאָך דאָ יידן, קרעמערלעך, סוחר־רימלעך, כלי־קודש און די באַלמעלאָכעס, וועלכע מוזן קויפן שטרוי אָדער קוקרוזאַנקע צום באַהייצן.

אַלץ וואָס וואַקסט אין שייעווקע אום זומער איז אַ סחורה אום ווינ־טער. די יידן, וואָס באַאַרבעטן די ערד, באַזאָרגן די יידן וואָס באַאַרבעטן ניט די ערד, מיט עסן און מיט באַהייצונג און דערפאַר באַזאָרגן די יידן באַלמעלאָכעס, כלי־קודש, סוחרים און קרעמער די אַנדערע יידן, וואָס באַאַרבעטן די ערד, מיט שיך, קליידער, מיט אַ חדר פאַר קינדער און מיט אַלע איבעריקע יידישקייט־זאַכן.

דאָס אַליין איז שוין אַזוי געוואָרן נאַטירלעך, אַז עס דאַכט זיך אַז שייעווקע שטייט שוין אַזוי פון ששת־ימי־בראשית און יעדעס הייזעלע איז באַשאַפן געוואָרן אינאיינעם מיט דער ערד פון שייעווקע און יעדעס גרעזעלע וואָס וואַקסט אויף די פעלדער אַרום שייעווקע איז פון אָנ־הויב־אָן באַשאַפן געוואָרן, כדי עס זאָל זיין וואַרעם אין די שייעווקער היי־מען אָדער כדי די שייעווקער יידן זאָלן האָבן פון וואָס צו „בלאָזן רויך" —

רויכערן אָדער טאַקע גאַנץ פּשוט, כדי די שייעווקער יידן זאָלן האָבן וואָס צו „פּיסקעווען" — עסן, הייסט עס.

און אַזוי איז עס געווען און אַזוי איז עס פאַרבליבן, לאַנגע, לאַנגע צייטן.

איין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

שייע האָט געלעבט אַ פּראָסט און געזונט לעבן. זיין ווייב פּאַטאַ מאַ־ריאַ, וועלכע האָט איצט געהייסן גאַנץ פּראָסט, מירל, האָט געבוירן צוויי טעכטער און איין זון. דאָס ערשטע מיידל האָט געהייסן שרה און דאָס צווייטע מיידל האָט געהייסן רבקה; דעם זון האָט מען אַ נאָמען געגעבן פּנחס.

די טעכטער זיינען געווען געראָטן אין טאַטן; שוואַרץ־חנעוודיקע, מיט פעך־שוואַרצע האָר; שיינע, גרויסע אויגן, שוואַרצע און טיפע און אַזוינע געטאַקטע נעזעלעך, ווי שייע האָט פאַרמאָגט.

דער זון פּנחס, אָדער ווי מען האָט אים גערופן פּיני, איז שוין געווען געראָטן אין דער מאַמען: אַ בלאָנדער און מיט אַ ווייס פּנים און גרינלעך־בלויע אויגן.

עס איז שוין פאַרלאָפן שיינע עטלעכע יאָר זינט שייע האָט זיך באַ־זעצט אין זיין דאָרף שייעווקע. אין לויף פון אָט־די יאָרן זיינען די טעכ־טער אויסגעוואַקסן, זיי זיינען שוין אַריבערגעגאַנגען פון זייער קינדהייט און אָנגעהויבן רייף צו ווערן. זיי זיינען געווען איינע שענער פון דער אַנ־דערער און כמעט ווי אויסגעוויזן ווי זיי וואָלטן געווען צווילינג־שוועס־טער. אין דאָרף שייעווקע איז געווען אַ פאָלקס־שול און מען האָט געלערנט רוסיש, אַריטמעטיק, געאָגראַפיע און היסטאָריע. און עס זיינען אויך גע־ווען אַ צוויי, דריי תלמוד־תורהס, וואו מלמדים האָבן געלערנט מיט יידישע קינדער יידישע למודים. פּיני איז געגאַנגען אי אין חדר און אויך אין דער רוסישער פאָלקס־שול. די צוויי מיידלעך, זיינע שוועסטערלעך, זיינען געגאַנגען אין חדר, ביז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זאָגן עברי. דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט דער רוסישער פאָלקס־שול און אינגאַנצן אויפגעהערט צו גיין אין חדר.

די לערער אין דער רוסישער פאָלקס־שול זיינען געווען פּעטיאַ ריש־קאָן און זיין ווייב מאַגדאַלענאַ. ביידע זיינען געווען פאַרטריבענע פון זייער היים, דערפאַר וואָס זיי האָבן געפּריידיקט די באַפרייאונג פון שקלאַפעריי.

האָבן זיי חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אויף אַ שטיקל ערד, וואָס שייע האָט זיי געגעבן און זיי זיינען געוואָרן די לערער אין דער שול, וואָס שייע האָט געבויט.

און כאָטש עס איז שוין איצט אָפּגעשאַפט געוואָרן שקלאַפעריי האָבן אָט־די צוויי קינדער זיך ניט געוואָלט אומקערן צו זייערע היימען. שייע האָט זיי געהאָלפן אויסבויען אַ באַשיידן שטיבעלע און זיי האָבן אויך גע־לעבט אַ פּראָסט הערלעך לעבן. זיי האָבן ליב געהאַט די קינדער, זייערע שילער, און די שילער האָבן זיי אויך זייער שטאַרק ליב געהאַט. עס איז ניט געווען קיין שום צוואַנג צו שיקן די קינדער אין דער שול. ווער עס האָט געוואָלט האָט געשיקט.

דאָס דאָרף שייעווקע האָט זיך באַלד צעטיילט אין צוויי ריכטונגען — די קרעמערלעך און די סוחרימלעך מיט רב נחמנען בראש אין איין ריכטונג אַקעגן שייען מיט זיין „שקאָלע.״

די ווידער, וואָס זיינען געקומען קיין שייעווקע אינאיינעם מיט שייען האָבן יאָ געשיקט זייערע קינדער אין „שקאָלע.״

אין אָט דער שקאָלע האָט באַסיעס זון געוואָרפן אַן אויג אויף שרהלען, שייעס, און האָט זיך אין איר זייער שטאַרק איינגעליבט.

דוד איז געווען שטאַרק און געזונט ווי זיין טאַטע רחמיאל, אָבער ער איז געווען לענגער ווי רחמיאל. דאָס יונגע בחורל האָט פאַרמאָגט דער מאַמעס קליינעם חנעוודיקן פּנים און איז געווען רויט־האָריק ווי זיין טאַטע.

אין אַזאַ קליין דאָרף ווי שייעווקע האָט מען ניט פאַרפירט קיין ליבעס, כאָטש דודלס מאַמע און שייע האָבן יאָ אַמאָל שיער־שיער ניט אויסגעשפּילט אַן עכטן ראָמאַן. די קינדער האָבן אָבער דערפון כמעט ניט געוואוסט. די לעגענדע האָט עפּעס יאָ דערציילט אַ מעשהלע, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין יענע יאָרן, ווען באַסיע איז געווען אַ מיידל און שייע אַ ייִנגל.

שייע און באַסיע פלעגן זייער פיל לאַכן פון אָט דער געשיכטע, וואָס מען האָט אַלעמאָל פאַרענדיקט מיט דעם, אַז עס איז געווען אַ גאָטס־זאַך.

איז, הייסט עס, איצט דער ראָמאַן צווישן דודן, באַסיעס זון, און שרהלען, שייעס טאָכטער, געווען דער ערשטער אמתער ראָמאַן. די צוויי קינדער האָבן זיך זייער שטאַרק ליב געהאַט. און שרהלע איז געווען באַ־לעזן אין גאַגאָלן, פּושקינען, לערמאָנטאָוון, און זי איז געווען אַ ביסעלע ראָ־מאַנטישער ווי דודל. זי איז געווען אַ פרומע טרוימערין און זי האָט גע־וואַרט, אַז דאָדל זאָל אין אַ שיינעם טאָג קומען און זיך דערקלערן אין ליבע. זיי זיינען אַלעמאָל געגאַנגען אינאיינעם אַהיים פון דער שקאָלע און דאָדל האָט געטראָגן אירע ביכער און זי צוגעפירט צו דער טיר פון איר הויז.

אָבער דאָדל איז געווען אַ קלוגער, ניכטערער בחור. ער האָט פיינט געהאַט צו טרוימען, כאָטש ער האָט זייער פיל געלייענט די ליטעראַטור פון יענער צייט. ער האָט שרהלען זייער ליב געהאַט. אָבער ער האָט אויך געוואוסט, אַז קיינער אין שייעווקע וועט זי ביי אים ניט אויסכאַפּן...

אין שייעווקע האָט מען שייעס קינדער גערופן „ממזרים", אָבער פאַרשטייט זיך, בלויז הינטער די אויגן, און נאָר מענטשן פון רב נחמנס צד. די געוועזענע קליינע יידעלעך האָבן אפילו ניט געוואָגט צו טראַכטן וועגן רופן, חלילה, שייעס און מירלס קינדער „ממזרים", כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז שייע און פאַטאַ מאַריאַ האָבן קיינמאָל ניט חתונה געהאַט „כדת משה וישראל". דאָס וואָס שייע האָט געטאָן פאַר זיינע געוועזענע קליינע יידעלעך האָט טויזנט מאָל אַריבערגעוואויגן אַ „חתונה כדת"...
און מירל איז דאָך מיט דער צייט געוואָרן אַן עכט יידיש ווייבל; זי בענטשט ליכט פרייטיק, זי האַלט שבת, זי היט־אָפּ אַלע יידישע יום־טו־בים און רעדט שוין באַלד יידיש ווי אַן עכטע יידישע טאָכטער. און איז דען דאָס, וואָס זי האָט אויפגעגעבן אַ פּריציש לעבן צוליב איר יידישן מאַן ניט געגנוג צו באַווייזן, אַז זי איז געטריי איר מאַן און וועט אים זיין אַזוי געטריי ביזן לעצטן אָטעם?
יאָ, ביי די קליינע יידעלעך זיינען שייעס און מירלס קינדער גרויסע מיוחסים און טייערע יידישע קינדער.
עס איז אָבער געווען פאַרקערט אין צווייטן לאַגער פון רב נחמנען דעם סוחר און גרויסן גביר פון שייעווקע. אָט דער רב נחמן איז געקומען דאָ צום פאַרטיקן. ער האָט זיך צעשפּרייט מיט אַ גרויס הויז און מאַגאַזין און ער האַלט די קליינע סוחרימלעך אין זיינע הענט. ווייל ער — קויפט ער! ווייל ער ניט — קויפט ער ניט!
רב נחמן וואָלט זייער וועלן ווערן דער גאַנצער „מאַכער" אין דאָרף. ער איז אַ גאַנצער מאַכער ביי פּריצים פון אַרום און אַרום און ער קאָן אין איין שמיי־דריי מאַכן פון שייעווקע אַ גאַנצע שטאָט מיט אַ פּאָטשט און מיט אַ שפּיטאָל און אַ דאָקטאָר. פאַרשטייט זיך, אַז ערשטנס וועט די שטאָט ניט קאָנען מער הייסן שייעווקע; און, צווייטנס, וועלן אַלע פעלדער אַרום מיט די דערפער מוזן איבערגיין צו אַ פּריץ, און דריטנס, וועט שייע מערער ניט זיין קיין מאַכער אין שטאָט.
דאָס זיינען געווען רב נחמנס פּלענער, און זיינע סוחרימלעך און די קרעמערלעך האָבן אים נאָכגעבאָמקעט, ווייל אַזוי ווי עס האַלט איצט מיט שייעווקע וועט עס קיינמאָל ניט קאָנען ווערן קיין שטאָט, מיט נאַטשאַלסטוואָ, מיט אַ פּריסטאַוו און מיט אַ פּאָטשט. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז ביי אַזאַ מין יידן ווי שייע איז, שטייט אין קאָן די גאַנצע יידישקייט פון דאָרף.

ניטאָ קיין רב אין שייעווקע!
ניטאָ קיין באָד!
ניטאָ קיין בית־מדרש!

דערפאַר איז דאָ אַ „שקאָלע״! מ׳שטיינס געזאָגט . . .

יאָ, די קינדער זיצן אין די היטלען בשעת דעם לערנען. אָבער וואָס מ׳שטיינס געזאָגט לערנט מען זיי?

דוואָ־זשדע־דוואָ — טשעטירע! (צוויי מאָל צוויי איז פיר, הייסט עס) אַ־וואָ! וואָס פאַר אַ תורה?

ניין! ווען מען זאָל לאָזן רב נחמנען פירן די עדה, וואָלט ער איינגע־פירט, אַז דאָס דאָרף זאָל ווערן אַ שטאָט מיט פּאָטשט, מיט נאַטשאַלסטוואָ, מיט אַ מרחץ און אַ בית־המדרש מיט אַ מזרח־וואַנט. „קינדער וועלן לער־נען תורה און די פּריצים וועלן אונדז ליב האָבן, ווייל מיר קרימען זיי זיך ניט נאָך.״

אַזוי האָט געדרשנט רב נחמן און זיך געגלעט זיין לאַנגע באָרד.

צוויי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

שייע האָט געהאַט זייער אַ סך שוועריקייטן, ווען ער האָט אויפגע־בויט אַ שיינע געביידע און געוואָלט עפענען די פאָלקס־שול. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עמיצער האָט געלאָזט וויסן נאַטשאַלסטוואָ (רעגירונגס־באַאַמטע) פריער איידער שייע האָט זיך געווענדט פאַר אַ דערלויבעניש און מען האָט אים די דערלויבעניש ניט געוואָלט געבן. און שייע האָט געמוזט זיך ווענדן צום גלח פון קלויסטער פון זיינע דערפער, אַז ער, דער גלח, זאָל זיך ווענדן צום אַרכיריי (הויפּט פון קירכע) און דערפאַר האָט שייע געמוזט איינגיין, אַז דער גלח זאָל איין מאָל אין וואָך קומען אין שול און לערנען מיט קינדער זיינע רעליגיעזע „זאַכן״ . . .

איצט האָט שייע געוואָלט בויען אַ שפּיטאָל, אָבער מען האָט אים ווי־דער ניט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש.

געלט איז געבליבן פון זיין „שווער״, דעם טראַגיש פאַרשטאָרבענעם בריטשעוואַן.

אַ שפּיטאָל האָט מען באַדאַרפט אַזוי ווי מען דאַרף לעבן. עס איז ממש אַ נס, ווי אַזוי זיי האָבן ביז איצט געקאָנט זיין אָן אַ שפּיטאָל. אָבער מען גיט ניט קיין דערלויבעניש.

דער ווינטער אין שייעווקע איז אַ לאַנגער און אַ שווערער. עס איז גוט, וואָס די שייעווקער האָבן גוטע אויוונס און מיט וואָס צו הייצן. אָבער די שייעווקער איינוואוינער האָבן אַ גאַנצן ווינטער זיך ניט געבאָדן און מען האָט זיך געוואַשן מיט אַביסל הוילע וואַסער דאָס פּנים און די הענט. עס איז געווען גענוג צו באַנעצן די פינגער, אַ פיר־טאָן איבערן פּנים און

פּאַרטיק! און דאָך איז קיין שום עפּידעמיע ניט געווען אין שייעווקע. און ניט איין מאָל האָבן שייע און זיין ווייב מירל גערעדט וועגן דעם און עס גע־האַלטן פאַר אַ גרויס וואונדער.

שייע און זיין פאַמיליע, כאָטש זיי האָבן זיך געקאָנט פאַרגינען אַ מער לוקסוסדיקן לעבן, האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם פּראָסטן לעבן, וואָס יעדער איינער האָט געפירט אין שייעווקע.

אויפגעשטאַנען איז מען אין שייעווקע העט פאַרטאָג. דער פּראָסט האָט געמעגט זיין ווי שטאַרק. שייע האָט געהאָט די עובדה צו ברענגען אַ פּאָר בינטלעך בוריאַן און איינצוהייצן דעם אויוון, כדי עס זאָל זיך אָנ־וואַרעמען דאָס הויז. דאַן זיינען די קינדער אויפגעשטאַנען און זיך געגרייט צו גיין אין „שקאָלע". מירל האָט פאַר זיי אויפגעזאָטן מילך מיט ציקאָריע און זיי געגעבן איבערבייסן. דערנאָך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער טאָג אַרבעט. מען האָט געגעבן עסן די פערד, די אָקסן און די שאָף און דאַן האָט זיך שייע אָוועקגעזעצט עפּעס לייענען. ער האָט געלייענט אינדערהויך און מירל האָט געטאָן עפּעס אַן אַרבעט און אינעווייניק זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס שייע האָט געלייענט. ווינטער איז געווען צייט צו לייענען. און ביי שייען איז געווען אַ שטיקל ביבליאָטעק מיט די בעסטע ביכער פון יע־נער צייט. אַלעמאָל ווען שייע איז געפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט האָט ער מיט זיך אַהיימגעבראַכט ביכער. שייע האָט ליב געהאַט די רוסישע ליטע־ראַטור. ער האָט באַנומען דאָס גרויסע רוסישע וואָרט און אים איז ניט נמאס געוואָרן צו לייענען גאָגאָלן עטלעכע מאָל אָדער פּושקינען און לער־מאָנטאָוון. די רוסישע ליטעראַטור האָט אין אים אַריינגעגאָסן אַזוי פיל איידלקייט און פיינע געפילן. שייע האָט געלייענט אַלע אינדערפרי אויף אַ קול ביז די קינדער זיינען געקומען אַהיים פון שול עסן. דאַן האָט מירל געגרייט צום טיש און די קינדער מיט טאַטע־מאַמע האָבן געגעסן. שייע פלעגט בשעת אָנבייסן איבערדערציילן, וואָס ער האָט געלייענט. דערנאָך זיינען די קינדער ווידער אַוועק אין שול און שייע האָט זיך צוגעלייגט אָפּ־רוען אויף אַ שעה און ווידער מיט אַ בוך אין זיינע הענט.

דער ווינטער האָט זיך געצויגן ביז פּסח־צייט. דאַן האָט זיך אָנגע־הויבן די אַרבעט אין פעלד. שייע האָט שוין ניט געהאַט קיין צייט צו לייענען.

פרילינג איז געווען פאַרנומען מיט אַקערן די ערד און מיט דעם פאַר־זיי, און זומער מיט שניידן און דרעשן. די טעג זיינען פול מיט אַרבעט. די גאַנצע פאַמיליע אַרבעט. עס איז זומער נישטאָ קיין קלאַסן אין שול.

אַלע אין שייעווקע אַרבעטן אין די פעלדער, חוץ די עטלעכע קרעמערלעך, סוחרימלעך און די כלי־קודש.

און אַזוי יאָר־איין, יאָר־אויס.

שייע איז שוין אין די פריע פערציקער, אַזוי איז אויך מירל. זי זייַנעןביידע געוואָרן אויסגעפילט אין לייב. די געוועזענע פּאַטאַ מאַריאַ דערקענט זיך ניט, ווען זי טוט אַ קוק אין שפּיגעלע. אָבער זי איז איצט אַ סך שענער ווי זי איז געווען. אירע האָר זייַנען טונקל־בלאָנדער און געדיכטער. אַז זי צעלאָזט אירע האָר גרייכן זיי ביז צו אירע קני. איר פּנים איז ווייס ווי מילך, אָן איין קנייטשעלע און פול אויסגערונדעט.

זי איז אויך אפילו אַביסל העכער ווי זי איז געווען. שייע איז הויך און זיין שוואַרצע באָרד באַקרוינט זיין ברויענעם פּנים ווי אַ שיינע ראָם. עס איז פון יענעם מין בערד, וואָס וואַקסן קיילעכדיק אַרום פּנים. עס איז אויף זיין פּנים אויסגעגאָסן קלוגשאַפט און צוריקגעהאַלטנקייט. ווען שייע רעדט דוכט זיך איך אויס, אַז ער וועגט זיינע ווערטער איידער ער ברענגט זיי אַרויס. ער רעדט שטיל און געמאָסטן.

שייע און מירל זייַנען באַשאַנקען מיט געזונט. און זיי היטן־אָפּ זייער געזונט יעדן טאָג פון יאָר. אפילו זומער ווען מען דאַרף זייער שווער אַרבעטן, וועט שייע קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז מען טאָר זיך ניט איבער־אַרבעטן. ער וועט אָנשרייען אויפן ווייב אָדער אויף די קינדער טאָמער זעט ער, אַז זיי אַרבעטן שווער.

שייע איז נאָך אַלץ דער גאַלאָווע (ראש הקהל) פון שייעווקע. יעדן ווינטער, אַרום חנוכה־צייט, קלייבן די שייעווקער יידן אַ גאַלאָווע און אַ סטאַראָסטע און אַלעמאָל בעט זיך שייע ביי די יידן, אַז מען זאָל שוין אויסקלייבן אַ נייעם גאַלאָווע, אָבער די מערהייט שייעווקער יידן הערן אים ניט און וואַרפן אַריין זיין נאָמען אין דער „טאַרבע"...

בלויז אַ קליינע צאָל איינוואוינער אין שייעווקע שטייען אויף ר' נחמנס זייט און וואָלטן זייער געוואָלט, אַז ר' נחמן זאָל ווערן דער גאַלאָווע.

צו די וויבאָרעס (וואַלן) קומט מען זיך צונויף אין שייעס הויז, און יעדער איינער, מאַן און פרוי, באַקומען צו צוויי קוויטלעך. אויף איין קוויטל איז שייעס נאָמען, אויפן צווייטן ר' נחמנס.

רחמיאל, דער סטאַראָסטע, טיילט אויס די קוויטלעך. און דאַן האַלט ער דאָס זעקעלע אין וועלכן מען וואַרפט אַריין די קוויטלעך. יעדער איינער קאָן אַריינוואַרפן דאָס קוויטל, וואָס איז אים נאָענט צום האַרצן אין „זעקעלע". די קוויטלעך דאַרפן זיין צונויפגעדרייט, אַז מען זאָל ניט

קאָנען וויסן וועמענס נאָמען עמיצער וואַרפט אַריין אין זעקעלע. דערנאָך ציילט דאָדל דער רב די צעטעלעך.

און יעדן יאָר האָט שייע די מערהייט צעטעלעך און ער בלייבט ווי־דער גאַלאָווע.

און מיט שייען בלייבט שוין אויך רחמיאל אַלס סטאַראָסטע. און זינט רחמיאל איז סטאַראָסטע, מוז אין שייעוקע זיין ריין און שטיל. ניט מען טאָר זיך קריגן און ניט מען טאָר זיך שלאָגן. ביי יעדער שטוב מוז זיין ריין אַרומגעקערט און מען טאָר ניט טאָן איינס דאָס אַנדערע קיין שום שאָדן.

(ס ו ף)